STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09034

KALIKES

Mordecai Spector

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי ספעקטאָר

קאַליקעס

ראָמאַן

פאַרלאַג „אחיספר" וואַרשע

Printed in Poland

Druk. Sikora i Mylner, Warszawa, Nowolipki 6.

A Gift to the Workmen's Circle
in Memory of Jacob Freeman
1427 S. Wetherly Dr.
Los Angeles, Ca.

אידע פאקט זיך.

— וואָס ווילסטו פאָרן און וואָס האָסטו צו פאָרן? שוין דריי יאָר, אַז דו האָסט זיך איינגערעדט פאָרן און פאָרן און עס איז דיך נישט אָפּצורעדן! ווער לאָזט דיך דען דאָ נישט לערנען, און וויפל איז דער שיעור פאַר אַ מיידל זיך צו לערנען? איך האָב אַלץ גערעכנט, איך האָב געמיינט, מילא, וואָס אַ קינד רעדט זיך דאָרט איין, אָבער איצט פּאַקעווסטו דיך טאַקע! סיידן דו האָסט אויף מיר קיין רחמנות נישט, סיידן אַז איך האָב ביי דיר קיין ווערט נישט, אַרט דיך נישט, וואָס איך וועל קראַנק ווערן פון דיין אַוועקפאָרן. וויפל האָסטו מיר געזונט געקאָסט, ביז איך האָב דיך אויסגעהאָדעוועט. נישט איצט געדאַכט, ווען דו האָסט געמאָזלט, געפּאָקט, שקאַרלאַטינע, שקראָפל, מאַנדלען אין העלדז, — איך קען זיך דען אָנגעדענקען? נאָר יעדעס מאָל האָב איך דיך מיט מיינע טרערן אויסגעבעטן ביי דעם, וואָס לעבט אייביק, וויפל נעכט האָב איך נישט געשלאָפן? און איצט דאַנקסטו מיר אַזוי אָפּ...

די מוטער האָט מיט טרערן אין די אויגן נישט אויפגעהערט צו בעטן איר טאָכטער אידע, אָבער יענע האָט אַלע מאָל אַריינגעלייגט אין וועג-קאַסטן אַ קליידל, אַ קאָפּטעלע, ביכער און פאַרשיידענע שמאָכטעס, אַ קעסטעלע פון קאָנפעקטן, וואָס הירשל האָט איר פאַראיאָרן געקויפט

צו איר געבוירן-טאָג. און איצט ליגט אין דעם שיינעם קעסטעלע פּאָדעם, באַוועלעך, קנעפּלעך.

מיט יעדער זאַך, וואָס אידע האָט אַריינגעלייגט אין וועג-קאַסטן, האָט זיך ביי דער מוטער אָפּגעריסן דאָס האַרץ.

די קליידער-שאַפע איז אָפן, די שיפלאָדן פון קאָמאָד זענען אַרויסגערוקט, אידע זוכט אין זיי אירע נייטיקע זאַכן, וואָס זי ברויכט מיטצענעמען. אין שטוב איז אַן אומאָרדענונג, איר פאָטער גייט אַרום צעטראָגן, איר עלטערע שוועסטער זיצט טרויעריק, די איבריקע קינדער פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס און פרייען זיך מיט דער אומאָרדענונג. הירשל איז אויך דאָ, ער זעט קיינעם נישט, ער הערט און באַמערקט גאָרנישט, ער זעט נאָר אידען און מיט די אויגן באַגלייט ער יעדע באַוועגונג אירע. אָט בייגט זי זיך איין אין קאַסטן, אירע בלאָנדע האָר פאַלן איר איבער די אויגן; אָט הייבט זי זיך אויף און די האָר לייגן זיך צוריק אויפן קאָפּ און אויף די פּלייצעס. ער באַמערקט, ווי זי פרייט זיך, וואָס זי פאָרט שוין, און אָט ווערט זי טרויעריק, ווען די מוטער וויינט. און אפשר איז זי טרויעריק, וואָס ער, הירשל, בלייבט דאָ, וואָס זי פאָרט אַוועק פון אים? אפשר איז איר אויך שווער זיך צו שיידן מיט אים? אָ, ווען ער ווייסט עס, ווען זי זאָגט עס אים, אפשר וועט זי אים נאָך זאָגן? ער האָט נאָך אַזויפיל מיט איר צו ריידן... זי וויל שוין מאָרגן פאָרן, נאָר ער וועט זי בעטן, זי זאָל כאָטש נאָך אויף איין טאָג בלייבן. און הירשל האָט איר ווייטער נאָכגעקוקט, ווי זי זוכט אין דער שאַפע, אין די שיפלאָדן און ווי זי פּאַקעוועט זיך. די הויזלייט ווילן העלפן פּאַקעווען, נאָר אידע לאָזט קיינעם נישט: „אַז איך וועל אַלץ אַליין אַנידערלייגן, וועל איך קענען נאָכדעם אַלץ געפינען,"—זאָגט זי און הערט נישט אויף צו פּאַקעווען.

— דו, דו, נחמן, ביזט אין אַלעם שולדיק, — האָט זיך פעסיע אָנגערופן צו איר מאַן, — ווען דו, אַ טאַטע, זאָלסט איר זאָגן, וואָלט זי נישט געפאָרן.

— איך? איך זאָל איר זאָגן, זי וועט מיך דען פאָלגן? זי איז שוין, ב"ה, נישט קיין ברעקעלע קינד, — האָט ער זיך פאַר זיין פרוי פאַרענטפערט.

— אַ טאַטע האָט שוין גאָרנישט צו שאַפן איבער זיינע קינדער?

— מאַמע! — האָט זיך אידע אַריינגעמישט און אַוועקגעוואָרפן דאָס פּאַקעווען. — איר האָט ביידע איבער מיר צו שאַפן. הייסט מיר נישט פאָרן, בלייב איך אינדערהיים...

— פאַרוואָס זאָלסטו טאַקע נישט בלייבן אינדערהיים? קיין עין-הרע, אַזאַ שיין מיידל, ווי דו, קענסט דאָ קומען צום שענסטן שידוך. שדכנים, ב״ה, גייען נישט אַרויס פון אונדזער שטוב. אַנדערע מוטערס, אָן מיין שאָדן, וואָלטן זיך געווונטשן צו זען ביי זיך אין שטוב אַזוי-פיל שדכנים, און דו פאָרסט גאָר אַוועק אין אַ פרעמדער שטאָט, ווי פּעטערבורג? וואָס פאַר אַ תכלית קען זיין פון דיר? ווילסטו נאָך לער-נען, קענסטו דאָ לערנען, דו האָסט שוין גענוג געלערנט!..

— וואָס ווילסטו, מאַמע, איך זאָל זיך אומגליקלעך מאַכן, ווי די שוועסטער? זי איז נאָך שענער געווען פון מיר און זע, ווי זי זעט, נעבעך, איצט אויס.

איר עלטערע שוועסטער פּערל, וואָס איז די גאַנצע צייט גע-זעסן טרויעריק און געשוויגן, האָט אַרומגעכאַפּט אידען, זי אָנגעהייבן צו קושן און זיך צעוויינט.

— וואָס בין איך שולדיק? — האָט זיך די מוטער אָנגערופן. — זי איז, נעבעך, געבוירן געוואָרן אין אַ ביטער מזל.

— האָסט קיין צייט נישט געהאַט און האָסט איר חתונה געמאַכט מיט אַ קאַליקע.

— צו וואָס רופסטו אים אַזוי? ער איז דאָך מיין מאַן, אַ פאָטער פון מיינע קינדער, און איך האָב אים ליב? וואָס איז ער, נעבעך, שול-דיק?—האָט זיך די שוועסטער אָנגערופן.

— וואָס הייסט, חיים איז דען אַ קאַליקע? הלוואי וואָלט ער נאָר געהאַט מזל, — האָט די מוטער זיך אַריינגעמישט, — אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן, וואָס פאַר אַ ווילער יונגערמאַן ער איז.

— ער איז אַ ווילער יונגערמאַן, און איז אַוודאי נישט שול-דיק. נאָר וואָס קומט אַרויס? מיין שוועסטער מיט אירע קינדער זענען, נעבעך, אומגליקלעך... אַזוינע, ווי חיים, האָבן נישט געטאָרט חתונה האָבן. איך וויל לערנען, איך זאָל קענען זיין אַ מענטש פאַר זיך, נישט זיין אָפּהענגיק פון יענעם. ווען מיר באַשערט זיין, וועל איך אַמאָל חתונה האָבן פאַר אַ מענטשן, און ווען נישט, זאָל איך נישט מוזן אַוועקגעבן מיין גאַנץ לעבן אַ קאַליקע...

— דאָס איז מיין טאָכטער! איך דערקען מיין טאָכטער! — האָט

איר פּאָטער אויסגעשריִען און געקלאַפּט מיט די הענט פון גרויס פריידֿ. — געראָטן אין מיר, פונקט ווי איך! הלוואי וואָלט איך אין דיינע יאָרן אויך קיינעם נישט געפאָלגט און אוועקגעפאָרן זיך לערנען גלייך מיט מיינע אַמאָליקע חברים, וואָלט איך אויך נישט געבליבן קיין אייביקער קאַ׳יקע.

— נו, פּאָטער, איך רעד נישט וועגן דיר, — האָט זיך אידע אָנגערופן, — עס איז נישטאָ קיין בעסערער און שענערער מענטש, ווי דו ביזט אין מיינע אויגן. איך בין שטאָלץ, וואָס דו ביזט מיין פּאָטער.

— וואָס רעדסטו, מיין קינד, איז דען נאָך דאָ אַזאַ קאַליקע, ווי איך? וואָס וואָלט פון מיר געווען, ווען איך פאָלג נישט מיינע עלטערן, מיין יחוסדיקער משפּחה און פאָר דאַן אַוועק? וואָס איז געוואָרן פון מיינע חברים, וואָס האָבן נישט געהאַט אַזוינע גוטע פעיקייטן צום לערנען, ווי איך? דער איז איצט אַ באַוווּסטער דאָקטאָר, דער בויט בריקן און באַנען, דער איז אַ באַרימטער אַדוואָקאַט... און אַפילו די, וואָס האָבן געהאַט אַזוינע שווערע קעפּ, וואָס זענען נישט געווען בכּוח ווייטער צו לערנען און זענען געוואָרן בעלי־מלאכות, זענען אויך געוואָרן מענטשן, און איך וואָס בין? אַ נאמן ביי קלמן לאָוויצער, אַ שטאָטלערער אויף זיבעציק שפּראַכן, אַ פּראָשעניע־שרייבער, אַ בריוול־שרייבער, אַ גאָרנישט, אַ קאַליקע בין איך! און ביי מיינע אַלע פאַרדינסטן בין איך נישט בכּוח, מיין פרוי און קינדער אויסצעהאַלטן בכּבוד, דערציִען די קינדער, ווי איך וואָלט געוואָלט... ווער שמועסט נאָך — העלפן אַ קינד אין אַן אומגליק. אַליין בין איך קראַנק, אַ.ט, גרוי פאַר דער צייט פון פיל אַרבעט, אַ קאַ׳יקע בין איך! פאָר, מיין טאָכטער, פאָר מיט גליק, הלוואי וואָלט איך דאַן קיינעם נישט געפאָ׳גט און אַוועקגעפאָרן — הלוואי... הלוואי...

נחמן האָט זיך פאַרהוסט און נישט געקענט ריידן, נאָר געמאַכט מיט די הענט אין דער זייט, ווו די בריק געפינט זיך, דורך וועלכע זיינע חברים זענען מיט דרייסיק יאָר צוריק אַנטלאָפן פון שטעטל אין דער וועלט אַריין זיך לערנען.

— הער שוין אויף, אַלטער נאַר, צו פּלאַפּלען, — האָט זיך פעסיע אָנגערופן. — וואָס הלוואי, ווער הלוואי? וווהין וואָ׳סטו געפאָרן, ווי וואָלסטו געקענט זיין אַ מינוט אינדערפרעמד אָן מיר? ווי וואָלסטו אויפגעשטאַנען, איך זאָל דיר די שטעקשיך נישט דער׳אַנגען און וואָס וואָלסטו געגעסן, ווען נישט איך? דו ביזט אַזוי אויך אַ גענוגער קאַפּ-

ריזנניק, נאָך אָוועקפאָרן אינדערפרעמד, זיין אָן מיר וואָלט דיר געפעלט... אַ שיינער לייט וואָלט פון דיר געוואָרן אָן מיר.

— אַ שיינער לייט, זאָגסטו? טאַקע אַ לייט! — אַ דאָקטאָר, אַן אינזשיניער, אַן אַדוואָקאַט וואָלט איך געווען, אַן אוניווערזיטעט וואָלט איך געענדיקט, אַ דיפּלאָם וואָלט איך געהאַט, דו הערסט, פעסל, אַ דיפּלאָם!..

— דיפּלאָם! דיפּלאָם! איך האָב זיך שוין גענוג אָנגעהערט פון דיר „דיפּלאָם”... און אַזוי וואָס פעלט דיר? ברוך השם נישט צו פאַרזינדיקן, מען לעבט, ווי אַלע יידן ביי אונדז אין לאַוואָרוועס.

— מען לעבט און מען מוטשעט זיך, ווי אַלע לאַוואָרוועער יידישע קאַליקעס! — האָט נחמן געענדיקט.

אין דער צייט, וואָס מאַן און ווייב האָבן זיך איבערגערעדט, האָט אידע נישט אויפגעהערט צו פּאַקעווען און הירש. האָט זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל ערשט פאָרן איבערמאָרגן, ער האָט נאָך מיט איר פיל צו רעדן.

— שוין צוויי יאָר, אַז איך קלויב זיך צו פאָרן. אין די צוויי יאָר האָבן מיר, דאַכט זיך, שוין פון אַלעם אָפּגערעדט... — האָט זי דערויף געענטפערט.

— וועט זיין צוויי יאָר מיט איין טאָג, — איז הירשל נישט אָפּגעטרעטן.

— דעם גאַנצן אָוונט וועלן מיר קענען נאָך רעדן, מאָרגן מוז איך פאָרן, איך וועל מער נישט אָפּלייגן, גענוג.

— נו, מאָרגן וועסטו נישט פאָרן, — האָט זיך די מוטער אָנגערופן, — איך האָב נאָך גאָרנישט צוגעגרייט דיר אין וועג אַריין, און דיינע נייע שיך האָט בערל דער שוסטער אויך נאָך נישט פאַרטיק געמאַכט.

— בערל האָט געזאָגט, אַז מאָרגן פרי ברענגט ער זיי, און וואָס האָסטו נאָך אָנגעגרייט? איך האָב זיך שוין אינגאַנצן איינגעפּאַקעוועט.

— וואָס הייסט, וואָס? איך וועל ערשט מאָרגן באַקן קיכלעך און פּוטערבולקעס דיר אין וועג אַריין... אָפּבראָטן אַ פּאָר הינדלעך... היינט אַ טעפּל איינגעמאַכטס... איך ווייס? איך קען דען אַלץ אויסרעכענען? דו דאַרפסט פאָרן אפשר צוויי טעג, איך ברויך נאָך פיל זאַכן צו קויפן, איך וועל מאָרגן נישט פאַרטיק ווערן...

— נאָר נישט קיין טעפּלעך, מאַמע!..

— אָט באַלד וועל איך דיך טאַקע פרעגן, אָט טאַקע אַלץ, מיינ-סטו, וועסטו טון, ווי דיר פּאַרגלוסט זיך, ווי דיין טייערער טאַטע וועט דיך אויסלערנען, און איך בין שוין גאָר איבעריק, איך האָב שוין גאָר-נישט איבער דיר צו שאַפן... איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט מאָרגן פאָרן און שוין!

די מוטער האָט טאַקע אויסגעפּירט. עס איז געבליבן, אַז אידע פאָרט ערשט איבערמאָרגן, און דער געפּאַקעוועטער וועג-קאַסטן איז דערווייל געבליבן שטיין אָפן, נישט פאַרבונדן.

ווען הירשל איז אַרויסגעגאַנגען פון נחמן ליפשיצעס הויז, איז שוין אין אַלע פענסטער אויף דער גאַס געווען פינסטער, נאָר אויפן הארצן איז אים געווען ליכטיק און פריילעך.

„זי פאָרט ערשט איבערמאָרגן,"—האָט ער צו זיך געזאָגט,—„און מאָרגן מוז איך איר ענדלעך אַלץ אַרויסזאָגן און זי וועט שוין נישט פאָרן... מיינע עלטערן וועלן שרייען, אָבער עס וועט זיי נישט העלפן... זייער געלט אַליין קען מיך נישט גליקלעך מאַכן... און שדוכים, וואָס מען רעדט מיר מיט אַ סך טויזנטער, קענען מיך אוודאי נישט גליק-לעך מאַכן... גליקלעך קען איך נאָר זיין מיט אידען... נאָר מיט אי-דען..."

טראַכטנדיק וועגן מאָרגעדיקן טאָג, ווי ער וועט זיך שוין קיינ-מאָל נישט צושיידן מיט אידען, האָט ער זיך געפילט פאַר דעם גליק-לעכסטן אין דער וועלט. ער האָט נישט געהערט זיינע טריט און נישט באַמערקט, ווי ער איז שוין לעבן זייער הויז, און עס איז אים ווידער טרויעריק געוואָרן. וואָס פאַר אַ רעש, פאַר אַ געפּי-דער וועט פאָרקומען ביי זיינע עלטערן. די גאַנצע שטאָט וועט קאָכן מיט דעם נייס, וואָס איינער פון דעם גבירס זין ווערט אַ חתן פאַר זיין לע-רערס טאָכטער... פאַר זיין פאָטערס נאמנס טאָכטער...

— אידע וועט שוין נישט אַוועקפאָרן, — האָט הירשל נישט אויפ-געהערט צו טראַכטן און האָט מיטן שליסל געעפנט די טיר פון זיין צימער.

*

פינסטער און שטיל איז אין לאווראָווע, מען הערט מער נישט די טריט פון די נאַכטוועכטער און צייטנווייז הערט מען זייער קלאַפּן מיט שטעקנס.

אין איינעם פון די הינטערגעסלעך, אין אַ נידעריק שטיבל לייכט זיך נאָך. דאָרטן זיצט ביי זיין שוסטערביינקעלע דער אַלטער בערל און ענדיקט אַ פּאָר נייע שיך פאַר אידען, וועלכע ער האָט צוגעזאָגט אָפּצעטראָגן מאָרגן פרי. זיין לערנינונג העלפט אים, דרימלענדיק, ענדיקן, ער נייט שוין די אויערן, און דער אַלטער קלאָפּט מיט גלייס די פלעק־לעך. מען ברויכט נאָך די פּאָדעשוועס אָפּלאַקירן, און פאַרטיק! זיין ווייב מיט די קינדער שלאָפן אין זעלבן צימער און זייער שווער אָטע־מען און כראָפּען מישט זיך אויס מיט בערלס קלאַפּן.

— נאָך אַרבעטסטו ? — האָט זיך בערלס ווייב אָנגערופן פון בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— יאָ, וואָס איז דען ?

— וואָס געדויערן אַזוי ביי דיר די שיך ? וועסט פון זיי נישט גליקלעך ווערן, גיי שוין שלאָפן.

— באַלד, איך ברויך נאָך אָפּלאַקירן די פּאָדעשוועס.

— דאָס וועט קענען טון דאָס יינגל.

— ניין, די שיך האָב איך אַליין געאַרבעט, איך מוז זיי אַליין ענדיקן. איך קען זיך מיט זיי אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן.

בערלס ווייב האָט געעפנט די אויגן פון גרויס וווּנדער.

— איך פאַרשטיי נישט, וויפל נעמסטו דען פאַר די שיך, וואָס דו לייגסט זיך אַזוי אַוועק ?

— איך נעם ווי פאר יעדן פאָר שיך. נאָר איך קוק דאָ נישט אויף קיין פאַרדינסט.

בערלס ווייב האָט זיך אָנידערגעזעצט אויפן בעט און געפרעגט:

— וואָס הייסט נישט קיין פאַרדינסט? דו דאַרפסט שוין גאָר נישט פאַרדינען? — וואָס איז? האָסט שוין נישט, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַ ווייב און קינדער, וואָס דו דאַרפסט זיי מפרנס זיין? איך פאַרשטיי נישט.

— עס איז נישט פארן ווייבערשן מוח, דו זאָלסט פאַרשטיין. לייג זיך צוריק און שלאָף, עס איז נישט דיין געשעפט.

— דו ביזט שוין גאָר משוגע געוואָרן אויף דער עלטער, בערל!

— נו, אַז אויב יאָ אַזוי, וועל איך דיר שוין דערציילן. זאָג מיר נאָר, דו ווייסט, ווו פייטערבארג איז?

— נו, קיין פייטערבאַרג איז ווייט, דאַכט זיך, לעבן בערדי-טשעוו... וואָס איז דען? וואָס קער זיך אָן מיט דיר פייטערבאַרג? — האָט זי געפרעגט פאַרוואונדערט און ווי דערשראָקן.

— עס קער זיך שטאַרק אָן. פייטערבאַרג איז די גרעסטע שטאָט אין דער גאַנצער וועלט, אַזוי ווי פאַריז, אַמעריקאַ און לאָנדאָן. דאָרטן געפינען זיך די גרעסטע שוסטערס אין דער וועלט. נו, און אָט די שיך, וואָס איך אַרבעט, גייען ג׳ייך קיין פייטערבאַרג. זאָ׳ן זיי דאָרט זען מיין אַרבעט, זאָלן זיי וויסן, ווער בערל שוסטער איז. זאָלן זיי וויסן, ווי איך מיט מיין אַרבעט ווער פאַרפאַלן דאָ אין דעם וויסטן לאַוראָווע... אַי, ווען איך בין אַ יונגערמאַן... ווען איך בין נישט אַזוי אַ.ט... ווו וואָלט איך איצט אָנגעשפּאַרט מיט מיין אַרבעט! דאָ ווייס מען מער נישט ווי דריי רובל אַ פּאָר שיך, און מען ווייס נישט ווי צו שעצן אַ רעכט שטיק, אַרבעט. הי איז אַלצאיינס, איך אָדער יאָקל, אַזאַ קאַליקע איז דאָ אויך אַ שוסטער. איצט פאַרשטייסטו שוין, פאַרוואָס איך קוק דאָ נישט אויף קיין פאַרדינסט?

זיין ווייב האָט אים פאַרשטאַנען. זי איז אַליין געווען שטאָלץ מיט איר מאַן, וואָס ער רעכנט זיך אין לאַוראָווע פאַר דעם בעסטן שוסטער. צעפרידן האָט זי זיך צוריקגעלייגט אין בעט און ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן.

בעריל האָט ווייטער פריילעך און מיט שטאָלץ געקלאַפּט די פלעק-לעך, נאָכדעם האָט ער אינמיטן פאָדעשווע אָנגעהייבן אויסצופאַרבן אַ פייגעלע, נאָר עס איז אַרויסגעקומען קעגן זיין ווילן אַ קאַטשקע. און

טער דער קאַטשקע האָט ער אויסגעפּאַרבט אויף רוסיש זיין פֿירמע מיט זיין שטאָט.

בערקע וואַרענעק

לאַוראָווע

זיין פֿירמע פלעגט ער שטעלן פֿאַר פרעמדע, אָבער נישט פֿאַר לאַוראָווער איינוווינער.

ווען ער האָט געענדיקט איינגאַנצן די אַרבעט, האָט ער די פּאָר שילדלעך אָנגענומען ביי די אויערן, זיי געהאַלטן עטלעכע מינוט אין דער לופטן, זיי באַטראַכט און אָנגעקוואָלן פון זיין אַרבעט. זיי זענען אים שטאַרק געפעלן, ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט צו זיך אַליין:

— דאָס זענען נישט קיין שילדלעך, נאָר שפּיגעלעך... זאָלן זיי דאָרט זען און זאָלן זיי דאָרט זיך פרווון מאַכן אַזאַ פּאָר שילדלעך.

ער האָט די שילדלעך אַוועקגעשטעלט אויף דער פּאָליצע און צעפרידן זיך געלייגט שלאָפן.

הערשל.

איבערמאָרגן זענען אַלע געווען אויפֿן וואָקזאַל באַגלייטן אידען. איר מוטער און די שוועסטער האָבן געוויינט. איר פֿאָטער איז אַרומגעגאַנגען צוטראָגן, זיין פֿריילעכקייט און צופֿרידנקייט, וואָס זיין טאָכטער פֿאָרט לערנען, איז אַנטרונען געוואָרן, ווען מען האָט זיך באַדאַרפֿט שיידן מיט זיין ליבסט קינד. חיים, איר שוועסטערס מאַן, האָט שפּאַצירט הין און צוריק צוזאַמען מיט הירשלען, וואַרטנדיק, ווען דער צוג וועט אָנקומען. אידע האָט פֿריילעך גערעדט מיט אירע חברטעס, וועלכע האָבן זי אויך באַגלייט און מקנא געווען, וואָס זי פֿאָרט אין דער גרויסער שטאָט פּעטערבורג.

הירשל איז געווען זייער טרויעריק. אים האָט זיך ביז יעצט נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז אידע זאָל אַוועקפֿאָרן. ער האָט נישט גערעכנט ער זאָל פֿון אידען באַקומען אַזאַ מין ענטפֿער. ער איז אַזוי זיכער געווען, אַז זי ברויכט נאָר צו הערן פֿון אים איין וואָרט, און זי פֿאָרט נישט. נאָכמער: זי וועט זיך שעצן פֿאַר גליקלעך, וואָס ער, הירשל, דעם גבירס זון, פֿרעגט זי נישט אויף קיין נדן און וויל מיט איר חתונה האָבן. ער איז גרייט מלחמה צו האַלטן מיט זיינע עלטערן, מיט דער גאַנצער שטאָט צוליב איר, אַבי זי זאָל ווערן זיין פֿרוי, און צום סוף האָט זי אַלץ אויסגעהערט און גאָרנישט געענטפֿערט.

זי האָט אפילו יאָ געענטפֿערט, אָבער ער פֿאַרשטייט נישט, וואָס זי פֿאַרלאַנגט פֿון אים. זי האָט גערעדט, געווען אַזוי גוט און פֿריינטלעך מיט אים, אָבער דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט, פֿאַר די אויגן האָט ער מער נישט געזען ווי אַ טומאַן, און האָט נישט געהערט, נישט פֿאַרשטאַנען אירע ווערטער.

צום הונדערטסטן מאָל האָט ער זיך איצט אָנגעהייבן דערמאַנען דעם גאַנצן געשפּרעך, וואָס ער האָט נעכטן געהאַט מיט איר, זיך געסטאַרעט צו דערמאַנען יעדעס וואָרט און אַלץ צו פֿאַרשטיין, אַלץ פֿאַרטייטשן, אַלץ זיך דערקלערן.

— איך פֿאָר, איך מוז פֿאָרן, נישט דו קענסט מיך דערפֿון אָפּהאַלטן,—האָט זי געענטפֿערט.

— ווער זשע דען קען דיך דערפֿון אָפּהאַלטן? — האָט הירשל דערויף געפֿרעגט. — ווער דען, אַז נישט איך? איך ווייס, אַז פֿון קינדווייז אָן האָבן מיר זיך ליב, און איצט, כאָטש מיין פֿאָטער איז אַ גביר, כאָטש איך קען קומען צו דעם גרעסטן שידוך, בין איך גרייט זיך צו ראַנגלען מיט מיינע עלטערן, מיט מיין גאַנצער פֿאַמיליע צוליב דיר, אַז מיר זאָלן זיך קיינמאָל נישט ברויכן צו שיידן... וואָס זשע נאָך קענסטו פֿון מיר פֿאַרלאַנגען? איך גיב דיר אַוועק מיין גאַנץ לעבן, און וועל זיך שעצן פֿאַר דעם גליקלעכסטן, ווען דו וועסט וועלן צונעמען מיין לעבן.

— וואָס זשע, פֿרעג איך דיך, קען איך טון מיט דיין לעבן? — האָט אידע געזאָגט.

— וואָס הייסט? מיר וועלן גליקלעך לעבן, ווי אַלע מאַן און ווייב לעבן.

— ווי אַלע קאַליקעס, ווילסטו זאָגן, ווי מיין שוואָגער לעבט מיט מיין שוועסטער. זיי האָבן זיך אויך ליב, נאָר ווי זענען זיי אומגליקלעך.

— חיים איז אָרעם, ער קען נישט מפֿרנס זיין אַ פֿרוי און קינדער, און דו ווייסט, אַז איך בין רייך און האָב רייכע עלטערן, און מיר קענען זייער גליקלעך זיין.

— ווען חיים האָט חתונה געהאַט מיט מיין שוועסטער, האָבן זיי אויך געהאַט געלט און ער איז אויך זיכער געווען, אַז ער מעג חתונה האָבן און וועט קענען אויסהאַלטן זיין הויז. דאָס רוב האָבן חתונה און מיינען אַזוי, און דו מיינסט אויך אַזוי.

— אַ שיין פאַרגלייכעניש! חיים צוזאַמען מיט דיין שוועסטערס נדן האָט פאַרמאָגט פופצן הונדערט אָדער אפשר צוויי טויזנט רובל, און מיין פאָטער גיט מיר צען טויזנט, אפשר פופצן טויזנט. און דערצו בין איך אַן איין-איינציקער זון... אַ שיין פאַרגלייכניש. חיים אָדער איך!..

— דאָס איז אמת, דו האָסט אַ סך מער געלט, ווי חיים האָט געהאַט, נאָר דאָס איז נישט קיין גרויסער אונטערשייד. יעדער הייסט באַלעבאָס איבער זיינס, יעדער מיט זיין געלט איז ביי זיך אַ גביר. עס איז אויך אמת, אַז געלט איז זייער אַ גוטע און נייטיקע זאַך אין לעבן. אַלץ, וואָס מען האָט, וואָס מען פאַרמאָגט, קומט צוניץ אין לעבן. געלט, הייזער, זילבער, גאָלד, צירונג. אַלץ, וואָס דו אָדער דיין פאָטער פאַרמאָגט, איז זייער גוט. אָבער איך פרעג דיך, וואָס קען אַזוינער, ווי דו, טון, ווען דאָס אַלץ גייט פאַרלוירן? דאָס לעבן איז לאַנג, אין לעבן קומט אַלץ פאָר, ווער שמועסט נאָך אין אונדזער יידישן לעבן, און געלט איז קיילעכיק. איצט פרעג איך דיך, וואָס קענסטו דאַן טון? איך וויל דיך פרעגן, וואָס ביזטו, הירשל, אַליין, אָן דעם געלט?..

— איך?.. איך?.. — האָט ער קוים געקענט אויסרעדן, און דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט.

ער האָט שוין מער נישט געהערט, וואָס זי האָט נאָך גערעדט. דערווייל זענען אָנגעקומען די הויזלייט און האָבן זייער געשפּרעך גע-שטערט. אַזוי איז אַוועקגעפלויגן די צייט. און אידע איז שוין איצט אויפן וואקזאַל. זי האָט שוין אַ בילעט גלייך קיין פעטערבורג. איר באַגאַזש איז שוין אָפּגעגעבן, און אין נאָך צען מינוט אַרום קומט שוין אָן דער צוג.

אידע איז שטאַרק פאַרנומען מיט אירע חברטעס. זיי לאַכן, זיי רעדן אַלע צוזאַמען און מען קושט זיך. חיים שפּאַצירט מיט הירשלען איבער דער פלאַטפאָרמע הין און צוריק. ער רעדט עפּעס צו אים, ער דערציילט אים. הירשל קוקט אים אין די אויגן און זאָגט אים יעדע מינוט: „נו, ווייטער, דערצייל!" פונקט ווי ער הערט אים מיט אינטע-רעס. אָבער ער הערט קיין וואָרט נישט און טראַכט וועגן נעכטיקן געשפּרעך מיט אידען.

„וואָס ביזטו, הירשל, אָן דעם געלט?" — פרעגט זי מיך. צי זי איז, מיינע שונאים, אַראָפּ פון זינען, צי וואָס? וואָס הייסט, וואָס איך בין? געליבט צו גאָט, נישט צו פאַרזינדיקן. פיל יונגעלייט וואָלטן

זיך געוווּנטשן צו זיין אויף מיין אָרט, אין מיין שטאַנד, און זיין אַזוי ווי איך. וויפל מאָל האָט זי מיר אַליין געזאָגט, אַז איך בין דער לייטישסטער יונגערמאַן, וועלכן זי קען, און איצט פּלוצים פרעגט זי מיך: „וואָס בין איך אָן דעם געלט?

און באמת האָט זיך הירשל אין לאַווראָווע גערעכנט פאַר איינעם פון די לייטישסטע יונגעלייט. קינדווייז ד'האָט ער געלערנט אין חדר. שפּעטער האָט ער גענומען לעקציעס ביי דעם בעסטן לערער, ביי אידעס פאָטער נחמן ליפּשיץ. אַ דאַנק אים, קען ער אָנשרייבן אַ שיינעם העברעישן בריוו, אַ רוסישן בריוו, אַ ביסל דייטש אויך. ער האָט ביכער און ציייטונגען, און לייענט, ווען ער האָט צייט. עס איז אויך אַריינגעקומען צו אים אַ כּלי-זמר, ביי וועלכן ער פ׳עגט זיך לערנען שפּילן פידל און ער שפּילט, ווען ער ד'האָט צייט, אָדער שבת-צו-נאַכטס, ווען זיינע עלטערן ווילן האָבן נחת און בעטן אים שפּילן. מיט איין וואָרט, ער קען אַלץ, וואָס פּאַסט נאָר פאַר אַ ד'היינטוועלטיקן גבירעשן יונגנמאַן.

דערצו זאָגן אַלע אין לאַווראָווע, אַז הירשל איז אַ שיינער יונגערמאַן אויך. אַ ווייס געזיכט, אַ שוואַרץ בערדל, אַ שענער קאָפּ, שוואַרצע געקרייזלטע האָר, שוואַרצע גלאַנציקע אויגן, אַ גלייכע נאָז, רעדט געלאַסן; ער גייט שיין געקליידט און געפּוצט: דאָס שענסטע שטעקעלע, דעם פיינסטן זיידענעם פּאַראַסאָל, אַ וואַרשעווער הוט פון דעם לעצטן פאַסאָן. אין כאַראַקטער האַלט מען אים אויך פאַר אַ גוטן: פון אַ נדבה זאָגט ער זיך קיינמאָל נישט אָפּ, ער רעדט מיט יעדן פריינטלעך.

פיל מיידלעך אין לאַווראָווע זענען אין אים פאַרליבט, און פיל ווייבלעך געפעלט ער. אַ סך מיידלעך ווינטשן זיך אַזוינע חתנים, כאָטש מיט ווינציקער געלט, און אַלע ווייבלעך מעסטן זייערע מענער מיט הירשלס מאָס.

די גאַנצע שטאָט קען אים, אפילו אין די הינטערגעסלעך. דאָרט קען מען אָפּט הערן, ווי די שניידערמיידלעך זינגען אַ „יד ביי דער אַרבעט וועגן הירשלען:

די לבנה שיינט אין מיטן דער נאַכט
און הערשעלע שטייט ביי דער טיר...
איך זיפץ און קרעכץ, איך בין פאַרטראַכט —
אוי, אַ ווייטיק איז מיר...

דיינע האָר וואָלט איך אויף מיין האַלדז געטראָגן,
אַזוי ווי דו דיין גאָלדענע קייט.
אין זינען וואָלט איך דיך געהאַלטן,
אפילו פאַרשלאָפענערהייט.

איך לייג אַוועק דאָס נעדעלע,
איך עפן אויף דאָס לעדעלע
און זע אַ שיינע נאַכט...
ווייסטו, הירשעלע, וואָס איך טראַכט?
אוי, ער זעט נישט!
אוי, ער הערט נישט!
אומזיסט מיין טראַכטן,
אומזיסט מיין ליידן...

און ווער האָט גאָר געקענט טראַכטן וועגן אים, אַז די שדכנים האָבן אים שוין לאַנג אָפּגעשאַצט אין ־פּופצן טויזנט רובל נדן? אין לאַוראָווע און אַרום לאַוראָווע האָבן זיך אַלע יידן געווונטשן אַזאַ איידעמל, אַזאַ „פעפערל", ווי די שדכנים פלעגן אים אָנרופן. און איצט האָט אידע, אַן אָרעמן לערערס אַ מיידל, זיך אָפּגעזאָגט פון אים און פון זיין עשירות.

אין אָנהייב האָט אים אָנגענומען אַ כעס אויף אידען, אויף איר פאָטער, אויף זיין גאַנץ הויז. זי איז משוגע און איר פאָטער איז משוגע—ער האָט זי אַזוי שיין אויסגעלערנט. אָבער אַז ער האָט זיך באַרויקט, האָט ער זיך אַליין פאָרגעוואָרפן, לּמאי האָט ער גאָר געקענט אַזוי טראַכטן וועגן זיין לערער, ווע כן ער און יעדער שעצט אַזוי, און בפרט, ווי האָט ער געקענט אַזוי טראַכטן וועגן דער קלוגער שיינער געראָטענער אידען, וועגן זיין אידען.

„זי האָט מיר צוגעזאָגט צו שרייבן. זי האָט מיך געבעטן שרייבן. אפשר וועט זי גיך קומען צוריק אַהיים,"—האָט זיך הירשל געטרייסט. „אַז איך בין נישט משוגע געוואָרן פון נעכטן אָן, טראַכטנדיק, בין איך שטאַרקער פון אייזן. „ווער בין איך?" פרעגט זי מיך. צוזאַמען אין איין שטאָט געוואַקסן... שוין אַזויפיל יאָרן, אַז מיר זענען זיך טרייע פריינט און איצט פרעגט זי מיך פלוצים „ווער איך בין?"

און אַזוי טראַכטנדיק, איז ער מיט חיימען פאַרבייגעגאַנגען פאַר־ביי אידען, וואָס איז געשטאַנען אַרומגערינגלט פון איירע חברטעס.

הירשל האָט זיי אַלע באַטראַכט און זיך אָנגערופן צו חיימען:

— אידע איז שענער פון אַלע אירע חברטעס.

— אַ נייס! אַנטדעקט אַמעריקע! שוין־זשע האָסטו עס ערשט באַמערקט? מיר דאַכט זיך, אַז דו ווייסט שוין פון לאַנג, אַז מיין שוועגערין איז די שענסטע אין שטאָט.

— נאָר איך, זאָגסטו, ווייס עס?

— אַז אידע איז אַ שיינע און מיט פיל מעלות, דאָס ווייסן אַלע, און יעדער, ווער עס זעט זי נאָר, ווער עס רעדט מיט איר, וועט עס באַשטעטיקן.

— אירע עלטערן קענען זיך פילן גליקלעך, וואָס זיי האָבן אַזאַ קינד.

— נישט אַלעמאָל. אָט איז די שוויגער נישט צופרידן, וואָס זי פאָרט לערנען און דער שווער איז נישט צופרידן, וואָס אידע איז געבוירן אַ מיידל. אַ יינגל האָט אידע באַדאַרפט געבוירן ווערן, זאָגט ער שטענדיק.

— אירע עלטערן זענען דען נישט גערעכט, וואָס זיי ווילן נישט, אַז זי זאָל אַוועקפאָרן?

— אַלע זענען גערעכט. נאָר איך פרעג דיך, וואָס קען טון אַזאַ מיידל ביי אונדז אין לאַוראָוועו? זיצן פאַרלייגט די הענט, ווי דאָס רוב יידישע מיידלעך, און וואַרטן אויף אַ חתן? דאָס קען אידע נישט. זי האָט אין זיך צופיל לעבן, זי איז צופיל קלוג, זי זאָל נישט פאַרשטיין, וואָס זי קען דאָ אויסזיצן ביי איר אָרעמען פאָטער. קיין נדן קען ער איר אויך נישט געבן...

— פאַר אַזאַ שיין גערעטן מיידל, ווי אידע, וואָלט זיך געפינען אַ חתן, וואָס וואָלט זי גענומען אָן נדן... אַזוינע מיידלעך, ווי אידע, פאַרזיצן נישט.

— קיין יידישע טאָכטער פאַרזיצט נישט. דאָס גליק וועט זי שפּעטער אויך נישט אָנווערן.

— זי קען יאָ אָנווערן! — האָט הירשל געזאָגט.

און עס איז אים אויפגעקומען אויפן געדאַנק, אַז ער זאָל אַלץ דערציילן חיימען און עפענען פאַר אים זיין האַרץ. עס האָט אים אָנגעהויבן באַנג טון, פאַרוואָס ער האָט אים נעכטן נישט דערציילט, פאַר־וואָס האָט ער נישט גערעדט מיט אירע עלטערן, אפשר וואָלטן זיי דאַן נישט געלאָזט אידען פאָרן? אפשר וואָלט זי נאָכדעם אַליין פאַר־

שטאַנען, אַז ער, הירשל, איז פאַר איר אַ גליק?

דערווייל איז אָנגעקומען דער צוג. מען האָט אָנגעהייבן אַריינ־טראָגן אידעס פעקלעך אין וואַגאָן. מען האָט זיך אָנגעהייבן געזעגע־נען...

הירשל האָט אַלץ געוואַרט, אַז אידע וועט אים עפּעס נאָך זאָגן, אָבער זי איז נאָך אַלץ געווען פאַרנומען מיט אירע חברטעס, מיט וועל־כע זי האָט זיך שוין אָנגעהייבן געזעגענען. נאָכדעם האָט זי זיך אַרויפ־געוואָרפן אויף די עלטערן, אויף דער שוועסטער, זיך צעקושט מיט זיי און געוויינט. מען האָט שוין געהערט דעם צווייטן קלונג. די חברטעס האָבן אָנגעהייבן איילן, זי זאָל אַריין אין וואַגאָן. אויף גיך האָט זי זיך צעזעגנט מיטן שוואָגער, מיט הירשלען און מער נישט געזאָגט ווי „זייט געזונט!"

פאַרוויינט מיט פולע אויגן טרערן, נאָר לאַכעדיק און פריילעך, האָט זי אַרויסגעקוקט פון אַן אָפן וואַגאָנפענסטער, און זיך איבערגע־רעדט מיט די באַגלייטער.

הירשל האָט דורכן פענסטער באַמערקט לעבן אידען זייער אַ שיי־נעם יונגנמאַן, וואָס האָט אַלץ עפּעס פריינטלעך נישט אויפגעהערט צו רעדן מיט אידען.

זי האָט אויך אַלע מאָל אים געענטפערט מיט אַ שמייכל. הירשל האָט געוואָלט אַריין אין וואַגאָן און זאָגן עפּעס אידען אַזוינס, וואָס ער ווייסט אַליין נישט. זיין גאַנץ ביטער האַרץ האָט ער גע־וואָלט איר אויסגיסן. זי זאָל כאָטש וויסן, ווי ער ליידט, ווי ער מו־טשעט זיך און ווי איר אַרט עס נישט.

זאָל זי וויסן, ווי שלעכט זי איז, זי האָט קיין האַרץ נישט. ער וואָלט איר געזאָגט, אַז ער האָט נישט פאַרדינט, אַז זי זאָל זיך מיט אים אַזוי באַגיין. ער וואָלט איר געזאָגט, אַז זי האָט אים אָפּגענאַרט, זי איז געווען פאַלש מיט אים. אָט וואָלט ער געשריען אויף איר, זי געזידלט, אָט וואָלט ער געבעטן, געוויינט, זי זאָל אויף אים רחמנות האָבן. ער וואָלט... נאָר אָט הערט זיך דער דריטער קלונג און דער צוג רירט זיך פון אָרט... הירשל האָט ווידער געזען, ווי דער שיינער יונגערמאַן,ביים פענסטער, רעדט און שמייכלט אַזוי פריילעך מיט אי־דען, און ווייטער האָט הירשל גאָרנישט געזען.

גייענדיק פון וואָקזאַל, האָט ער זיך פּלוצים דערמאָנט אין אַלע אידעס פעלערין. קיין איינציקע מעלה האָט ער אין איר נישט געפונען.

זי איז גאָרנישט אַזוי שיין, זי איז גאָרנישט אַזוי קלוג, זי איז אַ שלעכטע, און זי איז נישט קיין דאַנקבאַרע; ער, הירשל, איז שטענדיק בלינד געווען, און זי האָט נאָר געלאַכט פון אים. זי זיצט איצט אין וואַגאָן מיט דעם יונגנמאַן, און מען לאַכט און מען פאַרבערענגט פריילעך. זיין האַרץ האָט אים געקאָכט פון כעס, דער קאָפּ האָט אים געשווינדלט.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער אידען געזען שוין אין אַן אַנדער געשטאַלט. אירע גוטע בלויע אויגן קוקן אויף אים אַזוי פריינטלעך און טריי. זי רעדט אַזוי קלוג, אַזוי זיס, און ער געפינט אין איר נאָר גוטע מעלות, קיין איינציקן פעלער. ער זוכט צווישן אַלע אירע באַקאַנטע חברטעס כאָטש איינע, וואָס זאָל זיין ענלעך צו איר, אָבער ער געפינט נישט.

— אידע איז נאָר איינע, איינע. נישטאָ צו איר קיין גלייכן. איך האָב זי פאַרשפּילט, איך האָב צו שפּעט זיך אַרומגעקוקט, צו שפּעט מיט איר גערעדט, אָפּגעלייגט אויף דעם לעצטן טאָג. איך האָב זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז אידע זאָל מיר אַזוי אַנטפּערן...

און אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט אים די דינסט דערלאַנגט אַ בריוו.

— דעם נאָמנס אַ קינד האָט געבראַכט דעם בריוו, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט אין דעם אַדרעס באַלד דערקענט אידעס האַנט־שריפט.

אין וועג.

דער צוג איז פאַרבייגעלאָפן דעם הויכן באַרג און דעם וואַלד, וועלכע זענען אידען אַזוי גוט באַקאַנט געווען פון קינדווייז אָן. נישט איין מאָל ד׳האָט זי זיך אויף דעם באַרג געדראַפּעט, און אין וואַלד געשפּאַצירט מיט אירע עלטערן, מיט אירע חברטעס און מיט הירשלען, איר חבר פון די קינדעריאָרן. גוטע פריילעכע קינדערשע מינוטן האָט זי דאָ פאַרבראַכט; זי ד׳האָט זיך דאַן נישט פאָרגעשטעלט קיין שע־נערן גן־עדן, ווי דער וואַלד מיט דעם פאַרוואַקסענעם באַרג. זי האָט געגלויבט, אַז דאָ ענדיקט זיך שוין די וועלט, און פון יענער זייט וואַלד איז שוין פוסט און וויסט, מער נישט ווי מדבריות מיט ווילדע חיות.

אין וואַלד פלעגט דער פאָטער איר אָפט דערציילן שיינע מעשיות, וואָס ער האָט געלייענט אין ביכער. ער האָט איר דערציילט וועגן דער זון און וועגן דער לבנה מיט די שטערן, פאַרוואָס איז טאָג און פאַר־וואָס איז נאַכט. ער האָט איר דערציילט, ווי אַזוי מענטשן האָבן גע־לעבט מיט הונדערטער און מיט טויזנטער יאָרן צוריק, און קיינער, קיינער, נישט אירע שוועסטער, נישט הירשל, פלעגן אַזוי נישט ליב האָבן צו הערן דעם טאַטנס מעשיות, ווי זי, אידע, און דערפאַר האָט ער מער ליב געהאַט איר צו דערציילן, ווי אַן אַנדערן. נאָכדעם, ווען זי איז עלטער געוואָרן, פלעגט ער זיך שוין מיט איר באַגיין נישט ווי אַ פאָטער, נאָר ווי אַ חבר. ער פלעגט איר דערציילן וועגן זיך,

ווי ער פלעגט אין זיינע יינגלשע יאָרן צוזאַמען מיט זיינע חברים, זומערצייט, אין וואַלד, פיל טעג פאַרברענגען מיט לייענען און לערנען אַזוינע ביכער, וואָס צו הויז האָבן טאַטע-מאַמע נישט געלאָזט. דאָ, אין וואַלד האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז אויסער דעם שטעטל לאַווראַווע איז נאָך דאָ אַ גרויסע וועלט, ווו עס איז אַזוי ליכטיק, ווו מען לערנט אַ סך און מען אַרבעט אַ סך, און דאָ, אין לאַווראַווע, איז פינסטער: מען שלאָפט, מען קריכט, מען רירט קוים מיט אַן אבר און מען מיינט, אַז מען לעבט אויך...

איר פאָטער האָט איר דאָ אין וואַלד דערציילט, ווי ער מיט אַ צוואַנציק זיינע חברים האָבן זיך אָפגערעדט, מען זאָל אַנטלויפן פון דעם פינסטערניש אין דער ליכטיקער וועלט אַריין לערנען, אַרבעטן, ווערן מענטשן, מען זאָל אויפהערן צו קריכן, צו שלאָפן און צו בלאָנדזשען. צווישן די חברים האָבן שוין אייניקע געהאַט פרויען מיט קינדער. אויסער זיינע חברים, האָבן זיך אויך געפונען אַ פּאָר מיידלעך, וועלכע האָבן אויך געוואָלט פאָרן לערנען. איינע פון זיי איז געווען איר פאָטערס שוועסטער, די מומע גיטל. אייניקע זענען טאַקע אוועקגעפאָרן, און אייניקע האָט מען טאַקע געכאַפּט און זיי נישט געלאָזט פאָרן. איר פאָטער מיט זיין שוועסטער גיטל האָט מען בצלד חתונה געמאַכט. בערלען, דעם איצטיקן שוסטער, וואָס איז דאַן געוועזן אויך אַ בית-המדרש-יינגל און אויך געוואָלט אַנטלויפן לערנען, האָט מען געכאַפּט און חתונה געמאַכט. „זאָל מען זיי אויפהענגען אַ קייט אויף דעם האַלדז,” האָבן די עלטערן דאַן געזאָגט, „וועלן זיי נישט האָבן אין זינען קיין פּוסטע זאַכן!” און מען האָט די איבערגעבליבענע חברה חתונה געמאַכט.

פון דער צייט אָן, זייט איר פאָטער האָט איר דערציילט פון דער חברה, האָט זי אָנגעהייבן ציען הינטער יענער זייט וואַלד, העט ווייט, ווייט, ווו עס איז אַזוי ליכטיק און גוט! אַהין, אַהין, ווו איר פאָטער האָט געוואָלט לויפן, אין דער גרויסער וועלט אַריין, וווּהין עס ציט אים נאָך עד היום, כאָטש עס איז שוין אַוועק דרייסיק יאָר. ער איז אָבער צוגעקאָוועט צו זיין ווייב און קינדער, ער איז שוין אַלט און האַלב קראַנק און קען שוין נישט לויפן. זי איז נאָך יונג, געזונט, פול מיט לעבן. עס איז איר ענג, זי האָט אין לאַווראַווע פאַר זיך ווינציק לופט. שוין צוויי יאָר, אַז זי רייסט זיך אַהין, און ענדלעך האָט זי זיך אַרויסגעריסן. עס איז איר געווען שווער זיך צו שיידן

מיט די עלטערן, מיט הירשלען... נאָר איצט, ווען דער צוג איז געלאָפן פארביי די באַקאַנקע ערטער, פארביי דעם וואַלד מיט דעם באַרג און ווען זי זעט שוין פאַר זיך נייע פעלדער, נייע וועלדער — אַ נייע וועלט, איז איר געוואָרן גרינגער און פרייליכער אויפן האַרצן, און זי האָט דערפילט אין זיך אַ סך ענערגיע. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי קען די גאַנצע וועלט איבערקערן, אַזוי שטאַרק און געזונט פילט זי זיך איצט. ווי קליין, ווי ברעקלדיק איז איצט ביי איר אויסגעקומען דאָס גאנצע שטעטל לאוורואווע מיט זיין שלאָפעדיק קריכעדיק לעבן. מיט אַ רחמנות האָט זי געטראַכט וועגן אירע חברטעס, וועלכע וואָלטן אויך געוואָלט לויפן אַהין, וווהין זי לויפט און וועלכע האָבן נישט קיין מוט, קיין ענערגיע זיך אַרויסצערייסן. „די חברטעס,” — טראַכט זי,—„האָבן מורא און זיצן און וואַרטן ביז מען וועט זיי אָנטון די קייטן, די אייביקע קייטן — ביז זיי וועלן חתונה האָבן מיט די אַלע פוסטע יונגעלייטלעך, מיט די שטעקלעך אין די הענט, וואָס טויגן נישט צו קיין זאַך, וועלכע האָבן זיך צו קיין זאַך אין לעבן נישט צוגעגרייט. אַלץ קענען זיי צו ביסלעך, ווי אַ קאַמשקע, וואָס שווימט אַ ביסל, פליט אַ ביסל, גייט און לויפט אַ ביסל, און קענען קיין זאַך נישט, ווי עס דאַרף צו זיין. אַז פליען, דאַרף מען פליען ווי אַן אָדלער, אַז לויפן, דאַרף מען לויפן, ווי אַ הירש. דאָס פאָדערט דאָס לעבן פון יעדן. און אָט די יונגעלייטלעך, אויף וועל כעמיינע חברטעס, זיצן און וואַרטן, הייסן זיך פאַר זייערע קאַטשקע-מעלות נאָך צוצאָלן— נדן זיי נאָך געבן דערפאַר, וואָס זיי קאָנען נאָר אומגליקלעך מאַכן יידישע טעכטער...”

און עס איז איר ווידער ארויפגעקומען אויף דעם געדאַנק איר אומגליקלעכע שוועסטער און נאָך פיל אַזוינע יונגע ווייבלעך, וואָס מען האָט זיי פאַרשפּייערט מיט אַזוינע יונגעלייט, ווי איר שוואָגער חיים.

ניין, זי, אידע, וועט נישט דערלאָזן, זי וועט מאַכן אַן איבערקערעניש, זי וועט איבעראַנדערשן דאָס יידישע לעבן, ווייל נישט חיים מיט הירשלען און נאָך אַ סך אַנדערע יונגעלייטלעך זענען שולדיק אין זייער פוסטקייט, קליינקייט, דראָבנעקייט, נישט זיי, נאָר דאָס צעקאַליעטשעטע יידישע לעבן. אידע האָט געקוקט אויף דעם איצטיקן יידישן לעבן מיט איר פאָטערס אויגן.

נחמן ליפשיץ, ווי דאָס רוב אויפגעקלערטע קליינשטעטלשע יידן, האָט ליב געהאַט צו רעדן מיט מליצות און משלים. ער האָט נישט

איין מאָל זיין טאָכטער אידען געזאָגט:

— דאָס איצטיקע יידישע לעבן איז אַ לאַנגיאָריקער פאַרלאָזטער גאָרטן, אויף וועלכן קיינער גיט נישט אַכטונג. קיינעם אַרט נישט, קיינעם אינטערעסירט נישט, ווי דער גאָרטן וואַקסט ווילד. עס האָבן זיך אין דעם אומגליקלעכן גאָרטן אָנגעפּלאָדיעט טויזנטער שעדלעכע ווערעמלעך, זשוקלעך, פליגעלעך, וואָס טאָטשען און טאָטשען די בלעטער מיט די צווייגן... די וואָרצלען דאַרן דערפון, און ווען איך קוק זיך צו צו דעם פאַרלאָזטן גאָרטן, רייסט און וויינט אין מיר מיין האַרץ. דער גאָרטן פירט אפילו אויף פאַר זיך אַ לעבן: דער ווינטער באַדעקט אים מיט שניי, זומער גייט אויף אים רעגן. ער זשומעט און רוישט מיט זיינע בלעטער, אַז פון דערווייטנס ווייזט זיך אויס, עס איז אַ שיינער לעבעדיקער גאָרטן... נאָר קוקט זיך צו נענטער, גייט אַריין אינווייניק און באַטראַכט אַלץ, כאַפּט אָן אַ שרעק, ווי דער גאָרטן וואַקסט שלעכט: קרומע צווייגן, פוילע בלעטער, אויפגעגעסענע ביימער... זיי קאָרטשען זיך און פּלאָנטערן איינס אין אַנדערן און שטערן איינער דעם אַנדערן גלייך צו וואַקסן. אָט, דאַכט זיך, הייבט אָן וואַקסן אַ יונג ביימעלע גלייך. נאָר עס גייט אַוועק אַ קליינע צייט, דאָס יונגע ביימעלע האָט זיך שוין פאַרטשעפּעט מיט אַלע אַנדערע צעקאַליעטשעטע ביימעלעך און פוילט שוין און וואַקסט קרום, ווי די אַנדערע... צום ג.יק, געפינען זיך נאָך אין דעם גאָרטן גענוג אַלטע שטאַרקע דעמבעס מיט זייער טיפע וואָרצלען... נאָר זיי ווערן אויך ווינציקער, ווייל די ווערעמלעך, זשוקלעך און אַנדערע שרצים פרוכפּערן זיך וואָס אַמאָל מער אין גאָרטן...

— מען ברויכט אין דעם גאַנצן יידישן לעבן אַ גרויסע אָפּעראַציע צו מאַכן,—פלעגט איר פאָטער זאָגן.—מען ברויכט האָבן וואָס מער גערטנער, וואָס זאָלן פאַרשטיין, ווי דאָס שלעכטע אויסצעשניידן, דאָס גוטע איינצעפלאַנצן און אַכטונג געבן, זיך אינטערעסירן, ווי אַזוי דער יידישער גאָרטן וואַקסט... דאַן וועלן אַלע ווערם און אַנדערע שרצים במילא ווינציקער ווערן.

און אידע האָט אויף זיך גענומען, אַז זי זאָל אין איר לעבן אויך זיין איינע פון די גוטע גערטנערינס... זי וועט טון פאַר אירע שוועסטער דאָס, וואָס איר פאָטער האָט מען מיט דרייסיק יאָר צוריק נישט געלאָזט טון פאַר זיינע ברידער. זי פילט זיך געזינטער, שטאַרקער, פעיקער, ווי איר פאָטער אין אירע יאָרן. זי פאָרט איצט פרייער

אליין פון זיך מאכן א מענטשן און נאכדעם, נאכדעם, ווען זי פיל, פיל טון פאר אירע שוועסטער, פאר איר ארעם אומגליקלעך פאלק. יידישע טעכטער האבן אין גלות צייטן פיל גוטס געטאן זייער פאלק. זי ווייסט דאס, זי האט פיל געלייענט און פיל האט איר דער פאטער דערציילט פון אזוינע ספרים, וועלכע זי קען נישט לעזן, וועגן באריםטע יידישע טעכטער.

טויזנטער געדאנקען זענען איר געפלויגן אין קאפ, ווי די כוואליעס אין ים און האבן זיך געיאגט נאך טויזנטער אנדערע געדאנקען. זי האט אזויפיל צו טון, צו ארבעטן אין איר לעבן, אז זי האט פון אלעם יעצט נישט געקענט טראכטן. טויזנטער נייע פלענער זענען ביי איר אין קאפ געלאפן, געשפרונגען, געשטופט זיך איינער פאר דעם אנדערן, און זי האט געפילט, ווי זי איז גליקלעך און ווי זי לעבט איצט מיט אלע אירע אברים.

— מיין אומגליק איז, — האט איר דער פאטער געזאגט ערשט א טאג פארן אוועקפארן, — וואס מיין גאנצער „איך" געפינט זיך אין א קראנקן קערפער... נאר איך שעץ מיך פאר גליקלעך, וואס מיין „איך" געפינט זיך איצט אין דיר-אין א געזונטן גוף...

נחמן ליפשיץ האט געמעגט זיך שעצן גליקלעך מיט זיין טאכטער אידע. קיינער פון זיינע קינדער און פון זיינע שילער האט אים אזוי נישט פארשטאנען, ווי זי. דערום האט ער זיך מיט איר מער אפגעגעבן, ווי מיט אלע. ער האט מיט איר מער געשמועסט, מער געלערנט, און זי האט, ווי א דארשטיקע אלץ איינגעשלונגען.

נישט שטענדיק זענען גלייך פעיק ברידער און שוועסטער פון איין פאטער און מוטער. אפט זענען זיי אין אלעמען איינס פון אנדערן ווייט, ווי פון מזרח ביז מערב. אידע איז מיט קיין איין זאך נישט געווען ענלעך צו איר עלטערער שוועסטער. אפילו אין שיינקייט זענען זיי אויך געווען פארשידן. פערל האט געהאט שווארצע האר און שווארצע אויגן און אידע-בלאנדע האר און בלויע אויגן.

פערלס אויגן האבן באמערקט אזוינע, וועמען עס געפעלן נאר שווארצע, אידעס אויגן האט אבער יעדער געמוזט באמערקן. און עס איז קיין וואונדער נישט, וואס די פאסאזשירן פון דעם וואגאן, אין וועלכן זי האט זיך געפונען, האבן נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף איר. אידע איז געווען פון די פיין-באגאבטע נאטורן, וואס ציען צו זיך צו יעדן: מענער, פרויען, יונגע, אלטע און איבערהויפט קליינע קינדער. אפילו

שלעכטע בייזע מענטשן, וואָס קוקן קרום אויף יעדן נייעם מענטשן, האָבן אויך, נישט ווילנדיק, געמוזט טוישן זייערע בליקן אויף גוטע, ווען זיי האָבן אידען געזען.

ווען אַ מאָלער זאָל איינפאַלן אויסצעמאָלן אַ ריכטיק בילד „דאָס לעבן" אין דער געשטאַלט פון אַ פרוי, וואָלט ער געוויס געזוכט אַזאַ מאָדעל, ווי אידע.

אידע איז געווען דאָס לעבן אליין, אָבער נישט פון די פרייליכע, וועלכע שפרינגען, לאַכן, און ווען זיי גייען, אָדער רעדן, וואַרפן זיי מיט די אויגן און מיט אַלע אברים. איר לאַכן, איר רעדן, איך יעדעס באַוועגן זיך איז געווען נאַטירלעך. קיין זאַך איז אין איר נישט געווען געקינסטלט. אירע בלאָנדע האָר פלעגן זיך אויסלייגן אויף דעם קאָפּ אין אַזוינע שיינע לאָקן, וואָס קיין שום פאַבריקמאַכער וואָלט דאָס נישט געקענט מאַכן. אירע בלויע אויגן, דורך וועלכע עס האָט אַרויסגעשפיגלט אַ גוטע נשמה, אַ גוט האַרץ, האָבן געקוקט, ווי זיי וואָלטן צו יעדן געזאָגט: „לעבט, לעבט, ווי שיין און גוט איז דאָס לעבן!"

אין אירע נייגצן יאָר האָט זי פיל מער געלייענט, ווי אַן אַנדער מיידל אין אירע יאָרן. איר פאָטער איז נישט געווען רייך און האָט קיין פאַרמעגן נישט געהאַט, אויסער אַ רייכער ביבליאָטעק, וועלכע ער האָט געקליבן אַ סך יאָרן נאָך פון ייִנגלווייז אָן. אידע פלעגט די ביכער פון זיין ביבליאָטעק שלינגען איינס נאָכן אַנדערן, און אַלע אין לאַזוראָווע פלעגן זיך וווּנדערן, וואָס אַזאַ שיין מיידל גיט זיך אָפּ מער מיט ביכער, ווי מיט איר שיינקייט. די מוטער פלעגט שרייען, אַז אַ מיידל דאַרף נישט ליגן אַזויפיל איבער ספרים, דאָס פּאַסט פאַר אַ ייִנגל, אָבער איר פאָטער פלעגט זי פאַרענטפערן, אַזוי ווי ער האָט נישט קיין זון, טאָ זאָלן כאָטש זיינע טעכטער זיך באַנוצן מיט זיין „אוצר", ווי ער פלעגט אָנרופן זיין ביבליאָטעק.

ביי איר אָנגעלייענטקייט און שיינקייט האָט פונדעסטוועגן יעדער אין וואַגאָן געקענט באַמערקן, אַז זי איז אַ קליינשטעטלדיקע. ובפרט האָט זי זיך דערמיט געוואָרפן אין די אויגן, ווען זי פלעגט אָנהייבן רעדן, ווייל זי האָט זיך פון איר פאָטער אויסגעלערנט רעדן מיט מליצות, ווי כּמעט אַלע קליינשטעטלדיק-געבילדעטע.

ביי איר גאַנצער ענערגיע און פעסטן כאַראַקטער איז זי געווען אַ שעמעדיקע. זי פלעגט גלייך רויט ווערן, ווען זי פלעגט הערן אַ גראָב וואָרט, אָדער ווען עס חאַט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי האָט זיך אין

רעדן אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישקייט.

בכלל איז אין איר גרינג געווען צו באַמערקן, אַז זי איז ווינציק געווען אין געזעלשאַפט, און דערפאַר פלעגט זי זיך צווישן פרעמדע נישט פילן היימיש און פלעגט נישט קענען רעדן אַזוי גרינג, ווי עס קענען דאָס די גרויסשטעטיקע, נישט בלויז דערוואַקסענע מענטשן, נאָר אפילו צעניעריקע קינדער.

•

אויף דעם צווייטן טאָג האָט זיך אידע נישט געפילט גוט, כאָטש זי איז אויף דער באַנק די גאַנצע נאַכט געשלאָפן. זי האָט אירע עלטערן געזען אין חלום גאַנץ טרויעריק, איבערהויפּט האָט אויף איר געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק הירשל, וועלכן זי האָט אויך געזען אין חלום. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ בלאַס קרענקלעך געזיכט. ער האָט געוויינט פאַר איר, זי זאָל נישט אוועקפאָרן, זי זאָל אים אויך מיטנעמען, און זי האָט אים אַרומגענומען ווי אַ קליין קינד און געטרייסט, אַז זיי וועלן זיך אין גיכסטן נאָכאַמאָל זען און שוין זיין אויף שטענדיק צוזאַמען. נאָר פּלוצים פילט זי, ווי ער פאַלט אַרויס פון אירע הענט און מיט אַ גרויסן קלאַפּ פאַלט ער אויף דער פּאָדלאָגע און ליגט אויסגעצויגן טויט. מען שרייט, מען געוואַלדעוועט, מען לויפט נאָך דאָקטוירים, מען שרייט: „גיכער! וואַסער! ראַטעוועט אים!" און אידע כאַפּט זיך אויף... און זעט, אַז זי געפינט זיך אין וואַגאָן...

זי קוקט זיך אַרום און זעט, ווי איר קאַרטאָנענע פּודלע, אין וועלכער עס ליגט איר היטעלע, איז אַראָפּגעפאַלן פון פּאָליצע אויף דער פּאָדלאָגע. זי האָט באַלד די פּודלע אַנידערגעלייגט אויף דעם פריערדיקן אָרט. זי דערוויסט זיך, אַז דער צוג שטייט שוין פינף מינוטן לעבן דער גרויסער סטאַנציע דינאַבורג און הערט, ווי איינער שרייט צום אַנדערן: „גיכער, און נעם פאַר זעקס גראָשן אַ טשאַי־ניק וואַסער!" דערצו האָט זי זיך דערמאַנט, ווי פאַר דעם שלאָף האָט זי געלייענט עפּעס אַ ביכל, וואָס אַ פּאַסאַזשער האָט איר געליען און דאָרט, אין ביכל האָט זיך איינער געשאָסן און צוויי זענען געשטאָרבן.

זי האָט זיך אפילו פון חלום באַלד באַרויקט, נאָר וועגן הירשלען האָט זי דעם גאַנצן צווייטן טאָג נישט אויפגעהערט צו טראַכטן. זי האָט

אים ליב געהאַט פון קינדווייז אָן. קיינער פון אירע באַקאַנטע יונגע־לייט איז איר אַזוי נישט געפעלן און מיט קיינעם פילט זי זיך אַזוי נישט גוט, ווי מיט הירשלען, נאָר דאָך זענען דאָ מינוטן, ווען זי קען אים נישט איבערטראָגן. דאָס קומט פאָר דאַן, ווען זי זעט, ווי הירשל איז ביי זיך אַזוי רויק, זיכער און עס פעלט אים קיין זאַך אין דער וועלט נישט. ער איז צופרידן מיט דער וועלט, מיט זיך און מיט זיין לעבן און עס ווערט נישט גוט פון דערדאָזיקער צופרידנקייט.

— איז דען הירש ענלעך צו די יונגעלייט, ווי איר פאָטער מיט זיינע חברים זענען געווען? — איז איר איצט ווידער אויפגעקומען אויף די געדאַנקען.

— ווי אַזוי פלעגן אַמאָליקע יונגעלייט פאַרברענגען זייער צייט און ווי אַזוי פאַרברענגען די היינטיקע יונגעלייט? — פלעגט אָפט איר פאָטער זאָגן. דאָ האָט זי זיך אָנגעהייבן דערמאַנען, ווי איר פאָטער פלעגט דערציילן פון די פריערדיקע יאָרן: מען האָט געלערנט אין די בתי־מדרשים, ווי די עלטערן האָבן פאַרלאַנגט, מען האָט אָבער געלערנט אייראָפּעישע שפּראַכן און וויסנשאַפט, אַז די עלטערן זאָלן נישט וויסן. אין די ווינטערדיקע נעכט, ווען אַלע זענען געשלאָפן, און זומער הינטער דער שטאָט, אין וואַלד, צווישן די בערג, האָט מען ווידער געלייענט און געלערנט — מען האָט געוואָלט פון זיך מאַכן מענטשן. נאָר דאָס אַלץ איז ווינציק געווען; מען האָט זיך געריסן אין די גרויסע שטעט, וווּ מען קען פרייער און גרינגער לערנען. נישט איינמאָל האָט מען זיי געכאַפּט מיט השכלה־ביכער, טאַטע מאַמע האָבן דערפאַר געשלאָגן, די שטאָט האָט געזידלט, געשאָלטן, געטייט אויף זיי מיט די פינגער, אָבער זיי האָבן נאָך מיט מער פייער, מיט מער חשק געטאָן זייער זאַך, צו ווערן מענטשן, זיך אַרויסצורייסן פון דער פינסטער־ניש. פלעגן זיי באַמערקן אין שטאָט אַ פעיקן ייִנגל, פלעגן זיי אים באַלד אַרייננעמען אין דער חברה. ווען אָרעמע קינדער האָבן געוואָלט לערנען, האָט מען מיט זיי מיט ליבשאַפט געלערנט, און מיט די לעצטע גראָשנס זיי אויסגעהאַלטן, זיך געטיילט מיט דעם לעצטן ביסן. צווישן די יונגעלייט זענען נישט געווען קיין לערער און שילער, עלטערע און יונגערע, רייכע און אָרעמע. עס זענען נאָר געווען חברים, גלייכע ברידער. אַזוי האָבן אַמאָל יונגעלייט אין די יונגע, בעסטע פרייע יאָרן פאַרבראַכט די צייט...

זיי האָבן געלעבט, געאַרבעט און מלחמה געהאַלטן, פאַר קיין

זאַך קיין מורא נישט געהאַט, אַבי נאָר זיך און אַנדערע פאַר מענטשן צו מאַכן. יידישע יונגעלייט זענען געווען גרייט יעדע מינוט זיך מקריב צו זיין פאַר זייערע ברידער, פאַר זייער פאָלק. און וואָס טוען און מיט וואָס פאַרנעמען זיך היינטיקע יונגעלייט? די רייכערע זענען צופרידן מיט זיך און לעבן אַ גוטן טאָג, און די אָרעמע טראַכטן, ווי זיי זאָלן קומען צו אַ קאַפּיטאַל, כּדי אויך זיך קענען פאַרשאַפן אַלע פאַר־געניגנס פון דער וועלט. נאָר עפּעס טון, אַרבעטן, אַז זיי זאָלן קומען צו אַ גוט רויק לעבן, דאָס טוען זיי נישט. זיי זיצן און וואַרטן, עס זאָלן זיי אַריינפליען אין מויל אַריין געבראָטענע טויבן. זיי טוען נישט נאָר פאַר יענעם, נאָר אפילו נישט פאַר זיך אַליין, זיך פאָרצוברייטן צו אַ געזונטן נוצלעכן לעבן. איצטיקע צייט, אַז עס געפינט זיך אַ יידיש יינגל, וואָס זאָגט: „איך וויל זיך לערנען אַ מלאכה, איך וויל זיך בילדן, איך וויל ווערן א מענטש, נאָר איך בין אָרעם, איך וויל, מען זאָל מיר אין דעם מיט עפּעס העלפן״—ווער ענטפערט אים? קיי־נער נישט. דאָס יינגל מעג האָבן די בעסטע פעיקייטן, אַרט קיינעם נישט און קיינער העלפט אים נישט. „אין מיינע צייטן״, פלעגט דער פאָטער זאָגן, „פלעגט מען אַזאַ יינגל אויסכאַפּן, פון אַלע זייטן פלעגט מען פאַר אים זאָרגן און פיל, פיל זענען פון אַזוינע יינגלעך נאָכדעם געוואָרן געבילדעטע מענטשן. איצט אָבער שלאָגן זיך די פעיקע צו קיין זאַך נישט צו און פון די נישט־פעיקע קומען יעדעס יאָר צו ביי יידן נייע טויזנטער קאַליקעס, וואָס טויגן צו קיין זאַך נישט אין דער וועלט.״

און אידע האָט זיך געפרעגט: „וואָס טוט הירשל? און איבער־הויפּט וואָס איז ער אַליין אָן זיין טאַטנס געלט?״ — גאָרנישט. זי האָט געוואָלט, ער זאָל זיין אַזאַ יונגערמאַן, ווי איר פאָטערס חברים. איר אַלטן אָרעמען, האַלב קראַנקן טאַטן טוט נאָך איצט אויך ווייי דאָס האַרץ פאַר יענעם, כאָטש ער איז איצט נישט אימשטאַנד צו העלפן. נאָר אַז ער צערעדט זיך וועגן דעם יידישן טרויעריקן צעקאָליטשעטן לעבן, צינדן זיך אָן זיינע אויגן, ווי ביי אַ יונגנמאַן. זי געדענקט, ווען ער איז געווען געזונט און יונג, האָט זי קיין שענערן נישט געזען, ווי איר טאַטן.

— פאַרוואָס זאָל הירשל אַזוי נישט זיין, ווי איר טאַטע? —פלעגט זיך אידע אָפט פרעגן, — פאַרוואָס אַרט הירשלען קיין זאַך נישט? אין לאַוראָווע געפינען זיך אַזויפיל אָרעמעלייט, זייערע קינדער וואַלגערן זיך

אין די גאַכן. פאַרוואָס קומט אים קיינמאָל נישט אויפן זינען די פראַגע: וואָס זאָל אויסוואַקסן פון אַזוינע אומגליקלעכע קינדער? פאַרוואָס זעט ער נישט, וואָס איך זע? פאַרוואָס רירט אים נישט אָן ביים הארצן, ווי מיר? שוין-זשע איז ער אַזוי בלינד, אַז ער זעט דאָס אַלץ נישט? אָבער אפילו אַ בלינדער קען דאָך דאָס אויך זען. די קרעכצן, די זיפצן פון דער יידישער נויט און צרות הערן זיך אין דער לופט. ניין, נישט אַזוי-נער קען זיין מיין מאַן. נישט מיט אַזוינעם קען איך מיין וועלט טיילן.

און אידע האָט אויך, ווי הירשל, געזאָגט צו זיך:

— נישט קיין טויזנטער קענען מיך גליקלעך מאַכן... איך האָב הירשלען ליב... איך בין געוויינט צו אים... מיר איז אָנגענעם צו זיין אין זיין געזעלשאַפט... נו, איך האָב אים ליב... נאָר דאָס אַלץ, וואָס מיין פאָטער האָט אין מיר פון קינדהייט אָן איינגעפלאַנצט, איז מיר ליבער און טייערער... איך האָב אים אַלץ אין בריוו געשריבן, און ווען ער וויל ווירקלעך זיך פאַרבינדן מיט מיר, טאָ זאָל ער פריער פון זיך מאַכן דאָס, וואָס מיר געפעלט. זאָל ער פריער אַ מענטש ווערן, ער איז יונג און געזונט. ביי די בעסטע יאָרן קען יעדער פון זיך מאַכן וואָס ער וויל. מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זען. מיר זענען נאָך ביי-דע יונג און אַרבעט איז דאָ אַזויפיל...

מיט די געדאַנקען איז זי געוועזן פאַרנומען דעם גאַנצן טאָג.

קיין פעטערבורג איז געבליבן נאָך עטלעכע שעה רייזע און אַלע אירע געדאַנקען וועגן לאַוראָווע זענען איצט אַוועק. זי האָט איצט נאָר געטראַכט וועגן דער גרויסער שטאָט פעטערבורג און וועגן אירע נייע באַקאַנטע, מיט וועלכע זי וועט זיך איצט באַגעגענען.

דער צוג איז שוין פאַרבייגעלאָפן די סטאַנציע גאַטשינא. באַלד, באַלד וועט זי זען די גרויסע שטאָט, פון וועלכער זי האָט אַזוי לאַנג געטראַכט. זי האָט זיך געשטעלט ביים פענסטער. זי האָט געוואָלט זען די שטאָט פונדערווייטנס. נאָר ביז צום וואַרשע-פעטערבורגער וואָקזאַל האָט זי מער נישט געזען ווי גרויסע קוימענס פון פאַרשידענע פאַב-ריקן.

אויפן וואָקזאַל האָבן זי אָפּגעוואַרט מאַדאַם קריינין מיט איר עלטערער טאָכטער אַניע.

— מיין פּאַפּאַ האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט אַזאַ שיינע, איר האָט אַזוינע זעלטענע בלאָנדע האָר מיט בלויע אויגן, אַז עס איז אייך גרינג צו דערקענען, און איך האָב אייך באַלד דערקענט, ווי איר זייט

נאָר אַרויסגעגאַנגען פון וואַגאָן, כאָטש איך האָב קיינמאָל אפילו אייער פאָטאָגראַפיע נישט געזען... — האָט אַנע געזאָגט, אַרומכאַפּנדיק זיך מיט אידען קושן.

אידע האָט זיך פאַרשעמט און איז אַזוי רויט געוואָרן, אַז זיי האָבן זיך מיט זייערע קושן נישט געקענט טרעפן.

— אַן אמתע פּראָווינצערין, — האָט אַנע זיך צעלאַכט.

אַנע מיט איר מוטער שרה-ביילע האָבן ביי אידען, וועלכע האָט זיך פון די לעצטע ווערטער נאָכמער פאַרשעמט און נישט געוווסט וואָס צו טאָן, צוגענומען די פּעקלעך, אַרויסגענומען דעם באַגאַזש און זיך געזעצט אויף אַ דראָשקע. פאָרנדיק, האָבן זייביידע צו איר גע- רעדט, נאָר זי האָט נישט געהערט קיין וואָרט. פון דעם קלאַפּן פון די דראָשקעס און קאַרעטן און פון דעם גרויסן רעש פון די מענטשן האָט זיך איר פאַרדרייט דעם קאָפּ.

— שוין באַקאַנט זיך, שוין געקושט זיך, און זי האָט דאָס אַזויפיל געטראַכט, ווי אַזוי זי וועט זיך מיט זיי באַקאָנען און ווי אַזוי זי וועט מיט זיי רעדן.

דאָס אַלץ איז אידען דורכגעפלויגן אין די געדאַנקען, פאָרנדיק. נאָכדעם האָט זי געהערט, ווי די מאַדאַם קריינין דערציילט:

— שוין עטלעכע יאָר, אַז איך קלויב זיך אויף קבר אָבות צו דער מאַמען, זי זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן-עדן און זיין אַ גוטע בע- טערין פאַר אונדז. זי ליגט טאַקע ביי אייך אין לאַוראָווע... אַ טייער שטעטל לאַוראָווע... אָבער פון דעם וויסטן פּעטערבורג קען מען זיך דען אַרויסרייסן. הו-האַ! אַ געפּילדער, אַ רעש, ווי אויף יענער וועלט!...

— אָט דאָ וווינען מיר אין דער קאַזאַרמע, — האָט מאַדאַם קריינין ווידער געזאָגט,—ווען די דראָשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ פינף-שטאָקיק הויז. צוועלף הונדערט רובל אַ יאָר דירה-געלט און צו מיטאָג דאַרף מען אָנצינדן די לאָמפּן. אַ פינסטערע עס-שטוב...

מען האָט אידען מיט אירע פּעקלעך אַרויפגעפירט אויף הונדערט און דרייסיק טרעפּ, מען האָט אָנגעקלונגען און מען האָט באַלד ברייט געעפנט די טיר.

און אידע וווינט יעצט אין פּעטערבורג ביי באָריס פּעטראָוויטש קריינין אין הויז צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע.

צווישן נייע מענטשן.

ווען אידע איז אַרויסגעפאָרן קיין פעטערבורג, האָט איר דער פאָטער מיטגעגעבן בריוו צו זיינע צוויי אַמאָליקע חברים פון דער יוגנט, וועלכע מען רופט היינט באָריס פעטראָוויטש קריינין און לעוו אָסיפאָוויטש סאָלאָמאָנאָוו. צו דעם ערשטן האָט ער טעלעגראַפירט, מען זאָל זיין טאָכטער באַגעגענען אויף דעם וואקזאַל. אין דעם בריף צו קריינינען האָט ער געבעטן, אַז די ערשטע צייט זאָל זי וווינען מיט זיין פאַמיליע. ער וואָלט וועגן דעם געשריבן סאלאָמאנאווען, נאָר געוויס וווינט ער איצט אין זיין זומער-וווינונג הינטער דער שטאָט.

קריינינס פאַמיליע האָט זיך געפרייט, וואָס עס דאַרף קומען אַזאַ גאַסט, ווייל ווען באָריס פעטראָוויטש איז פאַראיאָרן, דורכפאָרנדיק לאַווראָווע, געוועזן ביי נחמן ליפשיץ אין הויז, האָט ער זיך מיט אידען באַקענט און ער האָט זי זייער געליבט פאַר זיין פרוי און קינדער. איבערהויפט איז געוועזן צופרידן פון דעם גאַסט די מאַדאַם קריינין, ווייל זינט איר מאַן האָט זי מיט די קינדערלעך געבראַכט קיין פעטערבורג, בענקט זי אַלץ אַהיים קיין לאַווראָווע, כאָטש זי האָט שוין דאָרט קיינעם נישט. כמעט אַלע אירע קרובים זענען אויסגעשטאָרבן. די צוואַנציק יאָר, וואָס זי וווינט דאָ, האָבן זי נישט צוגעבונדן צו דער גרויסער שטאָט. וואָס פאַר אַ לעבן האָט זי דאָ, אימשטיינס-געזאָגט, וואָס קומט איר אַרויס, וואָס אירע צוויי זין זענען

דאָקטוירים, וואָס איר מאַן איז געוואָרן אַ גרויסער פּריץ, איר טאָכ-
טער און איר שנור, דעם עלטערן זונס פרוי, זענען פּריצעס?... וואָס
קומט איר ארויס פון דעם אַלעמען, ווען זי איז שטענדיק אַרומגע-
רינגלט מיט פרעמדע און אייגענע גוים און גויעס... נישטאָ קיין שבת,
קיין יום-טוב, זי הערט נישט קיין יידיש וואָרט. יעדן פּרייטיקצונאַכטס
דאַרף זי זיך מיט אירע בענטשליכט באַהאַלטן, ווי אַ גנב, די אייגענע
קינדער זאָלן פון איר נישט לאַכן. דער מאַן האַלט אפילו שטענדיק
מיט איר, נאָר ער איז אַ „לעמישקע", ער קען נישט אָנשרייען אויף
די קינדער, ווי אַ טאַטע, ער זאָגט, אַז מיט די היינטיקע קינדער טאָר
מען זיך נישט קריגן. שרה-ביילע פאָלגט איר מאַן. וואָס ער זאָגט און
קריגט זיך נישט מיט אירע קינדער, נאָר זי פירט זיך אַ באַזונדער
פאַרבאָרגן לעבן, מיט איר דאַוועגען, וואַשן און בענטשן ביים עסן, און
איר מאַן מיט די קינדער פירן אויך אַ באַזונדער לעבן. כּל-זמן אירע
אירע צוויי דאָקטוירים מיט אַנען זענען געווען קליינע קינדער, דאָס
הייסט אין איר רשות, האָט זי זיי געלערנט, ווי זי האָט געוואָלט.
אָבער אַז זיי האָבן אָנגעהייבן גיין אין די שולעס, זיך באַקענט מיט
חברים, האָבן זיי אויפגעהערט צו פאָלגן. אָט האָט זי נאָך דריי קינ-
דער און זיי הייבן שוין אויך אָן נישט צו פאָלגן. וואָס קען זי טון?
אַלץ פירט זיך איר הויז, ווי די קינדער ווילן, נאָר איין זאַך האָט זי
דאָך אויסגעפירט — אין איר שטוב איז קיינמאָל נישט אַריינגעקומען
קיין טרפות. עס פירט זיך אַ יידישע קיך און אַלע מוזן עסן כּשרס.
די הויזלייט האָבן זיך נישט איין מאָל געפּרוווט דאָס אויך ביי שרה-
ביילען צונעמען, אָבער זי האָט זיך קעגן דעם געראַנגלט דאָס גאַנצע
לעבן מיט אַלע כּוחות און האָט גובר געווען. זי היט שטענדיק איר
כּשרע קיך, ווי מען היט אַ פעסטונג פון די שונאים, און קיינער דער-
וועגט זיך נישט מער אויף איר אָנצעפאַלן.

זי טראַכט שטענדיק וועגן דעם, ווי גוט וואָלט איר געווען,
ווען זי וואָלט געלעבט מיט איר מאַן און קינדער אין לאַוראָווע, צווישן
איריקע, צווישן יידן. עס ציט איר שטענדיק אַהין. די גאַנצע צייט
קלייבט זי זיך כאָטש צו פאָרן אַהין אויף קבר-אבות. און אַזוי גייט
אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר, און זי קען זיך נישט אַרויסרייסן. אויף ווע-
מען קען מען איבערלאָזן, קיין עין-הרע, אַזאַ שטוב?

מיט אידעס קומען האָט זי זיך דערפרייט. אָט וועט זי כאָטש
האָבן מיט וועמען אַ יידיש וואָרט צו רעדן, פאַר וועמען דאָס האַרץ

אויסצערעדן און אידע, ווידער, וועט איר דערציילן וועגן לאוראָווע.

צוליב דעם גאַסט האָט שרה-ביילע היינטיקן אָוונט צום טיי געבראַכט אַ סלאָי מיט ווײַנשל, וואָס ווייקן זיך אין בראָנפן שוין אַ יאָר צוויי (דאָס איז באַהאַלטן צו אַנעס תנאים). זי האָט איצט געטיילט יעדן צו קליינע גלעזלעך און געוואָרנט, אַז מער וועט קיינער נישט באַקומען. „דאָס איבעריקע וועט מען אויסטרינקען, אי״ה, אויף אַנושקעס תנאים.״

אַנושקע האָט געענטפערט, אַז זי איז גרייט באַלד אַ כלה צו ווערן, אַבי זי זאָל יעדן געבן נאָך צו ג׳עזלעך, אָבער די מוטער איז אַוועקגעגאַנגען מיטן סלאָי, זאָגנדיק דערביי, אַז מען זאָל צו וואַרטן ביז דער חתן וועט קומען.

— די מאַמע וואָלט מיך נאָר געוואָלט חתונה מאַכן... זי אין מיינע יאָרן האָט שוין געהאַט אַ פּאָר קינדער...

אַנע האָט זיך צעלאַכט, ווענדנדיק זיך צו אידען:

— ביי אייך אין לאוראָווע מאַכט מען נאָך היינט אויך חתונה צו זעכצן יאָר?

— צו זעכצן זעלטן, אָבער דאָס רוב האָט טאַקע חתונה צו אַכצן, צוואַנציק יאָר.

— נו, און מער ווי צוואַנציק יאָר איז שוין ביי אייך קיין פריילנס נישטאָ?

— עס איז דאָ, נאָר זייער זעלטן... זיי האָבן אויך דערנאָך חתונה.

— נו, און אַז עס מאַכט זיך פּאָרט נישט קיין חתן, פּאַרזיצט מען?

— ניין, אַ יידישע טאָכטער פאַרזיצט נישט און חתנים געפינען זיך ביי אונדז גענוג...

— אַ גליקלעך שטעטל! — האָבן זיך אַלע צעלאַכט.

— נישט אַזאַ גליקלעכס, ווי איר מיינט. אמת, חתנים געפינען זיך גענוג, אָבער דאָס רוב אַזוינע, וואָס מאַכן נאָר אומגליקלעך יידישע טעכטער...

— פאַרוואָס? זיי זענען שיכורים, שפּילן אין קאָרטן? זיי האַלטן זיך נישט אין שטוב און ׳עבן אַ גוטן טאָג? אַזוינע מאַנען זענען ביי אונדז אויך דאָ.

— אָ, ניין, פאַרקערט, זיי זענען זייער לייטישע יונגעלייט, האָבן

ליב די ווייבער, זיצן אין שטוב, זענען טריי און ערלעך, אָבער זיי זע־
נען, נעבעך, אַזוי אומגליקלעך. כּל־זמן מען האָט דעם נדן, האַנדלט מען,
וואַנדלט מען, שווינדלט מען... זייער אַ קליינער פּראָצענט איז אימ־
שטאַנד אויפצעהאַלטן ווייב און קינדער. ביי דעם קלענסטן שלעכטן
צופאַל אָבער בלייבט מען אייביקע אביונים, וועלכע קענען שוין צוריק
צו די כּוחות נישט קומען. קינדער וואַקסן אין „סטופּ אַריין", אָן דער־
ציונג, אָן אַ שום פּאַך צום לעבן, און אָט די קינדער ווערן דערנאָך
דערוואַקסענע מענטשן, וואָס טויגן נישט צו קיין שום זאַך אין דער
וועלט. די געצײלטע רייכע יידן, וואָס געפינען זיך ביי אונדז, זאָרגן
ווייניק פאַר דעם כּלל, און אַזוי דרייען זיך אַרום ביי אונדז לעבעדיקע
מתים אָדער קאַליקעס, און דאָס גאַנצע אומגליק נעמט זיך דערפון, וואָס
יידישע קינדער לערנען אַלץ צו ביסלעך און קענען גאָרנישט און באַ־
מערקן עס ערשט דאַן, ווען זיי טרעטן שוין ווייט אַריין אין לעבן, ווען
מען האָט שוין אַ ווייב מיט קינדער און מען קען פון זיך שוין גאָר־
נישט מאַכן.

באָריס פּעטראָוויטש, וואָס האָט זיך אין אָנהייב ווייניק צוגעהערט
וועגן וואָס „קינדער רעדן," האָט זיך פּלוצים אָנגערופן:

— ווען אידע רעדט, ווייזט זיך מיר אויס, ווי איך הער רעדן
איר טאַטן. אָ, עס איז שוין זייער לאַנג, ווי מיר, לאַוואָראָווער יונגעלייט
פלעגן אַמאָל אַזוי רעדן פון דער יידישער לאַגע... ווי עס ווייזט אָבער
אויס, איז נאָך איצטער דאָרט פיל ערגער געוואָרן.

און באָריס פּעטראָוויטש האָט זיך דערמאָנט אָן דער צייט, ווען
ער איז געוואָרן אַ לאַוואָראָווער איידעם און געזעסן ביים שווער און
שוויגער אויף קעסט. ער געדענקט שוין נישט, ווי אַזוי ער האָט זיך באַ־
קענט מיט די יונגעלייט, וואָס מען פלעגט זיי רופן אין שטאָט „אפּיקורסים",
זיי האָבן אים דאָס ערשטע מאָל געעפנט די אויגן, און ער האָט זיך
זיי איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. ער געדענקט, אַז מען האָט דאַן
פיל גערעדט וועגן „כּלל ישראל", וועגן דער „מענטשהייט" און עס איז
געבליבן, מען זאָל לויפן אין דער וועלט מאַכן פון זיך מענטשן. ער איז
אויך צו זיי צוגעשטאַנען, אָבער אַזוי ווי ער האָט זייער ליב געהאַט
זיין שרה־ביילען, האָט ער איר אַלץ דערציילט בסוד סודות, אַז שווער
און שוויגער זאָלן נישט וויסן. ער האָט איר דערקלערט, אַז ער וויל פאָרן
לערנען און ווערן אַ מענטש. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס אייגנטלעך
וויל ער, אָבער זי האָט געגלויבט איר ברוכן, אַז ער וויל, חלילה, קיין

שלעכטע זאַך נישט טון. איז זי באַשטאַנען, ער זאָל פֿאָרן לערנען, טאַ־טע־מאַמע זאָלן נישט וויסן, און ער איז צוזאַמען מיט זיינע חברים אַנטלאָפֿן.

דאָרט, אין דער גרויסער וועלט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קרייניןהאָט שוואַכע פֿעיקייטן צום לערנען. זיינע חברים האָבן אים געראָטן, ער זאָל זיך לערנען אַ מלאכה און ער האָט אָנגעהייבן אַרבייטן ביי אַ שמיד. פֿון דעם שמיד איז ער איבערגעגאַנגען צו אַ זייגערמאַכער און דער־נאָך גאָר צו אַ שניידער. דאָ האָט ער געפֿונען זיין אמתן טאַלענט. ער האָט שוין געקענט צושניידן, שוין געפירט אַליין אַ וואַרשטאַט און שוין זאָגאַר געוואָלט אַראָפּברענגען צו זיך זיין פֿרוי און קינדער, אָבער ער האָט זיך באַטראַכט, אַז כאָטש ער איז שוין אַ בעל־מלאכה, איז ער נאָך אַ „פֿאַרטאַטש". פֿיל יידישע בעלי־מלאכות שטאַרבן פֿאַר הונגער נאָר דערפֿאַר, וואָס זיי קענען נישט די מלאכה, ווי עס דאַרף צו זיין. וואָס־זשע האָט ער דאָ אויסגעפירט? זיין דערזעלבער קאַליקע, וואָס אַלע ? אַ דאַנק אַ באַקאַנטן שניידעריונג, וואָס האָט געאַרבעט פֿריער אין פּאַריז און דערנאָך ביי איינעם פֿון די בעסטע פּעטערבורגער שניידער, איז אים איינגעפֿאַלן אויך צו פֿאָרן קיין פּאַריז. אַ ביסל נדן־געלט האָט ער נאָך געהאַט. אַ ביסל האָט ער פֿאַרדינט און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו פֿאָרן קיין פּאַריז. דאָרט האָט ער געאַרבעט אַ יאָר דריי און איז ווידער געקומען קיין פּעטערבורג. דאָ האָט ער באַקומען אַ גוטע שטעלע, דערנאָך, ווען ער איז געקומען צו עטלעכע רובל, האָט ער אַליין געעפֿנט אַן אייגענעם וואַרשטאַט. איצט רעכנט ער זיך פֿאַר איינעם פֿון די פֿיינסטע שניידער און אין זיין מאַגאַזין קומען אַריין פֿון די גרעסטע לייט און באַשטעלן אַרבעט. קיין קאַפּיטאַלן האָט ער נישט, נאָר ער פֿירט זייער אַ שיין הויז, זיינע קינדער האָט ער געגעבן די בעסטע דערציִונג. פֿון זיינע עלטערע צוויי זין האָט ער אפֿילו אויך געוואָלט מאַכן שניידער, ווי ער, נאָר זיי זענען געווען פֿעיק צום לערנען און זענען אויסגעוואַקסן דאָקטוירים. פֿאַר אַנען האָט ער אָנגעגרייט עטלעכע טויזנט רובל נדן. ער האָט נאָך דריי קינדער, אַ מיידעלע און צוויי ייִנג־לעך, וועלכע לערנען אין שולע, נאָר ער רעכנט דורכאויס צו שיקן די ייִנגלעך, ווען זיי וועלן אונטערוואַקסן, קיין פּאַריז לערנען שניידעריי און זיי אויף דער עלטער איבערגעבן זיין פירמע, מיט וועלכער ער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען.

„וועגן דעם „כלל ישראל" און „מענטשהייט", וואָס ער פֿלעגט אַמאָל מיט זיינע חברים רעדן וועגן זיי, האָט ער פֿאַרגעסן, ווי אין „זיי

געזונט״! אידע האָט אים איצט אין יענער צייט דערמאָנט.

— עס ווייזט אויס, אַז איצט איז דאָרט נאָך ערגער, — האָט ער איר געזאָגט, און איז זייער צעפרידן געווען, וואָס ער האָט זיך צוריק מיט דרייסיק יאָר אַרויסגעכאַפּט פון די „קאַליקעס״, ווי אידע רופט זיי אָן.

— אידע! — האָט זיך פּלוצלונג שרה־ביילע אָנגערופן. — עס איז שוין צען אַ זייגער, איר וועט עפּעס עסן און גיין שלאָפן. ביי אונדז אין לאַוראָווע שלאָפט מען שוין לאַנג. דאָ עסט מען וועטשערע צוויי ביינאַכט און מען לייגט זיך שלאָפן פאַרטאָג. כלעבן, קומט מיט מיר עסן.

אין לאַוראָווע שלאָפט זי באמת שוין אין דער צייט, בפרט אַז זי האָט זיך אַ ביסל געפּילט מיד פון וועג. זי איז מיט מאַדאַם קריי־נין, וועלכע פּלעגט דאָ אויך פרי זיך לייגן, געגאַנגען עסן. אַלע האָבן געלאַכט.

— איר מעגט לאַכן און מיר וועלן בעסער מאַכן, — האָט שרה־ביילע געזאָגט.

*

אויף מאָרגן, זייער אַכט, ווען אידע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט זי געזען, ווי זי געפינט זיך אין אַ שיין צימערל. אַנט־קעגן איר שלאָפט אַנע, נאָר אַזוי געשמאַק, ווי אין ערשטן שלאָף. צווישן זייערע בעטן שטייט אַ טואַלעטטישל, פול אָנגעשטעלט מיט אַלער־ליי פלעשלעך, סלויעקלעך, שיסעלעך, פודעלעך, בערשטלעך און קעמע־לעך.

אויפשטיין האָט זי נישט געוואָלט, זי זאָל נישט שטערן אַנען פון שלאָף, איז זי געלעגן און באַטראַכט אַלץ, וואָס געפינט זיך אין צי־מער. פון איין זייט אַ וואַשטיש, פון דער צווייטער זייט—אַ קליידער־שאַפע, און ווידער האָט זי איבערגעטראָגן די אויגן אויף דעם טישל מיט די פלעשעלעך און פודעלעך.

— אַ גאַנצע אַפּטייק, א גאַנצע פאַבריק... — האָט זי געטראַכט.

פּלוצלונג האָט זיך שטיל געעפנט די טיר און די מאַדאַם קריי־נין האָט זיך אַריינגערוקט מיט אַ שיינענדיק געזיכט און מיט אַ גלאָז טיי און צוויי פרישע בייגל אין דער האַנט.

— אַ גוטער מאָרגן דיר... איך וועל דיר זאָגן „דו״... איך קען דיין מאַמען פון מיידלווייז, — האָט זי זיך געווענדט צו אידען, —

הונדערט יאָר זאָלסטו מיר לעבן! מיין הארץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז אַכט אַ זייגער וועסטו שוין ליגן מיט אָפענע אייגעלעך. טרינק אַ גלעזעלע טיי, — האָט זי געזאָגט און זיך געזעצט ביי אידען אויפן בעט. — טרינק, שעם זיך נישט. איך אין דיינע יאָרן פלעג איך אויך אין לאַווראָווע אויפשטיין נישט שפעטער, ווי זיבן אָדער אַכט. היינט שטיי איך אויך אויף נישט שפעטער... טרינק-זשע, וואָס שעמסטו זיך...

— איך שעם זיך נישט, נאָר אַנע וועט אויך מסתמא באַלד אויפשטיין, וועלן מיר צוזאַמען טרינקען.

שרה-ביילע האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

— פאַר איינס, אָדער צוויי אַ זייגער בין איך דיר ערוב, אַז זי וועט נישט אויפשטיין. זי האָט זיך מסתמא געלייגט פיר אָדער פינף פאַרטאָג.

— וואָס-זשע האָט זי געטון אזוי שפעט ?

— וואָס ? אָדער מען איז געזעסן און געפלאַפלט, אָדער געלייענט א פוסט ביכל. ווען אפילו זי זאָל זיך וועלן פריער לייגן, קען זי אויך נישט. אזוי זענען שוין אלע פרויען און פרייליינס דאָ אין דעם וויסטן פעטערבורג געוויינט. מען עפנט די אויגן צוויי א זייגער, ביז דריי טרינקט מען אין בעט קאַווע אָדער טיי, פון דריי ביז פינף גייט מען זיך אָפ מיט דער אַפטייק, וואָס געפינט זיך דאָ אויף דעם טישל, פון פינף ביז זעקס שפאַצירט מען אַ ביסל. זעקס גייט מען צו מיטאָג, און אַכט אַ זייגער גייט מען אין טעאַטער, אָדער מען גייט צוגאַסט, אָדער געסט קומען צו אונדז... אָט, נאַט, זעט, זי האָט אפילו קיין צייט נישט געהאַט די קליידער אויפצעהענגען אויף אָן אָרט, וואַלגערט זיך אַלץ אונטער די פיס. אַזא לעבן, אימשטיינס געזאָגט, פירט מען דאָ, אַזאַ מאָדע איז דאָ... אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן אַזאַ לעבן, נישט פאַר קיין יידישע טעכטער געזאָגט. אוי, ווען גאָט בענטש מיך חתונה צו מאַכן אַגושקען, וואָלט איך שוין אַלץ אוועקגעוואָרפן און אַנטלאָפן קיין לאַווראָווע, כאָטש קומען צו קבר-ישראל. איך וויל נישט ליגן דאָ צווישן אייגענע גוים... זאָלסט זען דאָ, מיין קינד, אַ בית-עלמין. נישט איצט געדאַכט, אונדזערער אַ באַקאַנטער סוחר איז געשטאָרבן, זענען מיר דאָרט געווען... די מצבות זענען אַלע מיט גוישע שונות געשריבן, נאָר נישט מיט יידיש... היינט מיינע שבתים מיט מיינע ימים-טובים, אימשטיינס געזאָגט. פסח טוט מען מיר צוליב און מען זעצט זיך ביים סדר. עס קומען געסט, מען זעצט זיך אַרום טיש, מען

רעדט, מען לאַכט, מען נעמט גישט קיין וואָרט הגדה אין מויל, נאָר איך מיט מיין מאַן, זאָל לעבן, „זאָגן". ער וואָלט אויך נישט „געזאָגט", נאָר ער טוט מיר צוליב. צלע לאַכן און ווערטלען זיך און אינגאַנצן האָט עס אַ פּנים, ווי אַ קאָמעדיע אין טעאַטער... נאָר גוט איז כאָטש דאָס אויך... וואָס וואָלט איך זיי געטון, אַז זיי זאָלן זיך צום סדר אפילו נישט וועלן זעצן? — איר וועט אפשר נאָך טרינקען אַ גלעזעלע טיי? איאָ? דאָס זענען גוטע בייגל. נאָך גוט, וואָס מען קריגט דאָ, אין פּעטערבורג, גוטע געבעקס, און נישט טייער.

—ניין, איך דאַנק אייך, איך וויל מער נישט... איך וויל אַנושקען נישט אויפוועקן פון שלאָף. איך וועל נאָך טרינקען מיט איר צוזאַמען.

— כאַ-כאַ! — האָט זיך שרהביילע ווידער צעלאַכט, — אויפוועקן פון שלאָף, זאָגסטו? אַנו, זאָל מען דונערן און שיסן, וועט זי דען אויפשטיין? דו וועסט נאָך דריי מאָל הונגעריק ווערן, ביז זי וועט אויפשטיין, און דערנאָך מיט איר אויך טרינקען טיי.

אַזוי רעדנדיק, איז זי מיט דעם ליידיקן גלאָז אַוועקגעלאָפן און באַלד געבראַכט נאָך אַ גלאָז טיי.

— אַז דו וועסט אָפּטרינקען, קענסטו נאָך שלאָפן אַ ביסל. דו האָסט זיך, נעבעך, געגנוג אָנגעפּאָרן. ווען עס זאָל כאָטש נישט זיין אַזוי ווייט אָט דאָס לאַוראָווע, וואָלט איך מיך געקענט אַמאָל אַראָפּכאַפּן, און אַזוי דאַרף מען האָבן אַ גאַנצן חודש, איידער מען פאָרט, איידער מען זעט זיך און איידער מען קומט. נו, פרעג איך דיך, ווי קען איך זיך אָפּרייסן פון דער שטוב אויף אַ גאַנצן חודש? אָט קוקט איר אָן אַלע מיינע פּריצים! לאָמיר אָבער אַוועקפאָרן אויף 1 חודש, איז אויס שטוב! די דינסטן וועלן באַגנבענען, און מיין אַלטער, וואָס וועט ער טון? מיין עלטערער זון מיט מיין שנור, זאָלן לעבן, וואָס זענען שוין גאָר גרויסע מענטשן פאַר זיך און מען דאַרף שוין נישט די מאַמען... נאָר טאָמער מאַכט זיך עפּעס, חלילה, אין שטוב, דאָס קינד, מיינע ביינער זאָל עס איבערלעבן, אָדער וואָס, אָדער ווען, שיקט מען באַלד נאָך דער מאַמען... היינט ווי קען איך אַוועקפאָרן?

— וואָס מאַכט דיין טאַטע, די מאַמע, זי געדענקט מיך כאָטש? — האָט מאַדאַם קריינין ווייטער געזאָגט. — איך זאָל געוועזן וויסן מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, אַז די קומסט צו אונדז, וואָלט איך געבעטן דיין

מאַמען, זי זאָל קויפן פון מיינעטוועגן אַ טאָפּ „ראָבע פּאַסאָליעס" און אַ האַלבן פוּד „רעטשענע מעל". וואָס פאַר אַ צימעס, וואָס פאַר אַ לאַטקעס מען קען מאַכן! מיין מאַן אַליין האָט מיך שוין אַמאָל געבעטן וועגן דעם, נאָר דאָ, אין דעם ווייסטן פּעטערבורג, וועט איר קיין ראָבע פּאַסאָליעס מיט רעטשענע מעל נישט באַקומען פאַר קיין בריליאַנטן. אַ טייער שטעטל איז לאַוורעווע. זאָג מיר נאָר, ליבע אידע, אַז מען פאָרט אַרויס פון שטאָט, שטייען נאָך די צוויי בערעזעווע ביימער לעבן דער בריק? ווי שיין זיי פלעגן וואַקסן! זומער זענען זיי גאָר ווי פּאַראַסאָלן. אין די הייסע טעג, ווען מען גייט זיך באָדן, איז אַזוי קיל צו זיצן לעבן זיי... זיי שטייען נאָך דאָרט, זאָגסטו?

— היינט פאָרט מען שוין אַרויס פון שטאָט מיט דער באַן פון אַן אַנדער זייט, נאָר דאַכט זיך, אַז די ביימער שטייען נאָך לעבן דער בריק.

— מיט דער באַן, זאָגסטו? קיין לאַוורעווע פאָרט מען שוין מיט דער באַן? איך ווייס, איך האָב שוין געהערט, נאָר ווי אַזוי גייט זי דאָרט? דורך וואַסער זייט? איך קען זיך גאָרנישט אויסמאָלן דורך וואַסער...

—איר געדענקט, ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען סטאַווישצער קרעטשמע אויף דעם וועג קיין טאַראַשצע?..

— וואָס הייסט, איך ווייס נישט?—איז שרה-ביילע איר אַריינגעפאַלן אין די רייד.—ווער ווייסט עס נישט סטאַווישצער קרעטשמע? וויפל מאָל בין איך מיט מיין מאַמען, זי זאָל פאַר אונדז און פאַר כל-ישראל זיין אַ גוטע בעטערין, געפאָרן קיין טאַראַשצע אויף חתונות.

— נו, אָט לעבן דער קרעטשמע גייט די באַן. דאָרט שטייט דער וואָקזאַל.

— דאָרט שטייט דער וואָקזאַל!—האָט זי געזאָגט מיט פרייד, פונקט ווי זי וואָלט געהאַט אין דער באַן פינפהונדערט אַקציעס.

פיל האָט שרה-ביילע נאָך גערעדט וועגן דעם „טייערן לאַוורעווע" און וועגן דעם „ווייסטן פּעטערבורג", און פלוצים האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון:

— נו, מיין קינד, שלאָף נאָך אַ ביסל. איך האָב זיך שוין פאַררעדט און האָב נאָך אַזויפיל אַרבעט!—און מיט דער ליידיקער גלאָז אין האַנט איז זי אַרויסגעגאַנגען, שטיל פאַרמאַכנדיק די טיר הינטער זיך.

אידע האָט נישט באַמערקט, ווי עס זענען שוין אַוועקגעגאַנגען צוויי וואָכן. אין די ערשטע טעג האָט זי געשריבן אַהיים, אַז זי איז בשלום געקומען צו פאָרן, אַז ביי קריינינען האָט מען זי זייער פיין אויפגענומען. ביי סאָלאָמאָנאָווען איז זי נאָך נישט געוועזן, ווייל ער מיט זיין פאַמיליע וווינען איצט נישט אין שטאָט. זי האָט אַלץ געשריבן קורצע בריוו אַהיים, ווייל זי האָט נישט געהאַט וועגן וואָס צו שרייבן, נאָר באַלד ווי זי וועט זיך איינאָרדנען, וועט זי שרייבן אַ גרויסן בריוו. ווען עס איז שוין אָבער געקומען די צייט פון שרייבן דעם צוגעזאָגטן גרויסן בריוו, האָט זי דערזען, אַז עס זענען שוין אַוועקגעגאַנגען צוויי וואָכן און זי האָט נאָך גאָרנישט געטון וועגן דעם, וואָס זי איז געקומען צו פאָרן.

די צייט איז אַוועקגעגאַנגען מיט וויזיטן, מיט שפּאַצירן, מיט גיין אין טעאַטער, מיט זיצן שפּעט און שלאָפן שפּעט. אין דער צייט האָט זי זיך פון פיל יונגעלייט אָנגעהערט טויזנטער קאָמפּלימענטן, אַז זי איז אַ שיינע. און אַנע האָט איר געזאָגט, אַז זי איז איר מקנא מיט איר שיינקייט. זי וואָלט זיך גערעכנט פאַר דער גליקלעכסטער אין דער וועלט, ווען זי זאָל זיין אַזוי שיין. ווען אידע האָט אירע נייע באַקאַנטע דערציילט, וועגן וואָס זי איז געקומען אין דער גרויסער שטאָט, אַז זי וויל לערנען, האַלטען עקזאַמען, ענדיקן עטוואָס, האָבן דאָס רעכט אַליין צו עפענען אַ שולע און לערנען אַנדערע, ווערן זעלבשטענדיק, זיין אַליין אַ מענטש און מאַכן אַנדערע פאַר מענטשן, האָט מען געלאַכט פון איר און זי האָט באַמערקט, אַז אפילו די, וואָס האָבן געזאָגט, אַז עס איז זייער גלייך אַזוי, אַז יעדע פרוי דאַרף זיין זעלבשטענדיק, האָבן אויך געלאַכט פון איר, נאָר אין דער שטיל, באַהאַלטן.

דער יונגער דאָקטאָר קריינין האָט איר פּאָר אַלעמען אָפּן געזאָגט, אַז זעלבשטענדיק דאַרף נאָר זיין אַ פרייל, וואָס די נאַטור האָט זי באַגלידיקט, אָדער ווען זי איז אָרעם, אָבער די מיידלעך, וואָס זענען שיין אָדער רייך, דאַרפן נאָר לעבן אין ווילטאָג. ווער שמועסט נאָך אַזאַ שיינע, ווי אידע, ברויכט אַוודאי נישט צו בייגן דעם קאַרק און אַרבעטן אָדער זיך אָפּעסן דאָס האַרץ מיט קינדער לערנען און פאַרלירן דערביי די שיינקייט מיטן געזונט. אַזוינע פריילנס ווי אידע, דאַרפן נאָר אַליין לעבן און דעם אַנדערן פאַרזיסן דאָס לעבן.

— זייט זיך אַלע מודה, אַז מיר האָבן אויך פאַרגעניגן צו קוקן אויף אידען. זי איז דאָך שיין...—האָט דאָס יונגע דאָקטאָרל געענדיקט מיט אַ געלעכטערל.

אַלע האָבן געלאַכט און אידע האָט גאָרנישט געענטפערט. זי איז נאָר שטאַרק רויט געוואָרן און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט איז זי אַוועק צו זיך אין צימער און, נישט ווילנדיק, זיך צעוויינט.

— קיינער וויל מיר נישט העלפן מיט אַ גוט וואָרט אָדער מיט אַן עצה. אַלע זענען קעגן מיר און לאַכן פון מיין קומען לערנען אין דער גרויסער שטאָט. שוין זשע זענען זיי אַלע גערעכט? אָ, ניין, דאָס קען נישט זיין! דאָס זענען נאָר אַזוינע, וואָס טראַכטן און לעבן נאָר פאַר זיך אַליין. געוויס זענען דאָ אין דער גרויסער שטאָט פיל אַזוינע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט יענעם אויך... איך דאַרף די מענטשן געפינען און וועל זיי געפינען.

אידע האָט איינמאָל איר גאַנץ האַרץ געעפנט פאַר דער מאַדאַם קריינין, וועלכע פלעגט שטענדיק האַלטן מיט איר, אָבער זי האָט איר אויך געזאָגט, „אַז אַ מיידל דאַרף נישט לערנען".

—מיין אַנושקע האָט געענדיקט גימנאַזיע, און וואָס?—גאָרנישט!— האָט שרה-ביילע דערמיט דערוויזן, ווי צוויי מיט צוויי איז פיר, אַז אַ מיידל דאַרף נישט לערנען.

— גימנאַזיע האָט זי געענדיקט? — האָט אידע פאַרוווּנדערט איבערגעפרעגט.—פאַרוואָס-זשע טוט זי גאָרנישט?..

— וואָס זאָל אַ מיידל טאָן? אַז גאָט וועט באַשערן אַ גוטן חתן, וועט זי, אם ירצה השם, אין אַ גוטער שעה אַ כלה ווערן.

— אויב אַזוי, צו וואָס-זשע האָט זי באַדאַרפט נאָך ענדיקן אַ גימנאַזיע?..

— איך ווייס טאַקע אויך נישט... איך האָב שטענדיק געזאָגט מיין עלטערן, אַז אַ מיידל דאַרף מען נישט לערנען, האָט ער מיך נישט געוואָלט פאָלגן, און, ווידער, היינטיקע קינדער פאָלגן דען?

— ווען איך האָב אַנעס אַטעסטאַט פון אַ גימנאַזיע, וואָלט איך איבערגעקערט וועלטן!

— און ווען איך בין אַזוי שיין, ווי אידע, וואָלט איך אויך איבערגעקערט די וועלט! — האָט מיט אַ גרויס געלעכטער זיך אָנגערופן אַנע, וועלכע איז גראַדע אָנגעקומען אויף די רעד, און האָט זיך פון גרויס געלעכטער אַ וואָרף געטאָן אין אַ גרויסן ווייכן שטול.

— דו באַליידיקסט מיך, ליבע אַנע... דו געפינסט אין מיר נישט קיין אַנדערע מעלה, ווי שיינקייט. ערשטנס, בין איך נישט אַזוי שיין, ווי דיר ווייזט זיך אויס און, צווייטנס, בין איך נישט קיין פערד, וואָס מען זאָל נאָר רעדן פון מיין שיינקייט. זייט איך בין ביי אייך אין הויז, הער איך נאָר וועגן דעם רעדן פון אייך, פון אייערע ברידער און פון אַלע אייערע באַקאַנטע. שוין זשע בין איך אַזוי פּראָסט אָדער ווי איר רופט עס אָן „קליינשטעטלדיק", אַז מען קען מיט מיר פון קיין אַנדערע זאַכן נישט רעדן? איר האָט, דאַכט זיך, געענדיקט גימנאַזיע, אייערע ברידער האָבן געענדיקט אוניווערזיטעטן און בכלל זע איך, אַז צווישן אייערע באַקאַנטע געפינען זיך געבילדעטע מענטשן. איך האָב אויך עפּעס געלערנט און געלייענט, פאַרוואָס זשע רעדן זיי נאָר מיט מיר וועגן מיינע אויגן, מיינע האָר, מיין געזיכט, מיין טאַליע. די, וואָס רעדן שוין מיט מיר וועגן ליטעראַטור, וויסנשאַפט און פאַרשידענע פראַגן, וואָס מיך אינטערעסירן, באַמערק איך, ווי עס איז זיי לאַנגוויילי[ק]... זיי טוען עס נאָר לפנים, מיר צוליב. מיך אָפּנאַרן איז שווער, איך קען קוקן און זע אַלץ, כאָטש איך בין אַ קליינשטעטלדיקע.

אַנע האָט זי אַרומגענומען און איר געגעבן עטלעכע קושלעך, צו ווייזן, אַז זי מיינט כלל נישט זי צו באַליידיקן.

— דו ביזט טאַקע אַ קליינשטעטלדיקע, אַ פּראָווינצערין, ווען דו באַליידיקסט זיך דערמיט. שוין-זשע ווייסטו נישט, אַז די גרעסטע מעלה איז, ווען מען איז שיין? אָך און ווי איז דער, וועלכע האָט געהאַט דאָס אומגליק געבוירן צו ווערן נישט שיין, און גליקלעך איז די, וועלכע איז שיין. איך בין גראַדע אָנגעקומען אויף די רייד, ווי דו האָסט געזאָגט, אַז דו ביזט מיך מקנא, וואָס איך האָב געענדיקט גימנאַזיע.

גלויב מיר, איך וואָלט דיר אוועקגעגעבן מיין אטעסטאט, מיט אַלץ, וואָס דו וואָלסט נאָר פאַרלאַנגט, און אפילו נאָך צען יאָר פון מיין לעבן וואָלט איך דיר צוגעגעבן, ווען איך זאָל זיין שיין אַזוי ווי דו!.. עס איז נישטאָ קיין גרעסער גליק אין דער וועלט פאַר אַ פריילן, ווי צו זיין שיין. איך וואָלט זיך געפילט פאַר דער גליקלעכסטער, ווען...

— איך פאַרשטיי דיך נישט, — האָט אידע זיך אָנגערופן מיט האַרץ, — ווי שעמסטו זיך נישט! עס איז אַ גרויסע זינד פון דיר אַזוי צו רעדן! דו קענסט זיך אויף קיינעם נישט באַקלאָגן, דו...

אַנע האָט מיט די הענט פאַרשטעלט אידען דאָס מויל.

— רעד נישט, איך בעט דיך! איך ווייס, דו ווילסט זאָגן, אַז איך בין אויך אַ שיינע!.. נאָר דאָס איז נישט אמת! איך געהער נישט צו די מיאוסע, אָבער צו די שיינע אוודאי נישט.

—אָבער עס זענען דאָ פיל שיינע, וואָס זענען אומגליקלעכער פאַר די נישט שיינע... מיט וואָס וואָלסטו אַזוי גליקלעך געווען, ווען דו זאָלסט זיין שיין, ווי דו שטעלסט זיך פאָר?

— מיט וואָס? אָ, איך וואָלט זיך נוקם געווען אין די מאַנס-לייט!

— נוקם זיין! פאַרוואָס? — האָט אידע פאַרוואונדערט גע-פרעגט.

— דו קענסט זיי נאָך נישט, וואָס פאַר א ווילדע חיות זיי זע-נען! זיי זענען אונדזערע גרעסטע שונאים! זיי זענען פרויען-רוצחים!.. עס איז איינער פון זיי קיין לייטישער נישטאָ. ווען זיי רעדן מיט אונדז, זענען זיי אַזוי גוט, אַזוי פיין, צוקער-זיס... פארדרייען זיי נאָר דעם קאָפּ, פארגעסן זיי באַלד אין „זייט געזונט".

אידע האָט, ווי דערשראָקן, זי אָנגעקוקט מיט אירע בלויע אויגן, טראַכטנדיק, „אַז די אַנע איז גאָר משוגע"... וואָס רעדט זי אַזוינס? אַנע האָט זיך געשפיגלט אין אידעס אויגן, ווי אַ פאַרליבטע, און אַלץ דער-ציי.ט שרעקלעכע זאַכן וועגן די מאַנסלייט — די פרויען-רוצחים. אי-דע האָט אָבער געהערט מיט איין אויער. זי איז איצט געווזן פאַר-נומען מיט דער פראַגע, וואָס טוט זי איצט אין דער גרויסער שטאָט און מיט וואָס פאַרברייגגט זי דאָ די צייט.

אין צימער איז שוין געווען טונקל. די פעטערבורגער זומערדיקע ווייסע נאַכט האָט אַריינגעקוקט אין די אָפענע פענסטער. אַנע האָט אויפגעהערט צו רעדן, זי האָט זיך אויסגעצויגן אויפן שטול, אַ פוילן

גענעץ געטון און זיך שטאַרק צוגעטולעט צו אידען.

— ווען דו, אידעטשקע, זאָלסט וויסן, ווי דו געפעלסט יעדן, ווען דו זאָלסט וויסן, ווי דו געפעלסט מיין ברודער, דעם דאָקטאָר!.. אַך, ווען דו זאָלסט וויסן. ווי דו געפעלסט זיין חבר ארקאַדיע מארקאַוויטש! ווען דו זאָלסט וויסן, וואָלסטו זיך נישט אַרומגעטראָגן מיט דיינע קליינשטעטלדיקע נאַרישקייטן: לערנען, אַרבעטן, זעלבשטענדיק...

— איך ווייס נישט און וויל נישט וויסן...

— שיין נאַרעלע! מיט דיר קען מען פון קיין זאַך נישט רעדן. נאָר ווען איך בין אויף דיין אָרט, וואָלט איך אַזאַ יונגנמאַן, ווי מיין ברודער, וואָס האָט שוין גענוג פריילנס פאַרדרייט דעם קאָפּ, געלאָזט נאָכלויפן, ווי אַ הינטל, און אָט דער ארקאַדיע וואָלט דאָ ביי מיר גע־, עגן צו די פיס.

אַנע האָט דערביי געוויזן אויף דער פּאָדלאָגע און אויף אירע שיינע אויפגענייטע שיכלעך.

— אַלעמען, אַלעמען וואָלט איך דעם קאָפּ פאַרדרייט. אַלע וואָלטן ביי מיינע פיס געלעגן. אָט קוקסטו אָן אָט די מאַנסלייט, ווי שטאַרק, שטאָלץ, קלוג און פּראַקטיש זיי זענען... אָבער אז אַ שיינע רעדט מיט זיי אַ וואָרט, ווערן זיי, ווי די לעמעלעך, און מען קען מיט זיי טון, וואָס מען וויל נאָר. אַלע ווערן דיר דינען, ווי געטרייע הינטלעך. פון זייער גאַנצן שטאָלץ, שטאַרקייט און שכל איז קיין זכר נישטאָ. אָ, אידעטשקע טייערע, ווען דו זאָלסט וויסן, וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן עס איז צו געוועלטיקן איבער מאַנסלייט... איך האָב געהאַט אַ חברטע, זי איז אויך געווען זייער אַ שיינע און האָט אויך ליב געהאַט צו פאַר־דרייען די קעפּ... זי איז איצט אין אויסלאַנד, זענען איר נאָכגעפאָרן עטלעכע יונגעלייט, און אפילו איינער אַ באַווייבטער...

— צו וואָס דערציילסטו עס מיר? עס אינטערעסירט מיך גאָר ווייניק צו הערן אַזוינע פּוסטע מעשיות. איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, איך האָב מיך נישט געריכט... נאָר גענוג, לאָמיר אויפהערן צו רעדן פון אַזוינע נאַרישקייטן.

— נאַרישקייטן, זאָגסטו? אָ, ווען דו זאָלסט וויסן, ווי איך לייד פון אָט דעם ארקאַדיע מארקאַוויטש... איך האָב אים ליב... ער איז מיין גאַנץ לעבן... און ער... ער... אַך, אידעטשקע, ווי איך בין דיך מקנא!— האָט זי ווייטער גערעדט.

— דו ביזט זייער נערוועז.

— יאָ, איך בין נערוועז, דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען אר-קאדיען...

— קינדער! — האָט מאַדאַם קריינין זיי גערופן פון צווייטן צי-מער. — צום טיש! אסיפ מיט ארקאדיע מארקאוויטשן זענען אויך געקו-מען!

אידע האָט נישט געוואָלט גיין צום טיש. זי איז געבליבן ביי זיך אין צימער און זיך פאַרענטפערט דערמיט, אַז זי וויל נישט עסן און וויל זיך פריער לייגן שלאָפן. די מאַדאַם קריינין האָט איר די וועטשערע געבראַכט אין צימער.

די נאַכט האָט זי נישט רויק געשלאָפן. זי האָט זיך אַלץ געער-גערט דערפון, וואָס זי פאַרברייננגט דאָ די צייט מיט גאָרנישט. זי האָט אָבער פעסט באַשלאָסן ביי זיך צו מאַכן אן ענדערונג אין לעבן. זי וועט נאָך זיין ביי איר פּאַטערס יוגנט-פריינט סאלאמאנאוו, פון וועלכן זי האָט אַזויפיל גוטס געהערט נאָך אין לאווראָווע און דאָ אויך אין פעטערבורג. און דערנאָך? — דערנאָך וועט זי שוין וויסן, וואָס זי האָט צו טון.

אויף מאָרגן האָט זי געשריבן אַ בריוו אַהיים: „דערווייל שרייב איך אייך אין קורצן, ווי איך פאַרברייננג דאָ די צייט. נאָר ווען איך וועל זיין ביי ה' סאלאמאנאוו, וועל איך אייך שרייבן אַ גרעסערן בריוו. ביי ה' סאלאמאנאוו בין איך ביז איצט נישט געוועזן, ווייל, ווי איר ווייסט, וווינט ער זומער נישט אין שטאָט. איך האָב אפילו דעם בריוו ביז איצט נישט איבערגעגעבן, און ביז איך וועל זיך מיט אים נישט זען, קען איך וועגן זיך פיל נישט שרייבן.“

לעוו אָסיפּאָוויטש סאָלאָמאָנאָוו.

ער איז געווען איינער פון די פעיקסטע ייִנגלעך אין לאָוראָווע. די מלמדים האָבן זיך נישט געקענט אָפּלויבן פון זיין גוט קעפּל. אין בית־המדרש האָט ער זיך גערעכנט פאַר דעם בעסטן לערנער. זיינע עלטערן האָבן געמיינט, אַז פון לייבעלען, ווי מען האָט אים דאַן גערופן, וועט אויסוואַקסן אַ רב, אָבער זיי האָבן זיך טועה געווען. אויף לייבעלען מיט זיין חבר פלעגט דאָס שטעטל זאָגן, אַז זיי זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן דאָס אפּיקורסות איינגעפירט אין לאָוראָווע.

ווען לייבעלע איז מיט דער חברה געלאָפן אין דער וועלט אַריין לערנען, זענען אים די עלטערן נאָכגעלאָפן און אים צוריק אומגעקערט פון מיטן וועג. מען האָט אים באַלד אויך אָנגעטון אַ קייט אויף דעם האַלדז, דאָס הייסט, חתונה געמאַכט און דווקא מיט אַ רבס אַ טאָכטער, כּדי לייבעלע זאָל אַריינפאַלן אין גוטע הענט. דער רב האָט זיך אפילו אין אָנהייב געקווינקלט, נאָר לייבעלעס טאַטע האָט צוגעצאָלט „אין בייטל אַריין", און עס איז גיך מיט מזל אַ שידוך געוואָרן. לייבעלען האָט מען צו דער חתונה אויסגעקליידט אין בגדי מלכות, מיט אַ זיידענער קאַפּאָטע און מיט אַ פיינעם פוטערל. נאָך דער חתונה איז ער געזעסן ביים רב אויף קעסט, אָבער איבער פיל טעמים איז זיך לייבעלען נישט געזעסן. ערשטנס, האָט ער פון לאַנג, כמעט פון די קינדעריאָרן אָן, ליב געהאַט גיטלען, זיין חבר נחמנס שוועסטערל, וואָס האָט געהאַט אַ לאַנגן צאָפּ און ליכטיקע בלויע אויגן. וויפל מליצה־לידער פלעגט ער אָנ־

שרייבן און זיי אַליין זינגען. ער האָט שוין לאַנג אָפּגערעדט מיט איר, אַז ער וועט אַוועק לערנען אין דער גרויסער וועלט, און אַז ער וועט „ענדיקן“, וועלן זיי חתונה האָבן. און, צווייטנס, האָט ער זייער פֿיינט געהאַט זיין ווייב. ער האָט נישט געקענט אויף איר קוקן. זי איז גע־ ווען דער היפּך פֿון גיטלען: מיאוס, שלעכט און נאַריש. חוצדעם, וואָס זי איז געווען עלטער פֿון אים מיט אַ יאָר זעקס, איז זי געווען צו דיק פֿאַר אירע יאָרן, כאָטש מיידלוויינז פֿלעגן זי די יידישע ווייבער לויבן דערפֿאַר, זאָגנדיק, אַז דעם רבס טאָכטער איז אַ מויד ווי אַ שיף און האָט אַ פּנים ווי אַ טעלער... לייבעלען האָט פּשוט געעקלט פֿון איר־ דערמאָנען פֿון גט האָט ער אָבער מורא געהאַט פֿאַר זיינע עלטערן און, ווידער, האָט ער גוט געוווּסט, אַז עס וועט גאָרנישט אַרויסקומען דער־ פֿון. זיין ווייבל וועט קיין גט נישט נעמען. ווי אויף צעזעצעניש האָט זי אים גראַדע ליב געהאַט און פֿלעגט אים לויבן פֿאַר אַנדערע ווייבלעך, אַז ער איז שיין און קלוג, און דערצו אַ גרויסן למדן. אַי, ער האָט אַ שם רע, פֿאַרוואָס ער האָט געוואָלט אַנטלויפֿן און ווערן אַן אפּיקורס, וועט ער ביי איר טאַטן אין הויז זיך מ ו ז ן אויסבעסערן.

שווער און ביטער האָט זיך דאַן אויף קעסט געלעבט לייבעלען. אויסער דעם שווערס ספֿרים, האָט ער נישט געטאָרט אַריינקוקן אין אַן אַנדער ספֿר. לייבעלעס פֿאָטער איז זייער צעפֿרידן געווען, וואָס ער האָט זיין זון אַריינגעגעבן אין אַזוינע גוטע הענט און האָט זייער גע־ שעצט זיין מחותן מיט דער שנור. מער פֿון אַלעם האָט לייבעלע געליטן, וואָס ער טאָר זיך נישט זען מיט זיינע פֿריערדיקע חברים, אפֿילו נישט מיט נחמנען. פֿונדעסטוועגן פֿלעגט ער זיך בסוד סודות אַריינכאַפּן צו זיין חבר.

נחמנען האָט מען אפֿילו אויך חתונה געמאַכט, און אויך אַוועק־ געזעצט ביי שווער און שוויגער אויף קעסט, אָבער נחמן האָט מזל גע־ געהאַט. האָט ביי זיך אין צימער געקענט לייענען און לערנען, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט. זיין ווייב האָט אים גאָרנישט געשטערט. פֿאַרקערט, זי פֿלעגט אים נאָך אָפּהיטן פֿון טאַטע־מאַמע, זיי זאָלן זיך נישט דער־ וויסן. פ ע ס ל מיט איר פּראָסטקייט און גוט האַרץ האָט געגלויבט, אַז אַלץ, וואָס איר מאַן טוט, איז גוט. ווען טאַטע־מאַמע האָבן אפֿילו אַמאָל באַמערקט, אַז נחמן פֿירט זיך נישט, ווי זיי ווילן, האָבן זיי מיט אַ קרעכץ זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק. „אַז דער טאָכטער איז ניחא, מוז זיי אַוודאי זיין ניחא“, פֿלעגן זיי שעפּטשען, און נחמן האָט געלעבט, ווי ער האָט

געוואָלט, זיין היים, זיין פרוי זענען אים געוואָרן ליב. אים האָט אויפ־געהערט אַזוי שטאַרק צו ציען אין דער וועלט אַריין. ער האָט דערוויילגעשמאַק געלערנט און געהאָפט, אַז שפּעטער, שפּעטער, מיט דער צייטוועט ער נאָך פאָרן.

לייבעלע פלעגט מקנא זיין נחמנען. ער האָט אָנגעהייבן קומען צואים עפטער און ביידע צוזאַמען געלערנט. ער האָט אויך איינמאָל דאָרטבאַגעגנט גיטלען. אַז זי האָט אים דערזען, האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן.ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זי האָט זיך שטאַרק פאַרשעמטאון איז אַוועקגעאַנגען. לייבעלע האָט דערנאָך געוויינט. זיין האַרץ איזאים שיער נישט צעריסן געוואָרן. גיטל איז וואָס אַמאָל שענער גע־וואָרן, און ער פלעגט זי אויף קיין איין מינוט נישט קענען פאַרגעסן.

טאַטע-מאַמע, שווער און שוויגער האָבן זיך דערוווסט, אַז ער זיצטעפטער ביי נחמנען, און עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ מחלוקת. ער האָטענדלעך געזאָגט זיין פאָטער, אַז ער האָט פיינט דאָס ווייב און וויל זיךמיט איר גטן, נאָר יענער האָט אים דערויף געענטפערט:

—איך ווייס וואָס דיר ווילט זיך! דיינע ייִנגלשע נאַרישקייטן ליגןדיר נאָך אין קאָפּ... ווילסט זיין אַ פריי פייגעלע, לויפן אין די שקאָ־לעס, ווערן אַן אָפענער אפיקורס, דערציילסטו בבא־מעשיות, אַז דו האָסטפיינט דיין ווייב!

די מחלוקתן צווישן טאַטע-מאַמע, שווער און שוויגער און מיטדעם ווייב זענען נאָך גרעסער געוואָרן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז לייבעלע, ווי אין וואַסער פאַרפאַלןגעוואָרן און אפילו קיינעם קיין „זיי געזונט" נישט געזאָגט. ער איז שויןגעווען ווייט פון לאַוורעווע. אין דער ערשטער שטאָט, אין וועלכע ערשאיז געקומען, האָט ער מיט אַ באַזונדער כעס אַראָפּגעוואָרפן פון זיך,ווי אַן אַנטלאָפענער אַרעסטאַנט, די קייטן: זיינע לאַנגע קליידער, דיבאָרד און פיאות, אַלץ, אַלץ, וואָס האָט נאָר געטראָגן אַ סימן פון אַייִדן און ייִדישקייט, און מיט אַ גרינגן זיפץ זיך געזאָגט: „אַליין, אַליין,בין איך, איך האָב איצט נישט מער קיין עלטערן, קיין שווער און שווי־גער... איך האָב מער קיין ווייב נישט! איך בין אַליין, איך בין אַרויספון דער אייביקער תפיסה און בין פריי! איך טראָג אויף זיך מער נישטקיין קייטן!"

אים האָט זיך אָבער ווי נישט געגלויבט, אַז ער מעג שוין אַלץ טון.עס האָט זיך אים נאָך אַלץ אויסגעוויזן, אַז טאַטע-מאַמע, שווער און

שוויגער, דאָס ווייב און דאָס גאַנצע שטעטל וועלן זיך אַרויפוואַרפן אויף אים. יעדן באַפרייטן אַרעסטאַנט ווייזט זיך נאָך לאַנג אויס, אַז ער איז נישט פריי... מיט דער פרייהייט מוז מען זיך אויך געוויינען. און לייבעלע, וואָס האָט זיין נאָמען אויך איבערגעביטן אויף ל ע ו ו אַ ס י פּ אַ ו י ט ש ס אָ ל אָ מ אָ נ אָ ו ו, האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוויינט צו זיין פרייהייט.

מיט אַ טייל פון זיין נדן־געלט, וואָס ער האָט מיט זיך גענומען, איז ער אין פיל שטעט אויסגעווען, נייע באַקאַנטשאַפט געמאַכט און איז געקומען קיין פּעטערבורג. דאָ האָבן זיך זיינע שווער און שוויגער דערוווּסט, ווי אַזוי זייער איידעמל פירט זיך אויף, האָבן זיי געשיקט אַ מענטשן, וועלכער האָט געפוע־ט, ער זאָל אָפּגטן זייער טאָכטער און מען האָט לייבעלען נאָך „אין בייטל באַצאָלט".

ערשט איצט האָט ער זיך דערפילט, אַז ער איז אינגאַנצן פריי. ערשט איצט האָט ער דערזען, ווער און וואָס ער איז. צווייאונצוואַנציק יאָר איז ער אַלט, און דאָ, אין פּעטערבורג, האָט ער זיך ערשט דער־וווּסט, אַז ער איז יונג, געזונט, שיין, אַז ער איז פעיק און מען שעצט אים דאָ מער, ווי אַ סך אַנדערע יונגעלייט. ער וווינט אין אַ שטאָט, ווו מען קען אַזויפיל אַרבעטן, ווען מען איז נאָר נישט פויל, און לעוו אַסיפּאָוויטש איז נישט געווען פון די פוילע. ער האָט זיך שטאַרק גענומען צום לערנען און, אַ דאַנק זיינע פעיקייטן, האָט ער אין גיכסטן געהאַלטן עקזאַמען און אַריינגעטראָטן אין אוניווערזיטעט. ווי דער שטייגער איז, האָט ער פאַר זיין שיינקייט, לעבעדיקייט און פעיקייטן שטענדיק געהאַט די בעסטע לעקציעס אין די רייכסטע היי־זער.

צו גוט האָט זיך אים געלעבט אַלס סטודענט. צו גרינג איז אים אָנגעקומען זיין לערנען אין דער צייט, ווען דאָס רוב פון זיינע חברים סטודענטן האָבן געלעבט אין גרויס אָרעמקייט. און דעריבער טאַקע איז זיי דאָס לערנען אויך שווער אָנגעקומען. נאָר אין דעם אַלעמען איז לעוו אַסיפּאָוויטש געווען אַן אויסנאַם, און דאָס אַלץ האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען זיך אַליין. קיין איבעריק געלט האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט: אָדער ער האָט עס פאַרלעבט, אָדער ער האָט צעטיילט זיינע חברים.

ער האָט געענדיקט דעם אוניווערזיטעט אַלס יוריסט, נאָר ווען ער איז אַריינגעטראָטן אין לעבן, האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז ער

נאָר קיין אַדוואָקאַט נישט זיין. ער האָט זיך געוואָרפן צו פאַרשידענע געשעפטן, און געענדיקט דערמיט, וואָס ער איז אַריינגעטראָטן אין אַן אויסלענדישן האַנדלסהויז. אָבער אים האָט זיך אַלץ נישט געזעסן אויף איין אָרט. ער האָט זיך פון דער שטעלע אָפּגעזאָגט און אַליין געעפנט אַ האַנדלסהויז פון פאַרשידענע אויסלענדישע פאַבריק-אַרטיקלען, איבערהויפּט פון אייזן, פאַרשידענע מעטאַלן און מאַשינען.

לעוו אסיפּאָוויטש האָט אָנגעהייבן פאַרדינען שיין געלט און אָנגעהייבן טראַכטן פון אַ ניי לעבן, דאָס הייסט נעמען אַ פרוי פון דער היינטיקער וועלט, האָבן קינדער און דערציען זיי נישט אַזוי פאַנאַטיש און ווילד, ווי די עלטערן אין לאַווראָווע.

איבער די בלויע אויגן, אין וועלכע ער איז געווען פאַרליבט, פלעגט ער נאָך עד-היום נישט איינמאָל טיף אָפּזיפצן. נאָר וואָס האָט ער געקענט העלפן? יענע האָט שוין געהאַט קינדער מיט אַן אַנדערן מאַן.

לעוו אסיפּאָוויטש האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּעטערבורגער פריילן פון אַ יאָר אכטאונצוואנציק. ער האָט זיך מיט איר באַקאָנט נאָך אין די ערשטע צייטן, ווען ער איז קיין פּעטערבורג געקומען. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט נישט גענומען קיין נדן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונגנמאַן, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער פינסטערניש אין דער ליכטיקייט.

די פריילן סאָפיע מארקאָוונע, מיט וועלכע ער האָט חתונה געהאַט, האָט זיך אויסנעצייכנט דערמיט, וואָס זי האָט געענדיקט אַ שטיקל פּאַנסיאָן און זיך געקענט אָנטון נאָך דער לעצטער מאָדע. נאָר אַליין איז זי געווען אַ לאַנגע, אַ דאַרע, אַ שמאָלביינערדיקע און האָט ליב געהאַט אַ סך צו רעדן. זי האָט זיך געהאַלטן העכער פאַר איר מאַן, ווייל זי איז דאָך אַ געבוירענע פּעטערבורגער און אַ היינטוועלטיקע, געענדיקט אַ פּאַנסיאָן, געשפּילט אַ ביסל פּיאַנאָ. און ער—כאָטש ער זעט אויס, ווי אַ געבוירענער פּעטערבורגער, וואַקסט פאָרט פון אַ קליין שטעטל.

אין אָנהייב פלעגט ער דערפאַר אַליין אַ ביסל דרך-ארץ האָבן פאַר איר, נאָר דערנאָך האָט ער איינגעזען, אַז כאָטש זי האָט געענדיקט אַ פּאַנסיאָן, איז זי דאָך אַ פּוסטע פרוי. קיין זאַך האָט איר נישט אינטערעסירט אין לעבן, אויסער אירע קליידער מיט דעם מאָדנע היטעלע און לאַנגע קאָלירטע פּעדערן. רעדן האָט ער מיט איר נישט געהאַט פון וואָס. ביכער האָט זי ווייניק געלייענט, און אין די טעגלעכע

ציטוגגען האָט איר אינטערעסירט בלויז די כראָניק: ווער עס האָט זיך געהאנגען, ווער דערטרונקען, וועמען מען האָט באַגנבעט, אָדער גע־הרגעט. זי איז געווען נישט קיין שלעכטע, נאָר איין זאַך פלעגט זי פאַרדריסן, וואָס אויף די אָוונטן, ווו פיל דאַמען און פריילנס פלעגן גיין דעקאָלטירט, מיט אָפענע הערצער און פלייצעס און נאַקעטע הענט, פלעגט זי מוזן גיין געשפיליעט דאָס קלייד ביז אין האַלדז און טראָגן לאַנגע אַרבל, כמעט ביז אין די פינגער. אירע געוועזענע חברטעס האָבן געוווסט, פאַרוואָס זי איז אין כעס.

קינדער האָבן זיי מער נישט געהאַט, ווי צוויי — אַ זון מיט אַ טאָכטער, ווייל זי האָט מער נישט געוואָלט האָבן. אינטעלע־גענטע מענטשן טאָרן זיך נישט דערלייבן צו שיטן מיט קינדער אָן אַ חשבון, ווי דער פּראָסטער עולם אין דער פּראָווינץ, פלעגט זי זאָגן. זי איז וואָס ווייטער, אַלץ דאַרער און מיאוסער געוואָרן, און לעוו אסיפּאוויטש פלעגט אַלץ ווערן געזינטער און שענער. דערפאַר אָבער פלעגט זי שטאָלצירן מיט איר דינעטשקער טאַליע, ווען אַנדערע פרויען פלעגן אין אירע יאָרן דיקער ווערן, און ווען זיי פלעגן שוין ווע־לן באַקומען אַ דינע טאַליע, פלעגן זיי זיך מוזן קרעמפּעווען מיט די שטאַרקסטע שטריק פון קאָרסעטן און טרינקען עסיק, אָדער עסן קאַ־לעך...

זייערע צוויי קינדער, גרישע און מאַשע, זענען אינגאַנצן געווען געראָטן אין דער מוטער און אַזוי שמאָלביינערדיק, ווי זי. זיי זענען אויסגעוואַקסן צווישן פאַרשידענע גוווערנאַנטקעס און לערער. מאשע האָט אויך געענדיקט אַ פּאַנסיאָן און גרישע האָט געהאַט חשק צו זיין אַ קינסטלער־מאָלער, נאָר אַז ס׳זענען אויפגעקומען די וועלי־סאַפּעדן, האָבן ביידע קינדער אַריינגעלייגט זייערע קעפּ אין די פּיס און אין די אויסטערלישע וועלאָסיפּעדישע קאָסטיומען, און זיי האָבן פיל אין דעם באַוויזן. ביידע האָבן זיך געציילט פאַר מיטגלידער אין דער פּעטערבורגער וועלאָסיפּעדן־געזעלשאַפט. זיי האָבן געהאַט פאַר זייער אויסצייכענען זיך אויף פאַרשידענע וועט־לויפן זשעטאָנען מיט מעדאַלען און מער האָט מען זיי געזען אין וועלאָסיפּעדישע קאָסטיו־מען, ווי אין געוויינלעכע קליידער. װער שמועסט, זומער־צייט, ווען מען האָט געוווינט אויף די זומערוווינונגען, דאַן זענען זיי גאָר פון זייערע אויסטערלישע מלבושים נישט אַרויסגעקראָכן, און פנימער האָבן ביידע באַקומען דאַרע און אויסגעצויגענע פון צופיל זיך באַוועגן. די

מוטער האָט גאָרנישט געוווסט, וואָס צו טון מיט זיי פון גרויס ליב־שאַפט און פלעגט זיי נאָכגעבן זייערע אַלע קאַפּריזן אַפילו וואָס דער פאָטער האָט זיי נישט געוואָלט נאָכגעבן. זייער יונג האָט גרישינקע אָפטמאָל פאַרפירט סקאַנדאַלן מיט פאַרשידענע פריילנס, און עס פלעגט זיך שטענדיק אויסלאָזן צו געלט, אַבי די סקאַנדאַלן זאָלן נישט אַרויס־שווימען ווי בוימל אויפן וואַסער. די מוטער האָט אים שטענדיק אויס־געלייזט מיט געלט און גרישינקע האָט זיך ווייטער אַזוי אויפגע־פירט.

נישט איינמאָל, ווען לעוו אסיפּאָוויטש פלעגט ביים טיש באַ־טראַכטן זיין פאַמיליע—די דריי לאַנגע שטעקנס, זיין פּאָר דער צייט געעלטערטע פרוי מיט דער דינער מיידלשער טאַליע און זיינע צווייי קינדער אין זייערע וועלאָסיפּעדן - קאָסטיומען, פלעגט ער זיך טראַכטן:

— וואָס קערן זיי זיך אָן מיט מיר? ווער זענען זיי? זיי זענען דען מיינע? און ער האָט געפילט ביי זיך אין האַרצן, אַז זיי אַלע זענען אים גאַנץ פרעמד. נישט אַזוי האָט ער געמיינט, ווען ער האָט זיך געראַנגלט מיטן פאַנאַטיזם, צעקריגט זיך אויף אייביק מיט די על־טערן און כמעט מיט דער גאַנצער שטאָט, זיך אָפּגעריסן פון דער גאַנ־צער פאַמיליע, געגעט זיך מיט אַ פרוי, אומגליקלעך געמאַכט אַ יידישע טאָכטער, אַלץ דערפאַר, וואָס אים האָט געצויגן צו דער ציוויליזאַציע. און לעוו אסיפּאָוויטש דהאָט גערעכנט, אַז עס דהאָט נישט געלוינט די גאַנצע געשיכטע מיט די פיל מלחמות און אַז עס וואָלט אפשר גע־ווען גלייכער, ער זאָל געוועזן פאָלגן זיינע עלטערן און בלייבן אַ רב.

לעוו אסיפּאָוויטש פלעגט מיאוס ווערן צו זיצן ביי זיך אינדער־היים. עס פלעגט אים אַלץ ציען קיין לאַווראָווע צו די זייביקע, צו זייער לעבן און אויפפירונגען. מיט דער גרעסטער ליבע פלעגט ער זיך אָפּט דערמאַנען אין זיינע קינדעריאָרן, וועלכע ער האָט שטענדיק גע־האַלטן פאַר אַ שיינע גאָלדענע צייט.

זיין פרוי און זיינע קינדער האָט ער אויסגעהאַלטן אויפן שענסטן און בעסטן אופן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גביר. זיי זענען אים אָבער געווען אינגאַנצן פרעמד. זיין צייט האָט ער נישט געוווסט, ווו אַהינ־צוטון. אין זיין הויז האָט ער זיך געפילט, ווי אַ פרעמדער. ער האָט אַליין געזוכט מיט וואָס צו צושלאָגן די צייט, האָט ער אָנגעהייבן פאַר־

ברייננגען אין פרעמדע הייזער. וויסנדיק, ווי ער איז נישט גליקלעך מיט זיין פרוי, האָבן זיינע באַקאַנטע דאַמען, ווי דער שטייגער איז, אים מיטגעפילט. ער האָט אָבער אין קיין הויז נישט געפונען די בלויע אויגן, אין וועלכע ער איז אַמאָל, אין זיינע יינגלשע יאָרן אין לאַוו-ראָוע, געוועזן פאַרליבט. די פרעמדע הייזער זענען אים גיך מיאוס געוואָרן. צו וואָס ער לעבט, האָט ער אַליין נישט געוווּסט, און כדי צוצושלאָגן די צייט, האָט ער זיך אָנגעהייבן אַריינלאָזן אין נייע געשעפטן און שטענדיק אין אַזוינע, וואָס זענען קיינעם נישט איינגעפאַלן, נאָר אים. צו די נייע געשעפטן פלעגט ער זיך אין אָנהייב איבערגעבן מיט פייער, מיט ברען. קיין געלט און אַרבעט איז אים נישט טייער געווען, ווייל ער פלעגט גלויבן, אַז מיט זיין ניי געשעפט, אין וועלכן ער פלעגט זיך אַזוי הייס אָנכאַפּן, וועט ער גליקלעך מאַכן די וועלט, נאָר אויכלאָזן פלעגט זיך שטענדיק—אַ טייך. ער פלעגט ווערן אָפּגעקילט, ווידער אַ צייט זיין אומעטיק, נישט וויסן, וואָס צו טון און פלעגט זיך אַליין אַזוי לאַנג פרעגן, צו וואָס ער לעבט אויף דער וועלט, ביז ער פלעגט ווייטער קריגן אַ ניי געשעפט, וואָס איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, און ווידער פלעגט ער ווערן פריילעך און אַרבעטן און גלויבן, אַז ער וועט גליקלעך מאַכן די וועלט.

רייך איז ער שוין דאַן געווען גענוג. שוין אַ יאָר צען, אַז ער איז געקומען צו אַן אייגענער גרויסער פאַבריק, וואָס האָט פון פאַרשידענע מעטאַלן אויסגעאַרבעט מאַשינען, קעסלען, בלעך. די פאַבריק איז ווייטער געגאַנגען, ווי אַ זייגער, און געטראָגן אויף אַלע קאַפּריזן פון זיין פרוי און קינדער און אויף צו דערלייגן געלט אויף זיינע נייע געשעפטן, וואָס קיינעם זענען זיי נישט איינגעפאַלן, נאָר אים. ער האָט געקויפט ביי איינעם, אַן ענגלענדער, אַ דערפינדונג, ווי צו מאַכן אַ נייעם סאָרט בלעך, וואָס זשאַווערט קיינמאָל נישט פון שניי, רעגן און אַנדערע נאַסקייטן, און ער האָט אָנגעהייבן אויסצואַרבעטן דעם נייעם סאָרט בלעך. זיינע קאָנקורענטן האָבן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג צווישן אַלע סוחרים, אַז זיין נייער בלעך זשאַווערט און נעצט גלייך מיט אַלע אַנדערע בלעכן. דאָ האָט זיך לעוו אַסיפּאָוויטש מיט פייער אָנגעצונדן און געוואָלט דער וועלט דערוויזן, אַז זיין בלעך איז נישט נאָר גוט אויף צו דעקן דעכער, וועלכע קענען אייביק דינען, נאָר מען קען אויך מאַכן פאַרשידענע כלים, וואָס זענען שטאַרק, ווי קופּערנע. ער האָט אָפּגעדרוקט טויזנטער ביכלעך אין פאַרשידענע שפּראַכן, וועגן די

גרויסע נוצן פון זיין נייעם סאָרט בלעך. געפאָרן אויף פארשידענע אויסשטעלונגען, באַקומען מעדאַל. נאָר זיין נייער סאָרט בלעך האָט זיך פאָרט נישט אָנגענומען אין דער וועלט. ער האָט צו דעם עסק דערלייגט עטלעכע טויזנט רובל און זיך געקויפט אַ וועלט מיט שונאים צווישן פאַבריקאַנטן פון בלעך. נאָר נישט דאָס פארלוירענע געלט, נישט די אַרבעט און די צייט האָט אים באַנג געטאָן. פאַרקערט, ער איז פון דעם געשעפט צעפרידן געווען, ווייל ער איז אַ לאַנגע צייט געווען פאַרנומען, פאַראינטערעסירט, גערעשט, געקאָכט און געלעבט און זיך באַוועגט. עס איז פאַר אים דערווייל נישט געשטאַנען די פראַגע: צו וואָס ער לעבט אויף דער וועלט?

— פאַר וועמען זאָל איך קלויבן געלט? פלעגט — ער אָפט טראַכטן. — פאַר מיינע דריי שטעקנס? — פאַר מיינע וועלאָסיפּעדיסטן וועט זיין אַ בערגענוג צו לעבן פון דער פאַבריק. עטלעכע צענדליקער טויזנט רובל וועט זי אויך געפינען אין קאַסע — גענוג פאַר זיי.

נאָך די געשיכטע מיט דעם נייעם בלעך האָט ער זיך אָפּגערוט עטלעכע חדשים, זיך ווייטער געגודעט און געלאַנגווייליקט. אין דער צייט האָט ער זיך ווייטער, נישט ווילנדיק, געמוזט צוקוקן צו זיין פאַמיליע, צו די דריי שטעקנס, ווי ער פלעגט זיי רופן. און ער האָט דערזען ווי זיין גרישע, וועלכער האָט צו צוויי־און־צוואַנציק יאָר אָנגעהייבן באַקומען אַ פליך אויפן קאָפּ, וויל שוין נישט וווינען ביי'ם טאַטן אין הויז.

— גענוג צו זיצן לעבן דער מאַמעס פאַרטוך! איך בין שוין נישט קיין קינד... — פלעגט גרישע האָבן טענות און האָט פאַרלאַנגט, ער זאָל אים געבן צום ווייניקסטן פינפהונדערט רובל אַ חודש, ער וויל האָבן אַ באַזונדער וווינונג. קיין נדן פאַרלאַנגט ער נישט, ווייל ער וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבן. ער האָט שוין געגעבן זיין וואָרט, אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט צעשיידן מיט פריילן בורגאַטי. און אויב ער וויל אים נישט געבן קיין פינפהונדערט רובל אַ חודש, פאַרלאַנגט ער דעם נדן, וואָס ער רעכנט אים צו געבן אַלס פאָטער.

מאַשע האָט אָפן מודיע געווען אירע עלטערן, אַז זי איז פאַרליבט ביז צום שטאַרבן.

— אין וועמען? — האָט דער פאָטער געפרעגט

— אין זשאָרזשען.

— ווער איז דער זשאָרזש?

— זשארזש, וואָס האָט פאַריקן יאָר געוואונען אַ פּריז אויף דעם וועט-לויף... נאָך דעמדאָזיקן פּריז האָבן זיך געיאָגט די גרעסטע וועלאָסיפּעדיסטן.

— אָבער וואָס איז ער? ווער איז ער? צי קען ער אַ פּרוי געבן ברויט, אַ הויז פירן?

— איך וויל גאָרנישט וויסן, ווער ער איז!—האָט מאַשע געענטפערט.—איך האָב אים ליב און דאָס איז גענוג פאַר מיר.

זייער מוטער סאָפיע מארקאָוונע האָט זיך אויף די עלטערע יאָרן פאַרליבט אין דעם באַרימטן היפּנאָטיזירער ה' שיידמאַן. זי פלעגט אים באַכלויסן, ווי אַ הייסער חסיד אַ גוטן יידן. זי האָט געגלויבט אין היפּנאָטיזם און האָט געגלויבט, אַז שיידמאַן קען מאַכן פון טויט—לעבעדיק, פון אַלט—יונג, פון קראַנק—געזונט. וואָס שיידמאַן וויל, קען ער טון מיט יעדן מענטשן און וויסן, וואָס ביי יעדן קאָכט זיך אין קאָפּ. סאָפיע מארקאָוונע פלעגט מיט נאָך פיל פרויען און מיידלעך נאָכגיין שיידמאַנען, נישט אויסגעפעלט קיין הויז, וווּ ער פלעגט מאַכן זיינע „סעאַנסן" און שטענדיק אים געבעטן, ער זאָל זי היפּנאָטיזירן.

אויסערדעם, האָט סאפיע מארקאָוונע באַקומען נאָך אַ שוואַכקייט— זי האָט שרעקלעך מורא געקריגן פאַר מיקראָבן, ווייל אין דער צייט האָט אין אַזיע געוועלטיקט די כאָליערע. זי האָט פון די צייטונגען זיך דערוווסט, אַז קיין זאַך לאָזט מען נישט אַריין אין רוסלאַנד, מען זאָל עס נישט פריער דעזינפיצירן. אַפילו פּאָסטבריוו דעזינפיצירט מען אויך. נאָר זי האָט זיך מיט די „מיקראָבן" נישט פאַרלאָזט אויף קיינעם. זי האָט געהאַט שטענדיק מיט זיך אַ פלעשעלע „קאַרבאָלוואַסער" און יעדער, וואָס האָט נאָר איבערגעטרעטן די שוועל ביי איר אין הויז, האָט זי אים מיט אַ בלאָזמאַשינקע אַרומגעבלאָזן מיט קאַרבאָל. די אָנגעקומענע בריוו און צייטונגען פלעגט זי כמעט וואַשן אין קאַרבאָלוואַסער. די מיקראָבן פלעגט זי זען אין חלום, אין פאַרשידענע געשטאַלטן: מיט קעפּ, מיט פיס, מיט שרעקלעכע אויגן און לאַנגע רויטע צונגען. אפילו דאַן, ווען אין אַזיע האָט שוין אויפגעהערט די כאָליערע און אין רוסלאַנד פלעגט מען שוין אַריינלאָזן אָן דעזינפעקציע, האָט זי זיך מיט איר פלעשעלע קאַרבאָל נאָך אַלץ נישט צעשיידט און נאָך לאַנג אַרומגעבלאָזן יעדן איינעם מיט דער מאַשינקע.

צוזעענדיק דאָס אַלץ, פלעגט זיך לעוו אסיפּאָוויטש נישט איינ-

מאָל אָנכאַפּן ביים קאָפּ.

— גפוואַלד, וואָס געהערן זיך אָן מיט מיר אָט די אַלע דריי נפשות? זענען זיי דען מיינע גליכן? זענען זיי דען אַ צענטל ענלעך צו מיר? אָדער זענען זיי דען אַזוי, ווי איך האָב געוואָלט זיי זאָלן זיין? ווילד-פרעמדע מענטשן! נאָר זיי טראָגן מיין נאָמען. סאָפיע מאַר-קאָווגע איז מיין פרוי און גרישע, מאַשע מיינע קינדער.

און לעוו אַסיפּאָוויטש האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ווידער אָנגעהייבן צו טראַכטן און צו זוכן אַ ניי געשעפט, ער זאָל האָבן מיט וואָס צו פאַרשלאָגן די צייט. אַ דאַנק אַ נייעם דערפינדער, וואָס דרייט זיך שטענדיק אַרום אין פּעטערבורג, האָט ער זיך גענומען צו אַ ניי געשעפט: פון אויסגעקלאַפּטע קאָרן-זאַנגען, דאָס הייסט פון קאָרן שטרוי, וואָס קאָסט זייער ביליק, צו טרייבן בראָנפן.

אין דעם געשעפט האָט געשטעקט אַ גרויס גליק. קאָרן, פון וועלכע מען טרייבט שטענדיק בראָנפן, קאָסט אין אַ גוט יאָר אַכציק קאָפּיקעס אַ פּוד, אין אַ שלעכט יאָר מער ווי אַ רובל און שטרוי קאָסט שטענדיק צוויי אָדער דריי קאָפּיקעס אַ פּוד.

לעוו אַסיפּאָוויטש האָט ווידער פאַרגעסן אין אַלעם און מיט פייער זיך איבערגעגעבן דעם נייעם געשעפט. פריער פאַר אַלעמען האָט ער אין „האַנדל-דעפּאַרטאַמענט" מודיע געווען וועגן דער נייער דערפינדונג און געבעטן, מען זאָל אים אַרויסגעבן אַ פּאַפּיר אויף עטלעכע יאָר, אַז קיינער טאָר אים נישט נאָכמאַכן. דערנאָך האָט ער געבויט אַ קליין זאַוואָדל, דערווייל אויף אַ פּראָבע. אַלע בראָנפן-זאַ-וואָדטשיקעס האָבן זיך אויף אים אָנגעצונדן, וואָרים אַז פון זיין שטרוי, חס ושלום, וועט אָנהייבן גיין בראָנפן, דאַרפן זיי פאַרמאַכן זייערע זאַוואָדן און אַוועקגיין מיט די טאָרבעס אין די הייזער. נאָר לעוו אַסי-פּאָוויטש האָט שוין געהאַט אַזאַ נאַטור, אַז ווײַבאַלד ער האָט געוואָלט עפּעס אויספירן, האָט ער נישט געקוקט אויף קיין זאַך, נישט אויף פרעמדע אינטערעסן און אפילו נישט אויף אייגענע. זיינע געגנער, וואָס פלעגן טון אַלע מיטלען, צו שטערן זיין ניי געשעפט, האָבן אים איצט נישט אָפּגעהאַלטן, נאָר פאַרקערט, נאָך צוגעגעבן מער ענערגיע און שטאַרקייט, און לעוו אַסיפּאָוויטש, אויף צוזעצעניש זיינע שונאים, האָט נאָך מיט מער פלייס געאַרבעט.

פון דער נייער דערפינדונג, אַז פון שטרוי זאָל גיין בראָנפן, איז נאָך פיל מי, געלט און צייט, גאָרנישט געוואָרן. עס איז עפּעס יאָ

געגאַנגען אַ מין זויער וואַסער, אָבער נישט קיין בראָנפן. גענדיקט האָט זיך עס, ווי זיין שטייגער איז: ער האָט ווידער דערלייגט עטלעכע טויזנט רובל און זיך געקויפט נייע שונאים צווישן די בראָנפן-זאַ-וואדטשיקעס. נאָר זיין גרויסע פאַבריק האָט אויף אַלעם געטראָגן און עס האָט ביי אים פיל נישט אויסגעמאַכט: עס איז נאָך גענוג גע-בליבן פאַר „די דריי שטעקנס".

אין דער לעצטער צייט האָט ער אוועקגעוואָרפן די נייע דער-פינדונגען און די ענגלענדער מיט אַלע אַנדערע דערפינדער, וועלכע פלעגן נישט אויפהערן צו קריכן צו אים. ער האָט זיי פּראָסט געטריבן מיט שטעקנס און אַראָפּגעוואָרפן פון די טרעפּ. די דערפינדער זענען אָבער דאָס רוב נישט געווען קיין שעמעדיקע און פלעגן זיך נישט באַנוגענען מיט אַן אָפּזאָג.

אַז עס זאָל אים נישט זיין אומעטיק, האָט ער ביי זיך איינגע-פירט „שבת-צונאַכטסן", דאָס הייסט אָוונטן, ווען עס פלעגן זיך צו-זאַמענקומען געסט. עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען מענטשן פון פאַר-שידענע קלאַסן, דאָס רוב, פון פּראָווינץ — פון זיין געגנט, וואָס האָבן שטענדיק געוווינט אין פּעטערבורג, אָדער אַזוינע, וואָס זענען געקומען צו פאָרן אין דער גרויסער שטאָט וועגן מסחר, אָדער לערנען.

אויף די „שבת-צונאַכטסן" האָט מען געקענט געפינען אַ פּאָר יידישע סטודענטן, אַ דריי קורסיסטקעס פון דער פּראָווינץ, אַ קליינ-שטעטלדיקן גביר, וואָס איז געקומען קיין פּעטערבורג אָננעמען פאַר-שידענע פּאָדריאַדן, אַ קהלשן שתדלן, וואָס איז געקומען אויספּועלן, מען זאָל אַרויפנעמען געלט פון דער קאַראָבקע, אַ ייד, וואָס האָט אַ פּראָצעס אין „סענאַט" און דאַרף אָנקומען צו אַ גרויסן אַדוואָקאַט, אַ יונגערמאַן, וואָס האָט אַ טאַלענט צום זינגען, שפּילן אָדער מאָלן, אַ רב, וואָס איז געקומען אָפּנעמען זיין זון פון שמד, אַ ייד, וואָס לאָדט זיך זיינע אַלע יאָרן מיט דער קרוין און דאַרף געווינען אין סוד אַ פּראָצעס פון צוויי מיליאָן רובל, און נאָך פיל מענטשן פון דער פּראָ-ווינץ, וואָס מען קען באַגעגענען אין אַ הויפּטשטאָט, האָבן זיך גע-פונען אויף דידאָזיקע „שבת צונאַכטסן".

לעוו אסיפאוויטש איז מיט יעדן פריינטלעך געווען און האָט זייער גוט און פריילעך זיך געפילט אין אַזאַ געזעלשאַפט. דאָ האָט ער זיך געפונען, ווי ביי זיך אינדערהיים, דאָס הייסט, ווי אַמאָל אין לאַוראָווע. די געסט האָבן זיך דאָ אויך שטענדיק גוט געפילט. די

שיינע און באַלויכטענע צימערן מיט דעם גרויסן וואקזאל־סאַמאָוואַר, וואָס האָט געזאָטן דעם גאַנצן אָוונט, איז געווען יעדן אַנגענעם, און יעדער איינער האָט זיך דאָ, אינדערפרעמד, געפונען, ווי ביי זיך אינדערהיים, צווישן אייגענע, און מען האָט היימיש גוט פאַרבראַכט. נאָר סאָפיע מאַרקאָוונע מיט אירע קינדער האָבן אין זייער הויז אויף די היימישע שבת־צונאַכטסן זיך אַרומגעדרייט, ווי פרעמדע. גרישע האָט זיך זעלטן געפונען אין שטוב, און די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבן, נעבעך, גע־מוזט ליידן פון העם מאַן און פון דעם טאַטן, וואָס האָט ליב געהאַט אַזויגע אָוונטן מיט אַזאַ געזעלשאַפט...

די שבת־צונאַכטסן זענען נאָר געווען ווינטער־צייט. דעם גאַנצן זומער האָט לעוו אסיפאוויטש געווינט אויף זיין דאַטשע, וועלכע האָט זיך געפונען עטלעכע וויאָרסט הינטער דער שטאָט, נישט ווייט פון זיין פאַבריק.

אויף דער זומערוואַקאַציע:

לעוו אסיפאָוויטש איז געזעסן אויף דעם באַלקאָן פון זיין זומערוווינונג. פונדאַנען האָט מען פון דערווייטנס געקענט אַרויסזען די פאַבריק. ער האָט געזען דעם לאַנגן גרויסן קוימען, אויף וועלכן עס האָבן זיך געדראַפּעט עטלעכע אַרבעטער, שוואַרצע פון סאַזשע, ווי די רוחות, און האָבן עפּעס דאָרט צורעכט געמאַכט. דערנאָך האָט ער אָנגעהייבן קוקן אין אַן אַנדער ווינקל, וווּ די אויוונס געפינען זיך. זיי ברענען איצט, ווי די קאַלעכאויוונס, און שוואַרצע מענטשן, ווי די שדים ציען אַרויס מיט אייזערנע גרויסע אָפּצווייגעס פייערדיקע לאַנגע צונגען. טייל קלאַפּן אָן אַן אויפהער מיט שווערע האַמערס אויף די צונגען. גרויסע, קליינע פונקען פליען אין אַלע זייטן אויף די קלייֵדער און געזיכטער פון די שוואַרצע רוחות. די לאַנגע פייערדיקע צונגען ווערן וואָס אַמאָל טונקעלער און טונקעלער, דינער און לענגער און מען קלאַפּט אַזוי לאַנג ביז פון די פייערדיקע צונגען ווערן לאַנגע שוואַרצע שטיקער אייזן.

— אַרבעט, אַרבעט, שוואַרצע קאַטאָרזשניקעס!—האָט ער גערעדט צו זיך.—אַרבעט, וועלן מיינע וועלאָסיפּעדיסטן פון אייער שווייס, פון אייער געזונט און לעבן דהאָבן פונוואַנען אויסצוברייגען געלט... דער אויף אַקטריסעס און די אויף נאַרישקייטן, וואָס איר, מילבן, אַרבעטער, ווייסט גאָרנישט, אַז אויף אַזוינע נאַרישקייטן צאָלט מען מיט אייערס אַ יאָר אַרבעט—אַ יאָר לעבן! נאָר גלויבט מיר, אַז איך בין נישט

שולדיק... איך בין נישט גליקלעכער פון אייך...

אין דער צייט איז אידע אָנגעקומען פון שטאָט מיט אַ טראַמוואַי. זי איז געגאַנגען אָגגעטון אין איר שענסטן זומערקלייד פון העלן פערקאַל, אירע לאַנגע בלאָנדע האָר פאַרפלאָכטן אין אַ לאַנגן דינעם צאָפּ, פאַרקניפּט מיט אַ בלוי זיידן סטענגעלע. אויף דעם קאָפּ אַ ווייסער שטרויענער הוט מיט זייער ברייטע ראַנדן. אַ פאַרפלאַמטע איז זי אַריינגעגאַנגען אין אַ שיין געפּאַרבטן טויער פון סאלאמאנאווס זומער־חווינונג. גייענדיק אויף אַ זאַמדיקער אַלייע, האָט זי באַגעגנט עפּעס אַ דאַמע.

— צו וועמען ברויכט איר? האָט זי די דאַמע געפרעגט.

— דאָ וווינט הער סאלאמאנאוו?

— יאָ, פונוואנען קומט איר, איר זענט נישט קיין היגע

— ניין, פון דער פראָווינץ.

— האַ... דאָרט, וו די כאָליערע איז.. וואַרט אויס... באַלד... זעצט זיך דאָ דערוויל...—האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ גאָרטנבאַנק און איז גיך אַוועקגעגאַנגען. אין אַ פּאָר מינוט איז זי שוין צוריקגעקומען מיט אַ פלעשל און מיט אַ בלאָזמאַשינקע אין דער האַנט.

— אַנטשולדיקט מיר, פריילן, עס איז נישט שעדלעך... עס איז געזונט! — האָט די דאַמע געזאָגט און זי אַרומגעשפּריצט מיט קאַרבאָלוואַסער.

— איך האָב אַ בריוו,—האָט אידע געזאָגט, האַלב דערשראָקן, אַרומווישנדיק זיך דאָס געזיכט מיט איר טיכעלע. — איך ברויך דעם בריוו אָפּגעבן דעם הער סאלאמאנאוו.

— אַ בריוו ?! — האָט די דאַמע געזאָגט נאָכמער דערשראָקן. — ווייזט נאָר דעם בריוו.

אידע האָט זיך געקווענקלט—געבן דעם בריוו, אָדער נישט.

— האָט קיין מורא נישט, איר מעגט מיר געבן. איך בין סאָלאָמאָנאָווס פרוי. איך וועל אים גלייך איבערגעבן, — האָט זי געזאָגט, נעמענדיק דעם בריוו און אַרומשפּריצנדיק אים.

— יעצט קומט מיט מיר צו לעוו אסיפּאוויטשן. ער זיצט אויפן באַלקאָן, —האָט זי זיך פריינטלעך געווענדט צו אידען.

— ווייטער אַ נאַסן בריוו,—האָט לעוו אסיפּאוויטש זיך אָנגערופן, רייסנדיק דעם קאָנווערט, — שוין פון אַ יאָר, אַז אין ערגעץ איז נישטאָ קיין כאָליערע, נאָר ביי מיר איז זי דאָ...

— אָט אַזוי זענען די מענער דאַנקבאַר, ווען מען איז זיי געטריי און מען היט זיי אָפּ—האָט זי אַ זאָג געטון צו אידען, דערלאַנגענדיק איר אַ שטול און זי געבעטן זיצן.

— הייסט עס, אַז גיטל איז אייערע אַ מומע? — האָט זיך סאָלאָמאָנאָוו אָנגערופן, ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו. — ווי ענלעך איר זענט אויף אייער מומען. שיין, ווי יענע...

אידע האָט זיך געוווּנדערט אויף זיין פאַרגלייכעניש. זי האָט געדענקט די מומע גיטל, ווי אַ בלאַסע קראַנקע יידינע.

— די מומע איז שוין לאַנג געשטאָרבן... — האָט אידע זיך אָנגערופן.

— אָ, איך געדענק... איך ווייס... זי איז שוין לאַנג געשטאָרבן...

אידע האָט געוואָלט אָנהייבן רעדן וועגן איר ענין, נאָר לעווו אסיפאָוויטש האָט זי פּלוצים אָנגענומען ביי דער האַנט, מיט דער אַנדערער זי אַרומגענומען און זיך געווענדעט צו זיין פרוי:

— סאָפיע! זע נאָר, סאָפיע, ווי מען זעט אויס שיין און געזונט אין דער פּראָווינץ... דאָס נעמט זיך אַלץ פון די ראָסלפלייש, וואָס מען עסט דאָרט... און ווי זעען מיר אויס מיט אונדזערע קינדער פון אונדזערע פּאַטראַוועס?..

פון אַזאַ אומדערוואַרטן שמועס און באַנעמען זיך איז אידעס פּלוצים רויט געוואָרן.

— הער שוין אויף, משוגענער! — האָט זיך סאָפיע מאַרקאָוונע אָנגערופן. — גאָט ווייס, וואָס אַ פרעמדער מענטש קען מיינען וועגן דיר. זאָל אייך אויף אים נישט פאַרדריסן, ליבע פריילן, ער איז זייער אַ גוטער און איר זענט אים געפעלן, דעריבער איז ער מיט אייך אַזוי היימיש... ער מיינט, אַז יעדער איז געראָטן אין מיר, וועלכע ליידט אויס אַלע זיינע קאַפּריזן... אָט איז ער ווייטער דאָ מיט זיינע ראָסלפליישן... זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיט וואָס קאָכט מען ביי אייך דעמדאָזיקן ראָסלפלייש, מיט גאָלדענע רענדלעך? צי מיט וואָס? קיין עסן געפעלט אים נישט... מיין טיש איז נישט צו פאַרזינדיקן, ביי אַ גראַף דאַרף נישט זיין קיין בעסערער, און אים קען איך נישט צופרידנשטעלן... דאָ פאַרגלוסט זיך אים אַ פרייטיקדיקן ראָסלפלייש און דאָ פּלוצים — אַ לעבערל מיט ציבעלעס... איך האָב אים שוין געפּרוווט דאָס אַלץ מאַכן, שמעקט עס אים נישט... עס איז נישט דאָס, וואָס אין לאַוואַוועע, זאָגט ער.

— אוודאי שמעקט מיר נישט, ווייל איר קענט עס דאָ קיינער נישט מאַכן אַזוי, ווי די לאַווראָוועער ווייבער. ווען דו וועסט מיט די קינדער סוף זומער פאָרן קיין קרים עסן ווייַנטרויבן, וועל איך פאָרן קיין לאַוראַווע עסן ראָסלפּלייש מיט לעבערלעך. מיר וועלן זען, ווער פון אונדז וועט זיך בעסער פאַפּראַוועןְ,— האָט זיך לעוו אָסיפּאָ-וויטש צעלאַכט.

—נו, וואָס זענט איר אַנטשוויגן געוואָרן? דערציילט עפּעס, איר האָט זיך פאַר מיר נישט וואָס צו שעמען... געוויס האָט אייך אייער פאָטער דערציילט וועגן מיר. איר דאַרפט מיך נישט האַלטן פאַר קיין פרעמדן.

— פאַרשטייט איר מיך, הער סאַלאמאנאוו, איך בין געקומען אַהער לערנען... איך פון מיין זייט האָב זיך אינדערהיים צוגעגרייט...— האָט אידע אָנגעהייבן דערציילן, נאָר לעוו אסיפּאוויטש איז איר אַריינ-געפאַלן אין די רייד און איר נישט געלאָזט ווייטער רעדן.

— אַ, וועגן יענער מעשה... — האָט ער געזאָגט. — וועגן דעם וועלן מיר נאָך צייט האָבן צו רעדן. דערציילט מיר בעסער, וואָס הערט זיך ביי אייך אין לאַווראָווע?

— וואָס ווילט איר הערן? אַלע זענען, געלויבט צו גאָט, גע-זונט.

— נו, דאָס זע איך, קוקנדיק אויף אייך... זאָגט נאָר, וואָס איך וויל אייך פרעגן, די ציגן גייען נאָך היינט אויך אַרום אינמיטן מאַרק? דער אַלטער בית-המדרש איז נאָך נישט איינגעפאַלן? צי מען האָט שוין אויפגעבויט אַ נייעם?

אידע האָט געשוויגן.

— נו, איך זע, אידע, ווי אייך אינטערעסירט ווייניק אונדזער לאַווראָווע. ווער ווייס, אפשר האָט איר אונדזער שטעטל פיינט גע-קריגן און זענט פון דאָרט אַנטלאָפן צו אונדז, אין דער גרויסער שטאָט — אין דער גרויסער וועלט... אייער פאָטער שרייבט מיר, אַז פון אייער אַוועקפאָרן האָט ער מורא, אַז אייער מוטער זאָל נישט קראַנק ווערן און אים אַליין איז אויך זייער שווער זיך צו שיידן מיט אייך. אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט העלפן, ווען אייך האָט זיך פאַרגלוסט צו פאָרן...

— יאָ, דאָס איז אמת... מיר איז אויך נישט גרינג געווען זיך צו שיידן מיט מיינע עלטערן און מיט מיינע פריינט. לאַוראָווע האָב

איך נישט פיינט, נאָר פאָרן האָב איך געמוזט. איך האָב נישט געקענט דאָרט מער בלייבן. איר, וווינענדיק אין די גרויסע שטאָט, אין דער גרויסער, גרויסער וועלט, ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ לעבן עס איז ביי אונדז, אין די קליינערע שטעט: עס גייען אַרום מתים, טויטע מענטשן... איך האָב אַזאַ לעבעדיקער מת נישט געוואָלט זיין! דאָרט איז פינסטער... איך וויל לעבן אין דער ליכטיקייט! איך וויל לערנען, איך וויל זיין אַ מענטש און דערום בין איך פון דאָרט אַוועקגעפאָרן...

אידע האָט פיל גערעדט וועגן לעבן אין לאַוראָווע. אירע אויגן האָבן זיך בעת-מעשה אָנגעצונדן מיט אַ באַזונדער ליכטיק פייערל. לעוו אָסיפּאָוויטש האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער געפינט זיך אין לאַוראָווע, ווי אַמאָל מיט דרייסיק יאָר צוריק, צווישן זיינע יונגע חברים און מען רעדט וועגן דעם פינ-סטערן לעבן, אַז מען דאַרף אַנטלויפן אין דער גרויסער וועלט, ווו עס איז אַזוי ליכטיק און גוט. ער האָט איצט איבערגעלעבט נאָכאַמאָל זיין יוגנט.

ער האָט געטראַכט:

— איך ווער אַלט און אויף מיין אָרט שטייען אויף אַנדערע און גייען אויך אויף דעמזעלבן וועג, וואָס איך — זיי בלאָנדזשען אויך, ווי איך און וועלן אַריינפאַלן אין גריבער, ווי איך... זיי וועלן זיך דאַן וועלן ראַטעווען, זיך כאַפּן צוריק, נאָר עס וועט שוין צו זיין שפּעט. עס וועט שוין נישט העלפן... נאָר, ניין, איך מוז זי איצט ראַטעווען, כּל זמן עס איז נישט שפּעט...

— די קינדער זענען שוין דאָ, קומט צו מיטאָג, — האָט סאָפיע מאַרקאָוונע איבערגעשלאָגן זיינע געדאַנקען.

מאַשע און גרישע זענען אויף די רייד אָנגעקומען.

— נו, קינדער, דאָס פריילין ליפּשיץ איז אַ טאָכטער פון מיי-נעם אַ יוגנטפריינט... זי קומט פון מיין געבורנשטאָט. האַלט זי נישט פאַר קיין פרעמדע, נאָר פאַר אן אייגענע... דו, מאַשע, צעקוש זיך מיט איר.

און סאָלאָמאָנאָוו האָט זיי מיט ביידע הענט צוזאַמענגעפירט. אי-דע מיט מאַשען האָבן זיך, לאַכנדיק, צעקושט.

— און דו, גרישע, זאָלסט נישט דערוועגן זיך צו קושן מיט אַזאַ שיינער פריילין! — האָט סאָלאָמאָנאָוו געסטראַשעט מיטן פינגער.

אַלע זענען פריילעך געגאַנגען צום מיטאָג.

אַ באָרוועס דאָרפסמיידל האָט באַדינט ביים טיש.

— קינדער! — ד'האָט סאלאמאנאוו זיך געווענדט צום גאַנצן עולם. — צוליב דעם טייערן גאַסט, וועלן מיר היינט רייסן די פלוימען פון בוים. זיי זענען שוין פאַרטיק.

אַלע האָבן זיך פון דעם נייס דערפרייט. פון שמחה איז ביי מאַ־שען דער לעפל אַרויסגעפאַלן פון האַנט, און דאָס באָרוועסע דינסט־מיידל איז רויט געוואָרן.

אין דעם קליינעם גאָרטן פון סאלאמאנאווס דאַטשע האָט זיך גע־פונען אן איינאיינציקער פלוימענבוים. אַ פרוכטבוים אויף אַ פעטערבור־גער דאַטשע איז אַ גרויסע זעלטנהייט, און סאָלאמאנאווס שכנים פלעגן אים מקנא זיין אויף דעם בוים מיט די פלוימען. סאלאמאנאוו האָט אויך איבער דעם בוים געציטערט, ווי איבער אן איינציק קינד. ווינ־טער פלעגט אַ גערטנער דעם בוים ארומשמירן מיט עפּעס אַ ווייס שמירעכץ און איינוויקלען אין שטרוי. פרילינגצייט פלעגט מען אים אויסוויקלען און ער פלעגט זייער שיין בליען. אַ גאַנצן זומער האָט מען וועגן דעם בוים גערעדט: דאַכט זיך, אַז די פלוימען זענען נאָך גרין, דאַכט זיך, אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט מען שוין זיי מעגן רייסן... עטלעכע פלוימען האָבן שוין באַקומען רויטע בעקעלעך... קיין טאָג, קיין מיטאָג איז נישט אוועקגעגאַנגען, מען זאָל וועגן דעם בוים נישט רעדן. ווער שמועסט, ווען עס זענען געסט געווען, דאן האָט יעדער גאַסט געמוזט גיין אָנקוקן דעם בוים און באַדאַרפט עפּעס זאָגן וועגן אים. עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן צו רייסן די פלוימען אָן דער דערלויבעניש פון דעם באַלעבאָס, ווער שמועסט, דאָס ער־שטע מאָל, ווען זיי פלעגן צייטיק ווערן.

יעדן זומער, ווען מען האָט זיך איבערגעצויגן אויף דער זומער־וווינונג, ד'האָבן די קינדער, די הויז־מענטשן, באַקאַנטע שכנים און שטאָט־געסט אָנגעהייבן קוקן אויף די פלוימען, און ווי זיי האָבן נאָר באַמערקט עטוואָס אַ רויטקייט, פלעגן זיי בעטן לעוו אָסיפּאָוויטשן, מען זאָל זיי שוין אָנהייבן רייסן. נאָר זיי האָבן שטענדיק באַקומען פון אים איין ענטפער: „ביז סוף זומער, זיי זענען נאָך נישט צייטיק.‟ נאָר איצט זענען די פלוימען שוין ווירקלעך צייטיק געווען און מען האָט זיך גערייכט היינט, מאָרגן אָנהייבן צו רייסן. דער טאָג, ווען מען פלעגט רייסן די פלוימען, איז עפּעס געווען אַ יאָר־יום־טוב.

מער פון אַלעמען האָט זיך מיט דעם יום־טוב געפרייט דאָס

באָרוועסע דינסטמיידל פּאַראַשקע, וואָס וועט אַרויפקריכן אויפן בוים און וועט שאָקלען מיט די שווערע צווייגן. אירע פּריצים וועלן כאַפּן די פלוימען און מען וועט לאַכן. פּאַראַשקען פלעגט דער יום-טוב דערמאָנען איר דאָרף—איר ווייטע היים, נאָך וועלכער זי בענקט אַזוי און וווהין עס ציט איר דאָס גאַנצע האַרץ. יעדן סוף זומער, ווען עס פלעגט קומען די צייט צו רייסן די פּרוכטן, פלעגט זי זיך אָנטאָן יום-טובדיק, אין אַ קאָלירטן אויסגעניייטן העמד, אויסגעפּוצט דעם קאָפּ מיט פאַרשידענע ביליקע בלומען, וואָס וואַקסן אין דאָרף אין יעדן גאָרטן, אין דעם גאַנצן טאָג פלעגט זי קריכן אויף די ביימער און שאָקלען די צווייגן. די פּרוכטן פלעגן פאַלן ווי אַ האָגל. אונטן פלעגט מען קלויבן און פּאַקן אין קוישן, אָדער אין פעסער פון דינע קלעפּקעס: סטעפּאַן, וואָס פלעגט אַלע דאָרפישע מיידלעך געפעלן איבער זיין הויכן וווקס און שוואַרצע אויגן, פלעגט גלייך אין די הענט אַריין כאַפּן די פּרוכטן, כאָטש פּאַראַשקע האָט זיך געסטאַרעט אים צו טרעפן גלייך אין קאָפּ אַריין, און מען פלעגט לאַכן און לאַכן. דאַן איז ביי איר געווען די פריילעכסטע, טייערסטע צייט, אין וועלכער זי דערמאַנט זיך איצט אָפט, זיפצנדיק.

—נו, פּאַראַשקע,—האָט זיך לעוו אָסיפּאָוויטש אָנגערופן, — נאָך מיטאָג צעשטעל אין גאָרטן אַ פּאָר קוישן און מאַרש אויפן בוים. זאָלסט קיינעם נישט שאַנעווען, יעדן גלייך אין קאָפּ אַריין... צום מערסטן זאָלסטו האָבן אין זינען אָט דאָס פריילן...—האָט ער אָנגעוויזן אויף אידן מיט אַ געלעכטער.

—איך וועל קיינעם נישט שאַנעווען! איך קען טרעפן!—האָט זי געזאָגט פריילעך, נאָר שעמעדיק.

נאָך מיטאָג, באַלד ווי מען האָט זיך אויפגעהייבן פון טיש, זענען אַלע מיט ליאַר[illegible] און געפילדער אַרויסגעלאָפן אין גאָרטן. אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער זענען אויך געקומען עטלעכע באַקאַנטע מיט זייערע קינדער פון דער צווייטער דאַטשע, נאָך וועלכע מען האָט געשיקט רופן.

גרינג ווי אַ קאַץ, האָט זיך פּאַראַשקע מיט אַ געלעכטער אַרויפגעדראַפּעט אויפן בוים, אַ געשריי געגעבן: „נו!"... און זיך אָנגעהייבן צוזאַמען מיט די צווייגן צו שאָקלען הין און צוריק.

פלוימען האָבן אָנגעהייבן פאַלן און פאַלן, ווי אַ רעגן, און עס איז געוואָרן אַ געוואָרפערײ, אַ געפילדער, אַ געלעכטער, אַ קוויטשערײ...

דעם האָבן די פלוימען געטראָפן אין קאָפּ, יענעם גלייך אין פּנים, אַ דריטן אין פּלייצע, אין האַלדז, כאָטש יעדער האָט זיך געסטאַרעט צו כאַפּן גלייך אין די הענט, און איינער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין צווייטן און איז געפאַלן.

ווען דער פלוימענרעגן האָט אויף אַ מינוט אויפגעהערט, האָט פאַראַשקע פון צווישן די בלעטער אַרויסגעשטעלט אַ לאַכעדיק פּנים מיט צוויי שורות אויסגעשטשערטע ווייסע געזונטע ציין און ווידער געגעבן אַ געשריי „נו!"... איהר פּנים האָט זיך ווידער באַהאַלטן צווישן די צווייגן, דער פלוימענרעגן האָט ווייטער אָנגעהייבן גיין און דער פריערדיקער רעש און לויפעניש האָט זיך פונדאָסניי אָנגע-הייבן.

לעח אָסיפּאָוויטש האָט אין דעם פריילעכן געפילדער זיך באַטיי-ליקט צוגלייך מיטן יונגוואַרג. ער איז אָבער באַלד מיד געוואָרן, זיך קוים צוגעשלעפּט צו דער נאָענטסטער גאָרטנבאַנק און זיך געזעצט אָפּ-רוען, כאַפּנדיק קוים דעם אָטעם.

—שווער, שווערלעך צו פופציק יאָר נאָכצעלויפן דעם יונגן דור...— האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפץ און געקוקט, ווי דער יונגער עולם ווערט נישט מיד צו לויפן און צו כאַפּן די פלוימען.

— עס איז זיך נאָר צו וווּנדערן, ווי זי איז געראָטן אין איר מומע גיטל, — איז סאָלאָמאָנאָוו אַרויסגעקומען אויפן געדאַנק, ווען אידע איז לעבן אים פאַרבייגעלאָפן, — דערזעלבער וווּקס, דיזעלבע אויגן, האָר און דיזעלבע יאָרן... אַזוי געזונט און לעבעדיק, ווי גיטל... דאַכט זיך, ערשט נעכטן בין איך אַזוי געלאָפן מיט גיטלען זומער אין וואַלד מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע חברים... ערשט נעכטן...

סאָלאָמאָנאָוו האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווי איינער, וואָס וויל פאַרטרייבן שלעכטע געדאַנקען, פון וועלכע מען וויל נישט טראַכטן, מען זאָל נישט אַראָפּ פון זינען.

— גיטל איז שוין לאַנג נעשטאָרבן !—האָט ער געזאָגט און זיין פריילעכקייט איז פון אים אָוועק.

די זון האָט זיך שוין אָנגעהייבן צו זעצן, ווען מען האָט געענ-דיקט רייסען די פלוימען. מאַדאַם סאָלאָמאָנאָוו האָט דעם עולם פאַר-בעטן צו טיי.

ווען אַלע זענען געזעסן אויף דער וועראַנדע ביים גרויסן סאַ-מאָוואַר, זענען אומדערוואַרט אָנגעקומען אַנע, איר ברודער, דער יונגער

דאָקטאָר אָסיפּ באָריסאָוויטש, זיין חבר ארקאַדיע מאַרקאָוויטש מיט נאָך אַ פּאָר יונגעלייט און פריילנס.

— מיר זענען געווען צו גאַסט אין דער געגנט, זענען מיר געקומען אייך זאָגן, אַז מיר וועלן צוזאַמען פאָרן אַהיים...—האָט זיך אַנע אָנגערופן.

ארקאַדיע האָט פאַרגעלייגט, מען זאָל נאָך אַ ביסל פאָרן אויף אַ לאָדקע. די לעצטע „קאָנקע" גייט ערשט אַוועק עלף אַ זייגער. די פאַמיליע סאָלאָמאָנאָוו האָט פּראָטעסטירט, וואָס מען וויל ביי זיי צונעמען זייער גאַסט, נאָר אידע האָט געזאָגט, אַז זי איז מיד, אַז זי וויל שוין גיין אַהיים. זי האָט אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געטון. זי גרייט זיך צום עקזאַמען, זי וועט נאָך היינט לערנען. זי איז שוין דאָ עטלעכע וואָכן און האָט נאָך גאָרנישט באַוויזן. זי הוליעט, גייט אַרום ליידיק, ווי גלייך יעדן טאָג איז יום-טוב.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט פון דער פּראָווינצערין.

— שוין-זשע האָט איר היינט ביי אונדז שלעכט פאַרבראַכט ?—האָט לעוו אָסיפּאָוויטש זי געפרעגט.

— זייער גוט פאַרבראַכט! צו גוט פאַרברענג איך דאָ... נאָר אויף אַ מינוט פאַרגעס איך נישט, ווי עס פאַרברענגען די צייט אין לאַוורע מיינע אייגענע און באַקאַנטע.

— צו וואָס, אידע, פּלוצים אַזוינע טרויעריקע רייד, ווען מיר זענען אַלע אַזוי פריילעך, — האָט אַנע זיך אָנגערופן,—ווען מיר פאַרברענגען איצט אַזוי גוט? עס פּאַסט גאָרנישט פאַר דיינע יאָרן. דאָס פּאַסט אויף דער עלטער, ווען מען איז שוין אַלט זיבעציק יאָר... כלעבן, אידע, עס איז שוין צייט צו ווערן אויס פּראָווינצערין...

— דאַכט זיך, אַז איך וועל מיך קיינמאָל נישט בייטן... איך וואָלט זיך נאָר געוואָלט איבערטוישן אויף בעסערס און צוליב דעם בין איך פון לאַוורע אַוועקגעפאָרן, נאָר דערווייל האָב איך דאָס בעסערס נישט געפונען.

— מיר וועלן זי אַרויסשיקן פון פּעטערבורג ! זי זידלט אונדז אַלע.—האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט אַ געלעכטער. — וועלן מיר ערגעץ גיין ? אַזאַ שיינער אָוונט !

עס האָט זיך געענדיקט דערמיט, אַז אַלע זענען געגאַנגען קוקן, ווי מען לאָדקעוועט זיך.

אויפן וועג האָט לעוו אָסיפּאָוויטש געזאָגט צו אידען :

— די וועלט וועט איר נישט איבערמאַכן. ווען עס לעבט זיך, לעבט זיך, און ווען עס וויינט זיך — וויינט זיך... איך אין אייערע יאָרן האָב אויך אַזוי געטראַכט, ווי איר, און האָב גאָרנישט אויסגעפירט. איך האָב נישט נאָר געקענט העלפן יענעם, נאָר אַפילו זיך אַליין קען איך אויך נישט העלפן...

—ווען איר האָט נישט געקענט אָדער איר זענט נישט פעיק געווען אויסצעפירן, וואָס איר האָט געוואָלט, פאַרוואָס זשע ווילט איר מיר אָפּשלאָגן דעם חשק אויסצעפירן, וואָס איך וויל? איך פאַרשטיי אַליין, אַז עס קען זיין, מיין אַוועקפאָרן פון דער היים איז אפשר אומזיסט. עס קען זיין, אַז איך וועל גלייך, ווי איר, גאָרנישט אויספירן פאַר יענעם, אָבער פאַר זיך וועל איך געוויס אויספירן... מיט זיך קען איך טון, וואָס איך וויל...

—דאָס פריילן ליפשיץ איז זייער אינטערעסאַנט!—האָט זיך פלוצים אָנגערופן אַרקאַדיע מאַרקאָוויטש.—זי איז אָריגינעל... אַזוינע געפעלן מיר שטענדיק...

אידע האָט אים געענטפערט דערויף און ווייטער גערעדט מיט לעוו אָסיפּאָוויטשן, נאָר אַנע האָט אים באַמערקט:

—זי געפעלט אייך, ווייל זי איז אַשיין פריילן... ווען זי זאָל נישט זיין שיין, וואָלט איר אנשטאט „אָריגינעל" זי אָנגערופן „משוגענע..." שיינקייט פאַרדעקט אַלץ. איך ווייס, אַז זי געפעלט אייך פון דעם ערשטן טאָג אָן, זייט איר האָט זיך מיט איר באַקענט ביי אונדז אין הויז...

—ווען געפעלט זי דען נישט?—האָט אַנעס ברודער געזאָגט. — אַפילו אירע נאַרישע רייד פּאַסטן איר... דאַן קומט זי אויס קינדערש שיין...

—און מיינט נישט, אַז אידע רעדט שטענדיק נאָר נאַרישקייט,— האָט אַרקאַדיע מאַרקאָוויטש געזאָגט,—וויפל אמת, וויפל ליבע צו יעדן און וויפל ניי לעבן געפינט זיך אין דעם מיידל פון דעם קליינעם שטעטל!

—ווי איך זע, ביזטו אין איר גאָר פאַרליבט!—האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— איך ? אָ, שוין לאַנג! נאָר איך ווייס, אַז עס זענען אומזיסט מיינע האָפענונגען... איך קען אַזוינע נאַטורן...

— איך זע, אַז דו מיינסט עס גאַנץ ערנסט... נאָר דו ווייסט, אַז זי איז אָרעם ?

—איך ווייס, נאָר איך דאַרף נישט האָבן איר געלט... איך וואָלט זיך גערעכנט פאַר זייער רייך, ווען איך זאָל קענען זאָגן, אַז זי איז מיינע...

— יעדער האָט זיך דאָס רעכט צו זיין משוגע, ווי יעדער וויל, נאָר איך וועל פון די דרייסיקטויזנט רובל נדן נישט אָפּלאָזן אַ קאָפּיקע !— האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, קלאַפּנדיק, ווי אַ סוחר אין די קעשענעס.—זי מעג אַפילו זיין אַזוי שיין, ווי אידע, איז דאָך ווינציקער אַ קאָפּיקע נישט...

אַנע האָט זיך פון דעם ברודערס ווערטער זייער צעלאַכט. ווען נישט דער איצטיקער געלעכטער, וואָלט זי זיך אפשר צעוויינט, ווייל די טרערן האָבן זי שוין לאַנג געשטיקט; ארקאדיע, אויף וועלכן זי האָט לאַנג געהאָפט, וועלכן זי האָט מיט איר גאַנץ לעבן ליב געהאַט, אָט דער ארקאדיע האָט זיך נישט געשעמט פאַר איר אין די אויגן אַזוי צו רעדן וועגן אידען. אמת, ער האָט איר מיט קיין איינציק וואָרט נישט געענטפערט, נישט געגעבן קיין שום האָפענונג. ער איז נאָר געוועזן איר ברודערס אַ שולפריינט. יאָרנלאַנג קומט ער אריין צו זיי אין הויז. דאָס אַלץ האָט אַנע נישט איינמאָל גוט באַרעכנט און אים נישט געקענט באַשולדיקן. ביז איצט האָט זי אידען מקנא געוועזן, וואָס זי געפעלט ארקאַדיען מער, ווי זי, נאָר אין דער מינוט האָט זי אידען פיינט געקריגן, אַ דם שונא געוואָרן; ווען זי זאָל נישט געוועזן קומען און נישט זיין באַקאַנט מיט אים, וואָלט זי נאָך געקאָנט האָפן...

אין דעם אָוונט האָט מען זיך נישט געשיפט אויפן וואַסער. אַנע האָט זיך פּלוצים דערפון אָפּגעזאָגט. אידע האָט אויך נישט געוואָלט. דער גאַנצער עולם האָט געשפּאַצירט ביים ברעג און געקוקט, ווי אַנדערע שיפן זיך און ווי אייניקע יאָגן איבער די אַנדערע. ארקאדיע מארקאָוויטש האָט דעם אָוונט נישט אָפּגעטרעטן פון אידען. אין דער שטילער זומערנאַכט האָט מען געהערט פריילעכע געלעכטערס און דאָס פּאַטשן פון די רודערס איבערן וואַסער.

אידע איז פריילעכער געוואָרן. סאָלאָמאַנאָוו האָט זיך געפרוווט איר דערוויזן, אַז זי וועט דאָ גאָרנישט אויספירן און אומזיסט איז זי אַוועקגעפאָרן פון דערהיים. נאָר ענדלעך האָט זי אים איבערגע-

רעדט און ער האָט איר צוגעזאָגט אין אַלעם איר מיטצוהעלפֿן, ווי אַן אייגענער פֿאָטער. ער האָט זי געבעטן אינגאַנצן איבערפֿאָרן צו אים אויף דער דאַטשע, און אויב נישט, איז, לכל הפחות, עפּטער קומען.

אידע פֿילט זיך איצט גליקלעך. זי איז שוין נישט קיין פֿרעמדע. אירע עלטערן וועלן זײַן רויק, און זי? — זי וועט לערנען און ערנען. און דערנאָך? דערנאָך איז איר פֿאַנטאַזיע געפֿלויגן פֿאָרויס אויף צוואַנציק, דרײַסיק יאָר שפּעטער. אויב הירשל האָט זי באמת ליב, וועט ער כאָטש מיט קליינע פֿעיִקייטן אויפֿהערן צו זײַן אַ לעדיקגייער, זיך עפּעס אויסלערנען און ווערן אַ מענטש. ער וועט אַרבעטן און פֿאַרדינען, זי וועט עפֿענען אַן אומזיסטיקע שולע אין אַוראָווע, און ווען איר מאַן וועט זײַן רײַך, וועט ער מאַכן פֿאַבריקן פֿאַר ייִדישע אַרבעטער און פֿון ייִדישע קאַליקעס וועלן ווערן מענטשן. זי און די אַלע מענטשן, וואָס וועלן ווערן שפּעטער, וועלן שוין וויסן, ווי צו דערציִען קינדער, אַז זיי זאָלן האָבן עפּעס אַ שטיקל ווערט אין לעבן.

אין איר יונגער פֿאַנטאַזיע האָט זיך אידע געזען אין צוואַנציק, דרײַסיק יאָר שפּעטער: אַ גרויסער פּלאַץ, טויזנט ק. אַפּטער די לענג, פֿינפֿהונדערט קלאַפּטער די ברייט... דעם גאַנצן פּלאַץ רינג ט אַרום אַ שטיינערנער פּאַרקן. אין מיטן שטייען פֿאַבריקן מיט אַ אַנגן, הויכן, רויטן קוימען, וואָס עס איז קוים צו דערגרייכן זײַן הייך מיטן אויג. נישט ווײַט שטייען אַ סך בנינים, אַרבעטס-בנינים. אין דער לינקער זײַט זענען אויסגעבויט פֿאַרשידענע וווינונגען פֿאַר די טויזנטער ייִדישע אַרבעטער, אין דער רעכטער זײַט — אַ שפּיטאָל פֿאַר קראַנקע, אַ שו. ע פֿאַר די אַרבעטסקינדער... איר מאַן וועט פֿירן די פֿאַבריק און זי וועט איר גאַנצע צײַט פֿאַרברענגען אין שולע און אין שפּיטאָל... אַזויפֿיל אַרבעט! אַזויפֿיל אַרבעט וועט זי האָבן, און אַרבעטן דהאָט זי ליב, און אַרבעטן איז איר לעבן! ווי גליקלעך וועט זי דאַן זײַן! איר פֿאַנטאַזיע איז נאָך ווײַטער געפֿלויגן... וווּ נעמט מען נאָר אַזויפֿיל צײַט...

— וואָס פֿאַר אַ זעלטענע שיינע נאַכט איז הײַנט! — האָט אַרקאַדיע זיך אָנגערופֿן. — זעט נאָר, ווי שיין דער הימל איז, די ביימער, דער טײַך — אַלץ לעבט, אַלץ רײַסט זיך צום לעבן, ווי גוט איז דאָס לעבן!..

—זייער גוט, עס איז מיר אַזוי גוט... אַזוי גוט... איך בין גליק־לעך...

—איר זאָגט עס?—האָט ארקאדיע פאַרוואונדערט געפרעגט.

אידע האָט זיך, ווי פון אַ זיסן שלאָף אויפגעכאַפּט.

—דאָס הייסט, איך וועל דאַן זיך גליקלעך פילן, ווען אַלע וועלן גוט לעבן...

—טאַקע ווייטער און ווידער מוזט איר רעדן מיט אַזאַ שפּראַך, וואָס קיינער רעדט נישט, וואָס קיינער פאַרשטייט נישט... איר רעדט נאָר מיט רעטעניש און דער אַנדערער דאַרף זיך אָנשטויסן און טרעפן, וואָס איר מיינט... ווער לעבט דען נישט? אַלץ, וואָס עס איז באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט, לעבט!...

— ערשטנס, ארקאדיע מארקאוויטש, דאַרפט איר וויסן, אַז איך רעד מיט מיין שפּראַך, נאָכקרימען זיך קען איך נישט. איך רעד, וואָס איך טראַכט, וואָס איך פיל... איר זאָגט, למשל, אַז אַלץ, וואָס עס איז באַשאַפן געוואָרן, לעבט! דאָס איז נישט אמת. לעבן — לעבט נאָר אַ קליינער טייל און די איבעריקע מוטשען זיך, קומען אָפּ אויף דער וועלט, איבערהויפּט אונדזערע ברידער און שוועסטער אין דער פּראָ־ווינץ, ווי, למשל, אין לאַוראָווע, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן...

—שוין זשע אַזוי שלעכט לעבט זיך זיי דאָרט?

— שלעכט און ביטער, ווי איר קענט זיך גאָרנישט פאַרשטעלן... מען שטאַרבט פון הונגער... נאָר דאָס ערגסטע איז, וואָס 99 פּראָצענט גייען אַרום ליידיק און זייערע קינדער וואַקסן אויך ליידיקגייער... איך מיט מיין יונגן שכל פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי קען מען זיך פילן גליק־לעך, ווען עס געפינען זיך אַזויפיל אומגליקלעכע אַרום זיך. איך וועל זיך פילן גליקלעך נאָר דאַן, ווען איך וועל אין מיין לעבן אָט די אומגליקלעכע עטוואָס נוצן ברענגען.

—פוסטע פאַנטאַזיעס!—האָט פּלוצים זיך אַריינגעמישט דער דאָק־טאָר.—ווער קען אַזויפיל אומגליקלעכע העלפן?

— פאַר אַנדערע זענען דאָס אפשר פאַנטאַזיעס, נאָר איך גלויב, אַז יעדער קאָן העלפן. ווען יעדן פון אונדז זאָל עטוואָס אָנרירן דעם צווייטנס לאַגע, וואָלטן אַלע מער אָדער ווייניקער געהאָלפן ווערן. איך בין נאָך צו יונג, איך האָב נאָך ווייניק געלערנט, איך זאָל אייך אַלץ דערווייזן און דערקלערן... נאָר איך וועל זיך נאָך לערנען און דאַן וועל

איך אײך װײזן, װיפֿל גוטס יעדער אין זײן גראַד קען פֿאַר דעם צװײטן טון.

— פֿאַנטאַזיעס! — האָט דער דאָקטאָר װידער געשריען.

אַנע האָט געלאַכט פֿון דער פּראָװינצערין, אָבער ארקאַדיע האָט געקװאָלן פֿון אירע רײד, װײל זי איז איצטער אין זײנע אױגן געװען שענער, װי אַלעמאָל און אירע אױגן האָבן געלױכטן, װי בריליאַנטן. אירע רײד, װעלכע דער דאָקטאָר האָט אָנגערופֿן „פֿאַנטאַזיעס,״ האָבן איר צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן, אַן אומשולדיקע, קינדערשע שײנקײט, און לעװ אָסיפּאָװיטש האָט זיך דערמאָנט אין זײנע יונגע יאָרן, אין איר פֿאָטער מיט אַלע חברים, װען מען האָט אױך אַזױ גערעדט און אַזױ הײליק געגלױבט אין אַלץ און אַלעם.

אַנע האָט נישט אַראָפּגענומען די אױגן פֿון אַרקאַדיען, װי יענער גײט אידען נאָך טריט בײ טריט און כאַפּט איר יעדעס װאָרט. זי האָט מער דאָס נישט געקאָנט איבערטראָגן, און האָט דערמאָנט דעם עולם, אַז מען דאַרף שױן פֿאָרן אין שטאָט. עס איז שױן שפּעט, און זי איז זײער מיד. זײער געשפּרעך האָבן זײ איבער אַנען נישט געקענט ענדיקן. באַלד האָט זיך דער עולם צעזעגנט און ארקאַדיע, אַנע מיט דעם ברודער און אידע זענען אַװעקגעפֿאָרן.

נאָכן אָװנטברױט, װען אידע מיט אַנען האָבן זיך שױן געפֿונען בײ זיך אין צימער און נחמן ליפּשיצעס טאָכטער האָט געװאָלט פֿאַרן שלאָף שרײבן אַ בריװ צו די עלטערן, האָט אַנע דערױף באַמערקט...

— װעסט שרײבן מאָרגן, איך קען נישט שלאָפֿן בײ אַ לאָמפּ.

אידע האָט זי פֿאַרװונדערט אָנגעקוקט. זי האָט איר קײנמאָל נישט געשטערט צו שרײבן, װען זי האָט נאָר געװאָלט.

אַנע האָט די נאַכט בײ אַ פֿאַרלאָשענעם לאָמפּ אױף נישט געקאָנט שלאָפֿן.

אין לאוואָווע.

הירשל האָט איצטער אויך נישט אויפֿגעהערט יעדן טאָג אַריינצעקומען צו נחמן ליפֿשיץ אין הויז, פּונקט ווי אין דער צייט, ווען אידע איז נאָך געווען אינדערהיים. ער האָט אַלץ געהאַרט און געהאָפֿט אויף אַ בריוו, אַז זי קומט אַהיים, נאָר אומזיסט. פֿון די בריוו צו אים און צו אירע עלטערן האָט ער געזען, אַז זי טראַכט גאָרנישט פֿון צו קומען אַהיים. איבערהויפּט איז אים נישט געפֿעלן איר לעצטער בריוו, אין וועלכן זי שרייבט צו די עלטערן, אַז זי רעכנט זיך פֿאַר גליקלעך, וואָס זי איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון לאַוואָווע. זי אַרבעט, זי לערנט און זי לעבט מיט דער בעסטער האָפֿענונג אויף דער צוקונפֿט. הירשלען שרייבט זי, ווידער, אַז ווען זי פֿילט זיך גוט, טראַכט זי נאָר וועגן אים און וועגן זיין לאַגע. זי שרייבט אויך, אַז זי וואָלט זיך באמת געפֿילט גליקלעך, ווען ער זאָל שוין אויך עפּעס אָנהייבן צו טון—לערנען, אַרבעטן.

ביי זיין גרעסטן גליק, וואָס ער האָט געהאַט, בצקומענדיק פֿון אידעס בריוו, אין וועלכע ער האָט געפֿונען אַזויפֿיל איבערגעגעבנקייט, טרייקייט און פֿריינטשאַפֿט, פֿלעגט ער זיך פֿילן פֿאַר דעם אומגליקלעכסטן פֿון אירע „קינדערשע פּלענער,“ ווי ער פֿלעגט דאָס אָנרופֿן.

— וואָס וויל זי פֿון מיר? און וואָס פֿאָרט וויל זי פֿון זיך אַליין מאַכן? איך זאָל איצט, אין די יאָרן, זיך זעצן לערנען, עפּעס טון. און וואָס זאָל ווערן פֿון מיר, וואָס זאָל איך פֿון מיר מאַכן, — ווייס איך

אליין נישט. ווען זי זאָל דאָס פארלאַנגען מיט עטלעכע יאָר צוריק וואָלט איך איר צוליב געטון. דעמסטמאָל וואָלט עס נאָך אפשר גע־פאסט, אָבער נישט איצטער, ווען איך בין שוין אַריבער די צוואַנציק יאָר, ווען מיינע עלטערן פארלאַנגען פון מיר, איך זאָל חתונה האָבן. ווען איך האָב זי אַזוי ליב... אַזוי ליב... און וואָס וויל זי פון זיך מאַכן? אַ לערערין, ווי זי שרייבט אליין... ווען איך וועל אַמאָל זיין אַ באַלעבאָס, ווען איך וועל פירן אַ הויז און האָבן קינדער, וועל איך מיט מיין פארמעגן קענען האַלטן אַזוינע דריי גוווערנאַנטקעס... צו וואָס דאַרף זי זיין אַ גוווערנאַטקע, אַז זי קען זיין אַ באַלעבאָסטע און אליין האַלטן גוווערנאַטקעס, לערערינס?

ווען ער האָט אידען באַגלייט באַגלייט אויף דעם וואקזאַל און זי האָט געזאָגט: „איך פאָר, איך מוז פאָרן, נישט דו קענסט מיך דערפון אָפּהאַלטן!" איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן; איבער אירע חברטעס, מיט וועלכע זי איז געווען פארנומען ביים געזעגענען זיך, האָט ער מיט איר פיל נישט געקענט רעדן. „איך וועל דיר פון אַלץ שרייבן", האָט זי נאָר געענטפערט. באַלד נאָך איר אָוועקפאָרן האָט ער געעפנט זיין ביטער האַרץ פאַר איר שוואָגער חיימען, אָבער ער האָט שלעכט געטראָפן: חיים האָט געהאַלטן מיט אידען...

— זייער קלוג, זייער גלייך, וואָס זי וויל זיך נישט אַזוי גיך פארשלייערן דעם קאָפּ, — האָט ער געזאָגט. — זי וועט דאָס גליק קיינמאָל נישט אָנווערן. זי האָט זיך געהאַט פון וועמען אָפּצולערנען. זי האָט געזען, וואָס איר שוועסטער, מיין פרוי, האָט געמאַכט פאַר אַ גליק, וואָס מען האָט געכאַפּט און זי אַזוי יונג פארשלייערט. ווי שיין איז זי אַמאָל געווען, ווי גליקלעך האָט זי זיך דאַן געפילט און ווי זעט זי איצט אויס?.. מיין האַרץ ווערט מיר צעריסן, קוקנדיק אויף איר, אָבער איך קען גאָרנישט העלפן, כאָטש דו קענסט מיר גלויבן, אַז איך האָב מיין פרוי אַצינד איצטער אויך נישט ווייניקער ליב, און בין זיך גרייט פאַר איר מקריב צו זיין, ווי דו פאַר אידען... מיט ליבע און געטריישאַפט אליין קען מען נאָך נישט מפרנס זיין אַ ווייב מיט קינדער און פאַר זיי שאַפן אַ גליקלעך לעבן...

— ווער זשע דען קען גליקלעך מאַכן אַ פרוי, אַז נישט איך, דער איינציקער זון פון רייכע עלטערן? — האָט הירשל אים דערויף געענטפערט.

— יאָ, דו ביזט אפשר גערעכט, אָבער ווי דו האָסט מיר אליין

דערציילט, האָט זי דיך געפרעגט איין פראַגע: „וואָס ביסטו, הירשל אָן דעם געלט?״ דיזעלבע פראַגע האָב איך זיך אין די לעצטע שווערע יאָרן נישט איינמאָל געפרעגט, נאָר צום באַדויערן איז שוין געווען צו שפּעט. איך האָב שוין געהאַט אַ פרוי מיט קינדער. דיזעלבע פראַגע האָט זיך אויך צו שפּעט געפרעגט מיין שווער, וואָס האָט זיין וועלט, זיינע יאָרן פאַרבראַכט, אַלס נאמן, ביי דיינע עלטערן. דיזעלבע פראַגע פרעגן זיך טויזנטער, טויזנטער יידן, אָבער אַלע צו שפּעט. כמעט יעדער יידישער יונגערמאַן, ווען ער גייט חתונה האָבן, מיינט ער אַזוי ווי דו, אַז ער איז באַוואָרנט מיט פּרנסה: אַליין האָט מען אַ ביסל געלט, נדן נעמט מען, אויסגעקליידט איז מען, באַלעבאַטיש-קייט האָט מען, די עלטערן העלפן אויך פון ביידע צדדים מיט וואָס מען קען נאָר... אין די ערשטע יאָרן לעבט זיך טאַקע נישט שלעכט, מען מאַכט אַ געשעפט. יעדעס נייע געשעפט דרייט זיך, די הוצאה איז קליין, דערנאָך ווערט אַ קינד און נאָך אַ קינד... זיי וואַקסן, די הוצאה ווערט גרעסער... די עלטערן, אָדער זיי האָבן שוין פאַר דער צייט פאַרלאָזט דאָס זינדיקע וועלטל, אָדער זיי ווערן מיד העלפנדיק... עס וואַקסן שוין ביי זיי אונטער אַנדערע קינדער, וואָס מען דאַרף העלפן. דאָס געשעפט מוז מען טרייבן גרעסער, עס זאָל מער איינ-ברענגען, און מען טרייבט אַזוי, אַנג דאָס געשעפט, ביז עס מוז פאַלן. ערשט דאַן פרעגן מיר זיך: „וואָס זענען מיר אָן דעם געלט?״ דאָס הייסט, צו וואָס זענען מיר פעיק אָן געלט? און פעיק זענען מיר צו קיין זאַך נישט. שטעל זיך פאָר, אַז מיר קענען אפילו נישט זיין קיין פעיקע סוחרים... כאָטש מסחר איז ספּעציעל אַ יידישער פאַך, און קיינער זאָגט אונדז נישט אָפּ אין פעיקייטן אין מסחר. עס איז אָבער אַ גרויסער טעות! ווען מיר זאָלן באמת זיין פעיקע סוחרים, וואָט דער מסחר אַנדערש ביי אונדז געשטאַנען און עס קען זיין, אַז עס וואָלט זיך דאַן אַזוי ביטער נישט געלעבט.

— מיט וואָס איז מיין פאָטער אַזאַ שלעכטער סוחר?

— ערשטנס, רעד איך נישט פון דיין פאָטער. איך רעד בכלל. דיין פאָטערס געשעפטן האָט נאָך אָנגעדרייט דיין זיידע, דער עלטער-זיידע מיט די אַמאָליקע מעטאָדעס, און דיין פאָטער דרייט זיי אויך מיט יענע אַלטע מעטאָדעס... איך גלויב, אַז דיין פאָטער, ביי אַלע זיינע גרויסע געשעפטן, האָט קיין שום באַגריף נישט, ווי צו זיין היינט אַ סוחר... ער קען ד׳האָבן אַ סך געלט, גוטע אָדער שלעכטע געשעפטן,

איך בין נישט קלאָר אין זיינע געשעפטן, נאָר קיין סוחר איז ער נישט...

נאַריש זענען ביי הירשלען אויסגעקומען היימס ווערטער: זיין פאָטער איז דער קליגסטער און פיינסטער סוחר אין שטאָט — ער האָט געשעפטן מיט וואַרשע, מיט פעטערבורג, ער באַגעגנט זיך אין דער וועלט מיט די לייטישסטע סוחרים, און דאָ קומט צוגיין אַזאַ פּוסטאָ-פּאַסניק, ווי חיים, וואָס איז געווען אַ סוחר, ווי מען זאָגט, „דריי טעג מיט אַ מיטוואָך" און פאַרלוירן דאָס געלט, און זאָגט, אַז אַלע יידן קענען שוין קיין פעיקע סוחרים נישט זיין, און מיין פאָטער אויך נישט.

שפּעטער, נאָך אידעס בריוו, אין וועלכן זי שרייבט, אַז זי רעכנט זיך פאַר גליקלעך, וואָס זי איז אַוועקגעפאָרן פון לאוראָווע, האָט הירשל געעפנט זיין האַרץ פאַר אידעס מוטער פעסיע.

יענע האָט זיך צעוויינט פון גרויס גליק. הירשלען פאַר אַן איידעם, ר' קלמן לאוויצער פאַר אַ מחותן, און ווער שמועסט נאָך שרה-פייגען פאַר אַ מחותנתטע — וואָס קען נאָך זיין אַ גרעסער גליק!

הירשל האָט איר דערציילט, אַז ער „שטאַרבט" נאָך איר טאָכטער, אַז ער וויל פאַר איר ווערן אַ חתן, אַז ער פאַרלאַנגט נישט ביי איר קיין גראָשן נדן, אַז אפילו מאָרגן וואָלט ער געשטעלט די חופּה, און זי וועט זיין גליקלעך מיט אים. ער וועט זי נאָר טראָגן אין זיידנס און אין סאַמעט, אַלע טייערע זאַכן וועט ער פאַר איר קויפן, צו די תנאים וועט ער איר שענקען אַ פּאָר בריליאַנטענע אוירינגלעך און זיין מוטער האָט שוין אָנגעגרייט פאַר זיין כלה אַ ציטערשפּילקע, געזעצט מיט פּיראָונ-צוואַנציק שטיינער.

עסיען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי הערט די ווערטער אין חלום. ווען ־'י האָט זיך אויסגעוויינט, האָט זי הירשלען געזאָגט:

— איך בין עס נישט ווערט ביי דעם, וואָס לעבט אייביק... איך וועל זאָגן נחמנען און מיר וועלן שרייבן, זי זאָל קומען צופאָרן. איר זאָלט פריער איבעררעדן צווישן זיך און רעדן מיט דיין טאַטע-מאַמע, און אויב עס איז אָנגעצייכנט פון זיין ליבן נאָמען, וועל איך אוודאי זיין גליקלעך צו זען מיין קינד פאַר אַ שנור ביי שרה-פייגען.

— איך האָב שוין גערעדט מיט אידען פאַר איר אַוועקפאָרן.

— שוין גערעדט? פאַרוואָס-זשע איז זי אַוועקגעפאָרן? — האָט פעסיע פאַרוואונדערט געפרעגט מיט אַ פּאָר אויסגעשטעלטע אויגן.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס, זי האָט געזאָגט, אַז פאָרן מוז זי, נאָר זי וועט מיר פון אַלץ שרייבן.

פעסל איז זייער בייז געוואָרן אויפן מאַן.

— נחמן, ער איז אין אַלעמען שולדיק! — האָט זי געטענהט. — אָט דעם אַלטן נאַר קענען די קינדער אויף דעם פייער אַרויספירן. זיי גייען מיטן קינדערשן שכל און ער, מיט די גרויע האָר, גייט זיי נאָך. איך האָב אָבער געזאָגט, געשריען און געוויינט, זי זאָל נישט פאָרן! ווי מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז זי דאַרף נישט פאָרן. נאָר איך וועל איר שרייבן, זי זאָל באַלד קומען. איך וועל איר דעפעשירן! און זי וועט באַלד קומען. וואָס מיינען זיי, איך וועל אַזוי אַלץ הערן? אַזוי אַרט מיך נישט, זאָלן זיך די קינדער נאַריש מאַכן, זאָלן זיי נישט פאָלגן דער מאַמען. אָבער ווען עס קומט די גוטע שעה, אַ קינד צו לייטן מאַכן, דעמאָלט בין איך אַ מאַמע, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. ער מיינט, איך וועל אַלץ גיין נאָך זיין קאָפּ. פאָלג איך אים, וואָלט נאָך פערל עד־היום געזעסן אַ מויד. אַז עס קומט אַ קינד חתונה צו מאַכן, דאַרף איך אים שיקן אַ חתונה־בילעט, גלייך ווי אַלע געבעטענע געסט, וועט ער קומען אויף דער חתונה... ביי פערעלען איז אַזוי געוועזן. און ביי אידעטשקן וועט אויך אַזוי זיין... איך וועל נאָר ביי אים נישט פרעגן! איך בין, ברוך השם, אַ מאַמע ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, איך האָב אויך אַ דעה!.. וויפל האָט מיך געזונט געקאָסט ביז איך האָב אידעטשקען אויפגעהאָדעוועט... וויפל בלוט האָב איך פאַרגאָסן! נישט איצט געדאַכט, מאָזלען, פאָקן, שקאַרלאַטינע, שקראָפל, מאַנדלען אין העלדזל... ווער קען זיך דען אָנגעדענקען? ווער איז די נעכט איבער איר נישט געשלאָפן? איך מיט מיינע טרערן האָב זי יעדעס מאָל אויסבעטן ביי דעם, וואָס לעבט אייביק... איך וועל איר באַלד שרייבן, איך וועל דעפעשירן!

פון דער צייט אָן האָט זיך הירשל בעסער געפילט און געציילט די טעג, ווען אידע וועט קומען.

— איך וואָלט נאָר געוואָלט, אַז ביי מיר מיט אידען זאָל מען שרייבן, ווי צום גיכסטן, תנאים. די חתונה מעג זי אָפּלייגן, ווען זי וועט וועלן, — פלעגט ער זאָגן אידעס מוטער. — מיינע עלטערן מיט זייערע שדכנים זאָלן מיר כאָטש אויפהערן צו דולן דעם קאָפּ מיט זייערע שידוכים. די לעצטע צייט לאָזן זיי מיך גאָרנישט לעבן, איך זאָל נאָר פאָרן אָנקוקן.

— פאַרוואָס זאָלסטו זיי נישט דערציילן גלייך ווי מיר?

— צו וואָס דאַרף איך זיך מיט זיי דערוויל קריגן?

— קריגן זיך? — האָט פעסל געפרעגט דערשראָקן. — דאָס וויל איך נישט. מיינע קינדער, ברוך השם, דאַרף איך נישט אָנוואַרפן. איך האָב מיך, געלויבט זיין ליבן נאָמען, מיט זיי נישט וואָס צו שעמען. וואָס ס'איז באַשערט, באַווערט. קריגן זיך דאַרף מען נישט, און טאַטע-מאַמע דאַרף מען פאָלגן.

— ווען מיינע עלטערן וועלן נישט וועלן, וועל איך נישט חתונה האָבן... ווען נישט מיט אידען, וועל איך קיינמאָל נישט חתונה האָבן...

פעסל האָט אידען נישט דעפעשירט, נאָר וועגן דעם אַ לאַנגן בריוו געשריבן און געבעטן, זי זאָל קומען אַהיים ווי צום גיכסטן.

נחמן האָט דער טאָכטער אויך אַ גרוס צוגעשריבן, אַז אין די זאַכן מישט ער זיך נישט. דאָס איז דער מאַמעס געשעפטן. זיין גאַנצער צוועק אין לעבן איז נאָר, אַז זי זאָל זיין גליקלעך און נישט מער.

הירשל האָט זיך געפילט גליקלעך, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז אידעס עלטערן האָבן איר געשריבן, אַז זי זאָל ווי צום גיכסטן קומען אַהיים. ער האָט געוווסט, אַז אידע איז איבערגעגעבן און שעצט אירע עלטערן און וועט זיי פאָלגן. ער האָט געציילט די טעג, ווען עס וועט פון איר זיין אַן ענטפער, אַז זי פאָרט שוין מיט מזל אַרויס.

נאָכמער האָט ער זיך דערפרייט, ווען זיין פאָטער האָט אים געזאָגט:

— הירשל! דו זאָלסט היינט אין אָוונט זיין אינדערהיים. איך האָב מיט דיר וועגן אַ וויכטיקער זאַך צו רעדן.

זיין האַרץ האָט אים געזאָגט, וועגן וואָס זיין פאָטער וויל מיט אים רעדן: געוויס וועגן אַ שידוך. זיין מוטער פלעגט אָפט מיט אים רעדן וועגן שידוכים. דער פאָטער פלעגט וועגן דעם ענין ווייניק רעדן מיט אים. זיין מוטער פלעגט אָפט זיך ווענדן צו איר מאַן:

— קלמן! וואָס וועט זיין דער סוף? דיך אַרט גאָרנישט, ווי דו וואָלסט גאָר קיין טאַטע נישט געווען... האָסט מער נישט אין זינען ווי בעשעפטן און געשעפטן, און ווען מען דאַרף אַ קינד חתונה מאַכן, וויל-

סטו גאָרנישט וויסן, ווי גלייך עס איז נישט דיין קינד. קומט אַמאָל אַ שדכן, שיקסטו אים אָפּ צו מיר. וואס קען איך, אַ יידענע, רעדן און וויסן? ביי מיר זענען אַלע שידוכים גוט, אַבי עס זאָל נאָר זיין מיט מזל! ווי נעמט זיך נישט אַמאָל אַ טאַטע צייט אויסצופרעגן וועגן אַ שידוך, וואָס מען לייגט פאָר, אַז עס זאָל ווערן אין אַ גוטער שעה. אַלץ טאָג מיט נאַכט פאַרטראָגן אין געשעפטן און וועגן קינדער ווילסטו גאָרנישט טראַכטן!

דאַן פלעגט קלמן לאַוויצער צוזאָגן זיין ווייב, אַז ביי זיין ערשטער רייזע וועט ער זיך דערפרעגן וועגן אַ שידוך, און דערמיט פלעגט זיך עס ענדיקן. הירשל פלעגט פון אַזאַ סוף זיין זייער צופרידן. קיינער האָט אים דערוויילע נישט געשטערט צו האָפן אויף אידען. נאָר איצט, אַז זיין פאָטער האָט איבם געזאָגט, אַז ער האָט מיט אים צורעדן וועגן אַ וויכטיקער זאַך, איז ער געווען זייער צופרידן. געוויס וויל ער איצט רעדן ערנסט וועגן אַ שידוך, אויף וועלכן ער האָט זיך אין זיין לעצטער רייזע נאָכגעפרעגט. איצט קען מען מער די זאַך נישט אָפּציען... איצט וועט ער איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיינע עלטערן אַלץ דערציילן, און זאָל זיין, וואָס עס וויל זיך.

„אַז מיינע עלטערן וועלן נישט באַשטיין אויף דעם שידוך, וועלן אידעס עלטערן אויך נישט וועלן. „מיט מיינע קינדער דאַרף איך זיך נישט אָנוואַרפן, איך האָב זיך מיט זיי נישט וואָס צו שעמען,” האָט הירשל זיך דערמאָנט אָן פעסיעס ווערטער, און ער האָט ביי זיך פעסט באַשלאָסן, אַז ווען זיינע עלטערן וועלן נישט באַשטיין מיט זייער בעסטן ווילן צו טון אַ שידוך מיט נחמן ליפשיץ, וועט ער זיי זאָגן, אַז מען זאָל אים מער קיין שידוכים נישט רעדן. און ער וועט אויספירן.

*

ווען קלמן לאַוויצער האָט אין אָוונט אַריינגערופן זיין זון צו זיך אין צימער, האָט הירשל זיך דערשראָקן פאַר זיין געזיכט. ער האָט זיין פאָטער קיינמאָל נישט געזען אַזוי פאַרזאָרגט און אַזוי ערנסט. „ניין, נישט וועגן אַ שידוך וויל ער מיט מיר איצטער רעדן”, איז הירשלען ארויפגעקומען אויפן געדאַנק. נאָר אויף זיין פאָטערס געזיכט האָט זיך באַלד געוויזן אַ געצוווּנגענער שמייכל, און אין זיינע אויגן האָבן

זיך, נישטווילנדיק, געשטעלט טרערן. הירשל האָט זיך מער צוגעקוקט צו זיין פאָטערס געזיכט און האָט איצט באַמערקט, ווי זיין באָרד איז אין דער לעצטער צייט שטאַרק גרוי געוואָרן און די קנייטשן אויף דעם שטערן זענען טיפער. אַן אומגעהייערע ליבע און טרייקייט האָט זיך איצט געוויזן ביי הירשלען צו זיין פאָטער, און ער האָט געפילט, ווי ער איז איצט מיט קיין זאַך נישט אין שטאַנד אָפּצועזאָגן זיין פאָטער און ווער שמועסט — אים נאָך מיט עפּעס מצער צו זיין. ער האָט געפילט מיט זיינע אַלע אברים, ווי ער איז איצט גרייט זיך מקריב זיין אַבי צו פאַרגרינגערן זיין פאָטער, זיין באָרד זאָל אַזוי גיך נישט גרוי ווערן און די קנייטשן אויף זיין געזיכט זאָלן זיך נישט פאַרגרעסערן. נאָר וואָס איז דאָ געשען? מיט וואָס קען ער אים דען העלפן? זיין פאָטער האָט אים קיינמאָל פון קיין שלעכטע זאַכן נישט דערציילט. און געוויס איז נישט פאָרגעקומען קיין שלעכטס: וואָס-זשע זעט ער איצט אַזוי אויס און וועגן וואָס וויל ער מיט מיר רעדן?

— וואָס איז מיט דיר, טאַטע? — האָט הירשל געפרעגט, זיך נישט קענענדיק דערוואַרטן ביז זיין פאָטער וועט אָנהייבן רעדן. — וועגן וואָס האָסטו מיך גערופן?

— וואָס זאָל זיין מיט מיר, געלויבט צו גאָט... וואָס זעסטו דען אַזוינס אויף מיר?

— איך וויים, דו זעסט אויס אַזוי שלעכט... וואָלסט זיך באַדאַרפט אָפּרוען, פאָרן קיין אויסלאַנד, נישט אַזוי אַרבעטן, נישט אַזוי פיל געשעפטן האָבן.

— ביזט אַוודאי גערעכט, מיין קינד. דערויף טאַקע אַרבעט איך, מען זאָל זיך אויף דער עלטער קענען אָפּרוען. דו זאָגסט, איך זאָל האָבן ווינציקער געשעפטן. איך וואָלט עס אויך געוואָלט, נאָר דו ווייסט דען נישט, אַז דאָס איז נישט געווענדט אין סוחר. „אָדער דער סוחר האַלט די געשעפטן אָדער די געשעפטן האַלטן דעם סוחר". דאָס איז נישט געווענדט אין מיר, מיין קינד. די געשעפטן האָבן מיך אַרומגעדרייט פון אַלע זייטן, ווי שלאַנגען, און איך קען זיך נישט אויסדרייען פון זיי, ווען עס ווילט זיך מיר. נאָר לאָמיר, מיין קינד, אַוועקוואַרפן די מסחרים און בעסער מיט דיר רעדן, וועגן אַ פּרייוואַטער זאַך... — האָט קלמן געזאָגט און אויף זיין געזיכט האָט זיך ווייטער געוויזן אַ שמייכל און אַ געמאַכטע פריילעכקייט. — דו ווייסט, הירשל, אַז היינטיקע וואָך האָב איך, זענענדיק אין וואַרשע, אָנגעקוקט

פאַר דיר אַ כלה, און אויב זי וועט דיר אַזוי גוט געפעלן, ווי מיר, וועט דאָס מיט אַלעמען זיין אַ גליקלעכער שידוך פאַר דיר. ר׳ שלמה אהרן הייסט דער מחותן. גאַנץ וואַרשע קען אים, אַ לייטישער סוחר און אַ גרויסער גביר. איך אַליין האָב צוריק מיט יאָרן מיט אים געהאַט אַ פאַר געשעפטן און קען אים זייער גוט. איצט וויל ער טון מיט מיר אַ שידוך. אַלס קינד דהאָט ער דיך אַמאָל געזען פאַרבייפאָרנדיק אונדזער לאַוראַווע. מיט איין וואָרט, עס איז כמעט אַ היימישער שידוך. דערצו דאַרפסטו וויסן, פון וואָס פאַר אַ גרויסן יחוס ער קומט אַרויס. מיט זיינע עלטערע קינדער האָט ער געטון די שענסטע שידוכים. נאָך שבת קענען מיר פאָרן אָנקוקען, הירשל, און אויב חתן־כלה וועלען זיך געפעלן, וועט מען קענען שרייבען תנאים למזל... איך האָב זיך מתחיב געווען דיר צו געבן פופצנטויזנט רובל און ער גיט דרייסיק. אַלזאָ, הירשל, נאָך שבת פאָרן מיר אין אַ גוטער שעה...—האָט קלמן געענדיקט, און זיין געמאַכטע פריילעכקייט איז פאַרשווונדן געוואָרן.

הירשל האָט געשוויגן. דער קאָפּ האָט זיך אים, ווי פאַרדרייט, אין די אויגן האָט אים געשווינדלט. ער קען נישט צוזאַמענעמען אַלע ווערטער, וואָס זיין פאָטער האָט גערעדט. ער געדענקט נאָר אייניציקע ווערטער. ער וויל עפּעס ענטפערן זיין פאָטער, נאָר ער קען נישט. אָט ווילט זיך אים זאָגן: „ניין, טאַטע, איך קען נישט פאָרן”, און אים דערציילן אַלץ. עפענען זיין האַרץ, נאָר קוקנדיק אויפן אַלטן פאַרזאָרגטן פאָטער, עפענען זיך אים נישט די ליפּן, ער זאָל קענען אויסרעדן אַ וואָרט.

— נו, וואָס שווייגסטו? פאָרן מיר, הירשל?

— ניין... טאַטע!—האָבן זיך פּלוצים אומבאַטראַכט אַרויסגעריסן אַ פאָר ווערטער.

— וואָס הייסט, ניין?—האָט קלמן געפרעגט דערשראָקן.—די כלה קענסטו נאָך נישט, האָסט זי נישט געזען, ווי־זשע קענסטו זאָגן, אַז „ניין”? וועסט פאָרן, וועסט אָנקוקן, וועסטו דעמאָלט וויסן, און אַז זי וועט דיר געפעלן, בין איך זיכער. זי איז זייער אַ שיינע, ביי אונדז אין לאַוראַווע איז נישטאָ אַזאַ מיידל... דערצו איז זי זייער געבילדעט, רעדט אויף עטלעכע שפּראַכן... זי שפּילט קלאַוויר, אַז עס צעגייט זיך אין יעדן אבר הערנדיק. וואָס האָבן מיר גאָר וועגן דעם איצט צו טראַכטן? מיר וועלן פאָרן, וועלן מיר זען... נו, אַ גוטע נאַכט! איך

האָב נאָך פיל בריוו צו שרייבן, נחמן וואַרט אויף מיר אין קאַנטאָר, עס איז נאָך דאָ פיל אַרבעט... זע מאַך דיך גרייט צום פאָרן. טאַמער פעלט עפּעס, גרייט צו. די מאַמע וועט שוין וועגן דעם אַלעמען מיט דיר איבעררעדן. איך האָב מיט דיר וועגן דעם געוואָלט רעדן אונטער פיר אויגן. די מאַמע וואַרט אויף דיר,—האָט קלמן אויף גיך געענדיקט און איז אַראָפּ צו זיך אין קאַנטאָר אויף דעם ערשטן שטאָק, וווּ נחמן ליפשיץ האָט געוואַרט אויף אים מיט בריוו, ער זאָל זיי אונטער-שרייבן.

הירשל איז דעם היינטיקן אָוונט צו דער מוטער נישט געגאַנגען, ווייל ער האָט נישט געוואָלט הערן וועגן דעם שידוך. דעם צווייטן טאָג האָט ער זיך אויך געסטאַרעט נישט צו זיין מיט זיינע עלטערן אַליין, אויך איבער דער אייגענער סיבה, אָבער לאַנג האָט ער זיך אין אַזאַ לאַגע נישט געקענט געפינען. דערצו האָבן די עלטערן באַמערקט אין זיין געזיכט, ווי ערליידט פון עפּעס. און באמת האָט ער די עטלעכע טעג פיל געליטן. ביינאַכט האָט ער נישט געקענט שלאָפן, דעם אַפּעטיט צום עסן האָט ער אויך פאַרלאָרן. זיין ליידן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זיין געזיכט. הירשל האָט געפילט, אַז ער מוז זיך אויף עפּעס באַשליסן: ער מוז אָפן דערקלערן זיינע עלטערן. ער האָט שוין אַליין אָנגעהייבן זוכן אַזאַ צופאַל, אויף וועלכן ער האָט אָבער לאַנג נישט באַדאַרפט וואַרטן.

הירשל האָט איינמאָל באַמערקט ווי אין זיין פאָטערס קאַנטאָר, אויף דעם ערשטן שטאָק לייכט זיך שפּעטער, ווי אַלע אָוונט. איז ער אַריינגעגאַנגען און מיט גרויס חידוש דערזען, ווי זיין פאָטער זיצט אַליין און איז פאַרטיפט אין אַ קאַנטאָרסקן בוך. ר׳ קלמן לאַוויצער האָט נישט באַמערקט הירשלס אַריינקומען. הירשל האָט זיך ווידער דער-שראָקן פאַר זיין פאָטערס פאַרזאָרגט געזיכט.

— דו ביזט עס, הירשל,—האָט זיך קלמן לאַוויצער אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף און געמאַכט אַ פריילעכע מינע, — וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט ?

— איך האָב געזען, ווי עס לייכט זיך דאָ, בין איך אַריינ-געקומען...

—נו, זייער גוט, וואָס דו ביזט געקומען... איך האָב זיך צו שפּעט פאַרזעסן אין קאַנטאָר... דו ווייסט דאָך, אַז אויף פרעמדע מענטשן קען מען זיך נישט פאַרלאָזן... מען מוז זיך אַליין אומקוקן אויף אַל[illegible]

נו, געגוג די געשעפטן! וואָס הערט זיך, ביזטו שוין גרייט מיט דיין נסיעה? אין אַ פּאָר טעג, מיין איך, וועל איך זיך קענען אָפּרייסן און פאָרן אין אַ גוטער שעה.

— ניין, טאַטע, איך האָב דאָך דיר דאָס ערשטע מאָל געזאָגט, אַז ניין...

— עט, נאַרישקייטן, פאַרוואָס ניין? די כּלה האָסטו נאָך נישט געזען? איך בין זיכער, אַז זי וועט דיר געפעלן...

— זי קען מיר נישט געפעלן, טאַטע, ווי שיין און געראָטן זי זאָל זיין!

— דו ביזט משוגע, צי וואָס? דו ווילסט בלייבן אַן אייביקער בחור?

— אָ, ניין, אַ בחור וויל איך נישט בלייבן, נאָר אַן אַנדערע איז מיר געפעלן... און אויב איך וועל אַמאָל חתונה האָבן, איז נאָר מיט איר...

— מיט איר? אַן אַנדערע? ווער איז זי?—האָט דער פאָטער גע-פרעגט, ווי דערשראָקן.

— אידע... נחמנס טאָכטער... — האָט הירשל קוים אויסגע-רעדט.

— וועלכער נחמן?.. וואָסער אידע?..— האָט קלמן געפרעגט, ווי צעמישט, נישט גלויבנדיק, אַז זיין זון רעדט עס.

— אונדזער נאַמן, נחמן ליפשיץ, וואָס שרייבט בריוו פאַר אונדזער קאָנטאָר... זיין טאָכטער, אידע...

— נו, נחמן... אידע... איז וואָס?

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז אויב עס איז מיר באַשערט חתונה צו האָבן, איז נאָר מיט אידען...

— ניין, הירשל, דאָס קען נישט זיין, דאָס איז נישט מעגלעך! דו פאַרשטייסט אַליין, אַז עס קען נישט זיין: קלמן לאַוויצער מיט זיין נאַמן נחמן ליפשיץ! דו ביזט נאָך אַ יינגל מיט יינגלשע געדאַנקען, כאָטש דו ביזט שוין אַ יונגערמאַן פון איבער צוואַנציק... דו דאַרפסט שוין נישט רעדן אַזוינע נאַרישקייטן...

— ביי מיר איז דאָס נישט קיין נאַרישקייטן, טאַטע... ביי מיר איז אידע דאָס גאַנצע לעבן...

— נאָר עס קען נישט זיין! פאַרשטיי אַליין, הירשל, אַז עס קען נישט זיין! —האָט זיין פאָטער אָנגעהייבן מיט גוטן.

— איך פֿאַרשטיי בכלל נישט, פֿאַרוואָס עס קען נישט זיין...
אידע האָט די מאַמע אַליין נישט איינמאָל געלויבט, אַז זי איז אַ זעלטן קינד, און דו אַליין ווייסט אויך, אַז זי איז אַ פֿיין קינד. נחמן ליפּשיצן קען יעדער פֿאַר אַן אָרנטלעכן מענטשן און דו דאַרפֿסט אים קענען פֿאַר אַזוינעם מער ווי אַלע אַנדערע... הייַנט, פֿאַרוואָס זאָל עס נישט קאָנען זיין, אַז אידע זאָל זיין מיין פרוי?

— יאָ, נאָר נחמן איז אַן אָרעמאַן, זי האָט קיין גראָשן נדן... פֿון וואָס וועט איר לעבן, סיידן מיט צוויי טאָרבעס אין די הייזער גיין?

— דאַכט זיך, אַז מיט צען אָדער פֿופֿצנטויזנט רובל נדן, וואָס דו ווילסט מיר געבן, ברויכט מען נישט אַרומגיין אין פֿרעמדע הייזער... אַנדערע יונגעלייט האָבן חתונה און פֿאַרמאָגן ווינציקער געלט און זיי לעבן פֿונדעסטוועגן באַלעבאַטיש. ווען דו, טאַטע, האָסט חתונה געהאַט, האָט מיר די מאַמע דערציילט, האָט איר אַ סך ווינציקער פֿאַרמאָגט נדן, נו, און נישט צו פֿאַרזינדיקן... פֿאַרוואָס-זשע זאָל איך דאַרפֿן גיין מיט טאָרבעס? איך בין אַ יידישער יונגערמאַן גלייך מיט אַלע, איך בין דערצו אַ בן-יחיד, מיין פֿאָטער איז ר׳ קלמן לאַוויצער, וואָס שמט אין אונדזער געגנט פֿאַר איינעם פֿון די גרעסטע גבירים!—האָט הירשל געזאָגט מיט אַ פֿרייל
עכן שמייכל...— שוין-זשע וועל איך גליקלעך זיין, ווען מיין כלה וועט מיר געבן נאָך פֿופֿצן אָדער צוואַנציקטויזנט רובל? איך קען נאָר רייכער זיין, אָבער נישט גליקלעכער...

ר׳ קלמן לאַוויצער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ פּאָר מינוט געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעווישט דעם שטערן, אַרויפֿגעלייגט זיין האַנט אויף הירשלס פּלייצע און מיט האַרץ זיך אָנגערופֿן:

—הער נאָר, מיין קינד, זייער גלייך, וואָס מיר האָבן זיך וועגן דעם צערעדט... איך זע, אַז אין דער לעצטער צייט גייט מיר נישט מיט קיין זאַך... וואָס איך זאָל נישט פֿאַטראַכטן, לאָזט זיך אויס קאַפּויר. איך בין צעפּרידן, וואָס ענדלעך וועל איך איצט קענען מיט דיר זיך אויסרעדן. איך האָב עס שוין לאַנג באַדאַרפֿט טון. נאָר אפֿשר איז עס נאָך נישט שפּעט? בעסער פֿריער, ווי שפּעטער...

און ר׳ קלמן לאַוויצער איז ווייטער שטיל געבליבן. עס האָט אים אָנגעהייבן שטיקן אין האַלדז, טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. הירשל האָט זיך דערשראָקן.

— וואָס איז דיר, טאַטע? האָט ער געפרעגט.

— גאָרנישט, מיר איז שווער דיר אַלץ אַרויסצוזאָגן, נאָר ענד־לעך מוז איך עס טון טאַקע צוליב דיין טובה... דו רעכנסט, אַז איך גיב דיר פּופּצנטויזנט רובל נדן, דו רעכנסט זיך פאַר אַ בן יחיד פון אַ גביר, דו ביזט געךעכט... דו האָסט קיין שום סיבה נישט געהאַט ביז איצט אַנדערש צו רעכענען... אָבער איך מוז דיר ענדלעך אַרויס־זאָגן דעם גאַנצן אמת, אַז איך בין נישט רייכער פון נחמנען, דאָס הייסט אַ סך אָרעמער, ווייל נחמן איז דאָך נישט קיין בעל חוב...

הירשל איז נאָך בלאַסער געוואָרן, ווי פריער. ער ד־האָט מער נישט געקאָנט אויסרעדן, ווי די ווערטער: „אידע האָט מיר אָבער גע־זאָגט פאַר איר אַוועקפאָרן!..״

— וואָס רעדסטו מיט אידען, הער בעסער, וואָס איך זאָג דיר... ווייס, אַז דיין טאַטע איז אן אָרעמאַן, און נאָר דער שידוך פון וואַר־שע מיט אַזאַ גביר, ווי אַהרן ווייסנזילבער קען מיך אפשר ראַטעווען, און אויב נישט מיך, וועט דער שידוך דיך געוויס ראַטעווען. לאָז כאָטש דיר זיין גוט! דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיינע קינדערס גליק איז מיין גליק, מיין גאַנצע האָרעוואַניע אין לעבן איז נאָר געווען צוליב די קינדער. פאַר דיינע שוועסטער האָב איך געטון, וואָס איך האָב נאָר געקענט, זיי חתונה געמאַכט, נישט געשפּאָרט קיין גרויסן נדן, געטון די לייטעשסטע שידוכים. דער עלטערער גייט, געלויבט גאָט, דערווייל נישקשה... די צווייטע שוועסטער זיצט מיט דעם מאַן און קינדער ביי מיר מיט אַלעם גוטן. איך האָב מיין גאַנץ לעבן אַוועקגעלייגט פאַר די קינדער און דאַרף דיר נישט זאָגן, אַז פון דיינעטוועגן, מיין בן־יחיד, וואָלט איך דאָס גאַנצע לעבן אַוועקגעגעבן, אַבי דיר זאָל זיין גוט, פון דיינע קליינע שוועסטערלעך טראַכט איך שוין גאָרנישט. איך בין פאַר דער צייט אַלט, איך בין שוין מיד... געדענק, אַז דער שידוך מיט אַזאַ גביר, ווי אַהרן ווייסנזילבער, איז אַ גרויס גליק פאַר אונדז, פאַר דיר. קיינער ווייסט נישט, ווי מיינע געשעפטן שטייען, יעדער מיינט, אַז איך בין אַ גביר... אָבער לאַנג קען דאָס נישט האַלטן. ווען מען וועט זיך דערוויסן, איז אַלץ פאַרפאַלן. דעמסטמאָל קומט טאַקע מער נישט אויס, ווי צו נעמען טאָרבעס און גיין אין די הייזער... און ווען איך טו דעם שידוך מיט ווייסנזילבערן קען איך נאָך אפשר מיי־נע געשעפטן דרייען, דערויף בין איך אַ סוחר... די שלעכטע געשעפטן האָבן מיך אויסגעלערנט שווינדלען... איך רעד מיט דיר, מיין קינד,

גאַנץ אָפֿן, קיין זאַך וועל איך פֿון דיר נישט לייקענען... הלוואי וואָלט איך מיט דיר געוועזן אָפֿן אַ סך פֿריער, וואָלסטו פֿאַרשפּאָרט צו לעבן אין טעות... מיינע געשעפֿטן שטייען שוין לאַנג שלעכט... און די שלעכטע צייטן האָבן מיך, נישט ווילנדיק, אויסגעלערנט צו דרייען און צו שווינדלען... און האָף נאָך פֿיל יאָרן ווייטער אויך אַזוי צו דרייען מיינע געשעפֿטן, נאָר שטער מיר נישט און העלף מיר... איך בין שוין שוואַך און מיד... איך ברויך הילף און דו דאַרפֿסט מיר העלפֿן. ווער דען, אַז נישט דו? פֿריער פֿאַר אַלעמען דאַרפֿן מיר פֿאָרן קיין וואַרשע טון דעם שידוך. איך וועל טאַקע לייגן פֿופֿצנטויזנט רובל, גאָטס און פּרעמדס, פֿון כּלהס צד וועט מען לייגן דרייסיקטויזנט און דערנאָך... דערנאָך וועל איך דיר שוין זאָגן, וואָס מיר האָבן צו טון. דורך דיין מחותּן קעגן מיר קומען צו די גרעסטע געשעפֿטן, און צו אַ נייעם ביליקן קרעדיט... העלף מיר, מיין קינד, העלף דרייען, וועלן מיר זיך נאָך האַלטן אויף די פֿיס און נישט קומען, חס ושלום, צו שפּאָט און לייטיש געלעכטער. העלף מיר !...

ר׳ קלמן לאַוויצער האָט די לעצטע ווערטער כּמעט אויסגעשריען, נישט אַראָפּנעמענדיק די האַנט פֿון הירשלס פּלייצע. הירשל האָט זיך ווי פֿון אַ שלעכטן חלום אויפֿגעכאַפּט.

— דו רעדסט עס אַזוי, טאַטע ? דו, ר׳ קלמן לאַוויצער, וואָס שמט אומעטום פֿאַר דעם אָרנטלעכסטן סוחר ? דו, פֿון וועלכן איך האָב קיינמאָל נישט געזען קיין שלעכטע זאַך, נישט געהערט קיין שלעכט וואָרט ! דו ווילסט נישט אויפֿהערן צו שווינדלען און צו דרייען און ווילסט מאַכן געשעפֿטן אַפֿילו מיט דיין איינציקן זונס לעבן? איך מיין מיט דעם שידוך, וואָס דו ווילסט טון מיט מיר, ווילסטו אויך מאַכן געשעפֿט, שווינדלען און דרייען און פֿאַרלאַנגסט נאָך, איך זאָל דיר העלפֿן?...

—וואָס זשע זאָל איך טון? די נויט, די שלעכטע געשעפֿטן, דאָס שטענדיקע דרייען האָט מיך געבראַכט דערצו... וואָס-זשע ווילסטו, הירשל, איך זאָל נישט דרייען, נישט שווינדלען ? לאָמיך דאָס אויפֿהערן אַפֿילו איין טאָג, אויף איין שעה, פֿאַרקויפֿט מען אַלץ, וואָס איך פֿאַרמאָג, מיט דער פּויק, און מען וואַרפֿט אונדז אַרויס אויף דער גאַס ! אַז דו ווילסט אַזוי, באַשטיי איך אויך...

— ווען מען וועט אונדז אַרויסוואַרפֿן אויף דער גאַס, — האָט הירשל געענטפֿערט, — וועלן מיר אויפֿהערן צו דרייען און צו שווינד-

לען! מיר וועלן אַרבעטן, מיר וועלן לעבן, ווי נחמן, ווי בערל און נאָך אַנדערע יידן... זיי לעבן אויך, און מיר וועלן אויך לעבן! עס וועט אונדז זיין בעסער. מיר וועלן פאַרשפּאָרן צו דרייען און צו שווינדלען...

— נאַריש ייִנגל!—האָט זיך ר' קלמן איראָניש צעלאַכט. — וואָס וועלן מיר אַרבעטן? ווער וועט אַרבעטן? נחמן קאָן שרייבן בריוו אויף עטלעכע שפּראַכן, נחמן קאָן זיין אַ לערער, בערל איז אַ שוסטער און קאָן נייען די בעסטע פּאָר שטיוול, און איך מיט דיר, וואָס קאָנען מיר? וואָס בין איך מיט דיר, הירשל, אָן געלט? — קאַליקעס זענען מיר, ווי די אַלע אַנדערע טויזנטער יודישע קאַליקעס, וועלכע מען באַגעגנט אין אַלע יידישע שטעט, זיך דרייענדיק אין גאַס, מיט אָפּגעריבענע שטעקלעך אין די הענט, מיט פאַרשמאַכטע ליפּן, מיט בלאַסע פאַרטריקנטע געזיכטער... אומגליקלעכע קאַליקעס, וואָס טויגן נישט צו קיין שום אַרבעט! כל זמן מיר, קאַליקעס, האָבן נאָך אייגענע עטלעכע רובל, כל זמן מיר קענען נאָך דרייען און שווינדלען מיט פרעמדע עטלעכע רובל, קען מען נאָך, ווי עס איז, זיך האַלטן אויף די פיס... אָט אַזוי זענען דאָס רוב הייִנטיקע יידישע סוחרים, אַזוי שטייט דער הייִנטיקער יידישער מסחר...

— איך פאַרשטיי נישט! שוין־זשע האָסטו אייביק געדרייט און געשווינדלט? איך ווייס, אַז דו האָסט אמאָל באַקומען פון ירושות אַ סך געלט, האָסט געהאַט גוטע געשעפטן און פאַרדינט אַ סך געלט...

— אמת, מיין נישט, אַז די וועלט האָט אַ טעות, וואָס זי האַלט דיין טאַטן פאַר איינעם פון די אָרענטלעכסטע סוחרים. מיין נישט, אַז דיין טאַטע איז אַ געבוירענער שווינדלער און דרייער. אמת, איך האָב אמאָל געהאַט אייגענע קאַפּיטאַלן מיט גוטע געשעפטן, איך בין באמת געוועזן איינער פון די אָרנטלעכסטע סוחרים, און האָב נישט געוווּסט, וואָס הייסט דרייען און שווינדלען. אָבער דאָס אַלץ איז געוועזן נאָר אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען עס זענען געוועזן צווישן יידן— סוחרים מיט מסחרים... אָבער נישט הייַנט, ווען סוחרים זענען זייער ווייניק. דאָס רוב, זענען שווינדלער, קאָפּדרייער. וואָס פאַר אַ סוחרים, אומשטיינס געזאָגט, זענען עס די הייַנטיקע געשעפט־מענטשן?

ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און האָט ווייטער געזאָגט:

—ס'איז נישט איצט צו דערקלערן, פאַרוואָס פון מיינע געשעפטן האָט

זיך אויסגעלאָזט אַזאַ טייך און פאַרוואָס בין איך אַליין אַזוי געוואָרן? איך בין זיך מודה, אַז איך האָב שלעכטס געטון, וואָס איך האָב דיך לאַנג נישט באַקענט מיט מיינע געשעפטן... איך האָב דאָס אָבער געטון נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב געוואָלט, אַז מיין איינציקער זון זאָל נאָך דערוויי־ל נישט האָבן קיין שום זאָרג, אַזוי ווי איך ביי מיינע עלטערן אין דיינע יאָרן האָב פון קיין שום שלעכטס נישט געוווסט. איך האָב דיר איצטער אויך כּלל נישט געוואָלט דערציילן, ווי מיינע געשעפטן שטייען... דו וואָלסט זיך נאָך פיל יאָר גערעכנט פאַר אַ גליקלעכן גבירס אַ בן־יחיד... דו ווייסט גוט, ווי איך האָב קיינמאָל נישט דערלאָזט, דו זאָלסט האָבן פון עפּעס צו זאָרגן... איך קען גוט דעם מסחר, איך האָב געבוג פּראַקטיקע, אַז איך זאָל נאָך פיל יאָר מיין סוחריש רעדל קענען דרייען. אָבער דו ווילסט טון פונקט דעם היפך, ווי איך פאַרלאַנג... דו ווילסט גאָר ווערן אַ חתן פאַר נחמנס טאָכטער... איך מיט מיין גאַנץ הויז זענען איצט ביי דיר אין די הענט... טו מיט אונדז, הירשל, וואָס דו ווילסט. מיט היינטיקע קינדער, ווייס איך, קען מען זיך נישט קריגען און עס העלפט נישט... טו, ווי דו פאַרשטייסט, הירשל, נאָר איך מוז וויסען אויף וואָס דו האָסט זיך באַשלאָסן.

הירשל איז געזעסן אַ בלאַסער, אָן ווערטער. זיין פאָטער האָט געקוקט אויף אים מיד און דערשראָקן.

—איך פאָר, איך פאָר קיין וואַרשע, טאַטע... דו און די מאַמע האָבן ביז איצט צופיל גוטס געטון פאַר מיר, איך זאָל זיך נישט וועלן מקריב זיין פאַר אייך. אפשר וועט זיך דאָ אויך געפינען אַ מלאָך, ווי ביי אברהמען, ווען ער האָט געוואָלט מקריב זיין זיין זון יצחקן און מיך אויך ראַטעווען, ווי אים...—האָט זיך הירשל צעוויינט, ווי אַ קליין קינד.

אין גאַנץ לאַוראָווע איז שוין געווען פינסטער, ווען קלמן לאַוויצער מיט זיין זון זענען אַרויסגעגאַנגען פון קאַנטאָר.

ביידע האָבן די נאַכט נישט געשלאָפן. הירשל האָט זיך געפילט, ווי איינער, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און וועלכער וואַרט נאָר, ווען עס וועט ווערן טאָג און מען וועט אים פירן צו דער תליה. אויך קלמן לאַוויצער האָט נישט געקענט שלאָפן פון זיין בן־יחידס יסורים...

— עס וועט איבערגיין, וועט ער מיר דערנאָך דאַנקען, וואָס ער

ווּעט ווערן שלמה אַהרן ווייסנזילבערס אַן איידעם! — האָט זיך קלמן לאַוויצער סוף-כל-סוף באַרויקט. — עס ווּעט איבערגיין, ער איז נאָך אַ יונגערמאַן. ער וועט זיך נאָך פילן גליקלעך, און מיר וועלן אַלע גע- ראַטעוועט ווערן. הירשל איז אים נאָך ליבער און טייערער געוואָרן, וואָס ער פאָלגט אים. נישט אומזיסט וויל אים ווייסנזילבער אַזוי פאַר אַן איידעם. אַזוינע לייטישע יונגעלייט, ווי הירש, געפינען זיך נישט קיין סך אַפילו אין אַזאַ גרויסער שטאָט, ווי וואַרשע.

קלמן לאַוויצער איז צום סוף רויק און צופרידן איינגעשלאָפן.

פּלעצער.

אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע ברענט די ערד — פּלעצער פּלאַמען, פּלעצער ברענען; נעכטן האָט איינער געקויפט אַ פּלאַץ פאַר צענטויזנט רובל, אויף מאָרגן גיט מען אים פופצנטויזנט און אויף איבערמאָרגן פאַרקויפט מען דעמזעלבן פּלאַץ פאַר צוואַנציקטויזנט. יידן קויפן פּלעצער, יידן ווערן אין איין טאָג רייך. סוחרים, קרעמערס, שיינקערס, פּאָדריאַטשיקעס, פאַבריקאַנטן האָבן אָוועקגעוואָרפן זייערע געשעפטן, זייערע פאַבריקן; שוסטער, שניידער, בעקערס און אַנדערע בעלי-מלאכות האָבן אַוועקגעוואָרפן שער און אייזן, דאָקטוירים און פעלדשערס האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע קראַנקע פּאַציענטן,—און קויפן פּלעצער אויף צו בויען הייזער; אַפילו וואָכערניקעס, פּראָצענטניקעס, דיסקאָנטירער און אַזוי לעדיקגייער, וואָס טויגן נישט אַ קאַץ אַן עק צובינדן, קיינמאָל נישט געטאָן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, האָבן זיך איצטער אויך אָנגעהייבן צו רירן מיט זייערע פאַרגליווערטע אבֿרים און קויפן אויך פּלעצער. יידען, וואָס האָבן קיין געלט נישט, נאָר זיי האָבן וואָס צו פאַרזעצן, לייען געלט אויף משכּנות, אַבי צו האָבן האַנטגעלט אויף צו קויפן אַ פּלעצל. יינגלעך, וועלכע זענען נאָך נישט געשטאַנען צום פּריזיוו און טראָגן פון דיקן ווייסן גלאָז ברילן אויף די אויגן, קויפן אויך פּלעצער. אין וואַרשע קאָכט, אין וואַרשע ברענט! יעדן פרימאָרגן הערט מען, אַז עס האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ נייער גבֿיר, אַ לעדיקגייער, וואָס ערשט פאַראַיאָרן האָט ער נישט פאַרמאָגט קיין קאַ-

פיקע, איז היינט א גביר פון הונדערטטויזנט רובל; א יונג בחורל, וואָס האָט זיך ערשט פאַר עטלעכע חדשים די נאָז נישט געקענט אָפּווישן, פאַרמאָגט שוין איצטער דרייסיקטויזנט רובל און בויט א הויז פאַר הונדערט און צוואַנציק טויזנט רובל, און אויף דעם הויז, וואָס ער בויט, גיט מען אים שוין פערציקטויזנט פאַרדינסט... א יידישער דאָק-טאָר פון ווייבערשע מחלות האָט אין א צייט פון פיר חדשים באַוויזן צו קויפן און פאַרקויפן צוויי הייזער און געקויפט א דריט הויז, אויף וועלכן מען גיט אים פופציקטויזנט רובל ריח.

פלעצער! פלעצער! ווייסט איר עפּעס נישט א פלאַץ צו פאַר-קויפן?

—האָט איר עפּעס נישט א פלעצל?—פרעגט יעדן פרימאָרגן איין ייד דעם אַנדערן.

און עס וואַקסן אַרויס, ווי פון אונטער דער ערד מעקלערס, גע-וועזענע שדכנים, מלמדים, חזנים, מקבלים, חלפנים.

—מיר האָבן! מיר האָבן!—שרייען די אַלע מעקלערס.—האָט איר האַנטגעלט?

—עס וועט שוין זיין, גיט נאָר א גוט פלעצל, אָדער א הייזל.

און מער פון אַלע קנאַקט מיט די הייזער און פלעצער, קויפט און פאַרקויפט דער וואַרשעווער גביר ר׳ שלמה אהרן ווייסנזיל-בער.

ווילט איר אפשר פאַרקויפן א פלעצל, א הייזל, ר׳ שלמה אהרן?—לויפן און פרעגן די מעקלערס.

—ניין, איך וויל נישט, געגנוג פון מייבעטוועגן...

—אוי, איר וועט יאָ וועלן, ווען איר וועט הערן, וואָס פאַר א פאַרדינסט מען לייגט אייך פאַר פאַר אייער הייזל, וואָס איר האָט יע-נע וואָך געקויפט—פינפאונצוואַנציק טויזנט רוב פאַרדינסט! איר הערט, הער ווייסנזילבער, אין אַכט טעג צייט פאַרדינען צוואַנציקטויזנט, דאָס איז א שיינער נדן פאַר אייער טאָכטער.

—נו, נו, גייט און ברענגט האַנטגעלט...

אין וואַרשע האַלט מען נאָר אין איין רעדן וועגן דעם גליקלעכן ווייסנזילבער. יעדן חודש קויפט ער און פאַרקויפט צו צוויי הייזער און דריי פלעצער. ער ווערט א מיליאָנער, אויב ער איז עס שוין נישט.

די וואַרשעווער אַנטיסעמיטעשע צייטונגען הערן נישט אויף צו

שרייבן און אָנצעווייזן מיט די פינגער, אַז יידן נעמען צו פוילן. זיי פארבויען די גאַסן מיט יידישע פּלאַצן און אַלע יידן ווערן מיליאָנערן אויף דער פוילישער ערד.

די עפּידעמיע פון די פּלעצער פאַרגרעסערט זיך. אָרעמע יידן, יינגלעך און אַפילו ווייבער, וואָס פאַרמאָגן נאָר פינף אָדער צען רובל האַנטגעלט, האָבן אויך אָנגעהייבן שרייען: „פּלעצער, פּלעצלעך גיט אַהער!"

און די מעקלערס האָבן פאַר די צענרובלדיקע סוחרים אויך געפונען פּלעצער צו צוויי קאָפּיקעס אן איל.

— איר האָט צען רובל, באַט אייך 500 איילן, פינף רובל—250 איילן, דריי רובל—150 איילן פּלאַץ!

אמת, די קאָפּיקע-פּלעצער זענען ווייט פון וואַרשע, נאָר עס איז נישט קיין אומגליק. יעדער חייסט, אַז וואַרשע האַלט זיך אין איין בויען, עס איז שוין כמעט קיין פּלאַץ נישטאָ, ווו צו בויען. מען ציט שוין ביז פינף און זעקס שטאָק... נו, וועט מען אין אַ פּאָר יאָר צייט צוציען וואַרשע צו די קאָפּיקענע ווייטע פּלעצער...

און אַלע יידן, ווער עס פאַרמאָגט נאָר אייניינציק דרייערל אויף האַנטגעלט, קויפט פּלעצער פאַר עטלעכע הונדערט רובל, כאָטש קיינער האָט נישט אויף הוצאות, ער זאָל פאָרן אַמאָל אָנקוקן זיין פּלאַץ.

די ווייטע פּלעצער זענען גאָר זאַמדיקע בערג. זיי קענען קיין שום נוצן נישט ברענגען, זאָגן אייניקע. עס איז גאָר צו זיי קיין וועג נישטאָ. מען קען אהין נישט קומען,—נישט מיט אַ שליטן, נישט מיט אַ וואָגן און נישט מיט אַ שיף. נאָר עס מאַכט נישט אויס. די עפּידעמיע פון די פּלעצער איז אַזוי שטאַרק, די פאַנטאַזיע אין די יידישע קראַנקע דריי-קעפּ איז אַזוי גרויס, אַז מען איז זיכער, אַז די בערג וועט מען אָפּגראָבן, מען וועט בויען באַנען, ברוקירן וועגן, גראָבן קאַנאַלן און מען וועט זיך אהין שליטלען, פאָרן און שיפן זיך.

אויף אַלע גאַסן עפענען זיך דווקא נישט קיין יידישע, נאָר פּוילישע קאַנטאָרן מיט אויסגעשטעלטע פּרייזקוראַנטן צו צוויי אָדער דריי קאָפּיקעס אן איל פּלאַץ, און יידישע יונגעלייט פאַרזעצן די בעבעכעס און מען טראָגט די יידישע קאָפּיקעס אין די נישט יידישע קאַנטאָרן.

די פּוילישע גוטסבאַזיצער, וואָס האָבן געהאַט הונדערטער און

טויזנטער מאָרגעס זאַמדיקע ערד, וועלכע טויגן צו גאָרנישט און ברענ-
גען נישט איין קיין שום הכנסה. האָבן דערהערט, ווי יידען זענען
משוגע געוואָרן אויף „פלעצער", האָבן זיי געעפנט קאַנטאָרן, אין וועל-
כע ייִדיש געלט גיסט זיך, ווי אַ רעגן נאָך אַ גרויסער כמאַרע. די גע-
וועזענע אָרעמע פוילישע פריצים זענען פון יידיש געלט רייך געוואָרן,
און די פוילישע אַנטיסעמיטישע צייטונגען האָבן פונדעסטוועגן נישט
אויפגעהערט צו ליאַרמען, אַז יידן נעמען צו פוילן, בויען פּאַלאַצן אויף
זייער ערד און ווערן מיליאָנערן.

אין שטאָט ווערט גערעדט, אַז עס קענען קומען נאָך טויזנטער
יידישע פאַמיליעס זיך באַזעצן אין וואַרשע, און הייזער, וווינונגען און
פלעצער ווערן נאָך טייערער און טייערער.

ר' שלמה אהרן ווייסנזילבער, וואָס איז ערשט מיט אַ פּאָר יאָר
צוריק געווען אַ מיטעלער באַלעבאָס, אַ געוויינלעכער סוחר, האַלט מען
איצט פאַר אַ גביר. ער זאָגט איצט צו זיינער אַ טאָכטער ביז דרייסיק
טויזנט רובל נדן, כאָטש ער האָט, קיין עין-הרע, אַ פולע שטוב מיט
קינדער.

דיזעלבע מעקלערס פון פלעצער און הייזער, די געוועזענע
שדכנים, האָבן פאַר זיין טאָכטער פאָרגעשלאָגן דעם זון פון דעם גע-
וויסן אַלטן גביר אין דער פּראָווינץ, ר' קלמן לאַוויצער פון לאָווראָ-
ווע, וועלכער איז אומעטום באַחוסט פאַר איינעם פון די אָרנטלעכסטע
גרויסע סוחרים. זיין זון איז ביי אים אַ בן-יחיד, ער גיט אים פופצנ-
טויזנט רובל נדן און איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר איז ער איין
יורש.

ר' קלמן לאַוויצער קען יעדער פאַר אַ פונדאַמענטאַלן גביר. און
עס איז קיין וווּנדער נישט: ער וווינט שטענדיק אין דער פּראָווינץ,
וווּ דאָס לעבן איז ביליק. זיין הויז ווייסט נישט פון דעם לוקסוס מיט
די אַנדערע גרויסע הוצאות, וואָס די גרויסע שטאָט פאָדערט. אין דער
גרויסער שטאָט איז יעדער איינער געצוווּנגען צו זיין אַ גרויסער בעל-
הוצאה. לאַוויצער אָבער ווייס נישט וואָס צו טון מיט זיין געלט. ער
וואַקסט מיט יעדן טאָג און זיינע גוטע געשעפטן וואַקסן...

אזוי האָבן דעם שידוך פאָרגעשטעלט די שדכנים. אַלע ווייסן
דאָס, און ה' ווייסנזילבער ווייסט דאָס אויך. און דערצו קאָן ער
לאַוויצערן מיט זיין זון, וועלכער איז זייער אַ לייטישער יונגערמאַן.
ווייסנזילבער האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט קומען צו אַזאַ

גרויסן שידוך, נאָר אַז גאָט האָט אים געהאָלפן, אַז מען רעדט אים אַזאַ שידוך און מען וויל אים, פאַרוואָס-זשע זאָל ער נישט וועלן?

זיין טאָכטער ס אַ ל ט ש ע ן האָט אַפילו נישט שטאַרק געשמעקט צו נעמען אַ חתן פון דער פּראָווינץ. נאָר אַז זי האָט געהערט, אַז זיין טאַטע איז זייער רייך און ער איז אַ בן-יחיד, א י י ן יורש איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, איז זי מרוצה געוואָרן. אין וואַרשע האָט זי געזען חברטעס, וועלכע האָבן חתונה געהאַט פאַר יונגעלייט טאַקע פון וואַרשע, זיי גייען חסידיש געקליידט, זענען פּראָסט און דהאַמעטנע, ווייסן נישט ווי זיך אויפצעפירן אין געזעלשאַפט. עס איז פּשוט אַ בזיון מיט זיי צו שפּאַצירן אין גאַס, און פונדעסטוועגן שאַדט עס נישט אירע חברטעס. יעדעס יאָר פאָרן זיי אָן די מאַנען קיין אויסלאַנד, און לעבן אַ גוטן טאָג. פאַרקערט, זיי האָבן ביי זייערע פּראָסטע חסידישע מאַנען גאָלדענע וועלטן, ווען זיי זענען נאָר רייך.

און פריילן סאַלטשע איז אויך באַשטאַנען אויף דעם שידוך מיט הירשלען.

סאַלטשע איז געוועזן אַ פריילן פון אַ יאָר צוויי-און-צוואַנציק, אַ טונקעלע בלאָנדינקע מיט גרויע אויגן, אַ שפּיצעכיק נעזל, שוואַרצע האָר, וועלכע זי האָט קינסטלעך שיין פאַרקעמט, הויך געוואַקסן, נאָר הויט און ביין, אָן אויסגעגאָסענע טאַליע, אויף וועלכער עס איז אַלץ שיין געלעגן. כאָטש אירע עלטערן געהערן צו דעם פרומען קלאַס יידן, דאָך איז זי דערצויגן געוואָרן אויף עטלעכע פּוילישע ראָמאַנען און דערציילונגען, וואָס די פּוילישע צייטונג, וואָס איר פאָטער שרייבט אויס, צוליב געשעפט, גיט זיי אַלס ביילאַגע אָדער פּרעמיע. יידיש רעדט זי נאָר מיט אירע עלטערן און ברידער און זי שטאָלצירט תמיד דערמיט, וואָס אַז זי גייט אין די קריסטלעכע קלייטן קויפן עפּעס, דערקענט מען נישט, אַז זי איז אַ יידיש קינד...

*

אויף דער צווייטער וואָך איז הירשל מיט זיינע עלטערן געקומען קיין וואַרשע. די שדכנים האָבן שטאַרק געאַרבעט, חתן-כּלה האָבן זיך אָנגעקוקט, און דער שידוך איז למזל געוואָרן. ר׳ קלמן לאַוויצער האָט געלייגט פופצנטויזנט רובל נדן פון חתנס צד, און ר׳ שלמה אַהרן פון דער כּלהס צד — דרייסיקטויזנט. די חתונה האָט מען אָפּגעלייגט אויף אַ קורצע צייט.

די מחותנים האָבן שוין צווישן זיך געשמועסט וועגן דעם, מיט וואָס פאַר אַ געשעפט דאָס נייע פּאָר פאָלק וועט זיך פאַרנעמען נאָך דער חתונה, און עס איז ביי זיי געבליבן, אַז קיין בעסער געשעפט קאָן גאָרנישט זיין, ווי אָנהייבן האַנדלען מיט פלעצער און הייזער. ווער שמועסט נאָך מיט אַזאַ אייגענעם קאַפּיטאַל, ווי פינפאונפערציקטויזנט רובל, וועלכע די קינדער פאַרמאָגן.

— נו, וואָס זאָגסטו, הירשל? — האָבן די מחותנים געפרעגט. — ווי געפעלט דיר דאָס געשעפט?

הירשל האָט אויף דער פראַגע נישט געענטפערט.

— ער איז איצט פאַרנומען מיט דער כּלה... — האָבן די מחותנים פריילעך געלאַכט. — ווי קען ער איצט אין זינען האָבן געשעפטן?

— קיין געשעפטן וועל איך נישט פירן!..— האָט הירשל קוים געענטפערט.

— וואָס הייסט? וואָס-זשע דען וועסטו טון?

— איך וועל אַרבעטן.

— וואָס הייסט, דו וועסט אַרבעטן, וואָס וועסטו אַרבעטן?

— איך וועל ערשט איצט זיך אָנהייבן לערנען, כּדי איך זאָל עפּעס קאָנען. דערווייל קאָן איך גאָרנישט.

— מיט אַזאַ קאַפּיטאַל, ווי דו פאַרמאָגסט איצטער, קאָן מען זיין אַ שיינער סוחר און מען קאָן פאַרדינען שיין געלט, ובפרט נאָך דער חתונה, ווען קיין גרויסע הוצאות זענען נישטאָ, קיין קינדער האָט מען נאָך נישט...

— איך וויל זיך אָבער באַוואָרענען, ווען איך וועל אַמאָל זיין אַ בעל-הוצאה... קיין קאַפּיטאַל קען מען נישט באַוואָרענען...

— הייניטיקע קינדער ווילן זיין קליגער פון די עלטערן, — האָבן די מחותנים געשמועסט.

— ער איז, אַפּנים, ביי אייך טאַקע אויסגעוואַקסן, ווי אַ בן-יחיד...— האָט ווייסנזילבער אַ זאָג געטון צו הירשלס פאָטער. — מען מעג זיין אַ בן-יחיד, נאָר אַ קינד דאַרף מען האַלטן שטאַרק אין די הענט.

— איך האָב אים צופיל ליב, איך זאָל אים נישט נאָכגעבן זייבע קאַפּריזן... ער וועט עלטער ווערן און האָבן אַ פרוי מיט קינדער, וועט ער אַנדערש ווערן. אַ יונגערמאַן, וואָס באָדט זיך שטענ-

דיק אין געלט און האָט קיין שום דאגות נישט, האָט אין זינען נאַרישקייטן... וועלכער יונגערמאַן אין זיינע יאָרן, מיט קיין עין-הרע, אַזאַ נדן פון פינפאונפערציקטויזנט רובל, וויל דאָס טראַכטן וועגן פרנסה?

ווייסנזילבער האָט געקוועלן פון די ווערטער. און באמת, ער בעמט אַן איידעם פון אַזאַ רייך אָרט, ווו מען האָט קיינמאָל נישט געוווסט פון קיין נויט און שטענדיק זיך געבאָדן אין געלט. וואָס גייט אים אָן געשעפט? זיין קאַפּיטאַל אַליין קען אים מפרנס זיין, אפילו ווען ער זאָל קיין געשעפטן נישט האָבן. נאָר אַז ער וועט עלטער ווערן, וועט ער פּראַקטישער ווערן און וועט פאַרשטיין, אַז וואָס מער געלט מען האָט, איז אַלץ בעסער.

— נישקשה, מיין טאָכטער זאָל לעבן, וועט אים שוין אויסלערנען, — האָט ווייסנזילבער שוין ווייטער גערעדט,—זי איז שוין אַ סך, אַ סך פּראַקטישער פון אים... זי ווייסט שוין, וואָס אַ רובל איז... גאָט ווייסט, וואָס ער טוט. ער איז דער בעסטער שדכן און ווייסט ווי צוזוויפּצפּאָרן. אָט איז זי! — האָט ער אָנגעוויזן אויף סאַלטשען, וועלכע איז פריילעך אָנגעקומען אין אַ ניי העל - בלוי זיידן קלייד. — קום נאָר אַהער, מיין טאָכטער, ווי געפעלט דיר דער חתן? איאַ, אַ קליינשטעטלדיקער?

סאַלטשע האָט נישט געענטפערט, נאָר זיך שטאַרק צעלאַכט.

— נו, וואָס ענטפערסטו מיר נישט, טאָכטערניו?— האָט זי דער פאָטער געצויגן צו זיך, און סאַלטשע האָט זיך צוריקגעריסן און נאָכמער געלאַכט.

— איך גיי היינט מיט מיין חתן אין טעאַטער, גיב אונדז אויף בילעטן, טאַטע!

— נו, און דיין חתן קויפט גאָרנישט קיין בילעטן?—האָט ווייסנזילבער געפרעגט מיט אַ געלעכטער.

— ניין, ער איז אַ קליינשטעטלדיקער... ער ווייסט נישט, אַז אַ חתן דאַרף זאָרגן פאַר בילעטן אין טעאַטער...— האָט סאַלטשע ווייטער געלאַכט.

די מחותנים האָבן זיך צעלאַכט און איר געגעבן יעדער צו געלטפּאַפּירלעך.

— נו, און אויף שאָקאָלאַד? ביי אונדז אין וואַרשע עסט מען אין טעאַטער שאָקאָלאַד.

די מחותּנים האָבן מיט אַ געלעכטער ווייטער געלט געגעבן.
— קום, חתן! — האָט זיך סאַלטשע געווענדט צו הירשלען. — קום! ווען מיר הוליען!... זעסט, וויפל געלט מען האָט אונדז געגעבן אויף צו הולען?
— קינדער בלייבן קינדער... זיי האָבן נאָר אין זינען קינדערשע זאַכן און וואָס מער צוזונעמען ביי די עלטערן! — האָבן די מחותּנים גערעדט צווישן זיך.—און מיר ווילן, אַז זיי זאָלן פאַרשטיין, וואָס הייסט פּרנסה און ווי אַזוי מען פאַרדינט געלט... מיר מוזן אויף זיי נאָך פיל יאָרן אַכטונג געבן און זאָרגן, ביז זיי וועלן ווערן מענטשן...
סאַלטשע מיט הירשלען האָבן זיך געזעגנט מיט זייערע עלטערן און זענען אַוועקגעגאַנגען.
די מחותּנים האָבן נאָכגעקוקט דעם יונגן פּאָר-פאָלק מיט שמחה און נחת.
— דו ביזט אַמאָל געווען אין טעאַטער? — האָט סאַלטשע געפרעגט איר חתן, פאָרנדיק מיט אים אויף אַ דראָשקע.
— אין לאַוורעוע, ווען עס פלעגן אָנקומען אַקטיאָרן.
— כאַ-כאַ! לאַוורעוער טעאַטער! איך שטעל זיך פאָר...
— וואָס רעדסטו, הירשל, אַזוי ווינציק מיט מיר? — האָט סאַלטשע געפרעגט איר חתן.—ביזט נאָך גאָר אַ קליינשטעטלדיקער.
— אוודאי איז לאַוורעוע אַ קלענערע שטאָט פון וואַרשע,—האָט הירשל געענטפערט.
— אַז דו וועסט וווינען אין וואַרשע, וועסטו אַנדערש ווערן... איאָ, הירשל?..
— איך קען איצטער נישט וויסן, וואָס עס קען פון מיר שפּעטער ווערן...
זיי זענען צוגעפאָרן צום טעאַטער, און, זיצנדיק מיט הירשלען אין אַ צענרובלדיקער לאָזשע, האָט זי פאַרגעסן אָן חתן, צי ער איז אַ גרויסשטעטישער, אָדער אַ קליינשטעטלדיקער... צי ער רעדט מיט איר אַ סך, אָדער ווינציק... זי האָט געזען נייע רייכע קליידער, וואָס האָבן באַשיינט די לאָזשעס און איבערהויפּט יענע קליידער, וואָס די אַקטריסעס טראָגן אויף דער סצענע.
פאַרבייסנדיק עפּעטער מיט אַ שטיק שאָקאָלאַד פון אַ גרויסער שיינער פּודלע, האָט זי אַלעמאָל געזאָגט:
אַך, ווי שיין, וואָס פאַר אַ קאָליר!.. וואָס פאַר אַ באַנד... וואָס

פאַר אַ פעדער! ווי שיין איז דאָס קלייד געניית!.. דו זעסט, הירשל!—האָט זי געזאָגט, נישט אומקוקנדיק זיך אויף אים.

נאָר הירשל האָט גאָרנישט געזען און נישט געהערט. ער איז אינגאַנצן געווען ווייט, ווייט...

מיט אַלע זיינע געדאַנקען, מיט זיין גאַנץ האַרץ, איז ער, זיצנדיק אין וואַרשעווער טעאַטער מיט זיין כלה, געווען אין פעטערבורג, דאָרט ווו אידע איז איצט געווען. ער האָט זי געזען און אין האַרצן גערעדט מיט איר, ווי גלייך זי וואָלט איצטער געשטאַנען פאַר זיינע אויגן. ער האָט נישט געזען און נישט געהערט, וואָס מען שפּילט אויף דער סצענע. נאָר אָט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער פאָרהאַנג, דער עולם האָט אָנגעהייבן קלאַפּן און אַרויסרופן די שפּילער, דער טעאַטער איז העל באַלויכטן געוואָרן מיט עלעקטריש פייער. זיין כלה האָט נישט אראפּגענומען די אויגן פון די אַנדערע לאָזשעס, באַטראַכטנדיק די דאַמען און די רייכע קליידער. אין דערזעלבער צייט האָט ער אַ קוק געטון אויף זיין כלה און ער האָט דערפילט, ווי קאַלט און פרעמד ער איז צו איר און מיט אַזאַ פרעמדן מענטשן דאַרף ער זיך פאַרבינדן אויף דעם גאַנצן לעבן!..

עס איז אים קאַלט געוואָרן אין אַלע זיינע אברים. באַטראַכטנדיק זי, האָט הירשל אָנגעהייבן זוכן אין איר מעלות, וועלכע זאָלן זיך פאַרגלייכן מיט אידעס מעלות. ער האָט זיך דערמאָנט וועגן אַלץ, וואָס ער האָט מיט איר גערעדט די גאַנצע צייט פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט איר, און האָט לאַנג אַריינגעקוקט אין איר געזיכט, אָבער ער האָט גאָרנישט, גאָרנישט געפונען אין זיין כלה... —„זי איז מיר פרעמד, אינגאַנצן פרעמד,” איז אים ווידער אַרויפגעקומען אויף די געדאַנקען און ער האָט דערפילט עפּעס אַ טיפן גרויסן ווייטאָג.

דאָס עלעקטרישע פייער איז ווידער אויסגעלאָשן געוואָרן און דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהייבן.

— אַך, וואָס פאַר אַ שיין קלייד, וואָס פאַר טייערע בריליאַנטן טראָגט זי!—האָט סאַלטשע מיט גרויס התפעלות זיך אָנגערופן, ווען די אַקטריסע איז אַרויפגעקומען אויף דער סצענע.—שוין דאָס דריטע קלייד בייט זי היינטיקן אָוונט... און וואָס ווייטער, אַלץ שענער און רייכער...

סאַלטשע האָט זיך אינגאַנצן פאַרטיפט אויף דער סצענע, און הירשל האָט זיך ווייטער נישט געקענט אָפּרייסן פון זיינע טרויעריקע געדאַנקען.

—איך האָב געוואָלט זיין אַ קרבן פאַר מיין פאָטער, צוליב זיין גליק, האָב איך זיך און מיין נשמה פאַרקויפט אויפן גאַנצן לעבן... אוי, אין פיל איצטער, ווי שווער עס איז צו זיין אַ קרבן... איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז איך זאָל אַזוי שטאַרק ליידן... ווען איך זאָל געוועזן וויסן, אַז די יסורים פון אַ קרבן זענען אַזוי גרויס, וואָלט איך זיך נישט מקריב געוועזן פאַר מיין פאָטער... און ווען ער זאָל מיך וועלן נייטן, וועלן צווינגען אָדער ווייבען פאַר מיר, מיט גוטן מיך איי־בעררעדן, וויסנדיק, אַז איך בין שוואַך, וואָלט איך אַנטלאָפן צו איר, צו אידען. איך וואָלט גאָרנישט פאַרלאַנגט, איך וואָלט נאָר געבעטן ביי איר, זי זאָל מיר דערלויבן צו זיין לעבן איר, הערן איר קול, פילן איר אָטעם, הערן ווי זי רעדט, קוקן אויף איר געזיכט, וואָס איז פול מיט זון... איך וואָלט דאַן געלעבט און גליקלעך געוועזן...

הירשל האָט זיך איצטער פאַר זיך אַליין מודה געוועזן, אַז ער האָט פריער גאָרנישט געוווסט, אַז ער האָט זי אַזוי שטאַרק ליב. ער האָט אין אָנהייב געגלויבט זיין פאָטער, וועלכער האָט אים געזאָגט, אַז מיט דער צייט פאַרגעסט מען. ער האָט געגלויבט זיין פאָטער: אפשר איז טאַקע אַזוי. ער וועט אַ ביסל ליידן, ביז ער וועט פאַרגעסן אין אידען... און פון רחמנות צו זיין פאָטער, האָט ער מסכים געוועזן אויף דעם שידוך. זיינע יסורים ווערן אָבער גרעסער פון טאָג צו טאָג און ער קען שוין מער נישט ליידן.

— נו, הירשל, עס געפעלט דיר אונדזער וואַרשעווער טעאַטער? — האָט סאַלטשע געפרעגט איר חתן.

— קיין גרויסער מבין בין איך נישט... נאָר געוויס איז דער טעאַטער שיין און אינטערעסאַנט, ווען נישט, וואָלטן דאָ אַזוי פיל מענטשן נישט געקומען...

— אַן ענטפער פון אַ קליינשטעטלדיקן!.. האָסט געדאַרפט הערן, ווי מען שפּילט און זאָגן אַ מיינונג. פאַר מיר איז קיין גרויסער חילוק נישט, וואָס פאַר אַ מיינונג דו וועסט זאָגן וועגן טעאַטער. דו ביזט מיין חתן און איך דאַרף דיר געפעלן, נישט דער טעאַטער...—האָט סאַל־טשע זיך געוועטלט, אים פריינטלעך אָנגענומען ביי דער האַנט און מיט אַ חנדל געקוקט אים גלייך אין די אויגן.—אָבער אַז מען קומט זיך צוזאַמען מיט מענטשן און עס ווערט אַ שמועס וועגן טעאַטער, דאַרף מען וויסן, וואָס צו ענטפערן. יענער ברויכט נישט צו וויסן, אַז מיין חתן איז פון אַ קליין שטעטל...

הירשל האָט געשוויגן און סאַלטשע האָט אים אונטערגעטראָגן דאָס שאַכטל שאָקאָלאַד. אַליין אויך גענומען אַ שטיקל און ווייטער גע־רעדט:

— זעה, ווי דו פירסט זיך אויף מיט דיין כלה! אַז איך זאָל נישט אָנהייבן רעדן מיט דיר, וואָלסטו מיט מיר אַ וואָרט נישט גע־רעדט... איך דאַרף דיר אונטערטראָגן שאָקאָלאַד און דיך בעטן עסן. וואָס ביזטו פאַר אַ קאַוואַליער? פאַר מיר מאַכט דאָס נישט אויס, אָבער פאַר פרעמדע?... האָסט געזען, ווי אַנדערע יונגעלייט פירן זיך דאָ אויף מיט פריילנס אָדער מיט זייערע כלות? אָט קוק זיך צו אין דער לאָזשע אַקעגן: דאָס זענען געוויס חתן־כלה, און דאָ, אין דער זייט, זעסט, דאַכט זיך, אויך חתן־כלה... ווען נישט—וועלן זיי עס שפּעטער זיין... זע נאָר, ווי זיי טאַנצן אַרום זייערע דאַמען... ווי העפלעך זיי זענען... מעגסט זיך, הירשל, צוקוקן, נישקשה... אין אַ גרויסער שטאָט קומט מען זיך אָפּט צוזאַמען מיט מענטשן, עס שאַדט נישט, אַז מען לערנט זיך אויס...

הירשל האָט גענומען דעם בינאָקל און זיך אומגעקוקט אויף די ערטער, וווּ סאַלטשע האָט אים אָנגעוויזן, און בכלל באַטראַכט דעם טעאַטער. הירשל האָט לאַנג געקוקט אויף די לאָזשעס, וווּ עס האָבן זיך געפונען יונגעלייט מיט פריילנס און געזען, ווי זיי „טאַנצן“ ווי זיי זענען „העפלעך“.

— ניין, — האָט הירשל געטראַכט, — אָט דער נאַרט אָפּ און דער מאַכט הינטישע שטיק... ווען ער רעדט מיט איר, איז ער זיס, אַזוי ווי צוקער... ער בויגט זיך אין דרייען... ער באַדינט און דערלאַנגט איר אַלץ, ווי אַ לאַקיי... נאָר אָט, קערט ער זיך אָפּ פון איר... און גלייך בייט זיך איבער זיין געזיכט... ער גענעצט... אַן אמתער קאָמעדיאַנט... ער לאַכט שוין ווייטער צו איר און בויגט זיך אין דרייען... ניין, אָפּ־נאַרן קען איך נישט... ווי זי חיל זיך... איך וועל זיך שוין דאָ גאָר־נישט אויסלערנען...

הירשל האָט זיין בינאָקל אָנגעשטעלט אויף אַן אַנדער לאָזשע, אין וועלכער, צווישן אַנדערע, האָט זיך אויך געפּונען אַ יונגערמאַנמיט אַ פריילן. ער האָט לאַנג זיי נאָכגעקוקט.

— אָט די האָבן זיך ליב! — האָט הירשל צעפרידן געטראַכט, — אָט דאָס הייסט גליקלעכע מענטשן אויף דער וועלט... איך האָב נישט

קיין טעות... איך זע... איך פיל... דער, וואָס האָט ליב, איז אויך אַ גוטער מבין אויף די, וועלכע האָבן ליב...

— וואָס פאַר אַ זעלטן גליקלעך געזיכט! — האָט הירשל נישט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון דעם פאַרליבטן יונגנמאַן. — ווי מקנא בין איך אים!... און סאַלטשע וויל, איך זאָל אַרום איר אויך אַזוי „טאַנצן", ווי דער גליקלעכער יונגערמאַן. ניין, איך קען נישט... אַזוי זיך אויפפירן מוז מען זיין אַ גליקלעכער, אָדער קענען אָפּנאַרן. איך קען אָבער נישט אָפּנאַרן און אַ גליקלעכער קען איך נאָר זיין מיט אידען...

— נו, הירשל, האָסט געזען, ווי אַזוי אַנדערע יונגעלייט אָדער חתנים באַגייען זיך מיט זייערע דאַמען?

— איך האָב געזען, אָבער על-פי-רוב זענען זיי פאַלש, זיי נאַרן אָפּ... זיי זענען נישט אַזוי איבערגעגעבן, ווי זיי ווייזן זיך דאָ אין טעאַטער...

— זאָלן זיי אָפּנאַרן, אַבי זיך ווייזן שיין פאַר מענטשן...— האָט סאַלטשע געענטפערט.

— אַזוי ? !—האָט הירשל זיך געוווּנדערט אויף אירע ווערטער.— איך וואָלט נישט געקענט אַזוי אָפּנאַרן...

— דאָס הייסט נישט אָפּגענאַרט, דאָס הייסט זיך וויסן, ווי אויפצופירן מיט מענטשן.

— די קונסט האָב איך זיך אין קליינעם שטעטל נישט אויסגעלערנט און איך קען עס נישט...

— דו, הירשל, וועסט זיך ביי מיר אַלץ אויסלערנען!—האָט זיין כלה מיט אַ חנדל אים געענטפערט.

ווען הירשל איז מיט זיין כלה געפאָרן צוריק פון טעאַטער, האָט ער זיך דערמאָנט אָן די לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט זיין כלה: „אַז ער קען נישט אָפּנאַרן", אַז ער האָט זיך די קונסט נישט אויסגעלערנט אין דעם קליינעם שטעטל."

ווען זיין כלה וואָלט איצטער געקענט זען דאָס געזיכט פון איר חתן, וואָלט זי באַמערקט, ווי ער האָט זיך פאַרשעמט פון גרויס בושה, אַז דאָס בלוט איז אים געקומען אין פנים אַריין. נאָר די טונקעלע נאַכט האָט פאַר איר פאַרדעקט זיין פאַרשעמט געזיכט, אָבער פאַר זיך גופא האָט ער זיך נישט געקענט פאַרדעקן, און נייע געדאַנקען האָבן אים אַלץ געמוטשעט : „איך קען נישט אָפּנאַרן... דאַרף מען נאָך זיין

אַ גרעסערער קאָמעדיאַנט, ווי איך?.. אַז איך האָב געקענט אַ חתן ווערן נישט פאַר אידען... און פאַרן איצטער פון טעאַטער מיט מיין כלה — אַ פרעמד פריילן... פאַרוואָס שווייג איך? פאַרוואָס דערציי'ל איך איר נישט אַלץ, אַלץ, אינגאַנצן?...

די דראָשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי הער וויסנזילבערס ביי־פּינפּשטאָקעדיקן הויז, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג אויסגעבויט אויף אַ ברייטן פּלאַץ. די פענסטער פון ערשטן שטאָק זענען אַלע געווען באַלויכטן. די גליקלעכע עלטערן און גוטע פריינט האָבן געוואַרט אויף חתן־כלה מיטן אָוונטברויט.

אויף מאָרגן, נאָך מיטאָג, ווען חתן־כלה זענען ווידער געבליבן אַליין, האָט זיך פּלוצים הירשל געווענדט צו זיין כלה:

— איך מוז דיר, סאַלטשע, זאָגן... איך האָב נישט געוואָלט, נאָר איך קען נישט... אפשר וועט מיר ווערן גרינגער, ווען איך וועל דיר אַלץ אַרויסזאָגן... איך קען נישט אָפּנאַרן... איך מוז דיר זאָגן דעם אמת... דו דאַרפסט אויף מיר נישט זיין אין כעס...

הירשלס געזיכט איז בלאַס געוואָרן, ער האָט ווייטער נישט געקענט רעדן.

— וואָס איז מיט דיר, הירשל? — האָט סאַלטשע געפרעגט דערשראָקן.—וואָס האָב איך אויף דיר אין כעס צו זיין? דו קענסט זאָגן.

— איך קען פאַר דיר נישט פאַרדעקן...—האָט ער ווידער אָנגעהייבן מיט אַ ציטערדיק קול. — ווייסט, סאַלטשע, אַז איך האָב ליב אַן אַנדערע?..

סאַלטשע האָט פון די אומדערוואַרטע ווערטער זייער זיך צעלאַכט, אַז טרערן האָבן זיך ביי איר פון שטאַרק לאַכן באַוויזן אין די אויגן.

—ליב?.. פאַרליבט?.. כאַ־כאַ! דו האָסט געפירט אַ ליבע? כאַ־כאַ! אָט דאָס איז שיין, דאָס וואָלט איך קיינמאָל נישט געגלויבט אויף דיר! אַ יונגערמאַן פון אַ קליין שטעטל... אוי, איך קען זיך נישט איינהאַלטן פון געלעכטער!

סאַלטשע האָט ווייטער געלאַכט און הירשל האָט זי פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— אין כעס זאָל איך זיין אויף דיר? פאַרוואָס זאָל איך זיין אין כעס? וועלכער ליטישער יונגערמאַן פון דער היינטיקער וועלט האָט

דען בחורוויז נישט געפירט קיין ליבע... דערציייל מיר, הירשל, אינ־גאנצן, עס איז אזוי טשיקאווע צו הערן פון מיין חתן, ווי אזוי ער האט ליב געהאט אנדערע און דערנאך... דערנאך וועל איך דיר דער־ציילן...

און סאלטשע האט זיך ליבלעכער און נענטער צוגערוקט צו איר חתן, אים אנגענומען ביי דער האנט און מיט געמאכטע חנדלעך געקוקט אים גלייך אין די אויגן.

— נו, וואס שווייגסטו, הירשל? איך בין אזוי צעפרידן, אזוי צע־פרידן... איך האב געמיינט, אז מיין חתן איז שוין גאר א קליינ־שטעטלדיקער חסיד און מיינע הברטעס וועלן פון מיר לאכן, וואס איך האב אזא חתן... נו, דערציייל־זשע, הירשל, פון דיין ליבע! דער־נאך וועל איך דערציילן... נאר פריער דערציייל דו... ווער איז זי, וואס איז זי — א שיינע? נו, איך בעט דיך, דערציייל־זשע שוין... ביזט א שלעכטער, וואס דו ציסט מיך אזוי לאנג און ווילסט נישט דערציילן!

— וואס וועל איך דיר דערציילן, אז דיר ארט נישט, דיך פאר־דריסט נישט... איך האב דיר באדארפט זאגן... עס איז מיר געלעגן אויפן הארצן... איך האב דיך נישט געוואלט אפנארן, האב איך דיר געזאגט און ווייטער גארנישט.

— ניין, ניין, ניין, הירשל! ביזט א שלעכטער!—האט זי אנגע־הייבן אונטערצעשפרינגען און צו פאטשן מיט די הענט. — איך וועל דיך נישט אפלאזן, מוזט מיר דערציילן!... אז דו ביזט אזא ארנטלעכער מאן, פארוואס־זשע האסטו פאר מיר סודות? האסט דאך אליין געזאגט, אז דו וועסט מיר אלץ דערציילן, איך זאל נאר נישט זיין אין כעס... איך שווער דיר, אז איך וועל נישט זיין אין כעס, אבי דערציייל! דער־נאך וועל איך דערציילן...

און הירשל האט דערציילט:

— איך האב זי ליב פון קינדוויז אן... זי איז טאקע פון לאווו־ראווע... ווען איך האב געזאגט, אז איך וויל א חתן ווערן פאר איר, האט זי מיר געענטפערט, אז מיר זענען נאך יונג, מיר דארפן נאך לערנען און ווערן פריער מענטשן... זי איז אוועקגעפארן אין א גרוי־סער שטאט לערנען און איך בין געבליבן אין לאווראווע... ווען מען האט מיר גערעדט דעם שידוך מיט דיר, האב איך נישט געוואלט, נאר

איך האָב זיך מיט מיינע עלטערן נישט געוואָלט קריגן און בין באַ־
שטאַנען אויף דעם שידוך...

— אַלץ איבער די עלטערן, — האָט סאָלטשע באַמערקט מיט כעס, — איך פלעג אויך טרייבן די שדכנים, נישט געוואָלט, זיי זאָלן מיר געבן אַ חתן, וועד שמועסט נאָך אַ חסיד... איך האָב געוואָלט אַ כלה ווערן פאַר אַ דייטשישן יונגנמאַן... נאָר איך האָב זיך אויך נישט געוואָלט קריגן מיט די עלטערן... נו, דערציייל ווייטער, זי איז אַ שיינע, אַ רייכע?

— זי איז זייער אַ שיינע, נאָר אַן אָרעמע און דערפאַר זענען מיינע עלטערן נישט באַשטאַנען...

— אוי, די עלטערן, נאָר געלט און געלט שפילט ביי זיי די הויפטראָלע! — האָט סאָלטשע אָפגעזיפצט.—איך האָב נישט לאַנג געלעזן אַזאַ ראָמאַן, ווו די עלטערן האָבן זייער איינציקן זון אַרויסגעטריבן פון שטוב און אים אָפגעזאָגט פון ירושה, ווייל זיין געליבטע איז געווען אַן אָרעמע... דו האָסט געלעזן אַ סך ראָמאַנען, הירש?

—אַ ביסל האָב איך געלעזן, נאָר איך האָב אידען ליב געהאַט, אידער איך האָב געלייענט ראָמאַנען...

— אידע הייסט זי? ווו־זשע געפינט זי זיך איצט? און וואָס טוט זי?

— אין פעטערבורג... זי לערנט זיך דאָרט... ווען זי זאָל נישט געווען אַוועקגעפאָרן, וואָלט איך געוויס מיט איר חתונה געהאַט... עס וואָלטן דאַן נישט געהאָלפן קיין טאַטע־מאַמע... נאָר זי איז אַוועקגע־פאָרן...

— פונדעסטוועגן דאַרף די אידע זיין אַ גרויסער נאַר... ווי אַזוי זאָגט זיך עס אָפּ אַן אָרעם מיידל פון אַזאַ רייכן, פיינעם חתן, וואָס קאָן נעמען דרייסיקטויזנט רובל נדן! דאָס איז דאָך דרייסיקטויזנט רובל פון קעשענע פאַרלירן! וועלכע אָרעמע פריילן וואָלט זיך דען נישט געשעצט פאַר גליקלעך חתונה צו האָבן מיט אַזאַ רייכן חתן, ווי דו ביזט! אַן איינציקער זון פון אַזוינע רייכע עלטערן! און וואָס האָט זי דאָ אויסגעפירט? זי איז אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג זיך לערנען, געוויס אויף אַן אַקושערין אָדער אויף אַ ציין־רייסערין... איך קען אַ סך אַזוינע יידישע מיידלעך פון רוסלאַנד, וואָס קומען צו אונדז קיין וואַר־שע לערנען זיך... זיי ווערן דאָ אַקושערקעס, דענטיסטקעס, אָדער מאַסאַ־זשיסטקעס... די וואַרשעווער שולן זענען פול מיט אָט די יידישע מייד־

לעך פון רוסלאַנד... געלויבט צו גאָט, קיין איינציק וואַרשעווער מיידל און אַפילו קיין איין יידיש מיידל פון פוילן געפינט זיך נישט אין די שולן... איך קען זיי זייער גוט, זיי לויפן דאָ אַרום אויף לעקציעס פאַר דריי רובל אַ חודש... ביי אונדז אין הויז האָט אויך אַזאַ פריילן געגעבן לעקציעס... איך האָב מיט איר גערעדט און זיך געוווּנדערט... דווקא אויך אַ שיין מיידל, וואָס וואָלט יעדן יונגנמאַן געקאָנט געפעלן, לערנט זי גאָר אויף אַן אַקושערקע... איך זע זי אָפט פאַרביילויפן דורך דעם זאַקסישן גאָרטן מיט אַ פּאַק ביכער אונטערן אָרעם. זיי זעצן זיך אַפילו נישט אָפּרוען אויף קיין באַנק און שטענדיק האַלטן זיי אין איין אַרומלויפן... היינט, וואָס פאַר קליידלעך טראָגן זיי? ווי האַלטן זיי זיך? עס עקלט פראָסט צו קוקן אויף זיי... זיי האַלטן נישט פון קיין מאָדע, טראָגן דריי יאָר איין היטעלע... מילא, אידע איז אַן אָרע־מע. פאַר אָרעמע מיידלעך פּאַסט זיך צו לערנען אויף אַקושערקעס אָדער דענטיסטקעס. אָבער מען דערציילט, אַז אין די וואַרשעווער שולן לער־נען זיך אויך מיידלעך פון רייכע עלטערן, כאָטש די עלטערן ווילן נישט, נאָר זיי קריגן זיך מיט זיי און פאָרן דווקא קיין וואַרשע זיך לערנען און זיך וואַלגערן אינדערפרעמד... פאַרשטיי איך טאַקע נישט, וואָס פאַר אַ שכל עס ליגט אין דעם?.. איז דען נישט גלייכער פאַר אַ פריילן, ווער שמועסט נאָך, אויב זי איז אַ שיינע אָדער רייכע, צוקומען מער אין געזעלשאַפט, גיין אין טעאַטער, שפּאַצירן? איך קען דען אויסרע־כענען, ווי גוט מען קען די צייט פאַרברענגען?... דערנאָך האָט מען חתונה, מען איז אַ באַלעבאָסטע, מען פירט אַ הויז, און ווען מאַן איז דערצו רייך און דער מאַן מאַכט גוטע געשעפטן, פאָרט מען אַלע יאָר קיין אויסלאַנד, אָדער אויף אַ זומערוווינונג, און מען לעבט ווייטער גוט. יעדע פריילן דאַרף זיך סטאַרען קומען צו אַזאַ לעבן. און נישט די בעסטע יונגע יאָרן מיט דער שיינקייט און געזונט אַוועקגעבן די קורסן מיט די לעקציעס... און וואָס פאַר אַ גליקן וואַרטן אויף זיי דערנאָך? נישט שלאָפן קיין נעכט ביי קינפּעטאָרינס, ווייטער פאַרלירן דאָס גע־זונט... און רייסן יענעם אַ צאָן, איז אויך נישט קיין גליק... דאָס איז פאַר אַ מאַנספּערזאָן, אָבער נישט פאַר קיין פרוי... בררו!... עס עקלט מיר, ווען איך שטעל זיך פאָר אַ פרוי, אַ ציין־רייסערין. ביי אונדז אין וואַרשע וועט זיך קיין לייטיש פריילן נישט פאַרנעמען מיט אַזוינע זאַכן... איך פאַרשטיי דאָך נישט, פאַרוואָס האָט זיך אידע אָפּגעזאָגט פון אַזאַ גליק, פון אַ רייכן חתן און אַוועקפאָרן פאַרשוואַרצט ווערן אין

אַ פרעמדער שטאָט.

— איך קאָן דיר דאָסזעלבע ענטפערן, וואָס אידע... איך אַליין האָב זי אויך אין אָנהייב נישט פאַרשטאַנען, אַזוי ווי דו... איך האָב זי געפרעגט דיזעלבע שאלות... איך האָב וועגן דעם אויך גערעדט מיט איר פאָטער, וועלכער איז זייער אַ געלערנטער מאַן און אויך מיט אירן אַ שוואָגער און אַלע האָבן געפונען, אַז זי טוט גלייך... איך האָב זיי נישט פאַרשטאַנען, נאָר אין דער לעצטער צייט האָב איך אַזויפיל איבערגעלעבט, פון אַזויפיל זאַכן זיך דערוווּסט, אַז איך האָב אָנגעהייבן צו פאַרשטיין, און אָט וואָס איך קען דיר ענטפערן: דו גלויבסט, אַז די בעסטע פאַרגעניגנס אין דער וועלט איז, ווען מען גייט שיין געקליידט, מען לעבט שיין, מען גיט זיך נאָך אַלע ווילטאָגן... נאָר שטעל זיך פאָר, אַז עס געפינען זיך אַזוינע מענטשן, וועלכע טראַכטן כּלל נישט פון אַזוינע פאַרגעניגנס, ווי דו... זיי האָבן אַנדערע אינטערעסן, אַנדערע פאַרגעניגנס אין לעבן... טייל האָבן פאַרגעניגן פון לערנען, ווייל זיי ווילן זיין געלערנט, טייל פון מלאכה, כּדי זיי זאָלן קענען ווערן זעלבשטענדיק...

— אָבער צו וואָס דאַרפן פרויען פאַרדינען? ווען זיי האָבן מענער, זאָלן זיך די מענער שלאָגן קאָפּ אין וואַנט און געבן אַלץ, וואָס מען ברויכט אין שטוב! — איז איםם סאַלטשע אַריינגעפאַלן אין די רייד.

— איך רעד דאָך וועגן דעם, — האָט הירשל ווייטער אָנגעהייבן, — אַז עס זענען דאָ אַזוינע, וועלכע האָבן פאַרגעניגן, ווען זיי קענען זיך אַליין פאַרדינען צום לעבן... גוט, אַז דער מאַן פאַרדינט, און אַז ער קען נישט פאַרדינען? וואָס טוט מען, אַז דער מאַן ווערט קראַנק אָדער ער שטאַרבט? וואָס זאָל אַזאַ פרוי טון, ווען זי בלייבט מיט קינדער און אפילו אַליין? נישט אַלע האָבן פינפאונפערציק טויזנט רובל נדן, ווי מיר? אויך דאַרף איך דיר זאָגן, אַז אויף אידען איז זיך נישטאָ, וואָס צו וווּנדערן... זי זאָגט, אַז זי וויל נישט לעבן פאַר זיך, זי וויל איר גאַנצע צייט און קרעפטן אַוועקגעבן פאַר אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע... אידע זאָגט, אַז דאָס בעסטע פאַרגעניגן וועט זיין פאַר איר אין לעבן, ווען זי וועט קענען העלפן די אַלע נויטבאַדערפטיקע, וועלכע געפינען זיך אַזויפיל צווישן יידן, און אין די אַלע פאַרגעניגנס, וואָס דו זוכסט, פילט זי נישט קיין טעםם... איך קען דיר, סאַלטשע, אַזוי גוט נישט דערקלערן, נאָר ווען דו זאָלסט טאַקע מיט

איר רעדן, וואָלט זי דיר בעסער געענטפערט, ווי איך און איך גלייב, אַז זי וואָלט דיך איבערגערעדט און דו וואָלסט אויך אַזוי געוואָרן, ווי זי... אויף מיר האָט זי געהאַט אַזאַ ווירקונג, אַז איך וואָלט מיך אויך געוואָלט פירן אַזוי, ווי אידע, און ווי גוט וואָלט געווען, ווען דו וואָלסט אויך אַזוי געווען, ווי זי... וויפל גוטס וואָלטן מיר געקענט ברענגען אונדזערע אָרעמע ברידער און שוועסטער אויף דער וועלט! ווער דען זאָל טון גוטס, אַז נישט מיר, יונגעלייט, וואָס פאַרמאָגן נדן קנאַפּע פופציקטויזנט רובל! סאָלטשע! זיי אַזוי ווי אידע, וועל איך זיין דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט! דו זעסט, איך קען דיך נישט אָפּנאַרן און האָב דיר אַלץ אָפן אַרויסגעזאָגט... איך ד'האָב נישט געוואָלט אָפּנאַרן מיין כלה, מיט וועלכער איך דאַרף די וועלט אָפּלעבן...

הירשל האָט גערעדט מיט האַרץ, זיין וויס געזיכט האָט זיך גע-רויטלט, זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אָנגעהייבן צו גלאַנצן. סאָלטשע האָט זיך מיט פאַרגעניגן פאַרקוקט אויף הירשלען, וועלכער האָט איצט אַזוי שיין אויסגעזען און אַזוי שיין גערעדט. זי האָט דאָס ערשטע מאָל באַמערקט, אַז זי האָט אַ שיינעם חתן, אין איר האַרץ האָט זיך עפּעס, ווי אַ ריס געטון. זי האָט גענומען זיין שוואַרצן געקרייזלטן קאָפּ אין די הענט און געשפּילט זיך מיט זיינע געקרייזלטע האָר.

— איך וועל זיין אַזוי, ווי דו ווילסט, הירשל... עס איז מיר קיינמאָל נישט געווען אַזוי גוט, ווי איצטער... איך בין קיינמאָל נישט געווען אַזוי גליקלעך... איך האָב קיינמאָל און פון קיינעם נישט גע-הערט אַזוינע ווערטער, ווי פון דיר...

— איר זענט, קינדער, דאָ? — איז פּלוצים אַריין צו זיי אין צימער סאָלטשעס פאָטער.—און איך זוך אייך אַרום...

עס זענען אַריינגעקומען הירשלס עלטערן.

— איך האָב אייך, קינדער, צו דערציילן פריילעכע נייס! — האָט ווייסנזילבער מיט אַ שיינענדיק געזיכט זיך געווענדט צום יונגן פאָרל—איר זענט חתן-כלה געוואָרן אין אַ מזלדיקער שעה... שטעלט אייך פאָר, אַז איך האָב היינט פאַרקויפט אַ פלאַץ, אויף וועלכן מען האָט מיר אַנידערגעלייגט אויף דער האַנט פאַרדינסט אייער אַ האַלבן נדן... איך רעכן, אַז דאָס איז אייער מזל און דערפאַר האָב איך אייך געקויפט

אַ מתּנה—אָט די גאַרישקייטן!—און רעדנדיק אַזוי, האט ער זיך מיט זיי צעקושט און דערלאַנגט זיי צוויי שיינע לעדערנע פּודעלעך מיט גאָל־דענע געפּרעסטע פּיגורן. אין די פּודעלעך האָט זיך געפונען אַ בראָש פּ:ל באַזעצט מיט בריליאַנטן פאַר סאַלטשען און זאַפאָנקעס אויך באַזעצט מיט בריליאַנטן — פאַר הירשלען.

אַ, ע האָבן באַגריסט חתן־כּלה מיט די נייע אומגעריכטע מתּנות און מען האָט הער ווייסנזילבערן געווונטשן, אז ער זאָל אין זיינע איבריקע פּלעצער נאָך מער פאַרדינען.

די שבת-צונאַכטסן.

דער ווינטער מיט זײַנע גרויסע פֿרעסט, שנייען און שלעכטן וועטער האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהייבן אין פּעטערבורג. נאָך דעם פֿרייען לעבן אויף די זומערוווינונגען איז איצט יעדער געווען פֿאַרנומען מיט זײַן אַרבעט דעם גאַנצן טאָג, און די אָוונטן האָט מען פֿאַרבראַכט מיט די גרויסשטעטישע פֿאַרגעניגנס. אַלע טעאַטערן און קלובן האָבן געאַרבעט אויף אַלע כּלים, שטענדיק פֿול און פּאַק מיט מענטשן. עס האָבן זיך אויך אָנגעהייבן די „אָוונטן“, וואָס יעדער איינער האָט לויט זײַן שטאַנד, אײַנגעאָרדנט בײַ זיך אין שטוב פֿאַר גוטע פֿרײַנט און באַקאַנטע. בײַ לעוו אָסיפּאָוויטש סאָלאָמאָנאָוו האָבן זיך אויך אָנגעהייבן זײַנע ווינטערדיקע „שבת-צונאַכטסן“, ווו מען פֿלעגט זיך צוזאַמענקומען און פֿאַרברענגען איינמאָל אין דער וואָך. נאָר לעוו אָסיפּאָוויטש איז געווען אומעטיק, ווי אויף זײַן זומערוווינונג, ווי פֿאַראַיאָרן ווינטער, ווי שטענדיק. דאָס איינציקע פֿאַרגעניגן האָט אים איצט בלויז פֿאַרשאַפֿט אידע מיט איר קומען אויף די אָוונטן. ער פֿלעגט אויפֿלעבן, ווען ער פֿלעגט מיט איר רעדן, אָבער זי פֿלעגט נישט יעדן שבת-צונאַכטס קומען. דאַן פֿלעגט לעוו אָסיפּאָוויטש נישט וויסן, ווו אַהינצוטון זיך דעם גאַנצן אָוונט. זײַנע געסט פֿלעגן רעשן, רעדן, דערציילן, לאַכן, זיך ווערטלען און פֿריילעך פֿאַרברענגען, אָבער ער אַליין פֿלעגט זיך אַרומדרייען, ווי איינער, וואָס געפֿינט זיך צווישן פֿרעמדע מענטשן.

היינטיקן שבת-צונאַכטס איז אידע אויך געווען.

— פאַרוואָס קומט איר צו אונדז אַזוי זעלטן? — האָט ער אידען געפרעגט. — שוין-זשע זענט איר אַזוי פאַרנומען אָדער עס איז אייך אפשר נישט אַנגענעם צו פאַרברענגען ביי אונדז? איר דאַרפט, דאַכט זיך, פילן און וויסן, אַז איר זענט ביי מיר, ווי אַן אייגן קינד... ווען איך זע אייך, זע איך מיינע יונגע יאָרן, די בעסטע גליק-לעכע יאָרן פון מיין גאַנץ לעבן... פאַרוואָס-זשע קומט איר אַזוי זעלטן?

—פאַרוואָס, פרעגט איר? גאַנץ פּראָסט... איך בין פאַרנומען, איך האָב קיין צייט נישט... איך בין אינדערהיים אין לאַוראָווע אויך נישט געוווינט צו זיין אויף אָוונטן... מיר איז אוודאי אַנגענעם צו זיין ביי אייך אין הויז, אָבער איך קאָן זיך אַזוינע פאַרגעניגנס אָפט נישט דערלויבן... איך בין נישט געקומען קיין פּעטערבורג צו זיין אויף בע-לער און גיין אין טעאַטערן — אַמאָל יאָ, אָבער נישט אַזוי אָפט, ווי איר פאַרלאַנגט...

— פאַרוואָס נישט אָפט? איר זענט אַ פריילן אין די בעסטע יאָרן... פאַרוואָס זאָלט איר נישט אָפט גוט פאַרברענגען די צייט? אַנדערע אויף אייער אָרט זוכן נאָר, ווי די צייט גוט צו פאַרברענ-גען.

— אַנדערע, אָבער נישט איך... איר ווייסט, אַז איך בין נישט געקומען אין דער גרויסער שטאָט צו טאַנצן און צו הוליען. אין דעם אַלעמען געפין איך גאָרנישט אַזויפיל פאַרגעניגן, ווי איר מיינט. מיינע בעסטע יאָרן, ווי איר רופט זיי אָן, וויל איך טאַקע פאַרברענגען בע-סער און נוצלעכער, און איך פאַרשטיי גלאַט נישט, וואָס איז מיט אייך דאָ, אין דער גרויסער שטאָט אַזוי די שמחה, וואָס יעדן אָוונט איז ביי אייך אזוי ווי אַ התונה... איז נישט טעאַטער, איז אין שטוב, אָדער ביי יענעם צו גאַסט... אַלע טאָג זוכט מען און מען קלערט, ווי אַזוי די צייט גוט צו פאַרברענגען... אין וואָס הער איך יעדעס מאָל, ווען איך בין אויף אייערע אָוונטן? די דערציילן, וואָס פאַר אַ גליק זיי האָט געטראָפן, — זיי האָבן באַקומען גוטע בילעטן אין טעאַטער... יענע האָבן אַן אויסגעצייכנטן מיטאָג געגעסן, די, ווידער, האָבן גלאַט אַזוי גוט און פריילעך פאַרבראַכט. אַנדערע האָבן געשפּילט אין קאָרטן און אַנדערע האָבן דעם גאַנצן אָוונט געטאַנצט... דאָס הער איך איבער-הויפּט פון מענער. פון ווייבער הער איך רעדן וועגן מאָדעס... פון

מיידלעך און יונגעלייט הער איך וועגן ליבעס... דער יונגערמאַן איז שיין. יענע פריילן איז אַ באַרימטע שענהייט אָדער אַ גרויסע מיאוס-קייט. די איז פול מיט גראַציע און קען זיך קליידן און אויף יענער היינגט דאָס קלייד... איך פרעג אייך, וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט פאַר מיר דאָס אַלץ? גלויבט מיר, אַז מיך נודיעט אין אַזאַ געזעלשאַפט, און מיר עקלט פון די אַלע פאַרגעניגנס...

— ניין, אידע, איר זענט נישט גערעכט, איר משפט צופיל די מענטשן! אַזוי איז די וועלט, אַזוי איז דאָס לעבן און איר וועט קיי-נעם נישט איבערמאַכן. וואָס זאָל מען טון, אַז מען האָט צייט און מען האָט געלט... משוגע קאָן מען דאָך ווערן, ווען מען זאָל נישט זוכן, ווי צו פאַרברענגען די צייט, ווי יעדער האָט ליב.

— איך וויל גאָרנישט איבערמאַכן און קען נישט איבערמאַכן. איך וויל נאָר לעבן, ווי איך וויל און קיינער קען מיך נישט נוימן, איך זאָל דווקא לעבן, ווי ער. איר זאָגט: וואָס זאָלן זיי טון מיט זייער ליידיקער צייט, ווען זיי האָבן געלט און דאַרפן נישט זאָרגן פאַר לעבנסמיטלען? זאָלן זיי זאָרגן פאַר די, וועלכע האָבן דאָס נישט! עס וואָלט זיי דאַן נישט געסטאַיעט קיין צייט, עס וואָלט זיי נישט גע-ווען לאַנגווייליק...

— אידע! איר רעדט, ווי אַ קינד! איר וועט עלטער ווערן, וועט איר קליגער ווערן. איר וועט אַנדערש פאַרשטיין די וועלט און וועט לעבן גלייך מיט אַלע און זוכן דיזעלבע פאַרגעניגנס, ווי זיי... איר וועט ליב באַקומען דאָס לעבן און וועט לויפן נאָך יעדן פאַרגעניגן, וואָס מען קאָן נאָר באַקומען אין לעבן... מען קען נישט אייביק זאָרגן פאַר יענעם. אַז איך בין געוועזן אין אייערע יאָרן, האָב איך אויך גערעדט און געטראַפט אַזוי ווי איר... אַזוינע שיינע געדאַנקען פּאַסטן פאַר אייערע יאָרן, פאַר יעדן יונגן מענטשן... איך בין אויך אזוי גע-וועזן.

— „איך בין אַזוי געוועזן!" איך הער דאָס שוין פון אייך נישט דאָס ערשטע מאָל, נאָר איך וועל מיר נישט בייטען, און הלוואי וואָלט איר און אַלע אַנדערע אייערע חברים זיך נישט געענדערט. איך פרעג אייך, צולוב וואָס האָט איר זיך מיט אייערע חברים אין דער יוגנט געקריגט מיט די עלטערן, געעגט זיך מיט אייערע ווייבער וואָס טאַטע-

מאַמע האָבן געגעבן, געלערנט מיט טויט־שרעקעניש די השכלה־ספרים, געראַנגלט זיך מיט דער פינסטערניש, מיט דעם פאַנאַטיזם און אַנטלאָפן אין דער ליכטיקער וועלט אַריין. צוליב וואָס האָט איר עס געטון? שוין זשע נאָר דערפאַר, אַז אייך זאָל זיין גוט און דערנאָך נישט וויסען, וואָס צו טון מיט דער ליידיקער צייט פון גוטסקייט? אויב איר האָבן עס נאָר געטון, אַז אייך אַליין זאָל זיין גוט, האָט נישט געלוינט די גאַנצע געשיכטע, אייערע אַלע מלחמות, וואָס איהר פלעגט פירן מיט אייערע עלטערן, מיט דער משפחה און מיט דער גאַנצער שטאָט! ווי באַלד, אַז קיינער פון אייערע אומגליקלעכע „פינסטערע" ברידער האָט פון אייך קיין נוצן נישט געהאַט, האָט איר געקענט אויך בלייבן אין דער „פינסטערניש". די „ליכטיקייט", צו וועלכער איר האָט זיך געצויגן, האָט קיינעם קיין נוצען נישט געבראַכט. איר האָט מיר איינמאָל געזאָגט, אַז איר פילט זיך אומגליקלעך דערפאַר, ווייל אייער פרוי און קינדער זענען נישט אַזוי, ווי איר האָט געוואָלט, זיי זענען אייך פרעמד. איר האָט געחלומט פון אַן אַנדער פרוי, פון אַנדערע קינדער. אָבער איר אַליין, פרעג איך, זענט דען בעסער פון זיי? וואָס האָבן אייערע ברידער, וועלכע איר האָט איבערגעלאָזט אין דער פינסטערניש, געהאַט פון אייער ליכטיקייט, צו וועלכע איר זענט געלאָפן? אייך איז געראַטן אין לעבן, אייער בילדונג, אייערע פעיקייטן האָבן אייך אַריינגעבראַכט עשירות, איר האָט פאַבריקן, אַ סך געשעפטן, עס אַרבעטן ביי אייך טויזנטער מענטשן... אָבער אַ סך יידן אַרבעטן אין אייערע פאַבריקן און אייערע געשעפטן? ווען איר און נאָך אַזעלכע געוועזענע משכילים, זאָלן אַזוי טראַכטן וועגן זייער פאָלק, ווי אין דער יוגנט, וואָלט זיך גאָר אונדז אַזוי שלעכט נישט געלעבט... נישט אַזוי אומגליקלעך וואָלטן מיר געוועזן און איר אַליין וואָלט כּלל דערפון נישט אָרעמער געוואָרן. נאָר... איר האָט באַלד אין אונדז פאַרגעסן און אַנטלויפט פון אונדז... איר מיידט אונדז אויס. איר דערמאַנט זיך נאָך אַמאָל אין אונדז, ווי ליב איך איז זיך צו דערמאנען אָן אייערע יונגע יאָרן, ווען איר זענט געוועזן געזונט און שטאַרק, ווען איר האָט געגעסן מיט אַפּעטיט, געשלאָפן געשמאַק... פון אייערע קינדער, וועלכע איר האָט אַזוי דערצויגן, איז שוין דאָך נישטאָ, וואָס צו ריידן — זיי וועלן זיך שוין אָן זייער אָרעם פאָלק קיינמאָל נישט דערמאַנען, ווייל זיי האָבן זיך נישט אָן וואָס צו דערמאַנען. די שטאַרקערע און פעיקערע מענטשן גייען אַוועק פון אונדז און די שוואַכערע בלייבן. ניין, מיר יונגוואַרג, וואָס

ציען זיך איצט צו דער „ליכטיקייט", וועלן זיך נישט ענדערן! מיר וועלן זיך קיינמאָל נישט ענדערן! מיר וועלן לעבן פאַר אונדזער פאָלק, מיר וועלן אונדזערע שוואַכערע קיינמאָל נישט פאַרגעסן, מיר וועלן בעסער זיין פון אייך, די אַמאָליקע משכּילים. מיר זוכן אין לעבן אַנדערע צילן, נישט קיין פאַרגעניגנס.

— מיט וואָס־זשע וועט איר בעסער זיין פון אונדז? — האָט סאָ-לאָמאָנאָוו געפרעגט.

— מיט דעם בעסער, וואָס מיר וועלן נישט אַוועק ווייט פון אונדזער פאָלק, ווי איר האָט געטון. מיר וועלן אונדזער לעבן מקריב זיין פאַר אונדזערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער. מיר וועלן זיך נישט שעמען צו לעבן מיט זיי צוזאַמען. איר האָט אַלץ געטון נאָר צוליב זיך, אַנטלאָפן אין דער גרויסער וועלט, זיך דערווייטערט פון אייערע ברידער, געטון אַלץ, אַז מען זאָל אין אייך נישט דער-קענען אַ סימן פון אַ ייד. מיט אַלעם יידישן האָט איר זיך געשעמט און אַלץ נאָכגעטון, נאָכגעקרימט די פרעמדע. אין אייער לעבן, אין אייער אויפפירונג, אין אייער דערציען קינדער — אַלץ, אַלץ האָט איר געטון נאָר נישט יידיש. איצט, ווען איר זענט שוין אַלט, ווען איר האָט זיך איבערצייגט, אַז די פרעמדע, צו וועלכע איר זענט געלאָפן, ווענען אַנטלאָפן פון אייך און האָבן אייך פיינט, האָט איר אָנגעהייבן חרטה צו האָבן. אייך האָט אָנגעהייבן ציען צוריק קיין לאַוראָווע, אייער האַרץ ציט צוריק צו אייערע אָרעמע ברידער, צווישן וועלכע איר האָט אַמאָל געלעבט... עס האָט אייך אָנגעהויבן צוריק שמעקן דאָס יידישע עסן, עס האָט אייך אָנגעהייבן געפעלן דאָס יידישע לעבן... איר וואָלט אַלץ געוואָלט כאַפּן צוריק, אייך איז שווער צווישן פרעמדע, אפילו צווישן אייערע אייגענער ווייב און קינדער. אָבער ס'איז צו שפעט! קיינעם קענט איר קיין נוצן נישט ברענגען. ווו זענט איר גע-ווען ביי אייערע בעסטע יאָרן, ווען איר האָט באמת מיט אייערע פעיקייטן און יונגע קרעפטן געקענט ברענגען נוצן? פון אייערע קינ-דער קען מען אוודאי נישט דערוואַרטן קיין נוצן פאַר זייער פאָלק. זיי ווייסן אפילו נישט, ווער זייער פאָלק איז, זיין געשיכטע און זיין לעבן... מיר, יונגוואַרג, וואָס קומען אַרויס פון פאָלק, וועלן זיין בעסער פון אייך, לעוו אסיפּאָוויטש, מיט אייערע אַמאָליקע הברים. מיר וועלן זיין בעסער דורך דעם, וואָס מיר וועלן זיך נישט שעמען מיט אונדזער פאָלק, מיר וועלן נישט נאָכקרימען פרעמדע, מיר וועלן אָפּן לעבן מיט

אונדזער אייגן לעבן, מיר וועלן אונדזערע קינדער דערציען אזוי, אז זיי זאָלן קענען זייער פאָלק, זיין געשיכטע, זיי זאָלן ליב האָבן דאָס פאָלק, פון וועלכן זיי קומען ארויס. זיי זאָלן זייערע פעיקייטן פארנוצן פאר אייגענע, פאר אונדזערע שוואַכערע... דענסטמאָל, ווען צווישן יידן וועט אויפשטיין אזא דור, אז אונדזערע בעסערע פעיקערע מענטשן וועלן פון אונדז נישט אוועק און ארבייטן פארן כלל, וועט דאָס יידישע פאָלק נישט זיין אזוי אומגליקלעך. עס וועלן זיך דאן נישט געפינען אזויפיל קאַליקעס, ווי איצט ביי יידן.

טייל פון די שבת-צונאַכטס-געסט האָבן מיט א שמייכל געהערט „ווי אידע האָט פאַנטאַזירט". אזוי פלעגן זיי זיך שטענדיק אויסדריקן וועגן אידעס רעדן.

אָסיפּ באריסאוויטש, דאָס יונגע דאָקטאָרל, האָט, ווי יעדעס מאָל, אויך איצט זיך אָנגערופן מיט א געלעכטער:

— „עט, פּוסטע פאַנטאַזיעס!"

סאָלאָמאָנאָוו האָט געשוויגן, נאָר ארקעדיע מארקאוויטש האָט געקוואָלן פון אירע רייד, איר געגלויבט אַלץ אויסן וואָרט און זיכער געוועזן, אז אידע ווייסט, וואָס זי רעדט.

— לאַך נישט און רוף עס נישט אָן קיין פאַנטאַזיעס, — האָט ער זיך געווענדט צו זיין חבר, דעם יונגן דאָקטאָר. — ווייסן מיר דען, וואָס עס טוט זיך מיט יידן אין דער פּראָווינץ? האָט אונדז דען אַמאָל אינטערעסירט דאָס יידישע לעבן? מיר פלעגן נאָר אַמאָל הערן דערציילן, וועגן יידן אין די קליינע שטעטלעך פון דיין אַלטמאָדישער מאַמע און מיר פלעגן לאַכן.

— נו, מיין מאַמע... זי וואָלט געוואָלט, אז איך זאָל נאָך איצט אויך, ווי קינדווייז, לייענען קריאת-שמע, ווען איך לייג זיך שלאָפן. כאַ-כאַ-כאַ! זי וויל האָבן פון מיר עולם-הבא אויף יענער וועלט און אז איך זאָל איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר קענען זאָגן קדיש. דערויף, מיינט זי, דאַרף מען האָבן קינדער.

— אייער מוטער וואָלט געוואָלט, אז איר, הער דאָקטאָר, זאָלט טראָגן א לאַנגע קאַפּאָטע מיט פּיאות! — האָט זיך סאָפיע מאַרקאָוונע, די באַלעבאָסטע, געוואָרטלט.

מאַשע און אַנע האָבן שרעקלעך געלאַכט פון דעם ווערטל.

— גרישע! — האָט מאַשע גערופן פון צווייטן צימער איר ברודער, וואָס איז גראַדע דעם אָוונט געוועזן אינדערהיים, ווייל זיין חודש-געלט,

וואָס ער האָט יענע וואָך געגומען ביים פאָטער, האָט ער שוין אויסגעבראַכט.—גרישע! האָט זי נישט אויפגעהערט צו רופן און לאַכן.—דער דאָקטאָר קריינין, וועט אָנטון אַ קאַפּאָטע מיט פּיאות!

גרישע האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון גרויס געלעכטער.

דער דאָקטאָר איז אַזוי צעפרידן געווען, וואָס די מעשיות וועגן זיין מוטער האָט אַזוי פריילעך געמאַכט דעם עולם, אַז ער האָט ווייטער אָנגעהויבן צו דערציילן, וואָס ער האָט קינדווייז זיך אויסגעליטן פון זיין פרומער מוטער.

— איך געדענק, ווען איך בין נאָך געגאַנגען אין גימנאַזיע, איז איינמאָל, אין אָוונט, צוגעגאַנגען צו מיר די מאַמע מיט אַ ווייסן האָן, מיט וועלכן זי האָט געדרייט איבער מיין קאָפּ, און מיך געצוואוגגען, איך זאָל איר נאָכזאָגן ווערט ביי ווערט, וואָס זי האָט עפּעס געמורמלט... אין דעם איז געקומען צו מיר נאָך אַ בוך מיין חבר, וואסיא טשאַריקאָוו, דו געדענקסט אים, ארקאַדיע? ער דינט היינט אין אַ דעפּאַרטאַמענט — און זעט, ווי מיין מאַמע דרייט איבער מיר מיט אַ ווייסן האָן...

דער עולם האָט זיך ווידעראַמאָל צולאַכט.

גרישע האָט געשריען „בראַוואָ“, סאָפיע מאַרקאָווגע האָט קוים דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט. זאָגנדיק, אַז זי וועט נישט אויסהאַלטן פון געלעכטער. אַנע האָט געפּאַטשט מיט די הענט און זיך געהאַלטן ביי די זייטן, און מאַשע האָט געקוויטשעט נישט מיט איר קול. אַלע האָבן געקוקט אויף אידען און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז מען לאַכט פון איר. אידע איז בלאַס געוואָרן!

—הערט ווייטער! האָט דער דאָקטאָר ווידער געדרשנט.—אַזוי ווי איצט געדענק איך עס: איינמאָל האָט מיך די מאַמע אויפגעוועקט גאַנץ פרי, מיר געהייסן זיך וואַשן און דערלאַנגט מיר אַ גרינעם בעזעם מיט אַ גרויסער לימענע, איך זאָל עס שאָקלען, און איר נאָכזאָגן ווערט ביי ווערט, וואָס זי האָט דאָרט געמורמלט פון אַ סידור...

— אַוודאי, אַן אתרוג מיט אַ לולב!—האָט געטראָפן איינער פון די געסט מיט געגאָלטע וואָנסן.

— הערט-זשע ווייטער!—האָט דער דאָקטאָר דערציילט.—ווען איך האָב זיך אַזוי געשאָקלט, איז פּלוצים אַרויסגעפאַלן פון מיינע הענט די לימענע, אונדזער הונט האָט דאָס מיט די ציין אַ כאַפּ געטון און אָנגעהייבן לויפן איבער דער שטוב. די מאַמע און עפּעס אַ ייד, וואָס

האָט דאָס אַלץ געבראַכט, זענען דעם הונט נאָכגעלאָפן, און איך מיט דעם גרינעם בעזעם האָב אים געשלאָגן, ער זאָל די ל מענע אָפּגעבן, ביז איך האָב דעם בעזעם צעבראָכן...

אַ פּריש געלעכטער האָט אויסגעשאָסן. סאָפיע, גרישע, מאַשע און איבערהויפּט אָנע האָבן ווידער אַ קוק געטון אויף אידען, וועלכע איז נאָך בלאַסער געוואָרן. טרערן ד׳האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן.

און אָט פּלוצים, אין דעם גרויסן געלעכטער און פריילעכע קולות האָט אידע נישט מיט איר קול זיך היסטעריש צעוויינט. דער עולם האָט זיך דערשראָקן. זי האָט עפּעס געוואָלט רעדן און נישט געקענט, מען האָט איר דערלאַנגט וואַסער. דער דאָקטאָר איז צוגעלאָפן זי מינ-טערן, אָבער זי האָט אים אָן ווערטער אַוועקגעשטויסן פון זיך. דער-נאָך, אַז זי האָט אַראָפּגעשלונגען עטלעכע טראָפּן וואַסער און איז גע-קומען צו זיך, האָט זי זיך געווענדט צו סאַלאַמאַנאַווען:

— איך בין דאָס לעצטע מאָל אין אייער הויז, זייט מיר גע-זונט!—און איז אַוועק צו דער טיר.

סאַלאַמאַנאַוו מיט זיין פאַמיליע האָבן זי אָנגעהייבן בעטן, זי זאָל בלייבן. די געסט ד׳האָבן זיך אַריינגעמישט. אַלע ד׳האָבן זי געבעטן בלייבן.

— לאָזט מיך אָפּ, איך וויל אייך קיינעם נישט קענען... איך וועל אייך קיינעם מער נישט זען!.. זי האָט זיך אויסגעריסן פון זייערע הענט און איז אַרויסגעלאָפן פון זאַל.

אַרקאַדיע באַריסאַוויטש האָט אויף גיך געכאַפּט זיין פּאַלטאָ מיט דעם הוט און איז איר נאָכגעלאָפן שוין אויף די טרעפּ.

אידע האָט זיך שוין מער נישט אומגעקערט אין זאַל. אַרקאַדיע איז אויך פאַרפאַלן געוואָרן דעם גאַנצן שבת-צונאַכטס. די ערשטע מי-נוטן זענען אַלע געזעסן געדריקט פון עפּעס אַ שווער געפיל, ווי מען וואָלט עמעצן אומזיסט באַליידיקט.

— אָט דאָס איז אַ משוגענע! — האָט אָנגעהייבן סאָפיע מאַר-קאָווגע.

—איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז זי איז משוגע... — האָט אָנע זיך אויך אָנגערופן.

— זי איז קראַנק, מען דאַרף זי היילן! — האָט דער דאָקטאָר

געזאָגט. — פאַראַן פיל אַזוינע סוביעקטן, וואָס ווערן קראַנק אויף אַ גע-
ווויסער אידעע...

— אַזוינע מחלות קאָן מען נישט היילן מיט רעצעפּטן... — האָט סאפּיע מארקאָווּנע זיך אָנגערופן. — אַזוינע קאָן מען נאָר אויסהיילן מיט היפּנאָטיזם.

— צו דיר, צו אייך, צו אונדז אַלעמען דאַרף מען האָבן היפּנאָ-טיזם! — האָט לעוו אסיפּאָוויטש געשריען מיט הארץ. — מיר זענען אַלע קראַנק, אָבער נישט אידע! אונדז דאַרף מען היילן, ווייל מיר זענען די אמתע קאַליקעס, פון וועלכע אידע רעדט! איך פרעג אייך דאָ אַלע — וואָס זענען מיר: יידן, קריסטן, טערקן, צי גאָר כינעזער? צי קאָנען מיר זיך אָנרופן כאָטש מיט איינעם פון די אַלע נעמען? וואָס-זשע זענען מיר? מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין נאָמען, אָט דאָס זע-נען מיר! מיר קענען נאָר אַנלאַכן פון יענעם און פון זיך...

— פון אַזוינע נאַרישקייטן, ווי כפּרות-שלאָגן און שאָקלען מיטן לולב מעג מען לאַכן... — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער באָריס קריינין. — שוין לאַנג צייט, אַז ביי יידן זאָלן אויפהערן די אַלע נאַ-רישקייטן, געננוג צו זיין אזיאַטען...

— אין דיר, ברוכל, ליגט נאָך דער אַלטער אַפּיקורס, — האָט סאלאמאנאָוו געענטפערט זיין חבר פון דער יוגנט. — שוין אויס מאָדע געוואָרן די אַלע אַמאָליקע אַפּיקורסישע חכמהלעך, ווי אָפּלייקענען און אָפּלאַכן, כדי מיט דעם צו ווייזן, אַז מען שטייט העכער פון פּראָסטן פאָלק. נאָר זאָל זיין, ווי דו זאָגסט „נאַרישקייטן". איך פרעג דיך, וואָס היטן מיר אין אונדזערע קינדער אָפּ אויסער אָט די נאַרישקייטן? גאָרנישט! מיר האָבן נישט קיין אמונה, קיין תכלית, קיין אידעאַלן! מיר האָבן גאָרנישט! הערסט, ברוכל — גאָרנישט!... און מיר זענען ביי גאָרנישט געבליבן...

דעם איבעריקן עולם האָט ווינציק אינטערעסירט דאָס געשפּרעך פון די עלטערע לייט, האָבן זיי זיך פאַרקליבן אין אַ באַזונדערן ווינקל, וווּ מען האָט זיך דערציילט פאַרשידענע אַנעקדאָטן.

— שוין אויס מאָדע צו זיין אַן אַפּיקורס און פון אַלעם אָפּצו-לאַכן, ווי מיר מיט אונדזערע חברים אין דער יוגנט פלעגן עס טון! — האָט סאלאמאנאָוו ווייטער געזאָגט. — געדענקסט, ברוכל, ווי מיר פלעגן לאַכן, ווי אונדזערע עלטערן פירן זיך... פון אונדזער רב פלעגן מיר שפּעטן, ווי פון אַ שטאָט-משוגענעם... אַלע יידישע דינים און מנהגים

האָבן מיר פון זיך באַלד אַראָפּגעוואָרפן און געלאַכט פון די, וואָס האָבן זיי אָפּגעהיט. דאָס האָט אַלץ געהייסן אַפּיקורסיש, און אַפּיקורסיש איז דאַן געווען זייער אין דער מאָדע. אַפילו אונדזערע אַמאָליקע מחברים-אַפּיקורסים האָבן אין זייערע ביכער קיין אַנדערע זאַכן נישט געפונען צו שרייבן אין פּראָזע און אין שירים, ווי כאַפּן אַ יידישן מנהג אָדער אַ דין און אים אויסלאַכן... די הויפּטהעלדן האָבן געמוזט זיין אַ דייטש מיט אַ חסיד... דער דייטש האָט געמוזט שפּילן די ראָלע פון אַן אַפּיקורס, וואָס לייקנט אין אַלץ, און דער חסיד, אַלס פרומער ייד, וואָס היט אָפּ אַלע יידישע דינים און מנהגים. געדענקסט, ווי מיר פלעגן אַמאָל אָנקוועלן פון דידאַקטישע ביכער, אין וועלכע דער אַפּיקורס פלעגט זיך אַזוי קונציק אויסטענהן מיט דעם נאַרישן יידן—דעם חסיד. און עס פאַרשטייט זיך, אַז דער דייטש האָט מנצח געווען דעם חסיד... דער אַפּיקורס פלעגט בלייבן דער חכם און דער חסיד דער נאַר. מיר האָבן דערפון געקוואָלן, אָן אַלץ פאַרגעסן און נאָר אַזוינע ביכלעך געלייענט... אין די ביכער איז קונציק אָפּגעלאַכט געוואָרן פון שלאָגן כפּרות, פון קלאַפּן הושענות, בענטשן אתרוג, חנוכה-ליכטלעך, משלוח-מנות, ארבע-כוסות, מרור, זאָגן קינות, תשעה-בעב, זאָגן סליחות און פון פיל אַנדערע יידישע מנהגים... איצט, ברוכל, זענען אַלע אַפּיקורסישע חכמהלעך אַפילו ביי די מחברים אין די ביכער אויך אויס מאָדע געוואָרן... די מחברים נעמען היינט אויך כפּרות, הושענות, דעם אתרוג, חנוכה-ליכטלעך און די איבריקע זיבעצן יידישע זאַכן פאַר טעמעס, אָבער זיי לאַכן שוין נישט, ווי אַמאָל... זיי ווייזן אויך איצט אָן אויף די שלעכטע זייטן, אָבער זיי באַהאַנדלען זיי ערנסט און פלאַנצן איין אין די לעזער נאָכמער ליבשאַפט און ווארעמקייט צום יידישן פאָלק. און אין דיר, ברוכל, ליגט נאָך דער אַלטער אַפּיקורס, דו רעדסט און שפּעטסט, ווי אַמאָל... שוין אויס מאָדע, ברוכל, ווארף שוין ארויס פון זיך דעם אַפּיקורס...

באָריס קריינין האָט זיינע אויערן נישט געגלויבט. שוין-זשע רעדט אַזוי דער געוועזענער לייבעלע, דער גרעסטער לאוראָווער אַפּיקורס?

— דו האָסט זיך געענדערט! — האָט קריינין געזאָגט סאַלאָמאָנאָוון,—איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז דו זאָלסט רעדן אַזוינע ווערטער.

— נישט איך האָב זיך געענדערט, נאָר די צייט האָט זיך גע-

ביטן. און מיר זענען געבליבן שטיין אויף איין אָרט, מיר זענען גע־בליבן הינטערשטעליק...

— שוין־זשע טוט דיר באַנג, וואָס דו ביזט נישט געבליבן אין דעם בלאָטיקן לאַוראָווע און לעבסט נישט אַזאַ פינסטער לעבן, ווי דיין טאַטע האָט געלעבט און ווי אַלע לאַוראָוער יידן לעבן?

— פאַר מיין אייגן נפשל איז אַוודאי בעסער, וואָס איך בין אוועק פון לאַוראָווע, וואָס איך לעב דאָ, אין דער גרויסער שטאָט אַן אַנדער לעבן. מיר איז בעסער, איך עס בעסער, איך וווין שענער און זינדיק מער... נאָר פאַר דעם כלל, פון וועלכן מיר פלעגן אַזויפיל דאַן רעדן און פאַר וועלכן מיר האָבן מלחמה געפירט מיט דער גאַנצער שטאָט, וואָלט דען נישט גלייכער געוועזן, מיר זאָלן בלייבן לאַוראָ־ווער יידן גלייך מיט אַלע? אפשר וואָלטן מיר דאַן מער נוצן גע־בראַכט דעם כלל? מיט אונדזער איבעראַנדערשן זיך האָבן מיר דער־וויל אונדזערע פאַנאַטישע ברידער, וועלכע לעבן אינדערפינסטער קיין נוצן נישט געבראַכט. אַפילו אונדזערע אייגענע קינדער האָבן מיר נישט געמאַכט פאַר אַזוינע מענטשן, ווי מיר האָבן דאַן געוואָלט און זיך פאַרגעשטעלט.

—וואָס הייסט נישט געמאַכט? איך בין מיט מיינע קינדער צו־פרידן. איך האָב זיי געלאָזט לערנען און איצט זענען מיינע עלטערע צוויי זין דאָקטוירים. מיין טאָכטער וועל איך אויך מסתמא געבן אַ דאָק־טאָר פאַר אַ מאַן...

— איך בין אָבער מיט דיינע און מיינע קינדער נישט צופרידן. אמת, דיינע קינדער זענען דאָקטוירים, אָבער זיי זענען קיין יידן נישט, זיי ווייסן נישט פון קיין יידישקייט! זיי קענען נישט פילן קיין צרות רבים... ווער שמועסט נאָך, עפּעס נוצן ברענגען זייער פאָלק קענען זיי געוויס נישט! פאַרוואָס דו ווילסט, האָבן מיר געמאַכט אונדזערע קינ־דער, אָבער נישט פאַר קיין יידן. אונדזערע קינדער וועט זיין אין לעבן אפשר בעסער, ווי די קינדער פון אונדזערע חברים, וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט אין לאַוראָווע. זיי וועלן נישט טראָגן די שווערע יידישע צרות, דעם יידישן ביטערן גלות, ווי אַלע אַנדערע יידן. זיי וועט זיך אפשר לעבן גליקלעכער און גרינגער אויף דער וועלט, אָבער וועמען האָבן מיר געבראַכט נוצן? די אַלע, וואָס ווילן נישט זיין קיין יידן, לעבט זיך אַוודאי בעסער און גרינגער אויף דער וועלט. און

פרעג דיך, ברוך, צי האָבן מיר מיט אונדזער ד"השכּלה כאָטש עפּעס אויסגעפירט, איין זאַך מקיים געווען, איין וואָרט פון די פיל ווערטער, וואָס מיר פלעגן רעדן אין דער יוגנט אין נאָמען פון דער השׂכּלה? מיר האָבן אָפּגענאַרט אונדזער פאָלק און אונדזערע אייגענע עלטערן... איצט קומט אויס, אַז זיי זענען גערעכט געווען, וואָס זיי פלעגן אונדז אַזוי יאָגן און פלאָגן, פאַרוואָס מיר ד"האָבן זיך געוואָלט בילדן. ווי דאָס איז נישט טרויעריק, אָבער מיר מוזן מודה זיין, אַז זיי, וואָס זענען געבליבן מיט זייער פאַנאַטיזם אין דער פינסטערניש, זענען גערעכט קעגן אונדז, וואָס מיר האָבן זיך מיט דערוועלבער פינסטער־ניש געראַנגלט, קעגן אונדז, וואָס מיר האָבן זיך געצויגן צו דער „ליכ־טיקייט..."

באָריס קריינין האָט אַלץ נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען. סאלאמאָ־נאָווס ווערטער האָבן זיך ביי אים אויסגעמישט אין קאָפּ. ער האָט נישט געהאַט און נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן. ער האָט נאָר געפילט, אַז סאָלאָמאָנאָוו איז גערעכט, און אַז ער, קריינין, איז אין עפּעס שול־דיק... עפּעס ליגט אים אויפן געוויסן. אין זיין מוח איז שוין אַרויסגע־שווומען זיין גאַנץ לעבן, זיין אייביק ראַנגלען זיך פאַר השׂכּלה, פריער מיט זיינע עלטערן און שווער און שוויגער, דערנאָך שוין אין דער גרויסער, ליכטיקער וועלט מיט זיין אַלטמאָדישער פרוי שרה־ביילע, מיט וועלכער ער ראַנגלט זיך עד־היום. יעדעס שטיקלע פרייהייט, ווי אַ פּאַפּיראָס רויכערן אים שבת, האָט ער שבת אָפּן דעם מאַגאַזין און דעס־גלייכן, קומט אים אָן נישט גרינג איבער שרה־ביילען, וועלכע פּראָ־טעסטירט קעגן דעם אַלעמען מיט אַלע אירע שוואַכע כּוחות, און ער, באָריס קריינין, הערט זיך נישט אויף צו קריגן מיט איר פאַר אַזוינע זאַכן, פּונקט ווי אַמאָל אין לאַוראָווע מיט שווער און שוויגער, מיט זיינע עלטערן און מיט דער גאַנצער שטאָט.

גאָר אומגעריכט, צוליב אידען, האָט מען זיך דערוויילט אַ ביסל אַ נטימער צעשמועסט און מען איז זיך צעגאַנגען שפּעטער, ווי אַלע שבת־צונאַכטסן.

דער אַלטער קריינין איז געגאַנגען אַהיים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. מיט אים איז אויך געגאַנגען זיין זון, דער יונגער דאָקטאָר און זיין טאָכטער אַנע. דער אַלטער קריינין האָט זיך דערמאָנט, ווי זיין אָסיפּ האָט דעם היינטיקן אָוונט אַזויפיל געלאַכט און געחוזקט פון יידי־

שע מנהגים, און האָט זיך האַרב אָנגערופן צום זון. ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן, ער זאָל דאָס אים נישט אַרויסזאָגן:

— אָסיפּ! ווי שעמסטו זיך נישט אַזוי צו לאַכן און צו חוזקן אין אַ געזעלשאַפט פון דיין מוטער און פון יידישע מנהגים... דו ביזט דאָך אַליין אויך אַ ייד... און אידע... דו האָסט איר פאַרשאַפט גרויסע יסורים מיט דיין רעדן און האָסט זי פאַרטריבן פון זאַל...

אָסיפּן, וואָס האָט זיך געפילט זייער גוט פון היינטיקן אָוונט, ווי ער האָט אַזויפיל גערעדט און אַלע האָבן געלאַכט פון זיינע חכמות, האָבן דעם טאַטנס ווערטער פלוצלונג אָפּגעגאָסן, ווי מיט קאַלט וואַסער.

אָבער אַנע האָט זיך אָנגערופן אָנשטאָט דעם ברודער:

— זי האָט, ווער עס זאָל זיך פאַר איר אָננעמען... דו, פּאַפּאַ, דאַרפסט זיך פאַר איר נישט אָננעמען... אָסיפּ, דו האָסט דאָך מסתמא געזען, ווי אַרקאַדיע איז ווי אַ רוח איר נאָכגעלאָפן אויף די טרעפּ און שוין טאָקע אויך מער נישט געקומען אויפן אָוונט... מען דאַרף זי נישט פאַרטיידיקן...

—אָבער עס איז פאָרט נישט שיין פון אסיפּן אַזוי זיך אויפצופירן, — האָט דער אַלטער קריינין געטענהט דאָס זייניקע.

— וואָס איז נישט שיין? האָט אסיפּ מיט כּעס געענטפערט.—איך בין שוין נישט קיין קינד, וואָס דו דאַרפסט מיך לערנען, ווי אויפצופירן זיך אין אַ געזעלשאַפט!

—אָבער עס איז פאָרט נישט שיין פאַר אַ יידישן דאָקטאָר אַזוי זיך אויפצופירן?

—דו גייסט שוין נאָך דער מאַמען... וואָס בין איך פאַר אַ יידישער דאָקטאָר? איך בין אַ דאָקטאָר, אָבער נישט קיין יידישער. פּראַקטיקע האָב איך נישט ביי קיין יידן... וואָס קער איך זיך אָן מיט זיי? איך בין דאָך נישט שולדיק, וואָס מיין טאַטע איז אַ ייד?... איך וואָלט געקאָנט מאַכן די בעסטע קאַריערע, ווען מיינע עלטערן זאָלן נישט זיין קיין יידן. נאָך איצט וואָלט איך געקאָנט מאַכן די בעסטע קאַריערע, ווען איך זאָל נאָר וועלן... וויפל מאָל האָט מען מיר שוין פאַרגעלייגט... נאָר איך וויל עס פאָרט נישט טון איבער דיר... דיך וואָלט מען נאָך איבערגערעדט, נאָר די מאַמע שטייט מיר אין וועג... איך טו עס נישט, כאָטש כמעט אַלע מיינע חברים האָבן עס שוין לאַנג גע-

טון און זענען גליקלעך... דארפסטו מיך נאָך אויסרעדן, וואָס איך פיר זיך שלעכט אויף?... וואָס ווילסטו, איך זאָל מיך נאָך איצט אויך שאָקלען מיט דעם גרינעם בעזעם, ווי די מאַמע האָט דאָס מיט מיר געטון, ווען איך בין געווען אַ גימנאַזיסט? שוין צייט, אַז ביי יידן זאָלן אויפהערן די אַלע נאַרישקייטן... עס איז פּראָסט אַ בזיון און צום לאַכן, ווען מען הערט עס דערציילן!...

אַנע האָט זיך דערמאָנט די סצענע מיט דעם גרינעם בעזעם, וואָס אָסיפּ האָט דערציילט און האָט זיך פּלוצים ווידעראַמאָל צעלאַכט.

— דו אויף? — האָט איר פאָטער מיט פאַרדרוס זיך אָנגערופן. — דו ווייסט דאָך נישט, ווער דיין מאַן וועט זיין!.. אפשר וועט ער נישט לאַכן פון אַזוינע זאַכן?...

איך? כאַ-כאַ! אפשר וועט ער גאָר קיין ייד נישט זיין? — האָט אַנע פריילעך געענטפערט, דערמאַנענדיק זיך דערביי, אַז דעם איינציקן יידישן יונגנמאַן, וואָס איז איר געפעלן, אַרקאַדיע מאַרקאָוויטש, האָט זי שוין אויף פאַרלאָרן אַ דאַנק אידען. אַרקאַדיע האָט איר איינמאָל גאַנץ אָפן געזאָגט, אַז אויב ער וועט נישט חתונה האָבן מיט אידען, וועט ער אויף אייביק פאַרבלייבן אַ בחור.

דער אַלטער קריינין האָט פאַרשטאַנען זיינע קינדערס ווערטער מיט די אָנצוהערענישן. ער האָט גוט געוווסט, אַז עס איז פון זיין זייט באַריש, וואָס ער רעדט מיט זיי וועגן יידישקייט. ער האָט זיי אַליין אַזוי דערצויגן, אַזוי געלערנט, און אויב זיי האָבן אינגאַנצן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דעם נאָמען ייד, איז עס נאָר צו פאַרדאַנקן דער אַלטער מאַמען, דער האַלב קראַנקער שרה-ביילען, וועלכע האַלט אירע זין איין מיט די לעצטע קרעפטן, זיי זאָלן כאָטש אויף איר קבר דעם ערשטן קדיש קענען זאָגן.

— און דערנאָך... דערנאָך, ווען שרה-ביילע וועט פאַרלירן אירע אַלע כוחות, און עס וועט שוין נישט זיין, ווער עס זאָל קעמפן פאַר דאָס ביסעלע יידישקייט, וואָס האַלט זיך נאָך אין זיין הויז, דערנאָך... וועלן אים די קינדער צוליב זייערע קאַריערעס אַוועקוואַרפן... אָדער אים רופן צו זיך... אָדער ער וועט בלייבן אַליין... וואָס קען זיי אָפּהאַלטן, וואָס קערן זיי זיך באמת אָן מיט יידן? און ווער איז שולדיק אין דעם אַלעמען? איך! איך! סאָלאָמאָנאָוו איז גערעכט, אידע

האָט אונדז אָנגערופן קאַליקעס, קענען דען נאָך זיין גרעסערע קאַלי-קעס, ווי איך מיט מיין הויזגעזינט זענען? צעבראָכענע, צעקאַליעטשע-טע מענטשן, אָן איין גאַנצן אבר...

און דער אַלטער קריינין האָט נאָך נידריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, גייענדיק שפּעט אין דער נאַכט צוזאַמען מיט זיינע קינדער.

צווישן נייע פריינט.

אידע ווינט שוין לאַנג נישט ביי קריינינעך אין הויז. נאָך זומער, ווען זי האָט פאַרבראַכט אויף דער דאַטשע ביי סאָלאָמאָנאָוון, צווישן אירע באַקאַנטע, האָט זי באַמערקט, ווי אַנע האָט זיך צו איר איבער־געביטן. אין אָנהייב האָט זי נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס. זי האָט גע־זוכט די סיבה דערפון און האָט זי טאַקע באַלד געפונען. אַנע אַליין האָט איר געזאָגט, אַז זינט אידע איז געקומען, האָט זי אָנגעוווירן אַלע אירע האָפענונגען אויף ארקאדיע מאַרקאָוויטשן, וועלכן זי האָט ליב גע־האָט פון קינדוייז אָן. אַרקאַדיע, ווידער, האָט איר דערציילט, אַז ער קען אָן אידען נישט לעבן. אידע האָט זיך פאַרענטפערט, אַז זי פילט זיך אין דעם כלל נישט שולדיק. נישט וועגן אַזוינע זאַכן איז זי גע־קומען קיין פעטערבורג. זי איז געקומען זיך לערנען, אַרבעטן. אָבער אידע האָט שוין מער נישט געקאָנט זיין אַנעס אַ חברטע און איז אי־בערגעפאָרן אין אַ פרעמד הויז אויף אַ פינפטן שטאָק, ווו עס ווערן פאַרדונגען קליינע ביליקע צימערלעך פאַר פריילנס, קורסיסטקעס און אינטעליגענטע אַרבעטערינס...

איר פאָטערס פריינט קריינין און סאָלאָמאָנאָוו זענען געוועזן דאָ־געגן, וואָס זי איז איבערגעפאָרן אין אַ פרעמד הויז. יעדער האָט זי געבעטן צו זיך. אַנע איז אַפילו שפּעטער געקומען צו איר — זי אי־בערגעבעטן, אירע עלטערן האָבן איר אויך געשריבן, אַז זי זאָל נאָר וווינען ביי זיינע פריינט, ביי קריינינען אָדער ביי סאָלאָמאָנאָוון. אָבער

אידע האָט זיך אַזוי גוט געפילט אין דעם פרעמדן הויז צווישן די נייע חברטעס, אַז זי האָט פון נאָכאַמאָל איבערפאָרן נישט געוואָלט וויסן און הערן. זי האָט געשריבן אירע עלטערן, אַז זי איז שוין נישט קיין קינד און ווייסט אַליין, ווי זי דאַרף זיך אויפפירן אין לעבן. זי וויל נישט זיין קיין אומזיסטיקע עסערין, זי וויל לעבן פון איר אייגענער אַרבעט. די ערשטע צייט איז זי געווען אַ גאַסט און האָט נישט גע-קאָנט דאָס לעבן אין דער נייער שטאָט אָבער איצט איז זי שוין אַ פעטערבורגער איינוווינערן. אירע עלטערן האָבן, נישט ווילנדיק, געמוזט דערויף באַשטיין, קענענדיק זייער ליב קינד, אַז זי ווייסט, וואָס זי טוט.

צווישן די נייע חברטעס האָט זיך אַנע באמת געפילט זייער גוט. זי האָט אין זיי געפונען איר וועלט, איר לעבן, זי האָט אין זיי גע-פונען דאָס, וואָס זי האָט שוין לאַנג געזוכט, — דיזעלבע אידעאַלן אין לעבן, צו וועלכע עס האָט איר אַזוי געצויגן. זי האָט איצט גע-זען, אַז זי איז נישט איינע, אַז עס זענען נאָך דאָ אַ סך אַזוינע, ווי זי, וואָס האָבן אַוועקגעוואָרפן זייער היים צוליב דעם לערנען און קע-נען אַרבעטן.

צווישן אירע חברטעס — די קורסיסטקעס, האָט זי געפונען פיל יידישע מיידלעך פון פאַרמעגלעכע עלטערן, וועלכע האָבן זייערע טעכ-טער גערופן אַהיים, זיי צוגעזאָגט טויזנטער נדן, זיי זאָלן חתונה האָבן און זיך נישט וואַלגערן אין פרעמדע שטעט, צווישן פרעמדע מענטשן, וווינען אויפן פינפטן שטאָק און עסן ביליקע מיטאָגס. נאָר די קינדער פלעגן נישט אויפהערן צו שרייבן זייערע עלטערן, אַז זייער גליק ליגט נישט אין נדן: זיי ווילן פריער ווערן אַליין מענטשן, אַליין פאַר זיך פאַרדינען ברויט. זיי ווילן נישט, אַז מען זאָל פאַר זיי באַצאָלן די מאַנען, מען זאָל זיי „צונעמען" ביי די עלטערן.

די עלטערן האָבן נישט פאַרשטאַנען זייערע קינדער, די קינדער האָבן נישט געוואָלט פאָלגן די עלטערן. פון ליבשאַפט צו די קינדער האָבן די עלטערן פונדעסטוועגן געשיקט געלט אויף צו לעבן. און די, וואָס האָבן גערעכנט, אַז ווען זיי וועלן נישט שיקן קיין געלט, וועלן זייערע קינדער מוזן קומען אַהיים, האָבן געהאַט אַ גרויסן טעות. מען איז זיך באַגאַנגען אָן געלט, מען האָט געלעבט פון ביליקע לעקציעס, געגעסן אַ מיטאָג איינמאָל אין דריי טעג, געלעבט נאָר מיט טיי און ברויט און מען האָט געלערנט, געאַרבעט און מען איז געווען געזונט

און פרייליך און מונטער.

ביי אַזאַ לאַגע האָבן זיך איבערגליקלעך געפילט אַט די אַלע ייִדישע מיידלעך פון דעם ייִדישן תּהום, ווו זיי האָבן נישט געהאַט קיין לופט צום אָטעמען און זיי האָבן געמיינט, אַז זיי ווערן דער־שטיקט.

אויפן פינפטן שטאָק, אין אַ קליין צימערל מיט אַ קליין פענצטערל, דורך וועלכן מען זעט אַ סך קוימענס מיט אַ שטיקעלע הימל, פלעגן זיך צונויפקומען עטלעכע חברטעס, דאָס רוב האַלב הונגעריקע, האַלב זאַטע און ביים טיי מיט ברויט האָט מען געלאַכט און דערציילט פון זייערע אָקושערן־קורסן.

נעכטן זענען זיי געוועזן אין דעם אַנאַטאָמישן זאַל, ווו דער פּראָפעסאָר האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ לעקציע און דערביי צעשניטן אַ טויטן קערפּער. זיי זענען שיעור חלשות געבליבן פון דעם שווערן גע־רוך — אָבער ווי גוט האָט דער פּראָפעסאָר דערקלערט. ער האָט זיי געעפנט די אויגן — זיי ווייסן איצטער, ווי אַ מענטש איז גע־בויט.

איינע כאַפּט אַרויס פון אונטערן בעט אַ קעסטל מיט מענטשי־שע ביינער און אויך אַ קאָפּ. די, וואָס זענען נישט לאַנג אַריינגע־טרעטן אויף די קורסן, הייבן זיך אָן צו שרעקן, נאָר די עלטערע קור־סיסטקעס לאַכן. די יינגערע, ווידער, מאַכן אָן אָנשטעל, אַז זיי האָבן קיין מורא נישט און נעמען דעם קאָפּ און די איבעריקע ביינער אין די הענט.

—נו, טרעפט, ווו געפינט זיך דער און דער ביין?—פרעגט איינע,— און די צווייטע טרעפט און ווייזט אָן אויף זיך אָדער אויף אַ חברטע, ווו דער ביין געפינט זיך.

— אייערנעכטן איז געוועזן מיין דזשור —באַרימט זיך איינע.— איך האָב געהאַט פיר געווינבעריקס. איינע איז געשטאָרבן אויף מיינע הענט און ביי דריי האָב איך צוגענומען די ביי־געבוירענע — אַזוינע שיינע געזונטע קינדערלעך...

—איך האָב באַקומען פון מיין מוטער אַ בריוו,—דערציילט איינע פון בערשאַד. — זי פרעגט מיך, צי עס איז אמת, וואָס מען האָט איר דערציילט, אַז ביי מיר אין צימער געפינען זיך מענטשלעכע ביינער מיט אַ קאָפּ פון אַ מענטשן און ווי אַזוי האָב איך קיין מורא נישט צו שלאָפן מיט די ביינער אין איין צימער?..

אַלע שיסן אויס מיט אַ געזונטן, יונגן געלעכטער.

פיל דערמאַנען זיך אין זייער ווייטער היים, און זיי ווערן באַ־לעבט פון שטאָלץ, מיט וועלכן זיי קוקן אויף זייערע, אינדערהיים איבערגעבליבענע שוועסטער, וואָס זיצן פאַרלייגט די הענט, פוצן זיך יעדן טאָג און וואַרטן ביז מען וועט ברענגען אַ חתן, וועלכער וועט זיך הייסן באַצאָלן.

— איך וואָלט זיך געפילט זייער אומגליקלעך, ווען איך זאָל גע־וווּנגען בלייבן אינדערהיים.

— איך וואָלט פריער געשטאָרבן, ווען דער צוועק פון מיין לעבן זאָל נאָר באַשטיין אין דעם, צו וואַרטן אויף אַ חתן. עס וועט קומען אַ שדכן, די מאַמע וועט זיך מיר הייסן אויספוצן אין דעם שענסטן קלייד, דערנאָך וועט קומען אַ פוסטער בחור, וועלכן איך קען נישט און ווייס נישט און זע דאָס ערשטע מאָל, און מיט אַזוינעם וועל איך דאַרפן אָפּלעבן די וועלט, אייביק זיין אָפּהענגיק פון אים, אויסשטיין אַלע זיינע קאַפּריזן, ווייל ער וועט מיך מפרנס זיין... איך וואָלט פריער געשטאָרבן, ווען איך זאָל געצווונגען בלייבן אינדערהיים...

און אַלע זענען גליקלעך, אַלע זענען צופרידן, וואָס זיי געפינען זיך דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, און לערנען און אַרבעטן.

אידע איז מקנא אירע חברטעס, וואָס זענען שוין אַריינגעטרעטן אין די קורסן. זי גרייט זיך צום עקזאַמען, זי וואָלט אויך געוואָלט הערן דעם פּראָפעסאָרס לעקציע, זי וואָלט אויך געוואָלט האָבן אַ דעזשור אין קליניק פון די קורסן. זי וויל אויך אַרבעטן און יענעם ברענגען נוצן.

אידע גלויבט פעסט אין אירע פעיקייטן, אַז זי וועט דעם עק־זאַמען אויסהאַלטן און ווערן איינגיכן אַ קורסיסטקע. אויסער וואָס זי גרייט זיך צום עקזאַמען, מוז זי נאָך לויפן אויף ביליקע לעקציעס. פון די קליינע פאַרדינסטן לעבט זי אַזאַ לעבן, ווי דאָס רוב אירע חבר־טעס.

אַזאַ זעלבשטענדיק לעבן, פול מיט אַרבעט און האָפענונג, גיט איר צו מער לעבן, מער קרעפטן און זי פילט זיך גליקלעך.

צוליב אירע עלטערן קומט זי אַמאָל צו קריינינען און צו פּאַ־לאַמאָנאָווון אין הויז, נאָר עס איז איר שטענדיק דאָרטן אַליין פרעמד. אַלץ, וואָס זי הערט דאָרט רעדן, האָט נישט פאַר איר קיין אינטערעס. זי באַגעגנט זיך דאָרט מיט מענטשן, מיט וועלכע זי קען נייעט רעדן

און פאַרשטייען זיך נישט איינער דעם אַנדערן. אָבער זי גייט דאָך צו איר טאַטנס פריינט.

אַנע לויפט אויך אַמאָל אַריין צו איר אויפן פינפטן שטאָק זען, וואָס זי מאַכט. שטענדיק אָנגעטון אין זיידנס מיט דעם נייסטן מאָדע-היטעלע, מיט דעם שענסטן זיידענעם זאָנטיק און מיט קאָלירטע הענטשקעלעך. זי טרעפט אָפט ביי איר אין צימערל אירע חברטעס. אַנע דערציילט זיי פון אַלע נייס, וואָס מען האָט געשפּילט אין טעאַטער, פון די אָוונטן, וווּ זי האָט געטאַנצט, פון די נייסטע מאָדעס, און אַלע שווייגן און הערן. אַזוי רעשט אַנע דאָרט אָפּ אַ האַלבע שעה, און רעשנדיק, אַנטלויפט זי, זאָגנדיק דערביי, אַז מען זאָל איר אַנטשולדיקן. זי האָט קיין צייט נישט און בעט אידען, זי זאָל צו זיי קומען. קיינער האַלט זי נישט אויף און אַנע לויפט אַוועק און האָט נאָכדעם אויף דריי טעג צו דערציי·ן פון די משוגענע פּראָווינצער מיידלעך, וואָס טראָגן היטעלעך מיט קליידער פון פאַר דריי יאָרן און לעבן ווי קאַטאָרזשניקעס.

אַמאָל פלעגט אַנע אַריינלויפען צו אידען מיט אַ שמחה, אַז זי האָט אַ לאָזשע אין טעאַטער און איר פאָטער בעט אידען, זי זאָל אויך גיין, נאָר אידע פלעגט זיך אָפּזאָגן. איר איז פריילעכער געווען צו גיין אין טעאָטער מיט אירע חברטעס אויבן, אויף דער גאַליאָרקע, פאַר צוואַנציק-דרייסיק קאָפּיקעס אַ בילעט. דאָרט איז זי פריילעך, דאָרט האָט זי די הנאה פון טעאָטער. זי געפינט זיך דאָרט היימיש, מען קלאַפּט און מען רופט מיט התפעלות אַרויס די אַקטיאָרן. אין לאָזשע אָבער איז איר לאַנגווייליק. מען דאַרף דאָרט זיצען, ווי ביי יענעם צו גאַסט.

און אַנע האָט ווייטער אַ צייט צו דערציילן פון דער משוגענער פּראָווינצערין.

פון דער צייט אָן אָבער, זינט אידע האָט אויף סאַלאָמאָנאָווס שבת-צונאַכטסן זיך צעווינט פון דעם יונגן דאָקטאָרס המצאהלעך, האָט זי אינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען צו איר פאָטערס פריינט. זי ווייסט אַליין נישט, זי קען זיך אַליין נישט אָפּגעבן קיין חשבון, פאַרוואָס זי האָט זיך פון דעם דאָקטאָרס חכמות אַזוי באַליידיקט און פּלוצים אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין און דערצו נאָך אַנטלאָפן און געזאָגט, אַז זי איז אין דעם הויז דאָס לעצטע מאָל.

אידע האָט זיך דערנאָך געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס זי איז

אזוי נאַריש, אַזוי קינדעריש אַרויסגעשפּרונגען. זי וואָלט דאָך געקאָנט אויך אָן אַזאַ אַרויסשפּרינגען אויפהערן גיין צו זיי.

אויפן צווייטן טאָג, ווען סאַלאָמאַנאָוו מיט זיין פרוי זענען צו איר געקומען איר אויסרעדן, למאַי זי האָט זיך אַזוי אויפגעפירט און זי געבעטן, זי זאָל ווייטער אָנהייבן גיין צו זיי, ווייל וואָס אַרט עס איר, וואָס דער נאַרישער דאָקטאָר ווערטלט זיך, האָט זיך אידע פאַרענטפערט:

—איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיט מיר איז דאַן פאָרגעקומען... זיינע חכמות האָבן מיך אַזוי באַליידיקט, עס האָט מיך אַזוי אָנגעכאַפּט ביים האַרץ, אַז ווען איך זאָל זיך פון ווייטיק נישט געוועזן צו וויינען, וואָלט געוועזן מיט מיר פיל ערגער! איך וואָלט דעם דאָקטאָר אַזוינס געזאָגט, אַז ער וואָלט אַנטלאָפן! גלייכער, אַז איך בין אַוועק.

פונדעסטוועגן איז זי שוין מער אויף קיין אָוונט נישט געגאַנגען צו סאַלאָמאַנאָוון אָדער צו קריינינען אין הויז. זי פלעגט נאָר אַמאָל אַריינלויפן וועגן פאַרשידענע זאַכן, וואָס איר פאָטער פלעגט זיך מיט זיי איבערשרייבן און פאַרלאַנגען פון איר, זי זאָל דאָרט זיין, נאָר אין זייער געזעלשאַפט האָט זי מער נישט פאַרבראַכט.

און אידע איז פון דעם געוועזן צופרידן.

—וואָס קער איך זיך אָן מיט זיי,—פלעגט זי זאָגן,—זיי האָבן אַנדערע אינטערעסן אין לעבן, ווי איך. זיי לעבן אין אַן אַנדער וועלט און איך, ווידער, אין אַן אַנדערער.

פון דער צייט אָן האָט זיך אידע ערנסט גענומען צום לערנען. די צייט גייט נישט אַזוי אַוועק פוסט ווי פריער, פלעגט אידע זאָגן אַרקאַדיע מאַרקאָוויטשן, דעם איינציקן פון אירע פריערדיקע באַקאַנטע, וואָס פלעגט אָפט קומען צו איר.

— זיי פלעגן ביי מיר צונעמען די צייט אויף נאַרישקייטן. איך וועל זיי נישט איבערמאַכן און זיך ברענגען איך שאָדן! פריער פאַר אַלעמען דאַרף איך פון זיך אַליין מאַכן אַ מענטש און דערנאָך קען איך זעלבסטשטענדיק פאַרלאַנגען פון אַנדערע. פאַרלאַנגען פון יענעם און אַליין גאָרנישט טון, דאָס איז נישט גוט. נאָר... איך וועל זיי ווייזן. איך וועל זיי ווייזן, ווי אַ מענטש דאַרף לעבן אויף דער וועלט!—האָט זי געזאָגט און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אין דערלופטן, ווי איינער, וואָס פילט, אַז ער איז שטאַרק און האָט אַ סך קרעפטן.

— וואָס-זשע וועט איר טאָן? וואָס וועט איר טון? איר ווילט אָנקומען אויף די קורסן, איר ווילט זיין אַן אַקושערקע... איר ווייסט, וואָס פאַר אַ שווערע אַרבעט דאָס איז, באַדינען קראַנקע, נישט דער-שלאָפן קיין נעכט... איר וועט זיך קאַליע מאַכן אייערע שיינע אויגן, אייער געזונט... איר ברויכט דאָס דאָך נישט... איר וואָלט געקאָנט גליק-לעך מאַכן אַ מענטשן און וואָלט געלעבט גליקלעך.

אידע האָט אַזוינע ווערטער גאַנץ אָפט געהערט פון אַרקאַדיען, וועלכער האָט זיך פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט איר ביי קריי-צינען אין הויז זיך איר איבערגעגעבן מיט דעם גאַנצן לעבן. ער האָט זיך געפילט גליקלעך, ווען ער האָט זי געזען, מיט איר גערעדט, כאָטש ער האָט גוט געוווּסט, אַז אידע טראַכט נישט פון אַן אינטימערער פריינטשאַפט: ער האָט געוווּסט, אַז זי שעצט אים נאָר ווי אַן איבער-געגעבענעם פריינט. ער האָט געוווּסט, אַז זי האָט ליב אַן אַנדערן פון איר געבוירנשטאָט לאַוורעווע. דערנאָך, ווען הירשל האָט חתונה געהאַט, האָט אַרקאַדיע אָנגעהייבן מער האָפן, נאָר באַלד האָט ער זיך דער-וווּסט, אַז עס איז אומזיסט. אידע האָט אים גלייך אָפן דאָס אַרויסגע-זאָגט. און פונדעסטוועגן האָט אַרקאַדיע נישט אויפגעהערט צו זיין איר איבערגעגעבן מיטן גאַנצן לעבן.

— איך וויל ברענגען גליק נישט נאָר איין מענטשן,— איך וויל מיט מיין לעבן ברענגען גליק פיל מענטשן, שוואַכע, נויטבאַדערפטיקע, וועלכע נייטיקן זיך, אַז געזינטערע, שטאַרקערע זאָלן זיי העלפן. ווען איך האָב צוויי לעבנס, וואָלט איך איינס אַוועקגעגעבן אייך און דאָס צווייטע זיי, נאָר אַזוי ווי יעדער מענטש האָט נאָר איין לעבן, וויל איך אָט דאָס לעבן מיינס זיי אַוועקגעבן—די אומגליקלעכע...

— פונדעסטוועגן, ווען אייער הירשל זאָל נישט געווען חתונה האָבן פאַר אַן אַנדערער, וואָלט איר, „אָט די אומגליקלעכע" אַוועק-געוואָרפן צוליב אים — איר וואָלט אים אַוועקגעגעבן אייער לעבן. איך בין אומגליקלעך נאָר דערפאַר, וואָס איך בין נישט הירשל.

— מען האָט אייך נישט ריכטיק איבערגעגעבן וועגן הירשלען. דאָס איז אמת, איך האָב אים ליב געהאַט פון קינדווייז אָן, ער איז אין אונדזער שטעטל געווען דאָס פיינסטע לייטישע יינגל, אָבער דער-זעלבער קאַליקע, ווי אַנדערע ביי אונדז. ווען איך האָב זיך דער-וווּסט, אַז הירשל האָט חתונה געהאַט, האָב איך מיך נישט געחידושט. איך האָב מיך געריכט אויף דעם. וואָס דען זאָלן זיינע עלטערן טון

מיט אזא יונגמאן? נאר מיין מוטער האט איצט אויך גרויסע יסורים, וואס איר טאכטער האט אזא גליק אנגעווארין, און איר, ארקאדיע מארקאוויטש, האט איצט אויך גרויסע יסורים, וואס איך וויל אוועקגעבן מיינע אויגן מיט מיין שיינקייט פאר די, קראנקע וואס איך וויל ווערן אן אקושערקע, בעת איך וואלט געקענט זיין אייער פרוי. איהר וואלט מיך פארזארגט מיט דעם שענסטן און בעסטן, מיט שיינע צימערן, מיט דינסטן, איר וואלט אויף מיר קיין שטויב נישט געלאזט פאלן. איך וואלט שטענדיק געגאנגען אין זיידנס און געפיעסטשעט זיך אויף ווייכע שטולן... נאר איך פרעג אייך, וואס וואלט איך א גאנצן טאג געטון? איך וואלט געוועזן א באלעבאסטע, דאס הייסט, איר וואלט באדארפט אכטונג געבן, אז דער מיטאג זאל זיין אין דער צייט, די דינסטן זאלן עטלעכע גרויפן פון טאפ נישט ארויסגנבענען און נאך אזוינע דראבנע נודנע זאכן... כדאי, כלעבן, אוועקצוגעבן אויף אזוינע זאכן א גאנץ לעבן! איך פיל זיך פעיק צו עפעס העכערס...

— מיר וואלטן איינגעפירט ביי זיך אוונטן, מען וואלט געקומען צו אונדז, מיר וואלטן געגאנגען צו יענע, אמאל אין טעאטער... אזוי וואלט די צייט אוועקגעגאנגען און מיר וואלטן געלעבט א גליקלעך לעבן...

— דאס אלץ, וואס איר האט מיר דא אויסגערעכנט, געפעלט מיר נישט... אין אזא לעבן געפין איך נישט קיין גליק, קיין אינטערעס... איך וועל אייך ווייזן, צו וואס איך בין פעיק און ווי א מענטש דארף לעבן. איך וועל אייך ווייזן!—האט אידע ווידער ענערגיש א מאך געטון מיט איר שיין הענטל אין דער לופטן מיט אזא ענערגיע, מיט אזויפיל קראפט, אז ארקאדיען האט זיך באמת אויסגעוויזן, אז זי קען די וועלט איבערקערן.

איצט האט זי אויסגעזען אין זיינע אויגן נאך שענער ווי אלע מאל. איצט האט ער פארגעסן אין אלע חשבונות, ווי עס איז בעסער איינצוריכטן דאס לעבן. איצט האט ער געפונען, אז נאר אידע פארשטייט ווי צו לעבן אויף דער וועלט. איצט האט ער געפילט, אז אויפן פינפטן שטאק, אין קליינעם צימערל, דורך דעם קליינעם פענסטערל, ווו מען זעט א שטיק. הימל מיט א סך קוימענס, איז פיל שענער, ווי אין זיין גרויסער וווינונג מיט די רייכע פארפוצטע צימערן, אויף איינער פון די שענסטע פעטערבורגער גאסן.

וואס קומט אים ארויס פון זיין עשירות, וואס ער האט פון זיין

פאָטער באַקומען בירושה, פון די געשעפטן, וואָס זיין פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט, און וועלכע אַרבעטן שוין איצט אַליין און ברענגען אים יערליך אַ גוטע הכנסה אויף צו לעבן רייך און ברייט? וואָס קומט אים אַרויס פון דעם אַלעמען, אַז ער פילט זיך אומעטום געדריקט, אַז ער ווייסט נישט וואָס צו טון מיט זיין צייט, אַז ער קען זיך קיין רויק אָרט נישט געפינען? און דאָ, אין דעם קליינעם צימערל, איז אים אַזוי גוט, ער וואָלט זיך געפילט פאַר דעם גליקלעכסטן מענטשן, ווען ער זאָל דאָ בלייבן אויף אייביק, פאַרשפּאָרן צו קוקן אויפן זייגער און ציילן די מינוטן, ווען אידע האָט צייט און ווען זי דאַרף אַוועקגיין אויף די נאַרישע לעקציעס, אָדער זיצן איבער די ביכלעך — זיך גרייטן צום עקזאַמען און אויסהערן אַלעמאָל פון איר: „אַרקאַדיע מאַרקאָוויטש, איר שטערט מיר אין מיין אַרבעט... ביז מאָרגן האָב איך קיין צייט נישט, איך האָב פיל אַרבעט!“ און אַרקאַדיע דאַרף אַוועקגיין מיט אַ זיפץ, מיט דער האָפענונג, אַז אויף מאָרגן וועט אים אידע ווייטער שענקען עטלעכע פרייע מינוטן.

און אַזוי איז געווען יעדן טאָג.

— אידע! — האָט אַרקאַדיע אין אַזעלכע שווערע מינוטן געזאָגט מיט האַרץ. — אויב אייך געפעלט נישט, אויב איר קענט זיך נישט פילן גליקלעך אין אַזאַ לעבן, ווי איך האָב אייך פאָרגעלייגט, בין איך גרייט צו לעבן אַזאַ לעבן, ווי איר וועט פאַרלאַנגען, איינריכטן אונדזער לעבן, אַזוי ווי איר פאַרשטייט.

— איצט פאַרלאַנג איך גאָרנישט און פאַרשטיי נאָר איין זאַך, אַז איך דאַרף לערנען און אַרבעטן.

— לערנט מיך, אידע, ווי אַזוי איך זאָל לעבן, כדי מיר זאָלן קענען לעבן צוזאַמען. איך באַשטיי פאַרויס אויף אַלעם, ווייל מיין גליק ליגט נאָר אין אייך. שטעלט אַוועק אונדזער לעבן, ווי איר ווילט. איך וועל אייך פאָלגן און געהאָרכן...

אַרקאַדיעס וואַרעמע ווערטער, וואָס זענען געגאַנגען פון טיפסטן האַרץ, פול מיט ליבע צו אידען, האָבן זי גערירט ביז צו טרערן. איר גאַנץ געזיכט האָט געשיינט מיט גוטסקייט און דאַנקבאַרקייט צו אַרקאַדיען פאַר זיין שטאַרק און ערנסט געפיל.

אָבער זי האָט גאָרנישט געענטפערט אויף זיינע לעצטע ווערטער. זי איז געבליבן זיצן פאַרטראַכט. אירע אויגן האָבן זיך אַלעמאָל אַראָפּגעלאָזט, זיך אויפגעהייבן און געקוקט אויף דעם שטיקל הימל, וואָס

מען האָט געזען דורכן פענסטערל.

אַרקאַדיע האָט פּלוצים דאָס ערשטע מאָל דערפילט, ווי אידע איז צו אים נישט פרעמד, ווי ביז איצט. דאָס האָט ער אַרויסגערופן איר פּאָרטראַכטקייט, און זי טראַכט איצט פון אים, נאָר פון אים.

לענגער ווי אַלעמאָל איז ער היינט געזעסן ביי איר אין צי־מערל און געקוקט פון אירע אויגן, וועלכע האָבן איצט אויסגעזען שענער ווי אַלעמאָל. אירע שיינע בלאָנדע האָר, איר יונגקייט און געזונטקייט, דאָס אַלץ האָט ער איצט טיפער באַמערקט, און דאַמאָל איז ער אַוועק פון אידען מיט די בעסטע האָפענונגען. ער האָט זיך געפילט יינגער און שטאַרקער.

אין זיין קאָפּ האָט זיך איצט געדרייט בלויז איין געדאַנק: וואָס טוט מען אַזוינס, אַז זי זאָל זיין גליקלעך?

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך געזאָגט:

—איך האָב גובר געווען דעם גרעסטן גבור!.. אירע בלויע אויגן האָבן מיך היינט דאָס ערשטע מאָל געגלעט...

*

ווען אַרקאַדיע איז געקומען אַהיים, האָט ער ביי זיך אין קאַ־בינעט געפונען אַנען. זי איז געזעסן אַ צוטראַגענע און נערוועיש גע־מישט זיין אַלבום מיט פאָטאָגראַפישע בילדער.

אַרקאַדיע האָט זיינע אויגן נישט געגלויבט, זעענדיק זי אַליין ביי זיך אין צימער.

— איר ביי מיר... אַליין?..—האָט ער דערשראָקן געזאָגט.

—יאָ, אַליין... איר האָט דאָס געוואָלט, בין איך געקומען... איר האָט נישט געענטפערט אויף מיין בריוו...

ער האָט געזאָגט:

— איר, אַנע, האָט קיין רעכט נישט געהאַט מיר צו שרייבן אַזוינע בריוו... איך האָב אייך קיינמאָל נישט געגעבן דערצו קיין גע־לעגנהייט... איך בין אַלע מיינע יאָרן געקומען צו אייך אין שטוב, ווי אַ שולפריינט פון אייער ברודער... איך האָב אייך קיינמאָל נישט געליבט... און איר האָט פאַרלאַנגט אין אייער בריוו, איך זאָל בעטן ביי אייך אייער האַנט, איך זאָל בעטן ביי אייערע עלטערן אַ דערלויבעניש... מיט איין וואָרט, איר ווילט זיין מיין פרוי... אָבער עס איז דאָך אַ משוגעת אַזוי צו האַנדלען!.. וואָס קען איך אייך ענטפערן דערויף?

זי האָט געציטערט און געשטאַמלט:

אָבער איך האָב אייך ליב, איר הערט, אַרקאַדיע? איך האָב אייך ליב... איך האָב נישט וווהין צו גיין, איך וועל דאָ בלייבן און לעבן מיט אייך צוזאַמען...

— דאָס קען דאָך אָבער נישט זיין!—האָט אַרקאַדיע דערשראָקן אויסגעשריען.

זי האָט ווייטער געשטאַמלט:

—יאָ, אידע געפעלט אייך...

אַרקאַדיע האָט זיך געמאַכט האַרץ און געזאָגט:

— אידע איז מיין אידעאַל, אַנע... זי איז מיין חלום, מיין לעבן...

דאָס גאַנצע בלוט איז איר אַנטרונען געוואָרן פון פנים. זי איז געוואָרן גרין, די אויגן האָבן איר ווילד געגליט און זי האָט שטיל געשריען:

—איר וועט מיך געדענקען, אַרקאַדיע!.. איך האָב נאָך מיט אייך אַ חשבון!...

זי האָט רעש פאַרלאָזט דאָס צימער.

אַרקאַדיע האָט אַ פאַל געטון אויף דער קושעטקע, צוגעדריקט מיט די הענט די אויגן און געזען אידען, אַ ציענדיקע, אַ בלויאייגיקע און אַ ליכטיקע...

אין צווייטן יאָר אַרום

פֿלעצער און הייזער אין וואַרשע זענען געפֿאַלן, און דער קרעדיט איז אויך געפֿאַלן. די באַנק האָט אויפֿגעהערט אַרויסצוגעבן געלט און צו דיסקאָנטירן וועקסלען. עס איז נישטאָ, ווו צו לייען אַ רובל, כאָטש שטרעק זיך אויס... מען לאָזט פֿאַרפֿאַלן דאָס האַנטגעלט, וואָס מען האָט געגעבן אויף פֿלעצער און אויף הייזער. די, וואָס האַלטן אין מיטן בויען, האָבן נישט מיט וואָס צו ענדיקן, די טערמינען פֿון די וועקסלען לויפֿן אָן און עס איז נישטאָ מיט וואָס צו צאָלן. עס פֿליען באַנקראָטן נאָך באַנקראָטן, די נאָטאַריוסן האָבן קיין הענט נישט צו שרייבן די פּראָטעסטן און די קאָמאָרניקעס קענען זיך נישט צערייסן: זיי האָבן אַרבעט ביז איבערן האַלדז.

דער האַנדל האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, סחורות אויף קרעדיט גיט מען נישט און פּאַר מזומן איז נישטאָ ווער עס זאָל קויפֿן. פֿון דער פּראָווינץ קומען אָן פֿודנווייז פּראָטעסטירטע וועקסלען. עס איז אַ מהומה, אַ געוויש, אַ גערודער.

אין אָדעס זענען אין אַ משך פֿון אַכט טעג געפֿאַלן באַנקראָטן אויף עטלעכע מיליאָן. אין לאָדז איז שוין נישטאָ ווער עס אָנזעצן. די קליינע פֿאַבריקלעך האָבן זיך פֿאַרמאַכט, די גרויסע האָבן פֿאַרקלענערט די צאָל אַרבעטער, און ווער ווייסט, וועמענס מאָרגן עס וועט זיין אַפּילו ביי די גרויסע. אין וואַרשע איז גאָר חושך. נעכטיקע גבירים, סוחרים, זענען אויף מאָרגן אַנטלאָפֿן קיין אויסלאַנד, איבערגעלאָזט זייע-

רע געשעפטן און הייזער אויף הפקר. טויזנטער מענטשן, בוכהאַלטערס, אָנגעשטעלטע און אַרבעטער, וואָס האָבן נעכטן געהאַט פּרנסה, זענען אויף מאָרגן געבליבן אָן ברויט.

צענדליקער טויזנטער סוחרים, סוחרימלעך, קאָמיסיאָנערן, מעקלערס און דריקעס זענען געבליבן אָן ברויט, אָן געשעפטן און מיט פּראָטעסטירטע וועקסלען איינער אויף דעם צווייטן. איינער דעם אַנדערן שלעפּט אין געריכט אַריין. נעכטן האָט בערל פאַרקויפט געצלען די ביינקלעך, מאָרגן האָט געצל בערלען פאַרקויפט די ביינקלעך. קיינער קומט פון דעם לאָדעניש גאַרנישט אַרויס, ווייל איינער ביים צווייטן האָט נישט וואָס צו נעמען און די לעצטע יידישע גראַנדעס גייען אַוועק אויף לאָדעניש.

די פּוילישע קאַנטאָרן, וואָס פאַרקויפן צו צוויי אָדער דריי קאָפּיקעס אַן אייל פלאַץ, האָבן זיך שוין פאַרמאַכט. יידן דהאָבן שוין נישט פון וואַנען צו טראָגן אהין געלט. די פּוילישע גוטסבאַזיצער זענען דאָך געבליבן ביים געלט און יידן ביי זאַמדיקער ערד, וואָס ברענגט נישט קיין הכנסה. ביי טייל גוטבאַזיצער זענען פאַרפאַלן געוואָרן יידישע האַנטגעלטער און זיי זענען געבליבן אי ביים געלט, אי ביי דער ערד.

די וואַרשעווער אַנטיסעמיטישע צייטונגען האָבן שוין אויפגעהערט צו שרייען, אַז יידן נעמען אָפּ פּוילן, זיי פאַרבויען די גאַסן מיט יידישע פּאַלאַצן און אַלע יידן ווערן מיליאָנערן אויף פּוילישער ערד. מיט דער גרעסטער פרייד זעען זיי איצטער, ווי מיט יידיש געלט האָט מען אין די לעצטע צוועלף יאָר געמאַכט וואַרשע פאַר איינע פון די שענסטע אייראָפּעישע שטעט. אויף פיל פון די פריערדיקע גאַסן מיט אַלטע איינגעבויגענע הילצערנע הייזלעך, אָדער אויף זומפּיקע, בלאָטיקע פּלעצער שטייען איצט שיינע מויערן, געבויט נאָך דער בייסטער אַרכיטעקטור.

נייע, גלייכע, שיינע גאַסן זענען אין דער לעצטער צייט צוגעקומען אין וואַרשע און די וואַרשעווער זענען איצט שטאָלץ אויף זייער שיינער שטאָט.

דאָס אַלץ אָבער איז געמאַכט געוואָרן מיט יידיש געלט, יידישער פּראַצע, מיטן יידישן מוח, פעיקייט און קענטעניש.

און ווו זענען איצט די אַלע יידן, וואָס האָבן געבויט דידאָזיקע

פּלאַצן, דידאָזיקע שיינע גאַסן? טייל זענען פון צרות אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, טייל זענען געבליבן אין וואַרשע און האָבן נישט ווו אַנידער צולייגן דעם קאָפּ, און נאָר אַ קלײנער טייל זענען געבליבן „סטרוזשעס" ביי זייערע הייזער, אָבער אויך ביז אין אַ געוויסער צייט, ווייל אויף זייערע הייזער קומט אין באַנק מער, וויפל זייערע הייזער טרעפן אָן.

און ווו איז אַהינגעקומען דאָס יידישע געלט? יידישע אַרבעט?

דאָס אַלץ איז געבליבן ביי די, וואָס האָבן געהאַט זאַמדיקע ערד, אַלטע איינגעהויקערטע הייזלעך און פּוסטע זומפּיקע בלאָטיקע פּלע-צער, וואָס האָבן נישט אַריינגעבראַכט קיין הכנסה און נאָכהער ביי די וואַרשעווער בענק.

אָט אין די ערטער איז אויך געבליבן הירשלס גאַנצער נדן. הירשל איז נאָך אפילו אַ בעל-חוב געוואָרן גלייך מיט אַלע אַנדערע, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט הייזער, פּלעצער און דיסקאָנטע.

אָנגעהייבן האָט זיך עס אַזוי גוט און גרינג גלייך מיט אַלע אַנ-דערע גבירישע יונגעלייט, וואָס האָבן געדרייט מיט הייזער און פּלעצער. אַ דאַנק זיין שווער, האָט ער געקויפט אַ הויז און האָט אין דעם ערשטן חודש פאַרדינט מיד ליד צענטויזנט רובל. דערנאָך האָט ער ווידער געקויפט אַ הויז מיט אַ פּלאַץ און ווידער פאַרדינט. דערנאָך האָט ער געקויפט עטלעכע הייזער און פּלעצער אויף אַזויפיל געלט, אַז זיין קאַפּיטאַל מיט דעם געלט, וואָס ער פּלעגט באַקומען אויף די הייזער אין באַנק, איז ווינציק געווען. האָט ער אָנגעהייבן אונטער-שרייבן וועקסלען און דיסקאָנטירט פּרעמדע און אָנגעהייבן בויען הייזער. און דערנאָך, ווען די הייזער און פּלעצער זענען געפאַלן און עס איז נישט געווען ווער צו פאַרקויפן מיד ליד, איז נישט געווען אַפילו אויף דער הוצאה, כאָטש נעם און בייס די הייזער. דערווייל זע-נען אויך אָנגעלאָפן די טערמינען פון די צאָלונגען און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז הירשל שטעקט אין חובות אויף גאַנצע הונדערטטויזנט רובל...

זיין שווער, ר' שלמה-אהרן ווייסנזילבער, האָט זיך נאָך פריער געשטעלט פאַר דעם איידעם מיט אַ גרעסערער סומע און האָט גע-מוזט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. און הירשל איז געבליבן אין וואַרשע, ווי ער שטייט און גייט מיט זיין ווייב און קליין מיידעלע. פאַר זיי-נע בעלי-חובות האָט ער קיין מורא נישט געהאַט, ווייל ער האָט גאַר-

נישט פֿאַרמאָגט. די נשמה קענען דאָך די בעלי-חובות נישט פֿאַרקויפֿן? נאָר וואָס טוט מען מיט זיך אַליין — מיט זיין ווייב און קינד, וועלכע ער דאַרף מפרנס זיין?

— וואָס זאָל איך טון? ווי אַזוי זאָל איך מפרנס זיין מיין פֿאַמיליע? — פֿלעגט הירשל זיך אַלץ פֿרעגן — אַז איך טויג צו גאָרנישט. איך קען גאָרנישט און ווייס גאָרנישט. מען האָט מיך חתונה געמאַכט, געגעבן געלט. מען האָט מיר פֿאַרגעלייגט געשעפֿטן. די געשעפֿטן האָבן זיך אויסגעלאָזט שלעכט... וואָס טוט מען ווייטער? צו וואָס נעמט מען זיך? — זוכן אַ שטעלע? וואָס קען איך, צו וואָס בין איך פֿעיק?

נאָר קיינער, קיינער האָט הירשלען נישט געענטפֿערט אויף זיינע פֿראַגן. ער איז נישט געווען קיין איינציקער. טויזנטער געוועזענע סוחרים, קאָמיסיאָנערן, מעקלערס און אַזוי דרייקעפּ, וואָס האָבן פֿאַרדינט זייער פּרנסה כּל זמן עס האָט זיך געערדלט, האָבן זיך דערנאָך געפֿרעגט די אייגענע פֿראַגע, וואָס הירשל.

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ קורצע צייט און אין וואַרשע הערט מען נאָך אַמאָל פֿון די פּאָר געציילטע יידן, וועלכע זענען פֿון דער צייט, ווען פֿלעצער און הייזער האָבן געפֿלאַמט, געבליבן נאָך ביי עטלעכע רובל. און ווו זענען אַהינגעקומען די איבעריקע טויזנטער ווייסנזילבערס מיט די הירשלס, וואָס האָבן אויך געהאַנדלט מיט הייזער, פֿלעצער און דיסקאָנטע?

מען האָט פֿאַרגעסן אין זיי, מען טראַכט נישט פֿון זיי. קיינער דערמאָנט זיי נישט.

עס האָט זיך אָפּגעערדלט, אָפּגעטומלט און עס איז געוואָרן שטיל, ווי אויף אַ בית-עולם.

הירשלס פֿאָטער, ר' קלמן לאַוויצער, איז נאָך פֿאַריאָרן פֿון גרויס צרות און בזיון געשטאָרבן. נאָך זיין טויט האָבן די בעלי-חובות זיין הויז פֿאַרקויפֿט און זיין ווייב שרה-פֿייגע איז מיט די קינדער אַוועקגעפֿאָרן צו דער עלטערער אויסגעגעבענער טאָכטער. אין אָנהייב האָט זיך אין לאַוראָווע שטאַרק גערעשט מיט ר' קלמן לאַוויצערס סוף. פֿאָרט געווען עפּעס אַ ייד אַן עושר און געפֿירט אַזוינע שיינע געשעפֿטן. אַלע אין לאַוראָווע און אַרום לאַוראָווע האָבן וועגן דעם גערעדט, נאָר וואָס ווייטער אַ טאָג, אַ וואָך, אַ חודש, האָט מען ווינציקער גערעדט, ביז מען האָט אין לאַוויצער מיט זיין פֿאַמיליע אינגאַנצן פֿאַרגעסן.

אין לאַוויצערס הויז געפינט זיך היינט אַן אָפּטיילונג פון אַ גרויסשטעטיקער באַנק, וואָס פאַרלייט געלט אויך אַ קליינעם הויזבאַזיצער, און די וואָס האָבן פּלעצער און ווילן בויען הייזער.

לאַוורעוועער יידן האָבן זיך שטאַרק אָנגעכאַפּט אין דער באַנק. ווער עס פאַרמאָגט עטלעכע הונדערט רובל, לייט ביי דער באַנק עטלעכע טויזנט און בויט אַ הויז, אַזוי, אַז לאַווראָווע ווערט אַ שענערע און גרעסערע שטאָט. מען בויט דאָרט אַ סך הייזער, צוויי-און דריישטאָקעדיקע.

אפילו חיים, אידעס עלטערער שוועסטערס מאַן, בויט אויך אין לאַווראָווע, אַ דאַנק דער באַנק, אַ דריי-שטאָקעדיק הויז... און פיל אַנדערע קאַליקעס, וואָס פלעגן זיך פריער אַרומדרייען אין לאַווראָוועס פּוסטאָפּאַס, אָן שום אַרבעט, מיט די שטעקנס אין די הענט, זענען איצט שטאַרק פאַרנומען מיט בויען אייגענע צוויי-דריי-שטאָקעדיקע הייזער.

פּלעצער אין לאַווראָווע ווערן איצט מיט יעדן טאָג טייערער. נעכטן האָט איינער געקויפט פּ. אַ פּאָר פופצנהונדערט רובל, אויף מאָרגן גיט מען צווייטויזנט. לאַוורעוועער יידן פאַרדינען מיד ליד פינפהונדערט און טויזנט אויף אַ פּלאַץ.

אויף חיימען און נאָך אַנדערע געוועזענע אָרעמעלייט זאָגט מען, אַז זיי האָבן אין פּלעצער פאַרדינט שיין געלט און בכל. רעדט מען, אַז אין לאַווראָווע האָט זיך דער יידישער מסחר שטאַרק געהייבן...

נאָר ביי נחמן ליפשיץ, דעם נאמן און ביי בערל וואַרעניק, דעם שוסטער, איז קיין שום פאַרענדערונג אין זייער לעבן נישט פאָרגעקומען.

נחמן איז איצט אויך אַ לערער אין שטאָט און איז זיך אויך טיילווייז מפרנס פון שרייבן באַשטעלטע בריוו אין פאַרשידענע שפּראַכן. ער איז נאָך קראַנקער און גרויער געוואָרן, און אַ דאַנק זיין פּעסלען, האַלט ער זיך נאָך אויף די פיס און טוט זיין אַרבעט. ער הערט עד היום נישט אויף צו שרייען אויף זיך, אַז ער איז אַ קאַליקע און קלאָגט זיך אַלץ, וואָס ער האָט אַזוי יונג חתונה געהאַט און נישט אַוועקגעפאָרן מיט זיינע חברים פון דעם פינסטערן לאַווראָווע אין דער ליכטיקער וועלט אַריין, ווייל ער וואָלט שוין איצטער געווען אַ באַוווסטער דאָקטאָר, אַן אינזשינער אָדער אַ באַרימטער אַדוואָקאַט...

פּעסי הערט נישט אויף אָנצעשרייען אויף אים, ער זאָל אויפ־הערן צו פּלאַפּלען. וואָרים ער וואָלט אין דער פרעמד נישט געקענט זיין אַ מינוט אָן איר, ווייל קיינער וואָלט, אַזוי ווי זי, נישט געקענט, זאָגט זי, איבערטראָגן זיינע קאַפּריזן. אָבער נחמן פאָלגט איר נישט און רעדט ווייטער וועגן זיינע יונגע גליקלעכע יאָרן, ווען מען האָט זיך געצויגן פון דער פינסטערניש אין דער ליכטיקייט.

א נאַכט.

שפּעט אין דער נאַכט. פּעטערבורג שלאָפט שוין, אומעטום איז פינסטער און שטיל, נאָר אויף די הויפּטגאַסן, אין די באַלויכטע רעס־טאָראַנען, טאַנצזאַלן, מאַסקאַראַדן און קלובן רעשט און לעבט נאָך. אויף די הויפּטגאַסן, וואָס זײַנען באַלויכטן מיט עלעקטרישע לאַמטער־נעס, פאַלן שטיקער שניי, עס שיט און עס שיט. עס ווייזט אויס, אַז עס פאַלט נישט קיין שניי, נאָר בריליאַנטן. שליטנס לויפן מיט פריי־לעכע פאַרשוינען, פאַר וועלכע עס האָט זיך שפּעט אין דער נאַכט ערשט אָנגעהייבן דאָס לעבן. אונטער די שליטנס סקריפּעט דער שניי, וואָס פאַרשיט דאָס פּנים און די אויגן. דאָס אַלץ רייצט נאָכמער די היינאַכטיקע פאַרשוינען און זיי שרייען אין דער שפּעטיקער נאַכט אַריין:

—לעבן, לעבן, וואָס מער לעבן!

אין די באַלויכטעטע הייזער הערן זיך פריילעכע קולות און אַ קלינגעריי פון געשלייפטע גלעזער, אין וועלכע עס שפּיגלען זיך פאַר־שידענע משקאות.

— לעבן, לעבן, וואָס מער לעבן!—הערט זיך און פילט זיך אין דער לופט. אַלע איילן זיך אַרייַנצוכאַפּן, וואָס מער לעבן, פונקט ווי אויף מאָרגן, ווען די נאַכט וועט זיך ענדיקן, ווען עס וועט אָנהייבן צו טאָגן, וועלן אָט די אַלע, וואָס לעבן איצט אין דער שפּעטער נאַכט, אויסציִען די פיס און אָוועקשטאַרבן.

—לעבן, נאָר געלעבט!—שרייט גרישע אין רעסטאָראַן, צווישן אַ קאָמפּאַניע, קלאַפּנדיק מיט פולע גלעזער.

—נאָר געלעבט, נאָר געטאַנצט!—זאָגט אַנע אויף אַן אָוונט איר נייעם קאַוואַליער, מיט וועלכן זי טאַנצט אָן אַן אויפהער.

און פיל, פיל אַזוינע פרייליכע קולות הערט מען אין דער שפּעטער נאַכט.

וואָס איז מיט זיי די שמחה? וואָס הוליעט מען אַזוי?

טייל פון ווילטקייט און טייל פון צרות...

די גרישעס הוליען די גאַנצע נאַכט, ווייל אין זייערע עלטערנס פאַבריקן און געשעפטן אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג אַ סך מענטשן. טייל הוליען דערפאַר, ווייל צו קיין אַנדער זאַך אין לעבן זענען זיי נישט פעיק, זיי קענען אין לעבן גאָרנישט שאַפן און האָבן נישט וואָס אָנצעווערן און פילן זיך נאָר דאַן גוט, ווען זיי פאַרשיכורן זיך אין לעבן. זיי ווילן אַריינכאַפּן וואָס מער לעבן, כּל זמן מען איז יונג און טאַנצן, כּל זמן עס טאַנצט זיך — — — — — — — — — — — — — — —

און נאָך אַ הויז איז אין דער שפּעטער נאַכט ליכטיק — אַ גרויס הויז מיט אַ סך פענסטער. דאָ הערט מען אויך קולות, נאָר אַנדערע

דאָס איז אַ הויז פאַר קראַנקע פרויען און געווינערינס.

אידע איז אויף דעם לעצטן קורס. היינטיקס יאָר דאַרף זי ענדיקן און אין דער נאַכט איז איר דיזשור. זי איז אָנגעטון אין אַ ווייסן סאַני־טאַר־קיטל, און ווייס פּאַסט איר אַזוי שיין צום געזיכט. מיט שטילע טריט גייט זי אַרום איבער דער „פּאַלאַטע" און הערט זיך צו צו יעדער קראַנקער. טייל שלאָפן און טייל ליגן מיט אָפענע דאַנקבאַרע אויגן צו דער גוטער פריילן, וואָס טוט אַלץ, וואָס זיי פאַרלאַנגען נאָר און פאַר־גרינגערט זייערע יסורים.

עס איז שטיל. אידע זעצט זיך אויף אַ בענקל און הערט זיך צו. אָט הערט זיך אַ קרעכץ. זי גייט צו צו דער קראַנקער, גיט איר עפּעס טרינקען, מאַכט צורעכט דער קראַנקערס געלעגער, זאָגט איר אַ פּאָר גוטע ווערטער, און די קראַנקע באַרויקט זיך. אידע קוקט אויף דעם זייגער, גייט צו אַ צווייטער קראַנקער, גיט איר איין אַ רפואה, מעסט איר די טעמפּעראַטור, און די קראַנקע מיט אַ רויקן שמייכל אויף די ליפּן שלאָפט ווידער איין.

נאָכדעם זעצט זי זיך אויף איר שטול און הערט זיך ווידער צו

מען הערט מער נישט דאָס אָטעמען און די שטילע זיפצען פון די שלאָפּעדיקע.

אין דער שטילקייט פון דער שפּעטער נאַכט דערמאָנט זיך אידע אין דער צייט, ווען זי איז אַוועקגעפאָרן פון לאַוראָווע און וואָס זי האָט איבערגעליטען די לעצטע צוויי יאָר, ביז זי איז געקומען צו איר איצטיקן שטאַנד, צו דעם צוועק, נאָך וועלכען זי האָט זיך אַזוי שטאַרק געריסן. זי איז איצט פאַרנומען. זי האָט אַ סך, אַ סך אַרבעט. זי וועט נישט לעבן אומזיסט אויף דער וועלט. מיט איר לעבן און אַרבעט וועט זי קענען ברענגען אַ סך נוצן אויף דער וועלט. זי איז נישט קיין קאַליקע, קיין פּוסטאַפּאַסניצע, זי איז איצט זעלבשטענדיק, נישט אָפּהענגיק פון יענעם.

עס שווימט איר אַרויף אויפן געדאַנק ארקאַדיע מאַרקאָוויטש — ער איז זייער אַ גוטער מענטש. ער געפעלט איר. ער האָט איר די גאַנצע צוויי יאָר נישט געשטערט צו לערנען און צו אַרבעטן און וואַרט אויף דער מינוט, ווען זי וועט ענדיקן די קורסן...

און עס ווערט איר גוט און לייכט אויף דער נשמה.

זי זעט די אויגן פון די קראַנקע. פון די דאָזיקע אויגן גיסט זיך צו איר אַזויפיל דאַנקבאַרקייט און וואַרעמקייט...

און זי טראַכט:

„אַבי ארקאַדיע, האָט מיר אין אָנהייב געוואָרנט, איך זאָל נישט אָנקומען אויף די קורסן, עס איז אַ שווערע אַרבעט. האָט ער געזאָגט, צו באַדינען קראַנקע, נישט דערשלאָפן קיין נעכט, זיך קאַליע מאַכן מיינע „שיינע אויגן," מיין געזונט... איך וואָלט בעסער געקענט גליקלעך מאַכן איין מענטשן.

און זי האָט געשעפּטשעט אין דער אומבאַוועגלעכער פּאַלאַטע-שטילקייט:

— אָ, ניין! מיט מיין געזונט, מיט מיינע „שיינע אויגן" וועל איך בעסער גליקלעך מאַכן נישט איינעם, נאָר אַ סך, אַ סך מענטשן... לעבן, לעבן וויל איך פאַר זיי!...

און די קראַנקע זענען רויק געלעגן און נישט געשטערט אידעס געדאַנקען. זי האָט זיך אויפגעהייבן פון שטול און, גייענדיק אַזוי שטיל איבער דער פּאַלאַטע, האָט זי דורכן הויכן פענסטער געזען, ווי דער ווייסער שניי שיט און שיט, ווי ברילאַנטן...

מ. ספעקטאָר

יידישע טעכטער

ראָמאַן

○

פארלאג „אחיספר"
ביי געז. „צענטראל",
ווארשע, נאוואליפקי 7.

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa
Nowolipki № 7.

יידישע טעכטער

אינהאלט:

זייט

1) קלאַרע 7
2) אַ חתונה מיט קאַוואַליערן 9
3) געטאַנצט מיט יאַשטשערקעס 14
4) מיינע אַ באַקאַנטע דאַמע 20
5) עס טאָגט שוין אין שטעטל 26
6) א משכון צו פאַרזעצן און אַ גביר זאָל מען זיין . 37
7) אָפּגעשפּאָרט פון שבת 46
8) דריי שוועסטער 50
9) חנהס אָפּשפּאָרונגען 58
10) גאָרפינקעל און שטיינפינקל 63
11) קלאַרעס טאָגבוך 71
12) גיטעלס טאָגבוך 74
13) געלעס טאָגבוך 77
14) דער ערשטער פראָסט 78
15) די מוטער און די טעכטער 81
16) מאַטוויי גריגאָרעוויטש 88
17) אַ שלעכטע נאַכט און אַ גוטער חלום . . 92
18) אַלטע גוטע פריינט 102
19) קלאַרע און פראַניע 107
20) די האָפענונג 110
21) וואָס הערט זיך אין אַריבאַטאָווקע . . . 114
22) אַ בריוו 117
23) אין פעטערבורג 125
24) צווישן זיך גערעדט 131
25) אין ר' קלמן קאָפּלס הויז 135
26) אין עטלעכע יאָר אַרום 144

קלארע.

פריילן קלארע, דעם גביר ר׳ קלמן-קאפלס טאכטער, דהאט זיך פלוצים צעקריגט מיט אירע חברטעס—די דריי שוועסטער: פראניע, מא-ניע און סאניע, אדער, ווי מען פלעגט זיי רופן מיט זייער פאמיליע-נאמען: „די פריידקינזאנס”.

דאס גאנצע שטעטל אריבאטאווקע, האבן זיך שטארק געוואונדערט דערויף, וואס פון אזא גרויסער און אלטער ליבע האט זיך אויסגעלאזט א טייך!..

פיל זענען געוועזן זייער טשעקאווע זיך צו דערוויסן ביי קלארען, פארוואס, פאר ווען און „ווי אזוי איז די מעשה געוועזן?” נאר קלארע האט מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן די פריידקינזאנס — נישט קיין גוטס און נישט קיין שלעכטס. זי האט פשוט נישט געהאט מיט וועמען א ווארט צו רעדן, ווייל מער קיין חברטעס, ווי די פריידקינזאנס האט זי נישט געהאט. זי איז געוועזן פון די מיידלעך, וועלכע האבן פיינט געהאט א סך חברטעס, ווייל זי האט פיינט געהאט די אלע פליאטקעס און פוסטע רייד, פטרן אומזיסט די צייט צו בארעדן יעדן באזונדער, ווי דער שטיינער איז, ווען א געוויסער סארט ווייבלעך אדער מיידלעך קומען זיך צוזאמען.

קלארע איז נישט געוועזן קיין שיינע, נאר פון די געראטענע מיידלעך, וועלכע קענען געפעלן מיט זייערע אנדערע מעלות. ביי אירע עלטערן איז זי געוועזן טייער און ציטערדיק, ווי דאס אויג אין קאפ.

אין שטאָט האָבן אַלע געהאַט פון איר די בעסטע מיינונג. זי האָט קיינמאָל קיין פליג אויף דער וואַנט נישט אָנגערירט. זי האָט נישט געוווּסט, וואָס הייסט זיין אין כעס, שטענדיק שטיל ווי אַ טויב. זיצן אין שטוב איז ביי איר געווען דאָס בעסטע פאַרגעניגן. מיט די פריידקינזאָנס האָט זי זיך נאָר באַקענט דערפאַר, ווייל זי האָט אין זיי געפונען אַ סך מעלות, וועלכע זי האָט נישט געהאַט, און קלאַרע האָט פון זיי באמת גענאַשט אַ סך גוטע זאַכן.

פריידקינזאָנס הויז איז ביי איר געווען אַ נייע וועלט, און דאָס, וואָס זי האָט געפונען אין דעם נייעם הויז, האָט זי עס נישט געזען ביי אירע עלטערן, ווו עס האָט זיך אַלץ געפירט אויף דעם אַלטן שטייגער, כאָטש איר פאָטער איז געווען אַ גביר, נאָר אַן „אַלטמאָדישער ייד פון דער נייער וועלט", דאָס הייסט זיין פרוי מיט די קינדער זענען געווען אויסגעפוצט נאָך דער נייסטער פאַריזער מאָדע, און ער איז געגאַנגען מיט אַ גאַרטל אפילו אינדערוואָכן; זיינע טעכטער האָבן זיך גערופן אַלגע און קלאַרע, זיינע זין — גריגאָרי און אַפאַנאַסיע; און שבת האָט קיינער נישט געטאָרט טרינקען קיין טיי פון דעם סאַמאָוואַר, נאָר טשאָלנט-טיי. אין שטוב האָט ער דערלויבט זיינע קינדער צו גיין אָן אַ היטל, און שבת האָבן זיינע קינדער נישט געטאָרט טראָגן אַ פאַטשיילקע אין קעשענע, ווייל אין אריבאַטאווקע איז נישט געווען קיין עירוב, און נאָך אַ סך אַזוינע קאַפּורעדיקע זאַכן האָט מען געקענט זען ביי ר' קלמן קאָפּלס אין הויז. די קינדער האָבן שטענדיק געפאָלגט זייער פאָטער אין די אַלטמאָדישע זאַכן און ער האָט זיינע קינדער אָפּט נאָכגעגעבן זייערע הייַנטמאָדישע אויפירונגען. דערום איז אין זיין הויז שטענדיק געווען שלום און די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך געפילט גליקלעך.

ר' קלמן-קאָפּלס האָט קלאַרען אָפּגעגעבן אַ שיין צימערל צום וווינען, שיינע קליידער און געלט אין קעשענע, וויפל זי האָט נאָר געפאָדערט, אָבער אַנדערע זאַכן, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן אויף דער וועלט, האָט ער קלאַרען נישט געקענט געבן... די אַלע „אַנדערע זאַכן" האָט זי געזען ביי די פריידקינזאָנס, און דעריבער האָט זי זיך צוגעבונדן צו זיי, ווי אַן אייגענע שוועסטער. זי פלעגט אין זייער הויז פאַרברענגען כמעט דעם גאַנצן טאָג. אירע עלטערן האָבן איר אין דעם נישט געשטערט, ווייל זיי האָבן געזען, אַז זייער טאָכטער פאַרברענגט דאָרט די צייט נישט אומזיסט. שטענדיק האָט זי פון דערהיים

מיטגענומען א האַנטאַרבעט, און ווען זי איז צוריקגעקומען, איז שוין די אַרבעט פּאַרטיק געווען. די עלטערן פלעגן דערפון אָנקוועלן, נאָר חוץ דער האַנטאַרבעט האָט זי ביי די פריידקינזאָנס געגאַשט אַזוינע זאַכן, וואָס די עלטערן האָבן נישט געקענט וויסן און נישט באַמערקן: ביי די פריידקינזאָנס האָט זי באַקומען די בעסטע ביכער צום לייענען. דאָרט האָט זי זיך אויך באַגעגנט מיט געבילדעטע יונגעלייט, און זיי פלעגן אַלע צוזאַמען גוט און פריילעך פאַרברענגען.

פריידקינזאָנס הויז איז ביי איר געווען אַלצאיינס, ווי די אייגענע היים, און אין אנדערע פּרטים נאָך פיל טייערער.

די גוטע ערלעכע קלאַרע האָט באמת ליב געהאַט די דריי שוועסטער, און טאָמער האָט זי געהערט אַמאָל אַ שלעכט וואָרט וועגן זיי, האָט זי יענעם די אויגן אויסגעריסן. אַלע האָבן געוווסט, אַז קיינער וועט נישט קענען צערייסן זייער פריינטשאַפט.

אָבער עס זענען נישטאָ קיין אייביקע זאַכן אויף דער וועלט.

א חתונה מיט קאַוואַליערן.

ר׳ קלמן-קאָפּלס האָט חתונה געמאַכט זיין עלטסטע טאָכטער אָלגע. און מען קען זאָגן, אַז דאָס גאַנצע שטעטל האָט געהאָרעוועט פאַר דער חתונה. אַלע אָריבאַטאָנקער ווייבלעך און מיידלעך האָבן שטאַרק געשוויצט אַרום זייערע קליידער אויף דעם גבירס חתונה. און ביי ר׳ קלמן קאָפּלס אין הויז האָט מען אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף: געוואַשן, געשאָבן, געריבן, געקאָכט, געבאַקן. אָבער נאָכמער פון אַלע האָט געהאָרעוועט דער כלהס שוועסטער, קלאַרע.

די מעשה איז דערפון אַזוי: קלאַרע צוזאַמען מיט דער כלה האָבן געפועלט ביי זייערע עלטערן, אַז די חתונה זאָל זיין אַ היינטוועלטיקע. מען זאָל רופן אויף דער חתונה אַלע היינטוועלטיקע יונגעלייט און אויך

די, מיט וועלכע קלאַרע האָט זיך באַקאָנע בײַ די פרײדקינזאָנס, כדי מען זאָל אויף דער חתונה „טאַנצן מיט קאַוואַליערן". קלאַרע האָט גע־האָרעוועט איבערן כּוח, עס זאָל אַלץ זײַן אין אָרדענונג, ווי עס פּאַסט פאַר אַ הײַנטוועלטיקער חתונה. וואָס אַלע אַנדערע האָבן געטון אין שטוב, איז איר אַלץ נישט געפעלן. האָט מען צעשטעלט דאָס מעבל, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס שטייט „אַלמאָדיש" און די הײַנטוועל־טיקע ווילן לאַכן. זי האָט נישט געקוקט אויף איר שוואַכן כּוח, אויף אירע דאַרע קלײנע הענטלעך און האָט צוזאַמען מיט די שטובמענטשן נאָכאַמאָל געשלעפּט דאָס מעבל און אַלץ איבערגעשטעלט אויף אַנדערע ערטער.

—לאָזט, פרײַלן, מיר ווילן אַלץ מאַכן ווי איר וועט הייסן. צו וואָס דאַרפט איר שלעפּן?—האָבן זיך בײַ איר געבעטן די שטובמענטשן.

—איך קען זיך אויף אײַך נישט פאַרלאָזן, איר פאַרשטייט נישט, ווי איך מיין...

און ווען אפילו די מוטער האָט זי געבעטן, אַז זי זאָל אַזוי נישט האָרעווען, אַז זי האָט גענוג געאַרבעט אָן דעם מעבל אויך, האָט קלאַרע אויך נישט געפאָלגט.

—איך קען זיך אויף זײ נישט פאַרלאָזן... פון וואַנען זאָלן זײ וויסן, ווי אַזוי עס דאַרף זײַן אַ הײַנטוועלטיקע חתונה?—האָט קלאַרע בײַ זיך געטראַכט און טאַקע ווײַטער אַלץ געטון.—זאָלן די הײַנטוועלטיקע נישט האָבן צו זאָגן, אַז בײַ אונדז איז אַלץ אַלטמאָדיש...

די לעצטע צוויי טעג פאַר דער חתונה האָט זי אָנגעהייבן אַר־בעטן אַרום איר קלייד, אין וועלכן זי דאַרף טאַנצן מיט די קאַוואַ־ליערן. צען מאָל אין טאָג איז קלאַרע געלאָפן צו די פרײדקינזאָנס און די פרײדקינזאָנס צו קלאַרען אויף רעפּעטיציעס, זען, ווי דאָס קלייד ליגט, ווי די פריזור זעט אויס, ווי די בלום איז פאַרשטעקט — און אַלעמאָל האָט קלאַרע אין שפּיגל געפונען אַ נייעם חסרון אויף אַ בײַ אָרט, און מען האָט ווײַטער אָנגעטון און אויסגעטון, ווײַטער צו־געשפּיליעט און אָפּגעשפּיליעט, און דאָ איז אינגאַנצן איבערגעבליבן צוויי טעג און עס איז נאָך דאָ אַזויפיל אַרבעט! נאָר עס האָט נישט געהאָלפן, מען האָט נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נישט געשלאָפן און מען איז ווײַטער געלאָפן צו די פרײדקינזאָנס, זײ זאָלן זען, זיך גוט צוקוקן און זאָגן ווי זעט איצט אויס דאָס קלייד, די פריזור און דאָסגלײַכן.

די צייט איז ביי קלאַרען זייער גיך געפלויגן, און מען האָט דערלעבט דעם לעצטען טאָג פון דער חתונה. ביי קלמן־קאָפּלס אין הויז זענען שוין געווען אַלע צימערן אויפגערוימט, אַלע שטובמענטשן און סאַרווערס מיט סאַרווערקעס האָבן זיך שוין אויך אַרומגעוואַשן. ר׳ קלמן קאָפּלס מיט זיין ווייב האָבן זיך נאָכן עסן אַ ביסעלע צוגעלייגט אָפּרוען, זיי זאָלן קענען זיצן די גאַנצע נאַכט אויף דער חתונה. זיי האָבן אויך געבעטן קלאַרען, זי זאָל זיך אַ ביסעלע אויסשלאָפן. נאָר קלאַרע האָט וועגן שלאָפן גאָרנישט געוואָלט טראַכטן. איצט אין דער שטילקייט, אין דער ריינקייט, אין דער גרויסער אָרדענונג האָט זי באַדאַרפט מאַכן די לעצטע רעפּעטיציע פון איר קלייד—פאַרשטייט זיך, אַז איצט האָבן אַלע דריי שוועסטער, די פריידקינזאָנס, געמוזט זיין דערביי.

די רעפּעטיציע איז פאָרגעקומען אין דעם אייגענעם גרויסן זאַל, וווּ מען וועט היינט אין אָוונט טאַנצן מיט קאַוואַליערן. אין אַלע פיר זייטן האָבן געבלישטשעט גרויסע שפּיגלען, אין אַלע ווינקלען גרויסע וואַזאָנעס מיט אַ סך בלומען. צוויי שעה האָט געדויערט דאָס אָנטון, צושפּילן און אויפשפּילן. די פריידקינזאָנס האָבן, ווי תּמיד, געזאָגט די בעסטע מיינונג. און אפילו קלאַרע האָט שוין אויך נישט געפונען קיין שום חסרון אין איר קלייד.

די פריילנס פריידקינזאָן האָבן געאײַלט אַהיים, זיך אויך צוצוגרייטן צו דער חתונה. און קלאַרע איז אין דעם גרויסן שיינעם באַפּוצטן זאַל געבליבן אַליין.

זי האָט פאַרשלאָסן אַלע טירן פון זאַל, און צום הונדערטסטן מאָל ווייטער אָנגעהייבן קוקן אין שפּיגל, זיך געדרייט אַזוי און אַזוי, ביז זי האָט זיך אַרומגעזען פון אַלע זייטן, ווי גרויס זי איז, ווי דאָס קלייד איז אויף איר געלעגן ממש אויסגעגאָסן. פון גרויס פרייד איז דאָס ביסעלע בולט איר געקומען אין פּנים אַריין, און גרינג, ווי אַ ווינטעלע, האָט זי זיך אַ לאָז געטון איבער דעם גרויסן זאַל. אין איין מינוט איז זי איבערגעפלויגן דעם גאַנצן זאַל אַרום און אַרום.

— אַך, ווי גרינג, ווי גוט און זיס עס איז איצט! — האָט זי זיך געזאָגט מיט התפּעלות. — און די מאַמע וויל, איך זאָל איצט שלאָפן, אויסרוען מיינע צעבראָכענע אויסגעהאָרעוועטע ביינער... איך האָב שוין דריי נעכט נישט געשלאָפן... איך בין געווען אַזוי פאַרהאָרעוועט, אַז עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך וועל אויף דער חתונה נישט האָבן קיין כּוח צו טאַנצן. און איצט פיל איך גאָרנישט די אַלע ווייטיקן, וואָס

פריער. די מאַמע הייסט מיר שלאָפן, פאַרשלאָפן אַזאַ טייערע צייט, אַזאַ זיסע, ליכטיקע גאָלדענע וועלט... אַך, ווי שיין און ריין און גוט איז דאָ איצט!..

מיט אַ זיסן שמייכל אויף די ליפּן האָט זי זיך פאַרטראַכט אויף עטלעכע מינוט.

— און ווי גוט און פריילעך וועט זיין היינט אין אָוונט... ביי אונדז וועלן זיין אַלע קאַוואַליערן... און גאַרפינקל מיט שטיינקפינקלען אויך!..

ביי די לעצטע ווערטער האָט זי, שפּרינגענדיק איצט איבערן זאַל, פּלוצלונג צוגעלייגט אירע פינגער צום מויל און אַרויסגעלאָזט אַ קוש איבערן גאַנצן זאַל, אַז עס האָט אָפּגעקלונגען אין אַלע ווינקעלעך.

דעמדאָזיקן לופט-קוש, ווי מען רופט אים אָן ביי פּאַרליבטע, האָט קלאַרע געשענקט אַלע קאַוואַליערן פאַר זייער שיין טאַנצן און אפשר גאַרפינקלען מיט שטיינפינקלען פאַר זייערע שיינע האָר. ווער קען וויסן וואָס עס האָט זיך איצט געטון ביי דער יונגער גליקלעכער קלאַרען אין האַרצן!...

כאָטש מען האָט קלאַרען נישט גערעכנט צווישן די שיינע מיידלעך, דאָך האָט זי איצט אויסגעזען אַזוי שיין, אַז יעדן האָט זי געקענט געפעלן. איר שטענדיק בלויז פּנים איז איצט געוואָרן פאַרביק. די אויגן האָבן געבלישטשעט. עס האָט פון זיי געשפּריצט מיט פייער פון לעבן, איר שפּרינגען און טאַנצן, ווי אַ קליין קינד, האָט איר צוגעגעבן אַ באַזונדערע חנעווודיקייט. זי האָט דאָס באַמערקט און איז געווען זייער גליקלעך.

זי איז נאָך עטלעכע מאָל דורכגעשפּרונגען איבערן זאַל, ביז זי איז מיד געוואָרן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן ווייכן דיוואַן, און זיסע געדאַנקען האָבן זי אָנגעהייבן איינצושלעפערן...

* * *

וועלכע זיסע געדאַנקען האָבן איצט קלאַרען איינגעוויגט — איז שווער צו טרעפן, נאָר פון איין זאַך האָט זי געטראַכט, אַז היינט אין

אָונט וועט זי זיך מער באַקענען מיט זיי. זי האָט שוין לאַנג גע־וואָלט זיין מיט זיי באַקאַנט, ווי די פריידקינזאָנס, נאָר ווי אזוי האָט דאָס געקענט זיין, אַז זיי האָבן צו איר אין שטוב נישט געקענט קו־מען: אירע עלטערן וואָלטן דאָס נישט דערלויבט, און דעריבער איז זי געווען מיט זיי, ווי מען זאָגט, „נאָר פונדערווייטנס באַקאַנט". ווען די יונגעלייט זענען געקומען צו די פריידקינזאָנס, האָבן זיי איר אויך דער־לאַנגט די האַנט און ווייטער גאָרנישט. זיי האָבן מיט איר קיינמאָל נישט גערעדט, ווי מיט די פריידקינזאָנס.

„—זיי מיינען, אַז איך קען נישט רעדן, — פלעגט קלאַרע אָפט טרויעריק טראַכטן,—ווייל איך בין אַ חסידישע טאָכטער... אָ! זיי ווילן זיך נישט צוקוקן צו מיר, אַז איך קאָן אויך אַזוי רעדן, ווי די פרייד־קינזאָנס. זיי וועלן קענען זען און פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין האַרצן, ווי איך קען פילן... ווי איך קען אמת, אמת ליב האָבן... און זיי האַלטן מיך פאַר אַ שטומע... איך קען גאָרנישט רעדן. איך בין אַ חסידיש מיידל... וואַרט נאָר, וואַרט, וועט איר זען, ווי איך וועל זיין אַ חסידישע פרוי!.."

נישט צו ווערן אַ כלה פאַר אַ חסיד, פאַר אַ נישט געבילדעטן און נישט פאַר אַ היינטוועלטיקן, האָט זי ביי זיך שוין לאַנג באַשלאָסן. זי איז געווען זיכער אין איר חשיבות ביי אירע עלטערן, אַז זיי וועלן עס איר דערלויבן. נאָר ווי אַזוי־זשע קען דאָס זיין, אַז ווערן אַ כלה פאַר אַ היינטוועלטיקן פאַסט נישט דורך אַ שדכן! די כלה מוז אַליין געפינען אַ חתן, אַזוי לאַנג זיין באַקאַנט מיט היינטוועלטיקן ביז מען וועט זיך אין איר פאַרליבן. נישט איינמאָל האָט זי געפרווט אָנ־הייבן זיך מער באַקענען און רעדן מיט זיי, נאָר דאָס „אָנהייבן" איז איר עפּעס געווען אַזוי שווער, אַז עס זענען אַזוי אַוועקגעגאַנגען טעג און וואָכן און—גאָרנישט! נאָר איצט — אויף היינטיקן אָוונט האָט זי אַרויפגעלייגט איר גאַנצע האָפענונג. אויף איר שוועסטערס חתונה וועט זי טאַנצן מיט די קאַוואַליערן מער ווי אַלע מיידלעך, און מיט גאָר־פינקלען און שטיינפינקלען וועט זי געוויס אַ סך טאַנצן!..

מיט דידאָזיקע געדאַנקען איז קלאַרע, זיצנדיק אויפן ווייכן דיוואַן, אַנטשלאָפן געוואָרן ווי אַ קינד אין וויג, פאַרוויגט מיט די אייגענע געדאַנקען.

נעטאנצט מיט יאשטשערקעס.

דאָס גאַנצע הויז איז געווען באַלויכטן מיט א סך ליכט און לאָמפּן. נאָך שענער און ליכטיקער איז געווען דער גרויסער זאַל, ווו עס זענען איצט פאָרגעקומען די טענץ. אַלע קאַוואַליערן זענען געווען אין זאַל. קיינער האָט נישט געפעלט. אויך אַלע בולוואַנאָווקער אַריסטאָקראַטקעס, דאַמען און פריילנס האָבן נישט נעפעלט. דער כלהס שוועסטער האָט מען גיזען אומעטום. אַלע האָבן אין איר דערקענט, אַז זי איז דאָ אויף דער חתונה די הויפּט-מחותנתטע. קלאַרע איז גע-ווען זייער פריילעך. מיט אירע ליבע חברטעס פריידקינזאָן האָט, זי געשפּאַצירט געאַרעמט איבערן זאַל און צוזאַמען אויפגענומען די יונגע היינטוועלטיקע געסט.

—אך, פראַניעטשקע, ווי ס'איז גוט, וואָס מיין פאָטער האָט דער-לויבט אַזאַ חתונה!..—האָט זיך קלאַרע געווענדט צו דער עלטערער פריילן פריידקינזאָן.—אומשטיינס-געזאָגט, אַן אַלטמאָדישע חתונה איז דען אויך אַ חתונה? גיי טאַנץ מיט אַלטע וויבער! עס גלוסט זיך גאָר שלאָפן. אָבער אויף אַזאַ חתונה איז טאַקע פריילעך!

די טענץ האָבן זיך אָנגעהייבן. גאַרפינקל און שטיינפינקל, צוויי סטודענטן פון דעם פּעטערבורגער מעדיצינישן פאַקולטעט, זענען גע-ווען די פירער פון די טענץ. אויסערדעם, וואָס זיי האָבן געקענט שיין טאַנצן און גוט פאַרשטאַנען ווי צו פירן די טענץ, זענען זיי אויך געווען צוויי שיינע יונגעלייט און, פאַרשטייט זיך, אַז ביי די טענץ

זענען זיי געווען די העלדן, און יעדן פריילן און יונגער דאמע האט אויסגעוויזן, אז גארפינקל אדער שטיינפינקל וועט זי אנגאזשירן צום טאנץ.

וי גליקלעך איז קלארא געווען צום ערשטן טאנץ, ווען גאר־פינקעל האט זי אנגאזשירט!

קלארא האט זיך נישט באוויזן אפצורוען פונם ערשטן טאנץ, איז שוין אונטערגעשפרונגען שטיינפינקל און זי איינגעלאדען צום צווייטן טאנץ.

קלארא האט זיך געפילט נאך גליקלעכער, פונקט ווי די זינגערין, וועלכע דער עולם רופט ארויס דאס צווייטע מאל צו זינגען דאס איי־גענע שטיק. א גליקלעכע איז קלארא געפלויגן איבערן זאל מיט דעם העלד. זי איז גארנישט מיד געווארן פון דעם צווייטן טאנץ. פונקט פארקערט. וואס ווייטער, האט זי זיך געפילט גרינגער און גרינגער, און וואלט אזוי געפלויגן אייביק, אייביק מיט דעם גרינגן קאוואליער, העכער, העכער ביז אין בלויען הימל ארײַן, ווו אנשטאט כלי־זמר, שפילן פייגל, אנשטאט די אלע לאמפן — לייכט די גאלדענע זון מיט מיליארדן שטראלן.

ווען עס האט זיך געענדיקט דער טאנץ און זי איז מיט איר קאוואליער געבליבן שטיין אויף די פיס, האט זיך איר אויסגע־וויזן, ווי זי איז מיט א גוטן מלאך אראפגעפאלן פון הימל אויף דער ע ר ד.

דער גוטער מלאך האט זי צוגעפירט צו א ביינקל, ליבלעך בע־דאנקט איר פאר דעם טאנץ, און מיט א זיסן שמייכל אוועקגעגאנגען און פארפאלן געווארן צווישן די געסט, וועלכע האבן זיך געדרייט א'ן זאל.

זיצנדיק אזוי אויף דעם בענקל, האט זיך איר געהייבן דאס הארץ, א קליין געשמאק ווינטעלע פונם פעכער האט איר א ביסעלע דערקווי קט. זי האט זיך ארומגעקוקט און האט געזען, ווי איר גוטער מלאך דאנ־ זי, ווי אן עלנטן שטיין איבערגעלאזט אויף דער זינדיקער ערד, צווישן פראסטע, זינדיקע בעשעפענישן—אך! ווי וואלט זיך איר איצט געוואלט מיט דעם גוטן מלאך זיך אויפהייבן הויך... אין דער הויך... נאר בע־וויס וועט ער באלד קומען צעפליען, אויף זיינע גרינגע פליגלען זי אויפצעהייבן ווידעראמאל פון דער זינדיקער ערד און זיי וועלן ווידער־אוועק חייט... ווייט...

—ווי פילט איר זיך, קלאַרעטשקע?—האָט פראַניע, וועלכע איז גע־זעסן ביי איר רעכטער האַנט, זי געפרעגט, און איבערגעשלאָגן אירע זיסע געדאַנקען.—דאַכט זיך עס איז דאָ צו הייס?

—איך פיל זיך גוט, זייער גוט... מיר איז נישט הייס, מיר איז גוט...

—אָך, קלאַרעטשקע! ווי שיין ליגט אויף דיר דאָס קלייד!—האָט זיך אָנגערופן מאַניע, וואָס איז געזעסן לעבן איר לינקער זייט. — דו זעסט איצט אויס אַזוי פיין, אַז עס איז אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף דיר...

—יאָ, איך פיל עס, איך געפעל זיך איצט אַליין... איך בין מיט זיך איצט זייער צופרידן! — האָט קלאַרא געענטפערט און מיטן גאַנצן האַרצן זיך צעקושט מיט אירע טרייע חברטעס.

די מוזיק האָט געגעבן אַ סיגנאַל צום טאַנצן, דיביידע דירי־זשאָרען האָבן אָנגעהייבן שווימען איבערן זאַל פריילעך, און אויף „טאַנץ־לשון" אויסגעשריען, אַז די פּאָרלעך זאָלן זיך שטעלן אויף זייערע ערטער. די קאַוואַליערן האָבן געכאַפּט זייערע דאַמען און פּאָרלעך האָבן אָנגעהייבן פליען. קלאַרע האָט אויך געטאַנצט, נאָר שוין נישט אַזוי גרינג, אונטערן בלויען הימעל, ווי אין די ערשטע צוויי טענץ, נאָר פראָסט געטאַנצט מיט די פיס אויף דער ערד. איר נייער קאַוואַ־ליער איז איר געוועזן צו שווער, פונקט ווי זי וואָלט איינגעשפּאַנט געוואָרן אין אַ שווערן וואָגן. זי איז באַלד שטאַרק מיד געוואָרן און זיך געזעצט אויף איר שטול.

די גוטע גרינגע מלאכים האָבן נישט אויפגעהערט צו פליען מיט די פריילנס פריידקינזאָן ביזן סוף פון די טענץ...

עס איז ווידער געווען אַ הפסקה. נאָכדעם האָט די מוזיק ווייטער געגעבן אַ סיגנאַל. די צוויי דיריזשאָרען האָבן זיך געלאָזט לויפן נעמען זייערע דאַמען אין דער זייט, ווו קלאַרא איז געזעסן. זי האָט שוין אַוועקגעלייגט דעם שפּעער. זי איז געווען זיכער, אַז גאַרפינקל מיט שטיינפינקלען לויפן צו איר. עס האָט זי נאָר אינטערעסירט, ווער וועט זי דער ערשטער איינלאַדן. נאָר דער ערשטער האָט אויסגעכאַפּט פראַניען, וועלכע איז געזעסן ביי דער רעכטער זייט פון קלאַרען, און דער צווייטער—מאַניען, וועלכע איז געזעסן ביי דער לינקער זייט — און קלאַרע איז ווייטער מגולגל געוואָרן צו אַ פערטן נייעם קאַוואַ־ליער...

זי האָט זיך איצט נאָך ערגער געפילט, ווי פריער. זי האָט זיך אַ ביסל געדרייט מיט איר נייעם קאַוואַליער און זיך באַלד אַנידערגע־זעצט אויף איר שטול.

מען האָט נאָך פיל טענץ געטאַנצט און קלאַרע האָט די גוטע מלאכים מער נישט געזען. זיי זענען פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער אריין, דאָס הייסט, דעם גאַנצן אָוונט האָבן זיי נאָר געטאַנצט מיט די פריידקינזאָנס...

קלאַרע האָט איצט געקוקט אויף אירע פריערדיקע מלאכים, ווי אויף גזלנים און רוצחים, און אויף אירע טייערע חברטעס, די פרייד־קינזאָנס, וואָס זי האָט אָן זיי קיין שעה נישט געקענט איבערלעבן — ווי אויף אירע שונאים.

די שטענדיקע גוטע קלאַרע איז איצט געוואָרן בייז, ווי אַ שלאַנג. דאָס יונגע בלוט האָט אין איר אָנגעהייבן זידן, ווי אין אַ קעסל פאַר גרויס פאַרדראָס. נאָר וואָס האָט זי געקענט טון? די גוטע ערלעכע קלאַרע, וואָס האָט נישט געקענט זיין פאַלש, האָט נאָך געמוזט מיט אירע גזלנים און שונאים זיין גוט און פריינטלעך, בעטן אַלעמאַל, זיי זאָלן עפּעס געניסן פון די גוטע פאַרבייסנס און משקאות, וואָס מען האָט אָנגעגרייט אויף דער חתונה.

ווען עס זאָל ערגעץ זיין אַזאַ מין ביסעלע סם, וואָס מען זאָל דערפון ווערן מיאוס און דערצו אָן פּיס, אַז מען זאָל נישט קענען טאַנצן, וואָלט געוויס די גוטע קלאַרע געבעטן די פריידקינזאָנס, זיי זאָלן דערפון עפּעס געניסען... נאָר אַזאַ מין סם האָט זי נישט גע־האַט, מען האָט עס נישט אָנגעגרייט אויף דער חתונה, און ווידער האָט נישט געפּאַסט מכבד צו זיין מיט אַזוינע זאַכן, און קלאַרע האָט טאַקע ווייטער געמוזט זיי בעטן עפּעס געניסן פון די גוטע קאָנפעקטן, גוטן לעקעך און פלאָדן און פאַרטרינקען מיט גוטע וויינען.

קלאַרע האָט נישט געטאַנצט, די פריידקינזאָנס האָבן דאָס באַ־מערקט און זי געפרעגט:

—פאַרוואָס טאַנצסטו עפּעס נישט?

—איך בין זייער מיד!—האָט קלאַרע געענטפערט.—איך פיל זיך נישט גוט.

— אפשר דאַרף מען רופן אַ דאָקטאָר? —האָט זיך פראַניע דער־שראָקן.

— באַרויקט זיך, איך דאַרף קיינעם נישט... איך בין נאָר מיד,

איך האָב אַ סך געהאָרעוועט פאַר דער חתונה...

—מיר דאַרפן גאָרנישט שיקן נאָך קיין דאָקטאָר, מיר האָבן אייגענע. קומט נאָר אַהער, יונגע דאָקטוירימלעך!—האָט פראַניע אַ רוף געטון די צוויי סטודענטן.

—איידער אַזעלכע דאָקטוירים, איז שוין גלייכער געזונט צו זיין!—האָט מאַניא געלאַכט.

מען האָט ווייטער אָנגעהייבן שפּילן, און גאַרפינקל מיט שטיינפינקלען, האָבן ווייטער פריילעך און לעבעדיק געטאַנצט — מיט די פריידקינזאָנס.

קלאַרע האָט מער נישט געקאָנט איבערטראָגן. זי איז געווען פון די אמתע ערלעכע נאַטורן, וועלכע האָט נישט געקענט זיין מיט דעם הארצן אַזוי און מיט דעם פּנים אַנדערש. וואָס עס האָט זיך געטון ביי איר אין האַרצן, האָט מען גרינג געקאָנט באַמערקן אויף איר געזיכט. ווען זי האָט איינעם ליב געהאַט, האָט זי אים ליב געהאַט מיט דעם גאַנצן האַרצן, און ווען זי האָט איינעם פיינט געהאַט, איז אויך געווען מיט דעם גאַנצן האַרצן. ווען עס זאָל היינטיקער אָוונט נישט געווען זיין איר שוועסטערס חתונה, וואָלט זי שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען פון זאַל. איר געדולד האָט שוין אָבער געפּלאַצט און זי האָט באַשלאָסן, אַז אויב די גזלנים וועלן זיך ביי דעם איצטיקן טאַנץ אָן איר נישט דערמאָנען, וועט זי אַוועקגיין צו זיך אין צימער. עס מעג זיין, וואָס עס וועט זיין.

קלאַרע האָט אַליין געהייסן שפּילן דעם טאַנץ, טאָמער וועלן זיי זי באַמערקן. די מוזיק האָט באַלד אָנגעהייבן שפּילן, די דיריזשאָרן האָבן אָנגעהייבן שרייען: צו די „פּאָרלעך!" אַלע אַנדערע קאַוואַליערן זענען צוגעלאָפן, נאָר נישט גאַרפינקל און נישט שטיינפינקל! זיי זענען שוין געשטאַנען אויף זייערע ערטער — פאַרשטייט זיך, מיט די פריידקינזאָנס. קלאַרע וואָלט פון גרויס פאַרדראָס שוין אַנטלאָפן פון זאַל, נאָר ווייל זי האָט אַליין געהייסן שפּילן, האָט זי שוין געמוזט טאַנצן ביזן סוף. מיט שוויס איז זי אָפּגעגאַנגען, איידער מען האָט געענדיקט דעם טאַנץ. איר קאַוואַליער האָט איר ווידעראַמאָל אויסגעוויזן, ווי עפּעס אַ שווערער וואָגן, וואָס האָט זי איינגעשפּאַנט אין אים און זי שלעפּט זיך מיט אים איבער אַ שווערן זאַמדיקן וועג...

זי האָט זיך געוואָלט אַ ביסל אָפּרוען און אַוועקגיין פון זאַל.

נאָר די מוטער איז צוגעגאַנגען מיט אַ פרייליכן געזיכט און איר געזאָגט:

—קלאַרעטשקע! וואָס לאָזטו אונדזערע טייערע געסט זיצן ליידיק? וואָס בעטסטו זיי נישט, מען זאָל עפּעס געניסן?

און קלאַרע האָט געמוזט מיט אירע אייגענע הענט כסדר מכבד זיין אירע אייגענע גזלנים און נאָכמער אירע שונאים — די פריידקינזאָנס !...

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט קלאַרע געזאָגט, אַז דער קאָפּ טוט איר שטאַרק וויי. די מוטער, וועלכע איז געווען זייער צופרידען, וואָס קלאַרעטשקע וויל זיך גיין אָפּרוען, האָט זי פאַרענטפערט פאַר די געסט, אַז זי האָט זייער געהאָרעוועט פאַר דער חתונה, איז זי שוואַך, אַן איידל קינד.

—היינט זעט, אַז אַ קינד וויל נישט פאָלגן! — האָט די מוטער געזאָגט. — איך האָב זי בייטאָג געבעטן, זי זאָל זיך אַ ביסל צולייגן, האָט זי נישט געוואָלט, איצט קען זי אַפילו נישט זיצן.

די פריידקינזאָנס האָבן זיך הייס צעקושט מיט איר און געווונטשן איר אַלדאָס גוטס. גאָרפינקל און שטיינפינקל ד׳האָבן פריינטלעך זיך צעזעגנט מיט איר, און קלאַרע איז אַוועקגעגאַנגען אין איר צימער.

מײנע אַ באַקאַנטע דאַמע.

זינדיקער מענטש, קלאַרע! זי האָט געמײנט, אַז נאָר זי אײנע איז אַן אומגליקלעכע. זי זאָל זיך געװעזן צוקוקן צו אַנדערע מײדלעך, װאָס האָבען זיך געפונען אויף דער חתונה „מיט קאַװאַליערן“, װאָלט זי געזען פיל אומגליקליכערע פון איר, װעלכע האָבן אויך געטאַנצט מיט יאַשטשערקעס! קלאַרע האָט געטאַנצט מיט די גוטע מלאָכים כאָטש אײן מאָל, און נאָך די ערשטע פרישע טענץ, און יענע האָבן אפילו דעם לעצטן אַלטגעבאַקענעם טאַנץ מיט זײ אויך נישט געטאַנצט. נאָר אַזוי איז שוין דער מענטש זינדיק, אַז ער פילט נאָר, װי אים אַלײן איז שלעכט, און װעגן אַנדערע אומגליקלעכע װיל ער אפילו גאָרנישט טראַכטן.

אָ! װיפל, װיפל אומגליקן קומען פאָר אויף יעדער חתונה, אויף יעדן באַל, װו עס טאַנצן דאַמען מיט הערן!

* * *

איך מוז זיך מודה זײן פאַר אײך, ליבע לעזער, אַז אויף אַזוינע חתונות און בעלער בײ אונדז, אין די גרויסע שטעט, אין דער „גרויסער װעלט“ האָב איך זײער ליב צו זײן—איך האָב ליב און קװעל אָן, קוקנ־דיק, װי הונדערטער יונגעלײט, מײדלעך און קאַװאַליערן װערן אַלע גלײ־

כע ברידער און שוועסטער, און מען איז גוט איינער צום אַנדערן. די אַלע הונדערטער יונגע מענטשן טאַנצן אונטער איין ראָד ווי איין מענש. עס איז אַ גרויס פאַרגעניגן צו קוקן ווי אָרעם און רייך זענען ביי די טענץ גלייך. מען נעמט זיך אַרום ווי אייגענע. אַלע צוזאַמען האָבן גלייך פאַר־געניגן. מען טאַנצט, מען שפּרינגט און מען רעדט צווישן זיך, ווי אומשול־דיקע גליקלעכע קינדער!

— איר האָט אַ גרויסן טעות! — האָט מיר אַמאָל אויף אַ באַל גע־ענטפערט מיינע אַ באַקאַנטע הייבטוועלטיקע דאַמע פון מיטעלע יאָרן, בשעת איך האָב איר אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג דעריבער. — איך בין אין מיינע יונגע יאָרן אויף אַ סך בעלער און אויף הייבטוועלטיקע חתונות געווען. איך בין אַמאָל אַזוי שטאַרק פאַרברענגט געווען אין אַזוינע פאַר־גניגנס, אַז איך קען זאָגן, אַז איך האָב קיין איין באַל, קיין איין חתונה נישט דורכגעלאָזט — און איך שווער אייך, אַז הייגט, ווען איך בין אויף אַ חתונה, ווערט מיר זייער טרויעריק...

איך האָב זי געפרעגט מיט אַ שמייכל:

— אפשר דערפאַר, פאַרוואָס איר זענט שוין אַן עלטערע פרוי און קיין שיינע יונגעלייט ווילן מיט אייך נישט טאַנצן?..

— איך רעד נישט פון מיר. איך זאָג עס גאַנץ ערנסט. איך רעד נאָר פון די אַלע „גליקלעכע", פון וועלכע איר האָט אַזויפיל פאַרגעניגן. איך מיין פון די אַלע אומגליקלעכע איך בין אויך אַמאָל גע־ווען אַזאַ אומגליקלעכע!..

— אומגליקלעכע! אָט דאָס יונגע פריילן, וואָס איר זעט דאָ אין זאַל אַרומשפרינגענדיק, ווי אַ יונג פייגעלע, רופט איר אַן אומגליקלעכע? — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט.

— יאָ! — האָט זי ערנסט געענטפערט. — איר קוקט זיי אָן, ווי שיין, ווי פיין זיי זענען אָנגעטון? ווי פריילעך, ווי גליקלעך זיי פליען דאָ אַרום פאַרלעכוויין? אָ! ווי ביטער אָבער, ווי שווער, וויפל צרות און שרעק האָבן זיי איבערגעטראָגן איידער זיי זענען געקומען אויף דעם באַל! נישט איינע וועט איר דאָ געפינען, וועלכע האָט פריער דריי טאָג געוויינט, דריי נעכט נישט געשלאָפן, איידער זי האָט אויסגעבעטן ביי די עלטערן עטלעכע רובל צו באַפוצן דאָס קלייד, נישט איינע האָט זיך אויסגעוויינט די אויגן, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין הענטשיקעס אָדער קיין פעכער, נישט איינע האָבן די יונגערע שוועסטער מיט דער מוטער באַגלייט אויפן באַל מיט טויטע קללות, פאַרוואָס זי געהט יאָ און

די יינגערע נ י ש ט. נאָר זי, אייער גליקלעכע פריילן, האָט צוגענומען אַלע קללות פאַר ליב, און איז טאַקע געגאַנגען אויפן באַל... זי האָט אפילו פאַרגעסן, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע קללות עס וואַרטן אויף איר נאָכן באַל, אינדערהיים, פון דער מוטער און פון די יינגערע שוועסטער. אַ סך אַזוינע ביישפּילן וואָלט איך אייך געקענט ברענגען, ווי שווער און ביטער עס קומט זיי אָן, איידער זיי קומען אויפן באַל אָדער אויף דער חתונה. נאָר דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אייך דערציילט, איז נאָך קיין אָנהייב נישט, וואָס זיי ליידן איבער טאַקע דאָ אין זאַל, טאַנצנ־דיק, שפּרינגענדיק און פרייענדיק זיך...

— דאָ אין זאַל? דאָס פאַרשטיי איך נישט!

— דאָ אין זאַל! אַי, וואָס איר, מאַנסלייט, ווייסט נישט און פאַר־שטייט נישט, איז קיין וווּנדער נישט... איר קענט עס נישט פאַרשטיין... איר האָט נישט קיין ווייבעריש האַרץ. דאָס קען נאָר וויסן אַ פריילן, וואָס האָט געטאַנצט אויף בעלער און אויף הייַנטוועלטיקע חתונות, און ווער שמועסט נאָך פון יענע, וועלכע גאָט האָט געשטראָפט דערמיט, וואָס זיי זענען נישט אַזוי שיין... זיי פילן נאָכמער, ווי אומגליקלעך זיי זענען אויף דער פריילעכער חתונה, ווו עס שפּילט מוזיק...

מיין באַקאַנטע דאַמע האָט געזען, ווי איך הער מיך נישט אויף צו וווּנדערן פון אירע ווערטער, האָט זי ווייטער געזאָגט:

— אָבער אַז איר, בלינדע מאַנסלייט, פאַרשטאָפּטע אויערן, שטיי־נערנע הערצער און אייזערנע קעפּ, זאָלט אויך קענען פאַרשטיין אונדזערע הערצער, מוז איך אייך דערקלערן: אויף יעדן באַל אָדער חתונה, ווו מען טאַנצט מיט קאַוואַליערן, מוזן זיך געפינען צוויי־דריי יונגעלייט, וועלכע האָבן אַלע מעלות. זיי זענען יונג, שיין, לעבעדיק, רירעוודיק און דערצו טאַנצן זיי אויך גוט—אַזוינע ווערן באַלד די „העלדן" ביי די טענץ; זיי אָרדענען די טענץ, פירן די טענץ, די שענסטע מיידלעך לאַדן זיי איין צום טאַנצן... מיט איין וואָרט: זיי און זיי—זיי זענען אומעטום. ביים בופעט זענען זיי די ערשטע, עסן און טרינקען דאָס בעסטע, דער גאַנצער זאַל מיט דאַמען און קאַוואַליערן, צוזאַמען מיט די כּלי־זמר זענען זייערע דינער, און זיי זענען זייערע באַלעבאַטים. אַלע מוזן זיי גלייך באַמערקן, און יעדע פריילן, יעדע דאַמע איז זייער צופרידן, ווען איינער פון די „העלדן" לאַדט זיי איין צו טאַנצן. און ווער שמועסט, אַז דער „העלד" טאַנצט מיט זיי עטלעכע טענץ, פילט מען זיך טאַקע פון די גליקלעכסטע אין דער וועלט. מיט זיי טאַנצט זיך גאָר אַנדערש, מיט

זיי פּליט מען אין דער ערשטער פּאָר, מיט זיי לעבּט מען, מיט זיי וויסט מען פון אַ חתונה צו זאָגן! אָבער ווי פּילט זיך די פּריילן, וועלכע דער „העלד" האָט אַפילו קיין איינמאָל נישט איינגעלאַדן צום טאַנצן? אָ! דענסטמאָל איז מען גאָרנישט צעפרידן מיט דעם לעבן, נאָר די גאַנצע וועלט ווערט נמאס ומאוס. מען פילט זיך אומגליקלעך, ווי שטאַרק באַליידיקט, און מען ווערט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. דאָס יונגע בלוט הייבט אַזוי אָן צו קאָכן, פּונקט ווי ביים שניידער שמחת-תורה, ווען ער וויל דווקא די שענסטע און פעטסטע עליה, און עס לאָזט זיך אויס דערמיט, וואָס ער באַקומט עפּעס אַ שטיקל פאַרדאַרטע תורה!... מיט איין וואָרט, מען האָט גאָר אַ פאַרשטערטע חתונה און אַ פאַריאָמערט לעבן! און דערצו מוז מען נאָך זיין פריילעך, לאַכן, רעדן, כדי מען זאָל נישט דערקענען, וואָס עס טוט זיך אין האַרצן. מען מוז נאָך זיך שלעפּן, טאַנצן מיין איך, מיט די „שווערע פורן"—אָ, דאָס איז אַ אַ באַזונדער אָפּקומעניש אויף דער וועלט! די געציילטע צוויי, דריי „העלדן" זענען נאָך, ווי אויף צוזעצעניש אַזוינע מערדער, אַז יעדער פון זיי קלויבט זיך אויס איינע פון די שענסטע און טאַנצט מיט איר אַוועק דעם גאַנצן אָוונט אַלע טענץ, און מיט קיין אַנדערער אַפילו קיין טריט נישט. וואָס איז? דערפאַר, וואָס מען האָט נישט אַזאַ שיינע נאָז, ווי יענע! אָ, מיט וואָס פאַר אַ פאַרדראָס און כעס גייען אַוועק די מיידלעך פון דעם פריילעכן באַל! אומגליקלעכע! זיי באַקלאָגן זיך וועגן דעם פאַר קיינעם נישט, אַפילו נישט פאַר זייערע בעסטע חברטעס. יעדע טראָגט דעם פאַרדראָס שטיל ביי זיך אין האַרצן. צווישן טויזנטער ליכט, צווישן מוזיק מיט טענץ, ווערט פאַרגאָסן טייכנווייז יונג בלוט פון יונגע מיידלעך...

— באַמערקט נאָך אַ זאַך,— האָט מיין דאַמע ווייטער זיך אָנגערופן. — פאַראַן אַזוינע פון די נישט שיינע, וועלכע גייען זייער זעלטן אויף אַ באַל, און טאָמער ווערט איר זי פרעגן, פאַרוואָס גייט זי נישט, וועט זי אייך ענטפערן מיט פאַרשידענע תירוצים: איך האָב פיינט די בעלער... וואָס האָב איך דאָרט נישט געזען? פאַרברענגען אומזיסט צייט... איך וועל בעסער די צייט לייענען אַ בוך, אָדער גיין שפּאַצירן אין גאַס, וועל איך מער פאַרגעניגן האָבן... אַזוי וועט זי אייך זאָגן. וועט איר זי פרעגן:

—און טאַנצן ווילט איר גאָרנישט?

—עט! וואָס קומט אַרויס דערפון! איך האָב עס נישט ליב...

—אַזוי, אָדער ענלעך דערצו וועט זי אייך ענטפערן. נאָר גלויבט איר נישט!—האָט מיין באַקאַנטע דאַמע נישט אויפגעהערט צו פּייערן— אין דער צייט, וואָס זי ענטפערט אייך מיט תּרוצים, טוט נאָר אַ קוק ביי איר אין האַרצן, אויב איר קענט... דעמאָלט וועט איר זען, אַז טאַנצן האָט זי זייער ,ליב, און זי וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע אַנדערע פאַרגעניגנס, אַבי צו גיין אויפן באַל. זי גייט אָבער נישט, נאָר דער־פאַר, ווייל זי וויל נישט קיין „בלוט־צאַפּעניש"... דאָס בלוט זאָל אין איר אומזיסט נישט איבערגעקאָכט ווערן... זי ווייסט פון פּראַקטיק, אַז די העלדן פון די טענץ זענען נישט קיין מבינים אויף איר שיינקייט (עס איז נישטאָ קיין מיידל, וואָס זאָל נישט מיינען, אַז זי איז שיין)... און זי קען אַזוי אַוועקזיצן דעם גאַנצן אָוונט, און נישט נאָר די העלדן וועלן זי נישט איינלאַדן, נאָר אַפילו אַלע אַנדערע געוויינלעכע קאַוואַ־ליערן וועלן זי אויך נישט באַמערקן. און בכלל, איידער זיך צו שלעפּן מיט די „שווערע פורן," איז גלייכער גאָרנישט צו טאַנצן און בעסער צו זיצן אינדערהיים... ווען אַזאַ מין פריילן גייט שוין יאָ אַמאָל אויף אַ באַל, גייט זי מיט אַן אָנגעגרייטן קאַוואַליער, וועלכער וועט טאַנצן נאָר מיט איר. אָן אַזאַ באַקאַנטן צוגעגרייטן קאַוואַליער וועט אַזאַ פריילן נישט גיין אויף קיין באַל, אָדער אויף אַ „חתונה מיט קאַוואַליערן." כאָטש דערהרגעט זי, מיינע שונאים, וועט זי אייך לי־בערשט הונדערט נייע פּוסטע תּרוצים אויסטראַכטן, און טאַקע אויף דעם באַל נישט גיין, זי זאָל אַפילו, מיינע שונאים, דעם שלאַק באַקו־מען!

—איך האָב אַמאָל געקענט אַ יונגנמאַן,—האָט מיין באַקאַנטע דאַ־מע ווייטער דערציילט,— אַ שיינער, אַ לעבעדיקער, אַ פריילעכער, גע־טאַנצט אויסגעצייכנט גוט, מיט איין וואָרט, דער ערשטער העלד אויף אַלע חתונות — און שטעלט זיך פאָר: ער פלעגט נאָר טאַנצן מיט נישט קיין שיינע דאַמען... די מיאוסע פלעגט ער עטלעכע מאָל איינ־לאַדן צום טאַנצן, אַזוי, אַז די שיינע פלעגן די מיאוסטע מקנא זיין. אַלע האָבן זיך זייער געוואונדערט אויף דעם „העלד" און מען האָט אים אַמאָל געפרעגט: „צו וואָס טוט איר עס? איז דען נישט בעסער צו טאַנצן מיט שיינע, ווי מיט מיאוסע? מיט אַזאַ שיינעם יונג, ווי איר, וועלן דאָך מיט פאַרגעניגן טאַנצן די שענסטע דאַמען..." — איך טו עס מיט אַ וואָלטעטיקן צוועק... עס איז אַ רחמנות! — פלעגט ער ענטפערן...

—און איך זאָג אייך דעם אמת, אַז פאַר דעם יונגנמאַן איז שוין געווים אין גן-עדן אָנגעגרייט אַ גאָלדענער שטול! באַרעכנט נאָר, וויפל אומגליקלעכע יונגע יידישע טעכטער האָט ער געראַטעוועט פון בלוט-צאַפּעניש און גליקלעך געמאַכט! גאָט זאָל אים דערלענגערן זיינע יאָרן, ער זאָל נאָך לאַנג זיין יונג און דער ערשטער העלד אויף אַלע התונות. אָט וואָס פאַר אַ יונגעלייט עס זענען אַמאָל געווען אין מיינע יאָרן! היינטיקע יאָרן, אומשטיינס-געזאָגט, טוט נאָר יעדער, וואָס אים געפעלט אַבי אים איז גוט. און פון קיין אַנדערע אומגליקלעכע וויל ער גאָר נישט טראַכטן!...

—אָט זעט אין יענעם ווינקל, — האָט מיין באַקאַנטע אָנגעוויזן אויף צוויי מיידלעך, וואָס זענען געזעסן אין זאַל, ווו מען האָט גע-טאַנצט, — זעט ווי טרויעריק זיי זיצן... זיי האָבן נאָך קיין איינמאָל נישט געטאַנצט. קיינער פון די קאַוואַליערן האָט זיי נישט איינגע-לאַדן... וואָס איז? זיי זענען נישט שיין... אָ! איך פיל זייער האַרץ...

* * *

נאָך מיין שמועס מיט מיין באַקאַנטער היינטוועלטיקער דאַמע האָב איך ערשט איצט פאַרשטאַנען, מיט וואָס פאַר אַ האַרץ קלאַרע איז היינטיקן אָוונט אוועקגעגאַנגען פון איר שוועסטערס חתונה, און ווער ווייסט, וויפל נאָך „אומגליקלעכע" עס האָבן זיך געפונען אויף דער חתונה פון קלאַרעס שוועסטער!

עס טאָגט שוין אין שטעטל.

עס האָט שוין געטאָגט אין אָריבאַטעווקע. די פענסטער זענען שוין געווען בלוי, ווען מען איז זיך צוגאַנגען פון ר׳ קלמן-קאָפּלס חתונה. אַזאַ גרויסן עולם האָט מען שוין לאַנג אין אָריבאַטעווקע נישט געזען ובפרט נאָך אַזויפיל יונגעלייט מיט יונגע מיידלעך.

בכלל אין די קליינע שטעטלעך, אַז איינער מאַכט חתונה, רופט מען אַלע שכנים מיט זייערע קינדער, אָרעם און רייך — אַלע גלייך. היינט קען מען זיך פאָרשטעלן, ווען אַזאַ גביר, ווי ר׳ קלמן-קאָפּל מאַכט חתונה! פון אַלע טירן האָבן זיך געשיט מענטשן, „פּאָרלעך" און „פּאָרלעך"... פיל קאַוואַליערן האָבן אָפּגעפירט זייערע דאַמען און פיל זענען געגאַנגען אָן אָפּפירערס, נאָר מיט זייערע חברטעס, מיט וועלכע זיי זענען געקומען אויף דער חתונה. פון דער ברייטער גאַס, ווו ר׳ קלמן-קאָפּל האָט געוווינט, האָט זיך דער עולם אָנגעהייבן צו שיטן אין פאַרשידענע, שמאָלע, פינסטערע געסלעך, אין קויטיקע הייזלעך. דער ליאַרם פון דעם גרויסן עולם איז אַ ביסל שטילער געוואָרן, און מען האָט שוין געקאָנט הערן, וואָס איינער מיט דעם צווייטן האָט גערעדט.

— אַך. ווי שיין עס איז געווען, גיטל...

—דו ביזט אַמאָל געווען אויף אַזאַ חתונה, געלע? — האָט גיטל געענטפערט מיט אַ פראַגע איר חברטע, מיט וועלכער זי איז צוזאַמען געקומען אויף דער חתונה.

— איך ? פון וואַנען האָב איך געזאָלט זיין אויף אַ דייטשער חתונה?

—איך בין אויך קיינמאָל נישט געווען... נאָר איך האָב געזען: פּאַראַיאָרן האָבן פּונקט אַקעגן אונדזערע פענסטער געוווינט דייטשן. אַך, ווי עס איז גוט ביי די דייטשן!...

ביז דהיינטיקן אָוונט האָבן זיי דערפון אַזויפיל נישט געוווסט. פאַרקערט, אָפט פלעגן זיי מיינען, אַז ווי „ביי זיי" איז גאָר קיין בע־סערס נישטאָ. ערשט איצט האָבן זיי זיך דערמאַנט און אַרומגעקוקט, ווי ביי „זיי" איז ביז אַ־הער געווען לאַנגווייליק, אומעטיק. און וואָס איז איצט? ווידער די אייגענע מאַמע מיט אירע שטרענגע און שאַרפע דינים און מנהגים, וואָס זי האָט אַרויסגעלייענט פון אירע היי־ליקע ווייבערשע ספרים אויף „עברי־טייטש," און ווידער דער אייגע־נער טאַטע, וואָס פאָלגט שטענדיק דער מאַמען, און מער ווי די על־טערנס הויז ווייסן זיי נישט. איין גאָט ווייסט, צי וועלן זיי נאָך אויף זייער לעבן האָבן אַזאַ טייערן אָוונט, ווי היינט אויף דער דייטשער חתונה.

—ביי די דייטשן איז אַזאַ חתונה גאָרנישט קיין אַנטיק! — האָט זיך גיטל אָנגערופן.—אַלע אָוונט קומען זיך צוזאַמען קאַוואַליערן און מען רעדט און מען שמועסט..

— פון וואַנען ווייסטו? ביזט דען אַמאָל געווען ביי די דייטשן אויף אַן אָוונט ?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז פאַראַיאָרן האָבן קעגן אונדז געוווינט דייטשן.

— וואָס דען מיינסטו? מיר ווייסן עפּעס אויך פון אַ וועלט און פון אַ לעבן? אומשטיינס־געזאָגט! מען זיצט און מען זיצט אין שטוב און מען זעט פאַר זיך נישט די ליכטיקע שיין, און אַז עס קומט אַ גאַסט, טאָרן מיר אפילו אַ וואָרט נישט רעדן... און ווער קומט צו אונדז? אַ שכנטע, אַ גבאיטע, פרומע ווייבער... אָדער גאָר בערל שדכן און דייטער בערל שדכן, זיך און וואַרט ביז וואַנען ער וועט דיר געבן אַ חתן פאַר עטלעכע רובל מיט עטלעכן טרונק בראָנפן שדכנות! און ווער איז דער חתן? עפּעס פון אַ קליין שטעטל, וועלכ דו קענסט נישט און ווייסט נישט... גייען מיר אַמאָל שבת שפּאַצירן, אומשטיינס־געזאָגט, גייט מען מיט דער מאַמען, און אַז אפילו אַן דער מאַמע, זאָל דיך גאָט אָפּהיטן, ווען דו וועסט זיך מיט עמעצן באַגעגענען. דו ,פאַרפסט

ציטערן פאַר די אייגענע עלטערן און פאַר אַלעמען אין שטעטל. מען זאָל דיך, חלילה, נישט באַרעדן. יעדע קויטיקע יודענע האָט איבער דיר צו שאַפן. ביי די דייטשן איז אַ פאַרגעניגן — אַ דייטשיש מיידל איז פריי... חוץ אירע עלטערן האָט קיינער איבער איר נישט צו שאַפן. זי טוט, וואָס זי וויל. זי גייט שפּאַצירן, ווען זי וויל און באַגעגנט זיך מיט יונגעלייט, מיט וועמען זי וויל... זי האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט. מען טעג צוזעצט ווערן רעדנדיק און פליאַטקענדיק. די אויגן מעגן זיי אַרויס קוקנדיק, אַרט עס איר ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. זי איז פראַנק און פריי פאַר דער גאַנצער וועלט. אַך, בין איך מקנא די פריידקינזאָנס!..

— מיר מעגן זיי טאַקע מקנא זיין! זייערע עלטערן פאַרפינסטערן נישט זייערע קינדער דאָס לעבן, ווי אונדז.

געלע ד'האָט אַ זיפץ געטאָן און גיטל איז אויך טרויעריק געוואָרן.

אין אַ צוויי מינוט שפּעטער האָט זיך געלצ פלוצים פריילעך גע־געבן אַ כאַפּ אויף.

— אַי, גיטעלע, דו זאָלסט געווען זען, ווי ער האָט מיך גע־בעטן טאַנצן.

— און מיך, — האָט גיטל אַ שפרונג געטאָן פריילעך, — האָט ער געפירט ביי דער האַנט איבער דעם גאַנצן זאַל און מיר געדאַנקט פאַרן טאַנצן מיט אים...

— און איך בין שיער נישט אומגעפאַלן... ווען איך האָב זיך מיט אים געטאָן אַ דריי, האָט ער מיך אַ כאַפּ געטאָן און אונ־טערגעהאַלטן...

— דו זאָלסט געווען זען, ווי ער האָט מיך מיט דער האַנט אַרומגענומען!

— אַי, דו זאָלסט געווען זען, ווי ער האָט מיר דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער!..

— ביי דער „פּאָלקע” האָט ער מיך צוגעדריקט זיך... מיר האָט אַזוי געקלאַפּט דאָס האַרץ!..

— ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך מיט מיר געזעגנט און אַזוי שטאַרק געדריקט ביי דער האַנט...

צולעצט האָבן זיי זיך צעזעגנט.

— אַ גוטע נאַכט, געלע! מאָרגן וועל איך דיר דערציילן, ווי ער האָט... נאָר לאָז שוין זיין, היינט זאָלסטו זיין ביי מ״ר...

— אַ גוט יאָר דיר, גיטעלע, היינט אויף דער נאַכט וועל איך זיין ביי דיר אָדער דו וועסט אַריינקומען צו מיר. אָך, גיטעלע-לעבן, איך האָב דיר גאָר פאַרגעסן צו דערציילן... ווען ער איז... נאָר לאָז שוין זיין, ביז איך וועל קומען צו דיר, אַ גוטע נאַכט... עס איז שוין באַלד טאָג... אַ גוטן טאָג! אויף דער נאַכט פאַרגעס נישט...

— אַ גוט יאָר דיר, געלע-הארץ! קום נאָר, קום, וועסט שוין הערן!..

ביידע חברטעס האָבן זיך צעשיידט.

צו אַכצן יאָר זענען די צוויי חברטעס אַלט געווען. אַכצן יאָר זענען זיי אין תפיסה געזעסן. זייערע חסידישע פרומע עלטערן זענען געווען שטרענגע טשינאָווניקעס, גאַנץ סטראַפּטשעס, האָבן זיי די גאַנצע אַכצן יאָר קיין טראָפּן פרישע לופט קיינמאָל נישט צוגעלאָזט צו זיי. נאָר היינטיקן אָוונט האָבן זיי זיך דאָס ערשטע מאָל פריי און גליקלעך געפילט, ווי באַפרייטע אַרעסטאַנטן, פון גרויס פרייד האָבן זיי נישט באַמערקט, אַז זייער גליק איז נישט אויף לאַנג און זיי קלאַפּן איצט אַליין אָן אין זייערע אַלטע תפיסות.

—עפנט שוין אויף!—האָבן זיי געקלאַפּט אין די טירן פון זייערע עלטערנס הייזער.

נישט אַזוי גיך זענען זיי אַנטשלאָפן געוואָרן—אַ קלייניקייט! דיי-ער גאַנץ לעבן האָבן זיי מיט קיין יונגנמאַן נישט גערעדט, און אָנ-רירן אַ יונגנמאַן ביי דער האַנט—בוודאי נישט.

אָ! וויפל גוטע געדאַנקען און זיסע חלומות האָבן זיי פאַרוויגט! זיי זענען געקומען פון דער חתונה גליקלעך, ווייל ביי זיי איז גאָר-פינקל און שטיינפינקל אָדער אָצפינקל געווען אַלצאיינס — אַבי גע-טאַנצט מיט אַ קאַוואַליע...

* * *

נישט ווייט, אין דעם צווייטן געסל, האָט אַ קאַוואַליער אָפּגע-פירט זיין דאַמע—אַ היינטוועלטיקע אַריבאַטעווקער פריילן. זי האָט זיך אין שטאָט גערעכנט פאַר אַ היינטוועלטיקע דערפאַר, ווייל, ערשטנס, האָט זי געהייסן ראָזע, און, צווייטנס, האָט זי שוין טאַקע אפשר צען

מאָל אין איר לעבען געטאַנצט מיט קאַוואַליערן. אויסערדעם, האָט מען זי אָפט געזען שפּאַצירן אין גאַס מיט יונגעלייט.

ביי ראָזען איז שוין געווען אַ גרויסער חילוק צו טאַנצן מיט גאַרפינקלען און שטיינפינקלען, אָדער אָצפּינקלען, נאָר דער אָצפּינקל, וועלכער האָט זי איצט אָפּגעפירט אַהיים, האָט דעם גאַנצן אָוונט אַזויפיל געטאַנצט מיט איר און אַרום איר און מיט אַזויפיל קאָמפּלימענטן זי פאַרשיט, אַז איצט, גייענדיק מיט אים אַהיים, ווען עס האָט אָנגעהייבן צו טאָגן, די פייגעלעך זענען אויפגעשטאַנען מיט אַ זיסן פּיפּטשען, און די ברעגעס פון הימל האָבן זיך געריטלט, איצט, ווען אַ שטיל וואַרעם ווינטעלע האָט געבלאָזן פון דער זייט, ווען די פרימאָרגענדיקע ראָסע האָט אָפּגעפרישט דאָס געזיכט, ווי מיט גוטן שמעקנדיקן וואַסער — איצט וואָלט ראָזע אים, אָצפּינקלען, נישט פאַרביטן אויף קיין שום פינקל, יענער זאָל אפילו זיין אַ פינקל פון אַ פינקל-לאַנד. איצט האָט זי אפילו פאַרגעסן אָן דעם גרויסן פאַרדראָס פון אָוונט, פאַרוואָס די העלדן האָבן זי אפילו נישט איינמאָל איינגעלאַדן טאַנצן. פאַרגעסן, פאַרגעסן אין אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעליטן, און איר פריערדיקע „שווערע פור" איז ביי איר איצט געוואָרן אַ פליענדיקער פייגל, וואָס פליט מיט איר העכער און העכער פון אַלע באַשעפענישן אין דער וועלט. יעדעס וואָרט זיינס איז ביי איר געווען אַ שיינע מוזיק. זי גייט איצט מיט אים געאָרעמט, אַ ביסל אָנגעשפּאַרט אויף אים פון גרויס מידקייט, פון טאַנצן, און עס איז איר זיס אויף דער נשמה.

אַזוי זענען זיי צוגעגאַנגען צו דעם הויז פון אירע עלטערן. איר קאַוואַליער מאַכט אַ טרויעריקע מינע און ברעכט זיך אין דרייען. ער נעמט איר האַנט און דריקט זי שטאַרק. ראָזע זעט אויף זיין געזיכט, ווי ער וואָלט אייביק נישט אָבגעלאָזט איר האַנט. נאָר וואָס קען מען טון? קיין אָפּגעשיילט איי קומט נישט גלייך אין מויל. מען מוז זיך איצט דערווייל צוגיין. נעמט זי זיך אָן מיט האַרץ און וויל אַרויסציען איר האַנט, נאָר ער האַלט זי ווייטער נאָך עטלעכע מינוט. צולעצט לאָזט ער אָפּ איר האַנט און געזעגנט זיך. ער צעשיידט זיך מיט אַ זיפץ און גייט אַוועק, און ראָזע שיקט אים נאָך אַ זיפץ...

קלאַפּנדיק אין טיר, זעט זי אים נאָך פונדערווייטנס, ווי די פייגל באַזינגען אים און ליכטיקע ברעגן פון הימל באַלייכטן אים.

— ווי גוט, ווי שיין, ווי טייער איז די וועלט! — האָט ראָזע געזאָגט, ווען איר קאַוואַליער האָט פונדערווייטנס איר צוגעוואָרפן דעם

לעצטן „צום ווידערזען!" און האָט זיך פאַרדרייט אין אַ געסל, חוּ זי האָט אים שוין מער נישט געזען.

ראָזע האָט גענומען קלאַפּן אין טיר.

די מוטער האָט צולעצט געעפנט מיט אַ בייזער:

— דער רוח האָט זי אָנגעטראָגן! ביזט שוין אין אייבוועגס נישט קראַנק געוועזן צו בעכטיקן אויף דער גאַס!

ראָזע האָט צוריק פאַרשלאָסן די טיר און זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן. די מוטער האָט נישט אויפגעהערט פון בעט צו רעדן און צו שילטן:

—קוק זי נאָר אָן, די פריצטע! מען דאַרף איר נאָך גיין עפענען—עפענען זאָל זיך איר אַ קבר, רבונו של עולם! זי קלאַפּט נאָך אין טיר, פונקט, ווי זי וואָלט חויל געדרשנט — קלאַפּן זאָל איר אין קאָפּ, זיסער גאָט!

ראָזע האָט נישט געענטפערט מיט אַ האַלב וואָרט. זי האָט זיך אָנגעהייבן אויסצוטון, זיך לייגן שלאָפן. אפשר וועט זי נישט הערן דער מוטערס קולות. איר פריערדיקער שטאָלץ איז אַוועק. איצט האָט זי ביי זיך אַליין אויסגעזען נידעריקער מיט עטלעכע קעפּ. זי איז שוין געוועזן אויסגעטון און געוואָלט זיך לייגן אין בעט אַריין, האָט זי נישט געפונען איר קישן. האָט זי אָנגעהייבן זוכן, האָט זי געפונען, אַז איר יינגערע שוועסטער שלאָפט אויף צוויי קישנס. האָט זי אַרויסגעשלעפּט איר קישן, נאָר די שוועסטער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— וואָס איז דאָרט פאַר אַ געשריי?—האָט די מוטער זיך אַריינגעמישט פון בעט.

— אַ קרענק אויף דער גרויסער מויד! זי רייסט ביי מיר דאָס קישן!—האָט די יינגערע שוועסטער אָנגעהייבן צו שרייען, אַריינפּלאָנטערנדיק זיך אין ראָזעס צעפּ.

— קרענק און „זאָך" גיב איר!—האָט זיך די מוטער ערשט איצט צעלאָזט, ווי מיט פיר פאָטשטאָווע פערד. — זי איז נישט קראַנק זיך צו לייגן אויף ברעטער! וואָס איז זי ווייטער נישט געבליבן אויף דער חתונה? פּאָפּן און פרעסן איז זי געקומען אַהער! אַ גליק האָט זי געטראָפן: ר' קלמן דער גביר מאַכט חתונה זיין טאָכטער, דאַרף זי זיך פרייען—וואָס איז? מען האָט זי געבעטן!—קיין קאַטאַוועס נישט! מען האָט מיך אויך געבעטן, נאָר בין איך דען געגאַנגען? וואָס איז? מער בייט אונדז נישט אָפּ, ווי חתונות?!..

— איך זאָל זיין אין דיינע יאָרן, וואָלט איך מיט פאַרגעניגן געבליבן אינדערהיים, אָבי די עלטערע טאָכטער זאָל קאָנען גיין אויף א חתונה,—האָט זיך ראָזע נישט געקענט איינהאַלטן.

— א וויסט פינסטער שוואַרץ יאָר אויף דיין קאָפּ, אויף דיינע הענד און פיס, עס זאָל זיך צו קיינעם נישט צוקלעבן, נאָר צו דיין לייב און לעבן! — זי רעדט נאָך, די מויד! זי מיינט אינדעראמתן, אַז זי איז נאָך א פיצעלע, ברעקעלע מיידעלע! אין פּאָליסע וויקלט מען אַזוינע! איז נישט א געלעכטער, א געזונטע מויד, וואָס ווערט באַלד נאָך יום-טוב פאַרשריענע ניינצן יאָר, האָט נאָך אין זינען זיך צו מוידן און צו פוצן און גיין אויף חתונות! אַז איך בין געווען אין דיינע יאָרן, האָב איך שוין, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, געהאַט צוויי קינדערלעך... איך בין שוין געזעסן אַליין אין א קלייט און נעפּירט א געשעפט, און די געזונטע מויד. פאַרשריענע יאָר אויף איר, האָט נאָך א פּיסק צו זאָגן, אַז איך זאָל זיצן אינדערהיים און זי זאָל גיין אויף חתונות! אַזוי לאַנג קרענקסטו שוין, רבונו של עולם, ווי איך וועל דיר שוין זיצן אינדערהיים! איך בין נאָר ביז אהער א נאַר געווען, יאָ, א נאַר... — האָט זיך די מוטער צעוויינט.

— אָט ליגט ער אין געהאַקטע ווונדען!—האָט זי אָנגעוויזן אויף איר מאַן, וועלכער האָט געשלאָפן קעגן איר. — עס זאָל אים גאָר אָנהייבן צו אַרן! אומשטיינס-געזאָגט, ווער קוקט זיך אום אויף מיר, אַז איך בין אַזוי עלנט ביי מיין אייגענעם מאַן און קינדער!

— גיי אין דער ערד אַריין! איך וועל דיר נישט געבן קיין קישן, זאָלסט אפילו דאָ שטאַרבן פאַר מיינע אויגן!—האָט די קלענערע שוועסטער געשריגן און זיך אינגאַנצן אַנידערגעזעצט אויפן קישן, וואָס ראָזע האָט געריסן פון איר.

— ווער הייסט דיר, דו זאָלסט זיצן אינדערהיים? ווער לאָזט דיך נישט גיין אויף קיין חתונה?—האָט ראָזע געענטפערט דער מוטער און ווייטער ביי דער שוועסטער געשלעפּט דאָס קישן.

— איך זאָל נאָך גיין אויף חתונות, אַז אַזאַ געזונטע מויד ליגט מיר אויפן קאָפּ? אַז אָך און ווי איז צו מיר, װאָס איך האָב דערלעבט! אַלץ דאַרף זי און איך בין שוין אַלט, איך דאַרף שוין גאָרנישט!

— מאַמע! זי רייסט דאָס קישן! א קרענק אויף איר! מאַמע!—האָט די שוועסטער אָנגעהייבן שרייען צו דער מוטער און שעלטן ראָזען, ווען

זי האָט געזען, אַז מיטן קישן האַלט שלעכט.

ראָזע האָט שוין געהאַט אין די הענט אַ האַלבן קישן.

— איצט ווייס איך שוין, פאַרוואָס דו ביזט אין כעס! — האָט ראָזע געענטפערט דער מוטער.

— דו ווייסט שוין? זאָלסט אַזוי וויסן פון דיין געזונט, פון דיין לייב און לעבן!

— ווייס איך נישט — דאַרף מען נישט!

— דאַרפן זאָלסטו שוין תכריכים, רבונו של עולם!

מען האָט זיך געשאָלטן און געוואָגלט אַזוי לאַנג, ביז דער טאַטע האָט זיך אויפגעהייבן פון שלאָף.

— וואָס איז דאָרט? — האָט ער געפרעגט, זיך אויסרייבנדיק די אויגן.

— וואָס איז דאָרט, פרעגסטו? אַנישט, ווייסטו נישט?

— וואָס איז דאָרט פאַר אַזאַ געשריי? האָט שוין זיינוויל אָנגעהייבן שרייען און בעת מעשה זיך אַלץ געריבן די אויגן.

— וואָס פאַר אַ געשריי פרעגסטו? — דיינע מיידן!

— וואָס הייסט מ יי נ ע? נו, און ד יי נ ע זענען זיי נישט?

— ניין, נאָר דיינע! דו האָסט זי אַזוי אויסגעלערנט. דו זאָלסט זיין אַ לייטישער טאַטע, וואָלטן זיי געווען צו לייטן גלייך.

— אַהאַ, דו האָסט שוין אַוועקגעלאָזט דיין צינגעלע! ווייניק איז דיר דער טאָג? — איז זיינוויל אָנגעפאַלן אויף זיין אשה.

און ער האָט זיך איבערגעקערט אויף דער רעכטער זייט.

דער קאַמף פאַרן קישן איז נאָך אַלץ געגאַנגען. אויפגעהערט האָט ער ערשט דעמאָלט, ווען ראָזע האָט איינגעזען, אַז זי האָט שוין קיין כוח נישט.

זי האָט זיך, ווי אַ שטיין, אַ וואָרף געטון אויף איר בעלעגער.

זי איז געלעגן און געשעפטשעט:

— אַך, ווי גוט איז די פריידקינזאָנס! ווי בין איך זיי מקנא! מיט דידאָזיקע ווערטער איז זי געשמאַק איינגעשלאָפן.

— שלאָפט! שלאָפט! שלאָפט שטאַרקער, יידישע אומגליקלעכע טעכטער, כל זמן איר וועט נאָך האָבן מאַמעס, וועלכע פאָדערן פון אייך, איר זאָלט לעבן גלייך ווי זיי, און צו אַכצן-ניינצן יאָר זיין אַלט גלייך מיט זיי!..

* * *

קלאַרע האָט נאָך ביז איצט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. זינט זי איז אַוועקגעגאַנגען פון זאַל צו זיך אין צימער, איז שוין דאָ גוטע צוויי שעה. די גאַנצע צייט טוט זי זיך אויס צו לייגן שלאָפן און איז ערשט האַלב אויסגעטון. קודם האָט זי גענומען אָפּשטעקן די בלום פון קאָפּ, נאָר פלוצים האָט זי אַזוי פאַרקלעמט ביים האַרצן, אַז די בלום איז איר אַרויסגעפאַלן פון די הענט און זי האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

—אָט פאַר וועמען איך האָב געהאָרעוועט גאַנצע אַכט טעג פאַר דער התונה, מיט דעם שווייס אָפּגעגאַנגען—און פאַר וועמען ? פאַר די פריידקינזאָנס ! זיי זאָלן קענען טאַנצן מיט זייערע גארפינקלעך און שטיינפינקלעך... אַזויפיל געהאָרעוועט צוליב זיי—איך בין געוועזן זייער דינסט !...

זי האָט נישט באַמערקט און האָט גענומען אויפשפיליען דעם קאָרסעט.

—גארפינקל מיט שטיינפינקלען האָבן זיי ליב !... מיך באַמערקן זיי אַפילו גאָרנישט !

זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם קאָרסעט, אַ שטיל ווינטעלע האָט זי דערקוויקט, איר איז געוואָרן אַ סך גרינגער.

—איך בין אין כעס אויף די פריידקינזאָנס, נאָר וואָס זענען זיי שולדיק, אַז גארפינקלען מיט שטיינקפינקלען האָבן זיי ליב ?

קלאַרע האָט זיך פאַרטראַכט אויף עטלעכע מינוט.

—אָבער וואָס-זשע בין איך שולדיק, אַז איך האָב ליב? ווען עס זאָלן נישט זיין די פריידקינזאָנס, וואָלט איך דאָך געטאַנצט מיט זיי דעם גאַנצן אָוונט. זיי וואָלטן געפילט, זיי וואָלטן געזען, ווי איך קען ליב האָבן... עס וואָלט געווען גוט, אַלץ גוט... ניין? איך קען זיך מער נישט באַגעגענען מיט די פריידקינזאָנס—איך האָב זיי פיינט !..

—בין איך דען אַזוי שיין, ווי פראַניע, אָדער מאַניע?—האָט זיך קלאַרע געפרעגט.—קען איך דען זיי געפעלן ?—אַך, צו וואָס טויג מיר מיין רייכקייט — די צוואַנציקטויזנט רובל, וואָס דער טאַטע וויל מיר געבן נדן? פאַרוואָס בין איך נישט בעסער פראַניע פריידקינזאָן ! וואָס פאַר אַ חתן קען מיר מיין פאָטער געבן מיט די צוואַנציקטויזנט רובל ?

עפעס אַ חסיד אָדער אַפילו אַ דאָקטאָר—ווער און וואָס איז דער דאָק־טאָר? אַ פרעמדער מענש, וואָס איך קען אים נישט. אַ מענטש, וואָס מיין פאָטער וועט איבם באַצאָלן צוואַנציקטויזנט רובל, ער זאָל מיך האַלטן ביי זיך אין שטוב! אָבער גארפינקל און שטיינפינקל האָבן ליב מיידלעך אָן נדן, אַזוינע האַנדלען נישט מיט יידישע טעכטער...

קלאַרע האָט פאַרגעסן, אַז זי איז נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעטון און איז טאַקע אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ שטיין אויפן האַרצן.

* * *

אויף דער ברייטער גאַס האָט מען שוין קיינעם נישט געזען, ווייל יעדער האָט געאיילט אהיים זיך אויסצושלאָפן פון דער חתונה. נאָר פראַניען האָט זיך נאָך נישט געוואָלט שלאָפן. און צוליב איר האָבן אויך געשפאַצירט גארפינקל מיט שטיינפינקלען און אירע שוועסטער. אַלעמאָל איז מען שוין געוועזן ביי זייער היים און ווייטער זיך אומגעקערט, געדרייט זיך אַהער און אַהין, גערעדט און גערעדט אָן אָן אויפהער. די קליינע סאָניע האָט קוים דעם קאָפּ געהאַלטן, מאַניען האָבן זיך געקלעפּט די אויגן, נאָר פראַניע מיט די קאַוואַליערן האָבן פריילעך גערעדט, געלאַכט און געלאַכט און גאָרנישט געטראַכט, צי מען דאַרף אַמאָל שלאָפן אויך.

צולעצט האָט מען זיך דאָך צעזעגנט.

—היינטיקן אָוונט ביי אייך!—האָבן די יונגעלייט זיי נאָכגעשריען פונדערווייטנס.

* * *

ווען די מיידלעך זענען אַריין אין שטוב, האָט שוין דאָס דינסט־מיידל געבלאָזן אין סאַמאָוואַר און זייער מוטער האָט געווישט די גלע־זער.

—אַזוי פרי?—האָבן זיך די קינדער געוווּנדערט.

—דער טאַטע האָט געהייסן, מען זאָל היינט פריער שטעלן דעם סאַמאָוואַר, כדי אַז איר וועט קומען פון דער חתונה, זאָלן מיר אַלע

צוזאַמען טרינקען טיי. איר ווייסט דאָך, קינדערלעך, ווי ער איז פאַר־קויפט טאָג און נאַכט, און נאָר פון איין שבת צום אַנדערן טרינקען מיר אַלע צוזאַמען אַ גלעזל וואַרעמס.

אין צען מינוט אַרום איז שוין די גאַנצע פאַמיליע געזעסן אַרום סאַמאָוואַר. מאַניע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טרינקען טיי.

—איך וועל אַזוי זיצן,—האָט זי געזאָגט.

— ניין, דאָס וועט נישט זיין! — האָט זייער פאָטער געזאָגט.— ערשטנס, וועסטו קאַליע מאַכן מיין גאַנצן פלאַן, און, צווייטנס, קינדער, ווען איר וועט איצט אָפּטרינקען טיי, וועט איר קאָנען שלאָפן דעם גאַנצן טאָג, וויפל איר וועט וועלן.

אַלע קינדער האָבן געטרונקען, כאָטש זיי האָבן נישט געוואָלט. באַלד זענען זיי אַוועק אין זייער צימער און, ווי דערהרגעטע, געשמאַק איינגעשלאָפן.

א משכון צו פארזעצן און א גביר זאָל מען זיין.

חיים פריידקינזאָן איז נישט געווען רייך, נאָר כל ימיו האָט ער געהאַט זיין פרנסה. ברויט מיט קוילעטש האָט אין זיין הויז נישט גע-געפעלט, אָבער אויך נישט קיין איבעריקס, ד. ה. ווען עס האָט זיך אין זיין הויז געמאַכט אַ באַזונדערע הוצאה, ווי, למשל, איינער פון זיין פאַמיליע איז קראַנק געוואָרן און מען האָט באַדאַרפט האָבן אַ דאָקטאָר מיט רפואות, האָט מען זיך געמוזט פאַרשולדיקן, און אַז גאָט האָט געהאָלפן און מען איז געזונט געוואָרן, האָט מען אָפּגעשפּאָרט פון דער הוצאה און מען האָט זיך אויסגעצאָלט פון די פריערדיקע חובות. וואָרים מער ווי זיינע שכירות, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין שטע-לע אין אָריבאַטעוועקער ביר-זאַוואָד, האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט. פונדעסטוועגן האָט ער מיט זיין פאַמיליע געלעבט זייער גוט און פיין. זיין פרוי איז געווען זייער אַן אויסגעצייכנטע באַלעבאָסטע. זי האָט פאַרשטאַנען עקאָנאָמיש און גוט צו פירן איר קליינע באַלעבאַטישקייט. זי האָט זייער געשעצט איר מאַן און האָט זיך געסטאַרעט, אַז איר מאַנס פאַרהאָרעוועטער רובל זאָל נישט אַוועקגיין אומזיסט. גאָט האָט זיי אויך געבענטשט מיט זייער שיינע דריי קינדער. איינע איז גע-ווען שענער פון דער אַנדערער. און די עלטערן האָבן קיינמאָל נישט געקענט אונטערשיידן, וועלכע פון די קינדער איז שענער.

— פראַניע איז אַ שיין מיידל און מאַניע מיט סאָניען זענען שיין!—פלעגן זיי סוף כל סוף ענדיקן דעם שמועס וועגן די קינדער.

חיים מיט זיין ווייב האָבן אויף זייער לעבן נישט געקרעכצט, אויף זייער געזיכט איז נאָך קיין איין קנייטש נישט געווען און אין קאָפּ קיין איין גרויע האָר. נאָר אַז פראַניע איז אונטערגעוואַקסן, זע־נען אין חיימס באָרד אַריינגעפאַלן עטלעכע גרויע האָר. נישט איין נאַכט פלעגט ער מיט דער ווייב איבעררעדן וועגן די קינדער ביי זיך שלאָפצימער, ווען קיינער האָט נישט געהערט.

אָנגעהייבן רעדן פלעגט שטענדיק די מוטער:

—וואָס וועט זיין דער תּכלית, חיים?

און חיים האָט שוין געוווּסט, וועגן וואָס זי רעדט.

— וואָס קען איך וויסן, וואָס פאַר אַ תּכלית עס וועט זיין? — פלעגט ער געוויינלעך ענטפערן.

—דאָס איז נישט קיין ענטפער! חיים! עס איז נישט קיין גראָ־שענער בייגל, וואָס דו ענטפערסט אַזוי גרינג.

—וואָס קען איך דיר ענטפערן. דו ווייסט דאָך אַליין גוט, חנה־לע, אַז ווען איך זאָל וויסן עפּעס, וואָס צו טון דערצו, וואָלט איך מיין לעבן נישט געזשאַלעוועט פאַר אונדזערע קינדער. דו ווייסט דאָך, אַז איך בין פאַרקויפט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט! און געלויבט צו גאָט דערפאַר אויך! אַנדערע זענען אונדז אפשר דערויף אויך מקנא... דיינט וואָס קען איך דיר ענטפערן?

— אָבער, חיים, דערמיט, וואָס דו האָסט מיר נישט, וואָס צו ענטפערן, מאַכט מען נאָך נישט חתונה קיין טאָכטער...

—דערויף האָט איר חיים באַמערקט:

—אָט נעם בעסער די קאָלדרע איבערן קאָפּ און ווער אַנטשלאָפן... איך וויל אויך שלאָפן...

חנה האָט מיט איר חיימען פאַר די לעצטע ווערטער גאַנצע צוויי טעג נישט גערעדט. זי האָט זיך מיט איר מאַן קיינמאָל נישט געקריגט, און ווען עס האָט זיך יאָ אַמאָל געמאַכט מיט זיי אַ קליי־ניקייט, איז געווען גענוג געווען איין וואָרט, ער זאָל זי איבערבעטן; אָבער איצטער האָט עס נישט געהאָלפן, און ערשט אין אַ טאָג אַרום, ווען ער האָט ערנסט זי געפרעגט, פאַרוואָס און פאַר ווען און וואָס האָט ער אַזוינס גערעדט, וואָס זי איז בייז אויף אים, האָט זי זיך צעוויינט און געזאָגט:

—מען רעדט מיט דיר פון אַזאַ וויכטיקער זאַך, נעמסטו זיך גאָר יוצא־לען, מאַכסט חוזק פון מיר, ווי פון אַ יידינע... דו זאָגסט אונדזער

פראַניע איז נאָך נישט קיין אַלטע מויד, און מיר מעגן שלאָפן רויק. איך זאָג נישט, חס-ושלום, אַז אונדזער פראַניע איז אַלט און זי וועט שוין פאַרזיצן. איך זאָג נאָר, אַז עס איז שוין צייט ערנסט וועגן דעם צו טראַכטן, און גלויב מיר, חיים, ווי גוט און שיין און געראָטן אונדזער טאָכטער זאָל זיין, דאַרפן מיר גוט אַכטונג געבן, איר בעסטע צייט זאָל נישט אַוועקגיין. ובפרט נאָך, אַז עס וואַקסן אונטער. ברוך השם, אַנדערע קינדער, באַדאַרף מען אוודאי זען פאַר דער ערשטער עפּעס צו טון.

—ביזט גערעכט... אדרבה, איז דאָ אַ חתן, וועלן מיר רעדן...

—אַ חתן וועט זיך, מיט גאָטס הילף, געפינען פאַר אונדזער טאָכטער, נאָר...

—וואָס נאָר?—האָט חיים געפרעגט.

—געלט... נדן...

חיים איז אונטערגעשפרונגען, ווי מען וואָלט אים אָפּגעבריט מיט הייס וואַסער.

—געלט?!.. פאַר מיין פראַניען געלט, וואָס איז? אַ קאַליקע איז זי? איך בין נישט פאַרבלענדט אין מיינע קינדער, עס איז נישט קיין סוד, אַז גאָט און לייט זענען אונדז מקנא אויף אונדזערע קינדער. שיין זענען זיי, ביי
ען קענען זיי, און פאַרשטייען אין די שוואַרצע פינטעלעך אויך... איך האָב פון זיך געצויגן דאָס לעצטע, זיי צו לערנען אַלץ, וואָס נאָר אַ היינטיק מיידל דאַרף קענען, און איך קען זאָגן, אַז אונדזער פראַניע קען זיין אַ פרוי פאַר אַ געבילדעטן יונגנמאַן... און וויבאַלד, אַז מיינע מיידלעך קענען זיין גוטע ליבע פרויען פאַר זייערע מאַנען און גוטע מוטערס פאַר זייערע קינדער—וואָס-זשע דאַרף מען נאָך? וואָס-זשע נאָך, חנה, זאָג, וואָס פעלט זיי? געלט מוז איך נאָך געבן! און ווען איך האָב נישט?... דערום וועט מען זיי נישט קויפן?... מיין טאָכטער, מיין פראַניען קויפט מען! און איך דאַרף נאָך צוצאָלן, ווען נישט, וויל זי דער סוחר נישט קויפן! און דו ביזט נאָך די מעקלערין און דערציילסט מיר „געלט!...” ניין, ניין! מיינע קינדער דאַרף איך נישט פאַרקויפן, זיי זענען ביי מיר קיינמאָל נישט איבעריק, אַלץ וועלן זיי האָבן ביי מיר! פאַר וועמען האָרעווע איך, אַז נישט פאַר זיי? וואָס איז מיין גאַנץ לעבן, ווען נישט זיי?!

חיים האָט גערעדט מיט כעס, מיט פייער, דעריבער האָט אים חנה דערוויייל גאָרנישט געענטפערט און איבערגעוואַרט.

אין אַ ווײַלע אַרום, ווען חיים האָט זיך עטוואָס באַרויקט, האָט חנה שטיל געזאָגט:

— דו ביזט גערעכט, ווי גאָט אַליין, נאָר וואָס קאָן מען טון, אַז עס איז הײַנט אַזאַ גרויס אומגליק אויף דער וועלט, אַז יעדער גאָר־נישט און טויגעניכטס, אַבי ער איז נאָר אַ מאַנסביל, מוז מען אים צו־צאָלן, כאָטש די כּלה מעג זײַן מיט אַלע מעלות...

חיים האָט דערויף נישט געענטפערט. ער איז געוואָרן שטאַרק טרויעריק און האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווען ער איז געוואָרן אַ חתן פּאַר חנהן, ווי עס איז געווען אַ ליבע. ער האָט זיך פאַרליבט אין איר, כאָטש זי איז געווען אָרעם. אַז זײַנע עלטערן האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער וויל ווערן אַ חתן פּאַר אַן אָרעם מיידל, האָבן זיי שטאַרק געשריגן, גע־מאַכט גוואַלדן, אַז זיי ווילן אים נישט האָבן פאַר אַ זון. ער האָט אָבער מיט זיי אײַנגעטענהט, אַז זי איז נישט שולדיק, וואָס זי איז אָרעם, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. זיי האָבן פון קיין שום זאַך נישט געוואָלט הערן.

ער האָט זיי אָבער נישט געפאָלגט. און איז אַ חתן געוואָרן, און ווען ער האָט מיט איר חתונה געהאַט, איז ער גאָר געווען גליקלעך. זײַנע עלטערן און זײַן משפחה האָבן נישט געוואָלט מיט אים רעדן, און ער האָט געקוקט אויף זיי, ווי אויף ווילדע מענטשן.

און נאָך גליקלעכער איז ער געווען, ווען זײַן חנה האָט אים געשענקט אַ טאָכטער — אַ בריליאַנט, אין צוויי יאָר אַרום אַ דימענט, און אין פיר יאָר אַרום — אַ טייערן פּערל...

ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מען מאַכט פון אַ שידוך — אַ מסחר.

— קאַרג, קאַרג האָב איך זיך געמוטשעט אין מײַן לעבן נאָר דערפאַר, ווײַל איך האָב מיט מײַן כּלה קיין מסחר נישט געוואָלט מאַכן, — האָט ער פײַנלעך געטראַכט. — אָ, מײַנע קינדער מוזן אַרויס פון דעם־דאָזיקן העסלעכן האַנדל!..

— אָבער וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרזאָרגט, חיים? — האָט חנה גע־פרעגט, ווען זי האָט געזען, אַז ער איז אַרײַנגעפאַלן אין מרה־שחורה. עס האָט איר שוין באַנק געטון, וואָס זי האָט פאַרפירט אַזאַ שווערן שמועס.

צן אויפגערעגטער, האָט ער זיך פּלוצלונג אָנגערופן:

—נעם פאַרקויף מיך, פאַרקויף אַלץ און צאָל צו, אַבי שנייד מיר נישט לעבעדיק דאָס פלייש מיט מיין אייגן מעסער.

— חיים!—האָט זיך די גוטע חנה אָנגעהייבן בעטן ביי אים, ווי אַ קליין קינד, אָננעמענדיק אים ביי דער האַנט. — צו וואָס קאָכסטו זיך אַזוי? וויל איך דיר דען צאַפּן דיין בלוט? קענסטו מיך דען פאַר אַזאַ שלעכטע? האָבן מיר זיך דען אַמאָל איבער עפּעס, חלילה, געקריגט? לאָמיר זיך בעסער באַטראַכטן און טאַקע באמת געפינען אַן עצה, וואָס מיר זאָלן טון—עס איז דאָך אונדזער קינד, אונדזער בלוט און פלייש!

ער איז ווייכער געוואָרן.

—נו, נו, אַדרבה, זאָג, רעד, גיב אַן עצה!

חנה האָט פּלוצלונג געפרעגט:

—וויפל נעמסטו אַ חודש געהאַלט?

חיים האָט זיך צעלאַכט.

—גאָר אַ נייע פראַגע,—האָט ער געזאָגט.—שוין צען יאָר, גאָט צו דאַנקען, דאָס הייסט הונדערט און צוואַנציק חדשים, ווי איך האָב דיר הונדערט און צוואַנציק מאָל געבראַכט צו פינפאונזיבעציק רובל אַ חודש, פרעגסטו איצט, וויפל איך נעם! נו, איך נעם פינפאונזיבעציק רובל אַ חודש!.. איצט ווייסטו שוין, וויפל איך נעם?

— יאָ, איך ווייס אַליין, אַז מיר האָבן פינפאונזיבעציק רובל אַ חודש און פאַרלעבן זיי ביז דער לעצטער קאָפּיקע. דעריבער איז טאַקע מיין עצה, מיר זאָלן ווינציקער פאַרלעבן... זענען נישט פאַראַן אַזוינע פאַמיליעס, ווי מיר, וואָס פאַרלעבן נאָר פערציק רובל אַ חודש... נו, און מיר וועלן פאַרלעבן פופציק רובל אַ חודש און פינפאונצוואַנציק רובל וועלן מיר אָפּשפּאָרן פאַר אונדזער פראַניען, זאָל לעבן... אַזוי־אַרום וועלן מיר דאָך פאָרט צונויפשלאָגן פאַר איר אַ ביסל געלט...

— וויפל זשע וועסטו אָפּשפּאָרן אַ יאָר? דריי הונדערט רובל! מיט אַזאַ סומע וועסטו שוין האָבן נדן פאַר פראַניען?

—איך ווייס, אַז דריי הונדערט רובל נדן קען נעמען היינטיקע צייטן אַ שוסטער, נישט פראַניעס אַ חתן... נאָר פאָלג מיך, חיים, לאָז מיר מאַכן אַן אָנהייב, טאָמער וועט גאָט העלפן... וואָס איז? חוץ די פינפאונזיבעציק רובל אַ חודש האָבן מיר שוין גאָר קיין גאָט נישט?

— נו, איך באַשטיי אויף דיין פּלאַן, אָבער, חנה, איך נעם מיט דיר אויס איין זאַך: פון די קינדער זאָלסטו גאָרנישט אָפּשפּאָרן. וואָס זיי האָבן געהאַט ביז איצט, זאָלסטו זיי אויך ווייטער געבן. קיין רייכקייט האָבן זיי ביי אונדז קיינמאָל נישט געהאַט, אָבער דאָס, וואָס קינדער מוזן האָבן, מוז מען זיי געבן. פון דעמדאָזיקן מוז אָפּשפּאָרן וויל איך באַין אופן נישט. דו קאָנסט נאָר אָפּשפּאָרן פון מיר, וויפל דו ווילסט — נו... און פון דיר אויך, אויב דו ווילסט... איך מאַך שוין אָן אָנהייב... אויף פּאַפּיראָסן גייט ביי מיר אַוועק אַ חודש אַ רובל מיט פופציק קאָפּיקעס. פון מאָרגן אָן, חנה, הער איך אויף צו רויכערן... נו, האָסטו דיר שוין, חנה, איין רובל מיט פופציק קאָפּיקעס אַ חודש. נו, וואָס נאָך?... יאָ, איך האָב זיך דערמאָנט. קיין גראָשנס אין קעשענע נעם איך שוין אויך ביי דיר מער נישט. דאָס איז אויך אַ רובל — האָבן מיר שוין בסך הכל צוויי רובל מיט פופציק קאָפּיקעס. מיט איין וואָרט, חנה לב, וואָס דו וועסט זיך נאָר דערמאָנען — שפּאָר אָפּ, אָבער נאָר פון מיינע הוצאות, וואָס ביי מיר אַליין גייט אַוועק.

איצט האָט חנה געזאָגט:

— אויף יום-טוב, חיים, האָב איך זיך געוואָלט מאַכן אַ מאַנטעלע פאַר צען רובל, וועל איך זיך נישט מאַכן. נישקשה, איך וועל נאָך קענען גיין אין אַלטן, עס איז נאָך גאָרנישט אַזוי אַלט...

און טאַקע אַזוי רעדנדיק, האָט זי אַרויסגענומען דאָס מאַנטעלע, אַן אַלט-צרהדיק מאַנטעלע, וואָס מען האָט עס נישט געקאָנט טראָגן, און ערשט מיט אַכט טעג צוריק האָט זי געבעטן די קינדער, טאָמער וועלן זיי באַגעגענען אַ טענטלערקע, זאָלן זיי זי שיקן, ווייל זי וויל דאָס מאַנטעלע פאַרקויפן — איצט איז שוין דאָס מאַנטעלע צוריק גוט געוואָרן.

חנה האָט ווייטער געזאָגט:

— היינט פון שטוב-הוצאות קען איך אויך אָפּשפּאָרן עטלעכע רובל אַ חודש.

— פון וואָס, למשל?

איך נעם שטענדיק דריטהאַלבן פונט פלייש, וועל איך איצט נעמען צוויי פונט...

— דאָס נישט, חנה, מיינע קינדער עסן זיך נישט איבער מיט פלייש...

— נו, אז דו באַשטייסט נישט, דאַרף מען נישט... אויף שבת וועל

איך אָנהייבן נעמען דעם צווייטן סאָרט מעל אויף חלה, און פיש רעכן איך גאָרנישט צו קויפן... אַנשטאָט פיש וועל איך עפּעס אַנדערש מאַכן...

— דאָס קענסטו, אויב דו ווילסט... — האָט חיים שטיל געענט־פערט.

זיי האָבן נאָך לאַנג גערעכנט און געחשבונט, און סוף כּל סוף האָבן זיי בּאַרעכנט, אַז מען וועט קענען אָפּשפּאָרן פון אַכט ביז ניין רובל אַ חודש, און ווי זיי האָבן זיך געבּראָכן דעם קאָפּ רעכענענדיק און חשבונענדיק, האָבן זיי דאָך מער נישט געקאָנט אויסטראַכטן און אויס־רעכענען. חיים האָט שוין געוואָלט אינגאַנצן חרטה האָבן. „איידער אַזאַ קליינע סומע, איז גלייכער גאָרנישט,” האָט ער געוואָלט זאָגן, אָבער חנה האָט בּאַלד פאַרכאַפּט:

—גוט איז כאָטש עפּעס, איידער גאָרנישט.

די גאַנצע נאַכט האָט חנה נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. די ניין רובל אַ חודש האָבן זי נישט געלאָזט שלאָפן. ווי נאָר חיים האָט געגעבן אַ הוסט, אויסגעשנייצט די נאָז, אָדער זיך איבּערגעקערט אויף דער אַנדערער זייט, האָט זי אים געפרעגט:

—שלאָפסט, חיים?

—נו?

—וויפל איז ניין מאָל צוועלף?

—דאַכט זיך, הונדערט...—האָט ער צווישן די ציין, מיט פאַרמאַכ־טע אויגן, געענטפערט און זיך גוט צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע.

חנה־ה האָט אָנגעהייבן איבּערחשבונען, צי עס שטימט, אָבער נאָך פיל מאָל בּאַרעכענען איז בּיי איר עפּעס נישט גלייך אויסגעקומען.

—ער מוז האָבן אַ טעות,—האָט זי זיך געטראַכט, — מאָרגן וועלן מיר שוין מאַכן דעם ריכטיקן חשבון...

עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז חיים האָט זיך אַ ריר גע־טון.

—שלאָפסט, חיים?

—נו?

—האָסט געהאַט אַ טעות, נישט הונדערט רובל...

—וועלכע הונדערט?

—ניין מאָל צוועלף וויפל איז?

—וועלכע צוועלף!

—אין א יאָר זענען דאָ צוועלף חדשים, וויפל-זשע איז ניין מאָל צוועלף? וואָס פאַרשטייסטו נישט?

אָבער חיים האָט שוין ווייטער געשלאָפן און זי איבערגעלאָזט אָן אַן ענטפער.

חנה האָט זיך אָבער נישט געקאָנט בארויקן און האָט ענדלעך באַרעכנט, אַז אין אַ יאָר וועט זי צוזאַמענקלייבן הונדערט מיט אַכט רובל. אָבער זי האָט נאָך זיך אַליין נישט געגלויבט, צי זי האָט ריכ-טיק באַחשבונט און געוואָלט, אַז חיים זאָל עס איר באַשטעטיקן. זי האָט געוואַרט, ער זאָל זיך נאָך אַמאָל אַ ריר טון, אָבער דערווייל האָט זי נישט אויפגעהערט צו מאַכן גאַר נייע חשבונות:

—הונדערט מיט אַכט רובל אַ יאָר... היינט אַ ביסעלע פּראָצענט מיט אַ לאָטעריע-צעטל... איך וויל אים נאָך נישט זאָגן, אַז איך וועל פאַר דעם געלט קויפן אַ לאָטעריע-צעטל... און אַז גאָט וועט וועלן, דאָס צעטל וועט געווינען אַ וואָסערע אַכטטויזנט רובל—פאַרוואָס נישט פינפאונצוואַנציק און טאַקע פינפאונזיבעציק און אפשר טאַקע די גאַנצע צווייהונדערטטויזנט רובל?... פאַרוואָס נישט? עס געווינען דאָך פאַרט מענטשן... איינער מוז דאָך געווינען. פאַרוואָס קען זיך נישט טרעפן, אַז מיין נומער זאָל געווינען דעם גרעסטן געווינס? כלעבן, מען קאָן דאָך גאָרנישט וויסן... אָ! וויפ, מאָל האָט מען שוין דערציילט, אַז אָרעמע-רע פון אונדז האָבן געוווּנען גרויסע סומעס און היינט פאָרן זיי אין קאַרעטן און האָבן אַפּילו פאַרגעסן, אַז זיי זענען אַמאָל געשטאָרבן פאַר הונגער, און שעמען זיך נישט צו לייגן פאַר זייערע טעכטער גאַנ-צע פופציקטויזנט!... אָ, צו וואָס פאַר אַ לייטישע חתנים וואָלטן מיינע קינדער געקומען מיט פופציקטויזנט רובל נדן! באשר מיינער איז אין די זאַכן אַ נאַר און פאַרשטייט נישט, אַז מיט אַ סך נדן קען מען אויסכאַפּן דעם לייטעשסטן יונגנמאַן!... גיב איך מיר פופציקטויזנט פאַר פ־אַניען, פופציקטויזנט פאַר מאַניען און פופציקטויזנט פאַר סאָניען. און פאַר מיר מיט מיין חיימען וואָלט אויך גענוג געווען פופציק-טויזנט... איך וואָלט נאָך געקענט דעם אָרעמען טרעגער, וואָס איך קויף ביי אים שפייז אין קלייטל, אַלע זונטיק אויפן יריד אַנטלייען עטלע-כע רובל, ער זאָל קענען צו דער צייט קויפן סחורה, ער זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו די בלוטצאַפּערס, די וואָכערניקעס, וואָס ציען אויס פון אים די נשמה. כלעבן, אַ רחמנות! אַ ייד פון אַ ווייב מיט אַזויפיל

קליינע קינדערלעך... זיי האָרעווען, נעבעך אַזוי. און דער יידענע, וואָס טראָגט מיר מילך, אַ ביטערע אלמנה מיט פיר קראַנקע יתומימלעך, וואָלט איך דען נישט געהאָלפן? און דעם וואַסערטרעגער — אַ גאַנץ ערלעכער ייד, נישט לאַנג האָט זיך ביי אים אַנידערגעלייגט דאָס פערדל, זיין איינציקער מפרנס, און איצט מוטשעט ער זיך, מיינע שונאים, אויף דעם טויט און טראָגט, נעבעך, אויף זיינע פּלייצעס די עמער — מיט פופציק רובעליעס, וואָלט איך אים דאָך געקענט גליקלעך מאַכן!... אוי, אוי! וויפל מענטשן וואָלט איך געקענט העלפן! אַז איך זאָל צוטיילן אַ האַלב פאַרמעגן, וואָלטן נאָך אויך געבליבן פינפאונצוואַנציק טויזנט... פון מיינעטוועגן וואָלט רעכט געווען זיך באַנוגענען מיט צענטויזנט און אַפילו מיט פינפטויזנט אויך... וואָס דאַרף איך מישטיינסגעזאָגט, האָבן מיט מיין אלטן? אַז אַלע מיינע קינדער וועט זיין גוט, און אַלע מיי-נע אָרעמע באַקאַנטע וועלן שוין נישט זיין אָרעם? אוי, גאָט! פּרווו מיך כאָטש איינמאָל מאַכן פאַר דיין קאַסיר, וואָלסטו געזען, אַז דו וואָלסט קיין חרטה נישט געהאַט! פּרווו מיך, גאָטעניו!...

מיט אַ גוטן שמייכל אויף די ליפּן, אַז עס וואָלט ממש געווען אַ יושר, אַז גאָט זאָל זיך אויף איר דערבאַרעמען און כאָטש איינמאָל אויף איר לעבן פּרווון מאַכן זי פאַר אַ קאַסירערין, איז זי געשמאַק אַנט-שלאָפן געוואָרן, ערשט צוויי שעה פאַרטאָג.

„גאָט איז אַ גוטער און זאָגט נישט אָפּ די, וואָס בעטן אים ערנסט“— איז געווען איר לעצטער געדאַנק פאַרן שלאָף.

אָפּגעשפּאָרט פון שבת.

פרייטיק פּאַרנאַכט האָט חנה איבערגעציילט, וויפל זי האָט אָפּ־געשפּאָרט די ערשטע וואָך—זי האָט געהאַט צוויי רובל!

זי האָט זיי באַשפּיגן דריי מאָל, עס זאָל זיין מיט מזל און זיי באַהאַלטן אין קאַסטן, אין אַ באַזונדער קליין קעסטעלע, וואָס נאָך מיידל־וויז האָט זי דאָרט געהאַלטן אַלע זאַכן, וואָס מען דאַרף האָבן צום גייען. חנה איז געווען זייער צופרידן.

די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט. מען האָט שוין אָפּגעבענטשט ליכט. דער עולם איז געלאָפן אין שול אַריין דאַוונען.

חנה האָט שוין אויך אָפּגעבענטשט ליכט. אין שטוב איז גע־ווען שיין און ליכטיק. פון יעדן ווינקעלע האָט עס געשיינט. די בענטש־ליכט מיט דעם ריינעם ווייסן געגרייטן טיש אין דעם ליכטיקן הויז האָבן באַשיינט די דריי שיינע טעכטער מיט זייער מוטער, וועלכע האָבן זיך איבערגעטון לכבוד דעם טייערן שבת.

חיים איז געקומען פון שול צוזאַמען מיט אַן אורח. ער האָט אָנגעהייבן זאָגן „שלום עליכם", דער אורח האָט אים צוגעהאָלפן. נאָך דעם האָט חיים געמאַכט קידוש, צוגעגאָסן דעם כּוס, געגעבן צו ביס־לעך ווייב און קינדער. דער דינסט־מיידל, וועלכע איז געשטאַנען לעבן דער טיר און זיך צוגעהערט צום קידוש, האָט חנה צוגעטראָגן דעם כּוס, געגעבן פון קידוש. אַז דער אורח איז אויך פאַרטיק גע־וואָרן מיטן קידוש, האָט מען זיך געוואַשן און זיך געזעצט צום טיש.

אַלץ איז געווען גוט און פיין, אָבער די פיש און חלה פון ערשטן סאָרט מעל האָבן געפעלט, כאָטש קיינער האָט עס אפילו נישט באַמערקט. די קינדער האָבן נאָך געהערט פאַר שבת פון דער מוטער, אַז זי וועט אָנהייבן אָפּשפּאָרן. אויף וואָס, למשל, אָפּשפּאָרן, האָבן זיי נישט געוווּסט. די יונגע מיידלעך האָבן ווייניק געטראַכט דערפון. קיי־נער האָט זיך נישט געניטיקט אין פיש און גוטע חלה, קיינער האָט וועגן דעם אַ האַלב וואָרט נישט דערמאָנט, אָבער חנה האָט געפילט, אַז עס פעלט עפּעס צום שבת. זי איז עפּעס נישט פריילעך געווען, ווי אַלע שבת ביים טיש. חיים האָט עס אפילו באַמערקט און זי גע־פרעגט, וואָס איז זי טרויעריק. זי האָט געשמייכלט און געזאָגט, אַז ס׳איז גאָרנישט.

אין אַ פאַמיליע איז געוווּנג, אַז איינער זאָל ווערן טרויעריק, ווערט שוין דאָס גאַנצע הויז, די גאַנצע פאַמיליע אומעטיק.

מען האָט אָפּגעגעסן, נאָר עפּעס נישט אַזוי פריילעך, ווי אַלע שבתים. דער צווייטער סאָרט חלה האָט עפּעס גאָרנישט געשיינט אויפן טיש. דאָס גאַנצע עסן האָט גאָרנישט געהאַט דעם שבתדיקן טעם. אפילו די ליכט מיטן לאָמפּ האָבן געבריענט טונקעלער, ווי אַלע שבתים. חנה האָט זיך געפילט אין דעם אַלעם שולדיק, נאָר זי אַליין איז שולדיק. איבער איר איז פאַרשטערט געוואָרן דער שבת. אָ! וויפל וואָלט איצט חנה אָוועקגעגעבן, אַז עס זאָלן פּלוצים אויפן טיש אויסוואַקסן גוטע געפעפערטע פיש און חלות פון ערשטן סאָרט מעל!..

כאָטש פון היינטיקן שבת זענען אויך אַלע געווען זאַט און אַלע זענען, ווי נאָך אַ גוטער וועטשערע, געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן, נאָר חנהן האָט זיך נישט געשלאָפן. דאָס געוויסן האָט זי עפּעס געמוטשעט. זי האָט נישט געפונען אָפּצושפּאָרן פון עפּעס אַנדערש, ווי נאָר פון דעם טייערן הייליקן ליבן שבת־קודש!..

דער לאָמפּ האָט אָנגעהייבן אויסגיין, די בענש־ליכט—צו קיינעצן, שוואַרצע שאָטנס האָבן באַדעקט די וואַנט און אַלע זאַכן, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטוב. אָט איז אויף אַ סעקונדע אַ ביסעלע ליכטיקער געוואָרן, האָבן די שאָטנס אָנגעהייבן שפּרינגען, קלענער ווערן, און אָט איז נאָך טונקעלער געוואָרן און די שוואַרצע שאָטנס האָבן שוין כמעט באַלייגט די גאַנצע וואַנט! נאָר איין ווינקל מיט אַ שמאָלן פּאַס אויף דער סטעליע איז נאָך אַ ביסעלע ליכטיק. חנה קוקט אויף דעם ליכטיקן ווינקל, ווי ער ווערט אַלעמאָל ליכטיקער, ליכטיקער, גרעסער,

גרעסער, און פון דעמדאָזיקן ווינקל גייט אַרויס אַ יונג שיין ווייבל. מיט גרויסע שוואַרצע אויגן. דאָס געזיכט איז ווייס און שיינט ווי די זון, זי גייט אָנגעטון אין אַ לאַנג ווייס אַטלעסן קלייד, איינגעהעפט מיט בריליאַנטן, דימענטן און פערל. דאָס יונגע ווייבל טראָגט אויפן קאָפּ אַ טשיפּיקל, ווייס ווי זילבער, מיט אַ סך, אַ סך שליאַרקעלעך, אויף יעדן שליאַרקעלע — אַ גרויסער פּערל. אויף איר ברוסט זענען אָנגעשטעקט אַ סך פרישע שמעקנדיקע בלומען. חנה פילט דעם טייערן ריח פון דערווייטנס און דערקוויקט זיך מיט זייער פרישקייט. דאָס יונגע ווייבל הייבט אָן מיט קליינע שטילע טריט צו גיין נענטער צו חנהן און אַלע מאָל, ווי זי מאַכט אַ טריט ווייטער, ווערט עס העלער און העלער, ליכטיקער און ליכטיקער. פון איר פערל און בריליאַנטן פינקלט חנהן אין די אויגן. אָט איז זי שוין לעבן איר. פון גרויס ליכטיקייט קען איר חנה נישט קוקן אין געזיכט, פונקט ווי אין דער שיינענדיקער זון. דאָס יונגע ווייבל נעמט אַראָפּ אַ שמעקעדיקע רויז פון איר ברוסט און לייגט איר צו ביי דער נאָז. חנה דערקוויקט זיך, און אָט זעט חנה, ווי דאָס יונגע ווייבל, וואָס האָט זי אַזוי דערקוויקט מיט ליכט און בלומען, איז זייער אומעטיק.

און חנה פרעגט:

— וואָס זענט איר אַזוי טרויעריק, טייערע? איר האָט דאָך מיך פּשוט דערקוויקט מיט אייערע בלומען.. זעט, ווי איר זענט שיין, ווי איר זענט רייך. איר דאַרפט דאָך זיין די גליקלעכסטע פון אַלע גליקלעכסטע אין דער וועלט! זייט בעסער פריילעך, צו וואָס דאַרפט איר זיין טרויעריק?

אָבער די יונגע פרוי זאָגט:

— אמת, איך בין די גליקלעכסטע אין דער וועלט. די גאַנצע וועלט ליבט מיך און באַזינגט מיך, און צוליב מיר, אַז מיר זאָל זיין ליכטיק, צינט מען אָן אויף דער וועלט מיליאָנען ליכט. צוליב מיר נעמען זיך צונויף גאַנצע פאַמיליעס אויף איין אָרט און מען עסט, מען טרינקט, מען זינגט און מען איז פריילעך. אפילו דעם אָרעמאַן גיט מען אויך, צוליב מיר, זאַט צו עסן. אַלע, אַלע זענען גליקלעך צוליב מיר — איך בין ש ב ת!..

— זענט איר עס דער הייליקער ש ב ת, דער טייערער שבת — צו וואָס־זשע זענט איר אַזוי טרויעריק, מיין לעבן, מיין האַרץ, מיין נשמה, מיין טרייסט! זיצט אַ ביסל, מיין הייליקער שבת, און זייט נישט טרויע־

דיק, איר זענט דאָך געקומען צו געטרייע פריינט אין שטוב! איר זענט דאָך פון אַלעמען אַזוי געליבט! איר זענט דאָך די גליקלעכסטע אין דער וועלט און מאַכט גליקלעך די גאַנצע וועלט!

—איך דאַנק אייך, איך קען איצט נישט זיצן, איך קען נישט זיין פריילעך... זעט, וואָס פאַר אַן אומגליק מיך האָט געטראָפן! (זי האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף די שליארקעלעך פון טשיפּיק). אָט זעט, קוקט, ווי צוויי פערל פעלן מיר — צוויי פערל האָב איך צוליב אייך פאַרלוירן!.. דערום בין איך געקומען צו אייך זיך קלאָגן, מיין טרויער אייך וויזן—איז דאָס אַ יושר, ליבע חנה? איר טראָגט דאָך אַ יידישן נאָמען. איז דאָס אַ יושר פון אַ יידישער טאָכטער אָפּצושפּאָרן פון מיר, אַז איך זאָל איבער דעם פאַרלירן צוויי טייערע גרויסע פערל? איז דאָס אַ יושר, בשעת איר רוט זיך אַלע אויס אין מיין שויס? דיין מאַן האָרעוועט ווי אַן אָקס אין שפּאַן די גאַנצע וואָך, אָבער ער רוט זיך אויס ביי מיר און גלייכט אויס זיינע פאַרהאָרעוועטע ביינער, און באַקומט ווייטער כוח די גאַנצע וואָך צו אַרבעטן... פרעג איך דיך, איז דאָס אַ יושר, אַז דו זאָלסט פון מ י ר אָפּשפּאָרן? איך זאָל איבער דיר אַזוינע צוויי טייערע פערל פאַרלירן? און דו פרעגסט מיך נאָך, וואָס איך בין טרויעריק!..

חנה האָט זיך געוואָלט צעוויינען, ווי אַ קליין קינד. זי האָט געוואָלט קושן און איבערבעטן דעם טייערן הייליקן שבת, אָבער דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהייבן שטאַרק צו דריקן און זי האָט נישט געקענט רעדן. זי האָט נאָר געזען, ווי דאָס שיינע ווייבל איז ווייטער פאַר איר בעשטאַנען טרויעריק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. די אייגענע רויז האָט זי איר פאַמעלעך צוגעלייגט צו דער נאָז און חנה האָט שוין מער נישט געקענט קוקן אין איר ליכטיק געזיכט, ווי אין דער שיינענדיקער זון. עס האָט איר שטאַרק געפינקלט און געשטראַלט אין די אויגן. דאָס שיינע ווייבל האָט אָנגעהייבן פּאַמעליע צוריק אָפּצוטרעטן מיט קליינע שטילע טריט. חנה האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט און זי געוואָלט ציען צוריק, נאָר—זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף...

— מאַמע, דער טאַטע וואַרט, שטיי אויף, וועלן מיר טרינקען אַלע צוזאַמען טיי! — האָט זי פראַניע געוועקט מיט צוויי דרייסע קושן.

דריי שוועסטער.

פון דעם שבת אָן איז שוין אַוועקגעגאַנגען אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, און פראַניע איז שוין אַלט געוואָרן איינאונצוואנציק יאָר. נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט. פיל ערגער איז געווען, וואָס מאַניע איז דערווייל אַלט געוואָרן נײַנצן יאָר...

אין דער קליינער צייט האָבן זיך ביי חנהן אויפן שטערן געוויזן אַ סך נײַע קנייטשען און נאָכמער נײַע גרויע האָר ביי חיימען אין קאָפּ.

שדכנים זענען צו זיי אין הויז נישט אַריינגעקומען.

— צו די הײַנטוועלטיקע גייט מען זיך נאָר אָן און מען רייסט אומזיסט שטיוול, — פלעגן די שדכנים זאָגן. — דידאָזיקע לייט איז שווער חתונה צו מאַכן...

זיי זענען אָבער אויך נישט געגאַנגען דערפאַר, ווייל זיי האָבן גוט געוווסט, וואָסער מיידל עס האָט נדן און וואָסער נישט. פונדעסטוועגן האָבן אַלע רייכע כלות, פון וועלכע די שדכנים זענען נישט אָפּגעטרעטן, שטאַרק מקנא געווען די פריידקינזאָנס. ארום פראַניען האָבן זיך געדרייט פיל יונגעלייט, די שענסטע, די פיינסטע, די געבילדעטסטע און די געלערנטסטע, אָבער פראַניע אַליין פלעגט אָפט קרעכצן און זיפצן ביי זיך אין צימער.

— וואָס ווילן זיי פון מיין לעבן האָבן? דידאָזיקע „טשערעדע"... צו וואָס יאָגן זיי זיך נאָך מיר? זיי נעמען נאָר צו ביי מיר די גאַנצע צייט, מיינע יונגע יאָרן... שטענדיק זיי איינגעשפּאַנט אין קאָרסעט, וואָס איז? הער אָץ איז געקומען און הער קלאָץ וועט באַלד זיין — אַן אָפּקומעניש און ווייטער גאָרנישט! אַמאָליקע יאָרן האָט זיך מיר אַלץ געגלוסט, עס איז ביי מיר געווען דאָס בעסטע

פאַרגעניגן, ווען זיי האָבן זיך אַרום מיר געדרייט. נאָר... זינט איך האָב אים דערקענט...

ווען זי האָט זיך נאָר דערמאָנט אין „אים”, האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן. אונטער דעם וואָרט „אים” האָט זי געמיינט דעם איצטיקן יונגן נייעם דאָקטאָרל, פּאָול אַבראַמאָוויטש זינגער, וועלכער האָט זיך מיט איר באַקענט אַלס סטודענט, ווען ער איז איבערגעגאַנגען פון ערשטן קורס אין צווייטן און איז געקומען אויף „קאַניקול” קיין אריבאַטעוועקע צו זיינעם אַ פעטער, ווו ער פלעגט פאַרברענגען גאַנצע צוויי חדשים. פון דער צייט אָן, וואָס ער האָט זיך באַקענט מיט פראַניען, פלעגט ער די גאַנצע צוויי חדשים איבערליגן ביי פריידקינזאָנען אין הויז. צוזאַמען שטענדיק געגאַנגען שפּאַצירן און גערעדט האָבן זיי נאָרביידע און געווען פאַרליבט אינאייגאַנדער איבער די אויערן. די געציילטע יונגעלייט, וואָס האָבן דערפון געוווּסט, האָבן שטאַרק מקנא געווען זינגערן, וואָס פראַניע, די קלוגע, שיינע, ווילע פראַניע, האָט אים ליב... פראַניע האָט זיך ווירקלעך איבערגעגעבן זינגערן מיט איר גאַנץ לעבן, עס איז ביי איר געווען די ערשטע ליבע, זי האָט געלעבט מיט זיינע אידעאַלן, מיט זיין לעבן. ער האָט נאָר געטראַכט דערפון, ווי דעמאָלט, ווען ער וועט זיין אַ דאָקטאָר, וועט ער די גאַנצע צייט אַוועקגעבן פאַר די אָרעמע קראַנקע, און מאַכן אַ פאָנד, צו שטיצן זייערע פאַמיליעס, ביז די קראַנקע וועלן ווערן געזונט און שטאַרק. און וואָס ער האָט געזאָגט, איז ביי איר געווען תּורת לאָקשן. זינגער איז געווען איר גאָט; זינגער האָט איר אויך מיט דעם געצאָלט. און ווען עס איז געקומען די צייט און ער האָט באַדאַרפט אַוועקפאָרן, האָט מען זיך געזעגנט, פונקט ווי ער וואָלט געפאָרן אויף יענער וועלט. דאָס גאַנצע יאָר זענען געגאַנגען צווישן זיי עטלעכע מאָל אין דער וואָך הייסע בריוו.

די צען חדשים ביז די פעריען זענען ביי זיי געווען צען יאָר, און ווען ער איז געקומען, איז מען ווייטער געווען פון די גליק-לעכסטע אויף דער וועלט, און מען האָט ווייטער אָפּגעלעבט די צוויי חדשים, ווי גאָט אין אדעס.

דער איינציקער צוועק אין זייער לעבן איז געווען, ער זאָל שוין ענדיקן. מען האָט שוין אָפּילו אויסגערעכנט, וויפל טעג עס זענען נאָך דאָ אין די צוויי, דריי יאָר ביז ער וועט ענדיקן. טייכן

טרערן האָבן זיך אין דער צייט געגאָסן. מיליאָנען זיפצן זענען פון האַרץ געפלויגן, טויזנטער בריוו האָט מען אין דער צייט געשריבן און געגלויבט צו גאָט — אָט ענדיקט ער! עס זענען בלויז געבליבן געציילטע טעג, און אַז ער וועט איצט קומען, וועט ער שוין מער נישט אַוועקפאָרן. ער וועט שוין בלייבן אייביק, אייביק לעבן איר!

די צייט איז געגאַנגען, ער האָט שוין לאַנג געענדיקט, און נישט נאָר ער איז נישט געקומען — ער האָט אַפילו קיין בריוו נישט געשריבן. פראַניע האָט נאָך געפּרוווט אים אָנשרייבן אַ לעצטן בריוו מיט איינעם, וואָס איז געפאָרן קיין ק. און דעמאָלט האָט זי אויך באַקומען אַ „לעצטן" בריוו, אין וועלכן ער גיסט מיט טרערן, הייבט זי ביז אין הימל — נאָר, נאָר... נישט אַלץ קען ער אַרויסשרייבן, וואָס ביי אים קומט איצט פאָר, וואָס ער לעבט איבער און דאָסגלייכן...

אין אַ צייט אַרום האָט פראַניע געהערט, אַז ער האָט חתונה געהאַט און גענומען צוואַנציקטויזנט רובל נדן. און אויך פאָרט ער מיט אייגענע פערד צו די קראַנקע און נעמט נישט ווייניקער, ווי דריי רובל פאַר אַ וויזיט...

פון דעמאָלט אָן זענען איר נמאס געוואָרן די אַלע, וואָס דרייען זיך אַרום איר. זי האָט זיי מער נישט געגלויבט.

שפּעטער מיט אַ צייט האָט זי זיך באַקענט מיט גאָרפינקלען, וואָס איז איר באַזונדערס געפעלן געוואָרן דערפאַר, ווייל ער פלעגט שטענדיק זידלען די היינטיקע פאַרדאָרבענע געבילדעטע יונגעלייט, וואָס פאַרקויפן זיך צו רייכע אַרענדאַרסקע טעכטער אַבי צוואַנציק־טויזנט רובל נדן. בכלל פלעגט ער נישט אויפהערן צו זידלען די רייכע יידן, וואָס זיי עקספּלואַטירן דעם אָרעמאַן, טוען גאָרנישט לטובת הכלל, האָבן נאָר זיך אין זינען, זייער מאָגן, זייער קישקע. מער פון אַלע פלעגט ער זידלען זיינע חברים, די סטודענטן, וועלכע פאַרשטייען גאָרנישט דעם תכלית פון אמתער בילדונג און הייבן אָן צו לערנען נאָר מיט דעם געדאַנק: אַ מטבע, אַ קערבל, נדן, קאַרעטעס...

גאָרפינקל האָט געקענט שיין רעדן, און דערצו האָט ער אַ וואָרט נישט אַרויסגערעדט אָן פייער.

די גוטע ערלעכע פראַניע האָט אים זייער געשעצט פאַר אַזאַ מין רעדן און האָט זיך צוגעבונדן צו אים, ווי צו אַ גוטן פריינט, ווי צו אַן אייגענעם ברודער, וואָס טרויערט צוזאַמען מיט איר אויף דער פאַלשקייט פון דער וועלט. ווען אַלע מענטשן זאָלן אַזוי ליב

האָבן דעם אמת ווי גאָרפינקל — פלעגט פראַניע טראַכטן, וואָלט גאָר קיין פאַלשקייט נישט געבליבן אויף דער וועלט. עס וואָלט געווען אַ שיין גוט ערלעך לעבן.

טיילמאָל אָבער פלעגט איר קומען אויפן געדאַנק, אַז מען דאַרף חתונה האָבן און דעמאָלט פלעגט זי טראַכטן: „וואָס איז אַזוי דאָס איילעניש? ווארים וואָס פאַרזאָמט מען דאָ? דאַכט זיך, אַז אַפילו אין פינף יאָר, אין עלף יאָר אַרום, וועל איך נאָך אויך האָבן צייט דערצו... אָבער אין שטאָט שטעכט יעדער די אויגן, ווען מען איז אַ ביסל איבערגעוואקסן, כאָטש יעדער זאָגט דיר גאָרנישט און רעדט נישט אַ האַלב וואָרט, דו מעגסט דיר זיין איבערגעוואקסן, וויפל דו ווילסט, נאָר אויף יעדנס אויג איז אָנגעשריבן: „איך קוק אויף אַן אַלטער מויד”. מיינע עלטערן טרייבן מיך אַפילו נישט פון שטוב, אָבער עס איז עפּעס שווער צו זיצן...

זי האָט זיך פלוצלונג צעלאַכט, און באַלד דערויף ווידער געטראַכט:

— און מיר זענען נאָך אַנדערע מיידלעך מקנא! וואָס איז? צו אונדז אין הויז קומען אריין די פיינסטע און געבילדעטסטע יונגעלייט. אָ, ווען זיי זאָלן וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין האַרצן... פון זייער אַרומדרייען זיך האָב איך מער נישט ווי דאָסדאָזיקע: איך מוז אַוועקוואַרפן אַלע אַרבעט און ווערן יעדנס דינסט, זיך אָנטאָן, דאָס הייסט זיין איינגעשפּאַנט אין קאָרסעט, אַרויפשלעפּן אויף זיך אַ שווערן יאָך... און אַז מען איז שוין איינגעשפּאַנט, פאַרצויגן, פאַרקרעמפּעוועט — טאָ זיץ און זיץ. רעד, לאַך, שפּרינג, מאַך זיי פריילעך — וואָס איז? זאָלן זיי האָבן אַ גוטע מיינונג וועגן דיר, זאָלן זיי דערנאָך זאָגן, אַז זיי האָבן ביי אונדז אין הויז די צייט גוט פאַרבראַכט. טו דאָס נישט, ס'פּאַסט נישט. עס איז נישט שיין. וואָס פאַר אַ יונגערמאַן וועט דערנאָך אַריין צו אונדז אין שטוב, ווען מען וועט אים, הלילה, איבעריאָזן מיט דער מאַמען רעדן, אָדער לאָזן אים שווייגן, צי אָדער גאָר אַליין זיצן און אָפּרוען דאָס מויל!

אין דעם אייגענעם צימער, נאָר אויף אַן אַנדער בעטל, האָט מאַניע, די ייִנגערע שוועסטער, אויך געטראַכט וועגן קאַוואַליערן:

— אַן אומגליק איז פאַר מיר מיין עלטערע שוועסטער! אומעטום שטייט זי מיר אין וועג; וואָלטן דען יונגעלייט אַרום מיר זיך נישט געדרייט, ווען נישט זי? און צו וועמען קומען זיי דען, אַז

נישט צו מיר? עס איז נאָר צום לאַכן, ווי זי מיינט אײַנדערעדן, אַז זיי גייען נאָר צוליב איר. דער גאַנצער יחוס איז מיט איר, וואָס זי איז די עלטערע. און די מאַמע זאָגט מיר אָן, אַז ווען עס קומט אַ יונגערמאַן, זאָל איך זיך ווײַניקער „וואַרפן אין די אויגן" און אַמאָל זיך גאָרנישט ווײַזן. וואָס איז? — איך האָב אַן עלטערע שוועסטער! אָך, ווען איך האָב דאָס נישט קיין עלטערע שוועסטער! איך טאָר אַפילו קיין וואָרט נישט אויסרעדן, ווען פראַניע רעדט... קען איך דען נישט שענער רעדן פון איר? דאָס שענסטע קלייד מאַכט מען איר. וואָלט עס מיר דען נישט שענער געפּאַסט? איך וואָלט שוין לאַנג געווען אַ כלה, ווען מײַן עלטערע שוועסטער זאָל מיר נישט שטערן, נישט שטיין מיר אין וועג.

און אויפן דריטן בעטל האָט די דריטע שוועסטער געטראַכט:

— עס איז נאָר צו לאַכן. איך בין שוין אַלט זיבעצן יאָר — און די מאַמע לאָזט מיך נישט אַרויס פון מײַן קורץ קליידל! וויפל איך האָב זי געבעטן, זי זאָל מיר שוין מאַכן אַ לאַנג קלייד, וויל זי נישט... זי זאָגט, אַז איך בין נאָך אַ קינד און מעג נאָך טראָגן אַ קורץ קליידל. מען דאַרף נאָר לאַכן. האָט איר געהערט אַ קינד? אַ שיין קינד, כלעבן! אַנדערע אין מײַנע יאָרן טראָגן שוין פון צוויי יאָר לאַנגע קליידער. נאָר איך טאָר נישט, וואָס איז? איך האָב צוויי עלטערע שוועסטער! אוי, איז נישט גוט, אַז מען האָט צוויי עלטערע שוועסטער! בערטע, מײַן חברטע, אין איינע יאָרן מיט מיר — איז שוין פון צוויי יאָר פאַרליבט, און אַפאַנאַסיע האָט זי אַזוי שטאַרק ליב!.. באָריס איז שוין אין זעקסטן קלאַס — און ער האָט מיך דען נישט ליב? ער וואָלט דען נישט געקומען אָפט צו אונדז אין שטוב? נאָר די מאַמע וועט נישט לאָזן. וואָס האָט צו טאָן באָ-ריס ביי אונדז, וועט באַלד די מאַמע פרעגן. און ווען ער קומט יאָ אַמאָל, רעדן מיט אים פראַניע און מאַניע, און איך טאָר אַפילו אַ וואָרט נישט אויסרעדן — וואָס איז? איך האָב עלטערע שוועסטער!.. איך מוז זיך מאַכן פאַר אַ נאַריש קינד, איך מוז ווערן אַ שטומע און טאָר נישט רעדן, ווי אַ מענטש רעדט מיט מענטשן... איך קען רעדן נאָר מיט קליינע קינדער, איך טאָר זיך נישט רעכענען פאַר אַ מענטשן גלײַך מיט מײַנע שוועסטער... קען איך דען נישט רעדן גלײַך ווי זיי, זיך אָנטאָן שיין, ווי זיי? נאָר איך טאָר נישט — איך טאָר גאָרנישט! ווײַל איך בין געשטראָפט מיט עלטערע שוועסטער!..

בײַ יעדן קלענסטן ספֿק פֿלעגן די ייִנגערע געבן שטאַרק צו פֿילן פֿראַניען, אַז זי שטייט זיי אין וועג. און ווען נישט זי, וואָלט מען זיי שוין לאַנג אויסגעכאַפּט.

זיי וואָלטן שוין לאַנג געווען כּלות פֿאַר די רײַכסטע, געבילדעטסטע און שענסטע יונגעלײַט.

און פֿראַניע, וועלכע האָט געהאַט דאָס אומגליק געבוירן צו ווערן די עלטערע, פֿלעגט אירע שוועסטערס ווינק גוט פֿאַרשטיין און פֿילן און זיך נישט אײנמאָל דעריבער באַוואַשן מיט טרערן.

— איבער דעם אַליין, וואָס זיי ווײַזט זיך אויס, אַז איך שטיי זיי אין וועג, וואָלט איך אַנטלאָפֿן אין עק וועלט — פֿלעגט פֿראַניע פּײַנלעך טראַכטן, — דאָס אַליין קען מיך דערפֿירן דערצו, איך זאָל חתונה האָבן אַפֿילו פֿאַר אַ איך ווייס נישט וועמען, אַבי זיי נישט שטיין אין וועג... אָבער וועמען קען מען דען כאַפּן פֿון דער גאַס? און אַפֿילו די יונגעלײַט, וואָס דרייען זיך אַרום מיר און זיצן טאָג און נאַכט איבער בײַ אונדז אין הויז, קען מען דען כאַפּן?

צוליב דער גרויסער ליבשאַפֿט פֿון די עלטערן צו איר, פֿלעגט זי אָפֿט קומען צו איר פֿריערדיקן שטאָלץ און זיך באַרויִקן.

עפּעטער האָט זי געטראַכט פֿון גאָרפֿינקלען.

— גאָרפֿינקל איז זייער אַן ערלעכער מענטש. וואָס ער רעדט, דאָס מיינט ער. אָ! ווען אַלע מענטשן וואָלטן זײַן אַזוי־ווי ער, וואָלט נאָר אַן אַנדער וועלט געווען.

פֿראַניע האָט געמעגט רעכענען, אַז ער איז צו איר נישט גלײַכגילטיק, ווײַל שוין כּמעט דאָס דריטע יאָר, ווען ער קומט נאָר אויף פֿעריען, פֿאַרברענגט ער די צײַט מיט איר מער ווי מיט אַלע אַנדערע פֿרײַלנס.

— און אפֿשר איז ער שוין פֿאַרליבט... — פֿלעגט פֿראַניע טראַכטן. — ער איז אַזאַ ערלעכער, אַז עס עפֿנט זיך אים גאָרנישט דאָס מויל, ער זאָל עס מיר קענען זאָגן... יאָ, ער האָט מיך ליב, דאָס ווייס איך, דאָס זע איך, אפֿשר איז דאָס טאַקע מײַן באַשערטער.

אין די מינוטן, ווען זי האָט געטראַכט פֿון גאָרפֿינקלען, איז פֿראַניע געווען זייער גליקלעך און האָט פֿאַרגעסן אין אַלע צרות.

נאָר ווען די ייִנגערע שוועסטער האָט געוויזן אַ מינע, אַז זי שטייט איר אין וועג, איז פֿראַניע בײַ זיך באַלד ווידער אַראָפּגעפֿאַלן, געפֿילט זיך פֿאַר דער אומגליקלעכסטער, פֿאַרגעסן אין אַלע

יונגעלייט, וואָס דרייען זיך אַרום איר, פאַרגעסן אַפילו אָן גארפינ-
קלען, אַז ער האָט זי ליב, און פאַרגעסן, אַז זי איז נאָך יונג, שיין,
ליב און ווויל.

אין אָט די מינוטן האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי איז שוין
אַלט, אַז זי האָט שוין איר יוגנט אָפּגעלעבט. זי איז שוין איבעריק —
איבעריק אַפילו ביי אירע עלטערן אין הויז, און עס איז שוין צייט
אַנדערע אָפּצוטרעטן דעם וועג, נישט שטערן די ייִנגערע... וואָרים
יענע ווילן און דאַרפן אויך האָבן אַ יוגנט גלייך מיט איר.

אין אַזעלכע מינוטן איז זי געווען גרייט אויף אַלץ, אַבי נישט
זיין מער ביי אירע עלטערן אין הויז.

אין דעם מינוט, ווען עס וואָלט מעגלעך געווען, זי זאָל ווערן
אַ כלה פאַר וועמען עס איז, נאָר אַבי ווערן אַ כלה, אַז זי זאָל
טאַקע אין דער מינוט חתונה האָבן און טאַקע אין דער אייגענער
מינוט אַרויס פון אירע עלטערן מיט איר מאַן וווינען, אַפילו אין אַ
קעלער, אין אַ קאַנורע, וואָלט זי זיך גערעכנט פאַר דער גליקלעכ-
סטער אין דער וועלט.

כאָטש די עלטערן האָבן קיינמאָל נישט געהערט און נישט גע-
ווּסט, וואָס עס קומט פאָר צווישן זייער טאָכטער, נאָר חיימען האָט
דאָך זיין פאָטערלעך האַרץ געזאָגט, פאַרוואָס פראַניע איז טרויעריק,
און איינמאָל, ווען ער האָט זי געפונען אין אַזאַ לאַגע, האָט ער זי
אָנגעהייבן קושן און האַלדזן.

— דו זאָלסט זיין טרויעריק, פראַנעטשקע? דו זאָלסט זיך רע-
כענען פאַר אומגליקלעך, ווען איך לעב נאָך? ווען דו געפינסט זיך
ביי מיר?! ווייסטו דען נישט, אַז דו ביזט ביי מיר קיינמאָל נישט
איבעריק, אַז מיין לעבן, מיין האָרעוואַניע, איז נאָר פונדיינעטוועגן,
אַז איך האָב דיך ליבער פון אַלע מיינע קינדער? וואָרים דו ביזט
ביי מיר די עלטססטע, די שענערע, די ווילערע, די קליגערע! דו
ביזט מיין קינד, אָבער דו ביזט אויך מיין טייערע חברטע, איך גיב
דיר אַלץ און וועל דיר געבן אַלץ. וואָס גייט דיר דען אָפּ, וואָס דו
האָסט נישט? היינט צו וואָס-זשע דאַרפסטו זיין טרויעריק? וואָלסטו
דען זיך נישט באַדאַרפט פילן גליקלעך? זאָג מיר, אַדרבה, וואָס
פעלט דיר? ביזטו אפשר נישט געזונט, און ווילסט מיר נישט אויס-
זאָגן? זאָג, זאָג דאָך, מיין לעבן!

נישט איינמאָל האָט ער איר אַרויסגעוויזן אַזאַ ליבשאַפט

און געבעטן, זי זאָל אים זאָגן וואָס איר פעלט, פאַרוואָס זי איז טרויעריק.

און זי פלעגט אים ענטפערן, אַז זי איז גאָרנישט טרויעריק. עס ווייזט זיך אים נאָר אויס, אָבער ער איז זיך טועה.

קיינמאָל האָט זי אים דעם אמת נישט געזאָגט, נאָר איצט האָט זי אַליין נישט באַמערקט, ווי זי האָט אָנגעהייבן אויסרעדן פאַר אים איר האַרץ.

— מיין ליבער פאטער! איך ווייס, אַז איך בין געבענטשט מיט טייערע עלטערן, מיט אַזאַ געטרייען פאָטער, ווי דו. איך ווייס, אַז איך בין דיר קיינמאָל נישט איבעריק, און אַז דו וואָלסט מיר אַוועקגעגעבן אַלץ אין דער וועלט. אָבער עס איז שוין צייט אַרויסצוגיין פון דיין הילף, פון דיין הויז...

— פון מיין הויז! וואָס הער איך? דו באַליידיקסט מיך! אין מיין הויז ווילסטו נישט זיין?

— איך וויל זיין, נאָר איך קען מער נישט און טאָר מער נישט זיין אין דיין הויז!..

— דו ווילסט נישט? דו טאָרסט נישט? איבער וועמען? ווער איז אין דעם שולדיק? ווער לאָזט דיך נישט זיין? ווער מאַכט דיר שווער ביי מיר אין מיין הויז — אין ד י י ן הויז, מיין איך, וואָרים מיינס איז דיינס!

— פאָטער! דו ביזט נישט אַליין און איך בין אויך נישט אַליין...

— וואָס הייסט עס?

— דו האָסט נישט קיין רעכט צו זאָגן, אַז דיינס איז מיינס... דו האָסט נאָך קינדער, איך האָב נאָך שוועסטער... זיי ווילן א ו י ך זיין יונג, זיי ווילן א ו י ך לעבן.

— איך פאַרשטיי נישט. וואָס הייסט? זיי האָבן דען נישט ביי מיר אַלץ וואָס דו? זיי שטערן דיר אין מיין הויז? אַ! זיי האָבן דיר עפּעס געזאָגט, געקריגט זיך מיט דיר, זאָג מיר באַלד!

— זיי האָבן מיר גאָרנישט געזאָגט, און מיר האָבן זיך גאָרנישט געקריגט. ניין, פאטער, נישט זיי שטערן מ י ר, נאָר א י ך ז י י. אָבער איך האָב קיין שום רעכט נישט זיי אין וועג צו שטיין. שוין צייט זיי אָפּצוטרעטן דעם וועג. צו מיר אין זייערע יאָרן האָבן זיך שוין לאַנג געשדכנט חתנים, און זיי מוזן צוליב מיר אַלץ זיין גרויסע

קינדער, — מוזן זיין קינדער מיט אַ דערוואַקסענעם שכל, — קינדער מיט אַ הארץ, וואָס פילט אַ סך... פאַרשטיי אַליין, אַז נישט זיי זענען שולדיק, נאָר איך...

— דו... מיין קינד... נישט אין מיין הויז!.. — האָט ער קוים אַרויסגערעדט און מער נישט געפונען קיין ווערטער וואָס צו ענטפערן אויף איר אמת.

נאָכדעם האָט ער זי אַ סך געקושט און געהאַלדזט און אָן ווערטער אַוועקגעגאַנגען פון איר, ווי אַן אומגליקלעכער אָרעמער פאָטער, וואָס זיין גאַנץ לעבן שטעקט נאָר אין די קינדער און קען זיי גאָרנישט געבן, מיט גאָרנישט העלפן, אפילו נישט מיט קיין טרוקן שטיקל ברויט, וואָס אָן דעם קענען די קינדער איין טאָג ווייטער נישט לעבן.

— חנה, די פּראָסטע יידענע, איז גערעכט און פאַרשטייט מער, ווי חיים, דער געלערנטער מאַנסביל, — האָט ער זיך געזאָגט. — ערשט נעכטן איז זי אויך געווען גערעכט. די מאַמעס מיט זייערע נאַרישע ווייבערשע רייד זענען אַמאָל קליגער פון די מאַנען מיט זייערע חכמות... און ערשט נעכטן האָב איך זיך אויף איר געבייזערט... איך קען עס מיר נישט שענקען!

חנהס אפשפּאָרונגען.

נעכטן האָט זיך חיים געבייזערט אויף חנהן איבער דערדאָזיקער מעשה: זינט חנה האָט פאַרטראַכט אָפּצושפּאָרן פון דער הוצאה אויף צו קלויבן נדן, האָט זי אָבער גאָרנישט אָפּגעשפּאָרט, נאָר פאַרקערט, די הוצאה האָט אָנגעהייבן ווערן גרעסער, און עס איז איר איצט געווען שווער אויסצוקומען, כאָטש חיים האָט שוין פון אַ יאָר צוויי אויפגעהערט צו רויכערן טאַבאַק.

איין חודש האָט חנהן געפעלט צו דערציען די הוצאה ביזן ערשטן, און זי האָט זיך פאַרשולדיקט אויף עטלעכע רובל אין די

קלייטלעך, ווו זי האָט שטענדיק געקויפט שפייז מיט דעם אופן, אַז אַז דעם „ערשטן“, ווען חיים וועט ברענגען זיין פענסיע, זאָל זי באַצאָלן.

אָבער דעם צווייטן חודש האָט זי זיך נאָכמער פאַרשולדיקט — און זי האָט ווייטער געוואָרט אויף דעם „ערשטן“. פון דעם דריטן חודש האָט זי זיך נאָכמער פאַרשולדיקט, און וואָס ווייטער, איז געווען ערגער.

אין די ערשטע חדשים איז איר געווען זייער שווער אַזויפיל אָנצובאָרגן און צו לייען, ווייל זי געדענקט גאָרנישט, אַז אויף איר גאַנץ לעבן זאָל זי אויף אַזויפיל זיך פאַרשולדיקן, ווי איצט.

נאָר כדי איר מאַן נישט מצער צו זיין, האָט זי עס געמוזט טאָן, און אַלץ געוואָרט ביזן „ערשטן“.

אויף אַזאַ אופן האָט זי זיך צוגעוווינט צו באָרגן און צו באָרגן.

דער חוב איז אָבער אַזוי גרויס געוואָרן, אַז מען האָט געוואָלט אָפּשטעלן איר קרעדיט, און די שווערע נויט האָט חנהן אויסגעלערנט צו זאָגן, אַז זי וועט דעם ערשטן אײנגאַנצן באַצאָלן און דערנאָך נישט מקיים זיין. פּראָסט: חנה האָט אָנגעהייבן ווערן אַ ליגנערין.

אויסזאָגן עס חיימען איז איר געווען שווער.

זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט זיך דערשרעקן, ווען ער וועט פּלוצלונג דערהערן, אַז זי איז שולדיק אַזויפיל געלט.

עס האָט איר שוין אַפילו באַנג געטאָן, פאַרוואָס זי האָט אים נישט געזאָגט פריער, ווען זי איז נאָך אַזויפיל נישט געווען שולדיק.

חנה איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ דערשלאָגענע, און אַליין נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

אָבער די נויט האָט אָנגעדריקט אויף איר און זי האָט באַשלאָסן צו רעדן אָפן מיט חיימען.

— איך וועל אים זאָגן דעם גאַנצן אמת! — האָט זי געטראַכט.— און וואָס האָב איך דאָ מורא? וואָס איז? איך האָב זיך דען פאַרשולדיקט איבער מיר? דאָס געלט איז דען אַוועקגעגאַנגען אויף מיר? איין גאָט ווייס דעם אמת און חיים מיט די קינדער מיינע ווייסן עס אויך זייער גוט, אַז איך פאַרגין מיר נישט קיין איינציקן גראָשן צו פטרן... מיין מאַנטעלע, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, וואָלט קיינער שוין לאַנג נישט געטראָגן, און איך טראָג עס

נאָך. און ווייל, וויפל חיים מיט די קינדער בעטן מיך, איך זאָל זיך מאַכן אַ נייס, קאָנען זיי ביי מיר נישט פועלן. נאַרישע קינדער, זיי מיינען, אַז איך וויל נישט! איך וואָלט אוודאי געוואָלט. עס פלאַמט מיר שוין דאָס פנים, טראָגנדיק די אַלטע שמאַטע. נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז קיינער ווייסט נישט מיינע צרות, אַז איך האָב נישט פונוואַנען און בין אַזויפיל שולדיק אין די קלייטן! בעסער וועל איך פאַר דעם געלט אָפּגעבן אַ חוב, וועט זיין וויניקער צו צאָלן. פון מיין אַלט מאַנטעלע פלאַמט מיר נאָר איין מאָל דאָס פנים, און אַז יענער מאָנט מיך און איך האָב אים נישט צו געבן, פלאַמט מיר צען מאָל דאָס פנים.

און טאַקע אינאָוונט, פאַרן שלאָף האָט זי אים גלייך אויסגעזאָגט, אַז זי איז שולדיק חובות ביז צוויי הונדערט רובל!

חיים האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ, זיך שטאַרק צעבייזערט.

חנה האָט אין איר גאַנץ לעבן אַזויפיל שווערע ווערטער נישט געהערט פון אים.

נאָר פונדעסטוועגן האָט זי אַ וואָרט נישט געענטפערט, אַלץ געשוויגן, און זיין גאַנצן כעס פאַר ליב אָנגענומען, ווי אַ פאַרברעכער, ווען ער הערט זיין גערעכטן משפט.

חיים האָט זיך נישט אויפגעהערט צו בייזערן. ער האָט זיך איבערגעשריען און באַלד שטילער געוואָרן.

— נאָר... נאָר, זאָג מיר וויאַזוי און איבער וואָס האָסטו זיך געקענט פאַרשולדיקן צווייהונדערט רובל? צוויי הונדערט רובל! און איך האָב גערעכנט, אַז דו שפּאָרסט אַלץ... וואָס שווייגסטו? זאָג מיר כאָטש פונוואַנען האָט זיך ביי דיר אָנגעקליבן אַזאַ חוב?

— פונוואַנען? גלויב מיר, חיים, אַז אויף מיר האָב איך אַפילו אַ האַלבן גראָשן נישט אויסגעבראַכט, נאָר אויף דער שטוב... די הוצאה איז גרעסער געוואָרן...

— פאַרוואָס גרעסער? זענען אונדז דען קינדער צוגעקומען? צי וווינען מיר דען אין גרעסערע צימערן! לעבן מיר דען שענער? דאַכט זיך, ערגער... אַפילו אַ ניי מאַנטעלע קענסטו דיר די גאַנצע צייט נישט מאַכן. ווען איז דאָס געווען ביי מיר, אַז דו זאָלסט זיך דאַרפן עפּעס מאַכן און זאָלסט עס נישט קענען? איך האָב אַלץ גערעכנט, אַז דו מאַכסט זיך נישט קיין מאַנטעלע נאָר דערפאַר, ווייל דו ווילסט פאַרשפּאָרן, טראַכט איך זיך, לאָז זיין, וואָס טוט מען

נישט פון קינדער וועגן? צום סוף זאָלסטו נאָך שולדיק זיין צוויי-הונדערט רובל? סטייטש, צוויי־הונדערט רובל! ווי קומט צו אונדז אַזאַ חוב! וואָס האָסטו געטאָן? צוויי הונד...

— איך מיין, דערפאַר איז גרעסער געוואָרן די הוצאה. ווייל מיר דאַרפן טראַכטן ווי אַ קינד חתונה צו מאַכן...

— דאָס פאַרשטיי איך גאָרנישט! אַ האַלב וואָרט פאַרשטיי איך נישט! מיר האָבן נאָך קיינעם נישט חתונה געמאַכט, קיין איי-דעם אין שטוב נישט אַריינגענומען און די הוצאה איז שוין גרעסער געוואָרן! קיין גאָרדעראָבע צו דער חתונה האָסטו, דאַכט זיך, נאָך אויך נישט געמאַכט, פאַרוואָס-זשע איז די הוצאה גרעסער געוואָרן?

— דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז מען האָט דערוואַקסענע טעכטער, מוז אונדזער הויז זיין אָפן פאַר יעדן, און אָפן הויז קאָסט געלט...

— דו מיינסט די געסט, וואָס קומען צו אונדז? אַז מען קען נישט, דאַרף מען נישט קיין געסט. געסט זענען נאָר פאַר גבירים געשריבן געוואָרן.

— וואָס-זשע זאָל איך טאָן, אַז מען קומט צו אונדז? און גע-לויבט איז גאָט דערפאַר! פיל ערגער איז, אַז מען האָט אַ דער-וואַקסענע טאָכטער און קיין יונגערמאַן שמעקט נישט אַריין. אַז קיין שדכנים גייען נישט צו אונדז, דאַרפן כאָטש די געסט זיין ביי אונדז טייער. פון דער גאַס קען מען דאָך קיין חתנים נישט כאַפּן.

— נו, און איבער די יונגעלייט, וואָס זענען באַקאַנט מיט פראַניען, איז גרעסער געוואָרן די הוצאה?

— פאַרשטייסטו, עס הייבט זיך, דאַכט זיך, אָן נאָר פון אַ זיס גלעזל טיי, און יעדן אָוונט קאָסט דאָס גלעזל טיי אַ גאַנצן רובל... אַמאָל נאָכמער... טיי אַליין פּאַסט דאָך נישט צו געבן... מוז זיין דערצו עפּעס, און עפּעס קאָסט אויך געלט. איינער ווערט גאָר הונ-געריק, מוז מען אַוודאי עפּעס געבן עסן, און דערלאַנגען צום טיש, אַז „דאָס פּנים זאָל נישט שוואַרצן"... קאָסט עס אַוודאי געלט... דערווייל איז מען דאָך אַליין אויך מער נישט ווי לעבעדיקע מענטשן — ווען מען פאַרזיצט זיך שפּעט, ווערט מען אויך הונגעריק... אַזוינע זאַכן קען מען נישט פאַרשפּאָרן, חיים. פון אַזוינע זאַכן איז גאָר אוממעג-לעך צו פאַרשפּאָרן. וואָס מען מוז — מוז מען, ווי עס איז אונדז שווער... ווי קען מען אַנדערש מאַכן? — מען מוז אַלץ ליידן ביז אַ

צייט. וואָס דען טוט מען נישט צוליב קינדער, ווען מען דאַרף זיי חתונה מאַכן?

— לאָז מיך צורו! פון די אַלע יונגעלייט וועט גאָרנישט ווערן! — האָט חיים אַ זיפץ געטאָן און אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. — וויפל חדשים לאַנג האָט זינגער ביי אונדז געפּרעסן און געזויפן, דאָס לעצטע האָט מען אים אַוועקגעגעבן און אַליין האָט מען געדאַרט. און דו האָסט דעמאָלט אויך געטענהט: „וואָס טוט מען דען נישט צוליב קינדער, ווען מען דאַרף זיי חתונה מאַכן?"

— וואָס־זשע דען קען איך טאָן? איך זאָל כאָטש האָבן עטלעכע טויזנט צו געבן נדן, וואָלט איך געזאָגט די שדכנים, וואָלטן זיי גערעדט שידוכים. אַז קיין געלט האָב איך נישט, מוז איך דאָך כאָטש שיין אויפנעמען די יונגעלייט, טאָמער וועט טאַקע באמת גאָט העלפן...

— און דערווייל איז שלעכט! אַ נייער גרויסער בעל־חוב בין איך היינט.

— אוודאי שלעכט, חיים, נאָר וואָס קען מען טאָן?

נאָך אַ סך קרעכצן און זיפצן זענען זיי שווער איינגעשלאָפן.

אַ נייער בעל־חוב! און אפשר אַ נייער אָנזעצער איז איצט אַנטשלאָפן געוואָרן... ווער ווייסט?

• •
•

אין דעם צווייטן שלאָפצימער, ווו די קינדער האָבן געשלאָפן, איז פראַניע געווען זייער פריילעך.

היינטיקן אָוונט האָבן זיי גוט פאַרבראַכט. גאַרפינקל און שטיינפינקל מיט נאָך עטלעכע באַקאַנטע יונגעלייט האָבן ביי זיי פאַרבראַכט דעם גאַנצן אָוונט.

גאַרפינקל איז געווען זייער פריילעך. מען האָט געלאַכט, געטאַנצט און געשפּרונגען. פראַניע האָט זיך איצט נאָכמער איבערצייגט, אַז גאַרפינקל האָט זי ליב מיט זיין גאַנץ לעבן.

מאַניע און סאַניע זענען פון היינטיקן אָוונט אויך געווען צע-

פרידן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי האָבן זייער גוט פאַרבראַכט די צייט.

— אָ, ווען פראַניע זאָל מיר נישט שטיין און וועג! — האָט מאַניע געטראַכט.

— אָ, ווען נישט מיינע עלטערע שוועסטער, וואָלט איך מאָרגן אָנגעטאָן אַ לאַנג קלייד. פע, אַ קורץ קליידל! איך קען שוין דערויף נישט קוקן! — האָט סאָניע געטראַכט.

— ער האָט מיך ליב! — האָט פראַניע נישט אויפגעהערט צו טראַכטן.

מיט די געדאַנקען זענען די דריי שוועסטער זיס אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ גרינגן שלאָף.

גארפינקל און שטיינפינקל.

עס איז שוין געווען צוועלף בייטאָג, ווען גארפינקל האָט אויך אויפגעעפנט די אויגן, זיך אויסגעצויגן מיט אַזוינע הויכע, לאַנגע גענעצן, אַז דאָס מויל האָט זיך אים שיער צעריסן.

און שטיינפינקל, וואָס האָט געשלאָפן קעגן אים, האָט זיך אויפגעכאַפט.

ליגנדיק, האָט ער א שטויס געטאָן מיטן פוס גארפינקלען, אַז יענער איז אויפגעשפרונגען אין בעט.

— וואָס הרגעסטו זיך?

— איך האָב דיר טויזנט מאָל געזאָגט, אַז פון אַזוינע פרימאָרגנדיקע גענעצן ווער איך ממש טויב!..

— האָסט אַ טעות, עס איז נישט קיין פרימאָרגנדיקע גענעצן, אין בולוואַנאָווקע עסט מען שוין באַלד מיטאָג. שוין נאָך צוועלף! — און גארפינקל האָט זיך גענומען נאָך ברייטער ציען דאָס מויל און אַרויסלאָזן נאָך העכערע גענעצדיקע קולות.

שטיינפינקל האָט זיך מיט דער האַנט פאַרשטעלט די אויערן.

— נאַ דיר מיין שליסעלע און גיי צו מיין טשעמאדאן. דאָרטן אונטן ליגט אַ קעסטעלע, אין קעסטעלע ליגט אַ שטיקל פּאַפּיר, וועסטו זיך קענען פאַרשטאָפּן די אויערן, אויב דו ווילסט. דו האָסט דאָך מורא פאַר טויבקייט...

נאָר אנשטאט וואָסע האָט שטיינפינקל גענומען זיין שטיוול און מיט דער כאַליעווע אָנגעהייבן ציילן אויף גאָרפינקלען.

גאָרפינקל איז אַראָפּגעשפרונגען פון בעט און זיך באַשיצט מיט אַ צווייטן שטיוול.

דידאָזיקע ק׳יינע מלחמה האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס ביידע האָבן זיך בשלום אוועקגעזעצט אין איין בעט און אָן ווערטער געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן, ווי אַלטע גוטע ברידער.

— נו, וואָס זיצן מיר, ווי גולמס? עס איז שוין צייט, דאַכט זיך, אויפצושטיין! — האָט שטיינפינקל זיך אָנגערופן.

— וואָס אַרט דיך, אַז מיר זיצן? דערויף זענען מיר דאָך אין דער פּראָווינץ — אַך, די פּראָווינץ, די טייערע, ליבע, זיסע פּראָווינץ... אָט אַ לעבן! — אָט, ווו דאָס אמתע לעבן איז! ביי אונדז אין דער גרויסער שטאָט לעבט מען דען? — ביי מיר האָט זי אַפּנים, ווי אַ גרויסע קרעטשמע, אַ גרויסער שענק, אַ גרויסע כאַרטשעווניע — און מען לעבט טאַקע דאָרט, ווי אין אַ קרעטשמע. קיינער האָט נישט זיין הויז, זיין שטיקל אָרט, אַפילו נישט זיין בעט אויף צו שלאָפן. די גאַנצע האָרעוואַניע, דאָס גאַנצע געלט, וואָס דו פאַרדינסט, גייט אַוועק אין בופעט... מען נעמט אַ טרונק בראָנפן מיט אַ שטיקל פאַרדאַרטער קישקע, און אַז עס בלייבט נאָך עטלעכע גראָשן אין קע-שענע, גיט מען זיי אַוועק די פּאָקוטניקעס, די טענצערינס, זינגערינס, שפרינגערינס, וואָס טופען, קלאַפּן אין דער גרויסער קרעטשמע, פריילעך צו מאַכן דעם עולם... אַזוי גייט אַוועק דאָס לעבן ביז שפעט אין דער נאַכט, און דערנאָך, ווען און ווו שלאָפט מען? ווי, רוט מען זיך אָפּ פון דעם פאַרטשאַדעטן קרעטשמע-לעבן? — נישט יעדער האָט זיין בעט... דער אויף אַ טיש, דער אויף אַ באַנק, דער זיצנדיק און אַפילו שטייענדיק... און אַז דו פאַרכאַפּסט שוין יאָ אין דער קרעטשמע אַ שטיקל אָרט, ביזטו נישט זיכער, אַז אַן אַנדערער זאָל צו דיר נישט אַריינקריכן מיט די פיס, אָדער דיך איינגאַנצן אַראָפּ-וואַרפן פון דיין געלעגער ערגעץ אונטער אַ טיש און אַליין זיך אויסציען אויף דיין אָרט—הייסט דאָס אַ לעבן? אין דער פּראָווינץ האָט

יעדער זיין הויז, זיין פאַמיליע, זיין בעט, און קיינער שטערט נאָר-נישט זיין פאַמיליענלעבן. יעדער לעבט פאַר זיין פאַמיליע, זיין גאַנצע האָרעוואַניע, זיין גאַנץ געלט גייט נאָר אַריין אין זיין פאַמיליע. דו עסט פון דיין קיך און טרינקסט פון דיין קוואַל...

— וואָס האָסטו זיך פלוצלונג צערעדט דערפון? — האָט שטיינפינקל זיך אָנגערופן.

— גאָרנישט פלוצלונג! נאָר וואָס מער איך קום צו די פּרייד-קינזאָנס אין הויז, אַלץ מער טראַכט איך דערפון, וואָס פאַר אַ לעבן עס איז אין די גרויסע שטעט און אין דער פּראָווינץ... ערשט נעכטן, ווען מיר זענען געקומען פון די פּריידקינזאָנס, האָב איך אַ גאַנצע שעה געטראַכט פאַרן שלאָף, אַז אין דער גרויסער וועלט וועסטו נישט געפינען אַזעלכע מיידלעך, ווי אין דער פּראָווינץ... דאָרט זענען זיי עפּעס אַלע לאַנג, מיט אַ האַלב טויטן פּנים און דישלעוואַטע... דערצו איינס פון די צוויי: אָדער רעוומאַטיזם אין די פיס אָדער אַ מאַגנ-קאַטאַר... אַמאָל רינט נאָך צו פון אַן אויער אויך...

— און די דאָרטיקע יונגעלייט זענען דען נישט אַזוי?

— ערגער... נאָר איך רעד נישט פון זיי. איך זאָג נאָר, אַז עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס זיי זענען אַזוי—פון אַזאַ קרעטשמע-לעבן קענען קיין געזונטערע קינדער נישט געבוירן ווערן. אדרבה, קוק זיך צו צו די גרויסשטאָטישע פריילנס, וועסטו, חוץ אַ שיין מויל צום רעדן און דערביי צו הוסטן אויף עטלעכע שפּראַכן,—אַז אַ חוצ-דעם, וועסטו מער גאָרנישט געפינען.

— פונדעסטוועגן האָבן מיר אין פּעטערבורג געזען גענוג גע-זונטע יונגעלייט און שיינע געזונטע פריילנס.

— ווער זאָגט דיר, אַז נישט? נאָר זיי זענען געוויס נישט קיין געבוירענע פּעטערבורגער, נאָר נישט לאַנג אָנגעקומענע פון דער פּראָווינץ, און האָבן נאָך אַ רעזערוו פון דעם פּראָווינץ-לעבן... דעריבער זעען זיי אויס אַזוי געזונט און פריש....

— נאָר איך פאַרשטיי פאָרט נישט, צו וואָס האָסטו זיך פלוצלונג צעדרשנט וועגן דעם? געפעלן דיר נישט די פּעטערבורגער פריילנס, וועסטו מיט זיי נישט ראמאנסירן... קיינער פון זיי וועט דיך ביי די פּאָלעס נישט שלעפּן.

— דאַרף מען נישט!

— נו, איז אוודאי רעכט, צו וואָס-זשע דאַרפסטו זיך קריגן מיט דער שטאָט פּעטערבורג, אַז נאָך די פעריען דאַרפסטו צוריק פאָרן אַהין?

— דער אמת איז אָבער אַזוי, דעריבער רעד איך, — האָט גאַרפינקל שוין אָנגעהייבן, ווי זיין שטייגער איז, שפּריצן דאָס וואָרט „אמת", ווי מיט פייער.

— קיל זיך אָפּ!

— איך בין שוין אָפּגעקילט און זאָג דיר, אַז איך פיל און זע דאָס אמתע לעבן נאָר אין די פעריען, ווען איך בין אין דער פּראָווינץ. דאָ פאַרברענג איך באמת גוט די צייט. וואָס קען נאָך זיין אַ בעסער פאַרגעניגן, ווי צו פאַרברענגען צווישן אַזוי פריילנס, ווי די פריידקינזאָנס און נאָכמער — ווי די עלטערע פראַניע? אָ, וויפל לעבן זעט מען אין אירע אויגן און אין איר יעדער באַוועגונג! ווי איז זי אינגאַנצן שיין אויסגעגאָסן! וואָס פאַר אַ געזונטע, שיינע פאַרב אין איר געזיכט! וואָס פאַר אַ האָר! וואָס פאַר אַ טאַליע! ווו זעט מען גאָר אַזוינע פריילנס אין פּעטערבורג? דאָרטן טאַנצסטו גאָר־נישט מיט קיין פריילנס, נאָר מיט שטאַרקע, האַרטע, אייזערנע און שטאָלענע קאָרסעטן!

— אויב אַזוי, ברודער, אַז פראַניע געפעלט דיר יאָ אַזוי, טאָ האָב חתונה מיט איר! דו ווילסט דאָך חתונה האָבן באַלד ווי דו וועסט ענדיקן, ווער דערווייל אַ חתן אָדער בעט זי וואַרטן...

— חתונה האָבן מיט פראַניען קען איך נישט.

— פאַרוואָס? זי איז דאָך געבילדעט, קלוג, ממש מיט אַלע מעלות. קיין פיינערע פרוי קענסטו זיך גאָרנישט ווינטשן.

— אמת! נאָר איך קען נישט און טאָר טאַקע נישט חתונה האָבן מיט איר.

— פאַרוואָס?

— זי האָט נישט קיין נדן...

— פּאָדליעץ!

— נישט קיין פּאָדליעץ.

— אויסוווּרף!

— אַפילו נישט קיין אויסוווּרף!

— דער געמיינסטער ביזטו!

— דאָס אויך נישט.

— וואָס-זשע דען?

— נישט קיין יינגל, ווי דו, נאָר אַ פּראַקטישער מענטש!

שטיינפינקל האָט זיך געלאָזט אויף אים מיט אַ פול מויל זידלעריי, נאָר גארפינקל האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— קיל זיך אָפּ און הער אויס, וואָס איך וועל דיר דערקלערן.

— לאָמיר הערן.

— ניין, דו ביזט נאָך הייס געבאָדן... כּל-זמן דו וועסט נישט ווערן קאַלט, ווי אייז, וועל איך אַ וואָרט נישט רעדן.

— שוין קאַלט, ווי אייז.

— שוין?

— אייז-קאַלט.

— נא, הער-זשע מיט מוח, מיט אויערן און לייג צו קאָפּ. נישט דו ביזט איינער, נאָר אַ סך באַשולדיקן אונדז, סטודענטן, אַז מיר האָבן חתונה נאָר פאַר דעם פעטן נדן... געוויס זענט איר אַלע גערעכט, באמת דאַרף אַזוי נישט זיין, נאָר גייט אַריין אין אונדזער לאַגע. אָט איך, למשל: אַ יאָר פיר האָב איך געלערנט, איידער איך בין אַריין אין גימנאַזיע. אַכט יאָר זיך געוואַלגערט אין גימנאַזיע. פינף און אפשר זעקס יאָר וועט געדויערן דער אוניווערזיטעט. אַרום און אַרום האָסטו אַ קימה-לן פון אַכצן יאָר — וויפל האָב איך גע-הונגערט, געליטן פּיין און נויט... אַכצן יאָר יסורים! וואָס וועל איך האָבן פאַר די אַכצן יאָר, פאַר מיין יוגנט, פאַר מיינע בעסטע יאָרן? — אַ דיפּלאָם אויף אַ דאָקטאָר מיט אַן אייגענעם מאָגנקאַטאַר פון די וואָלוועלע מיטאָגן! אַזוי-אַרום וואָס קען איך טאָן מיט אַ פּרוי אָן נדן? טאַקע באמת, נאָך אַזוינע ביטערע אַכצן יאָר זאָל איך ווייטער הונגערן און ליידן און דערצו נאָך מיט אַ פעקל קינדער...

— וועסט דאָך זיין אַ דאָקטאָר! נו? וועסטו זיך פאַרדינען גלייך מיט אַלע און קענען לעבן, ווי אַ מענטש.

— האָסט אַ טעות. אַ דאָקטאָר, וואָס זאָל פאַרדינען, דאַרף האָבן אַ שיינע וווינונג, אַ רייכן קאַבינעט, אַ קאַרעטע מיט צוויי פערד... אָן די אַלע זאַכן וועל איך קענען זיין אַ דאָקטאָר אין אַטעסטאַט... ווי אַזוי קען מען זיך איינאָרדענען אָן דעם פעטן נדן? נישט פראַניעס שיינקייט, נישט פראַניעס חכמה, נישט אירע אַלע מעלות קענען מיר געבן דאָס, וואָס איין קערבעלע — אַ רובעלע, ברודער, גיט!..

— אויב אַזוי, צו וואָס-זשע קריכסטו נאָך צו די פרוידקינזאָנס

אין הויז? פאַרוואָס נישט צו דעם היגן גביר אין הויז, וואָס וויל זיין טאָכטער געבן צוואַנציקטויזנט רובל?

— אַ האַרבע פראַגע, כלעבן!.. נו, וועל איך דיר דערקלערן, נאַריש אומפּראַקטיש יינגעלע... טאַקע באמת, אַז איך גיי פאַרביי און דערזע וואַקסן אַ שיינע רויז, טאָר איך זיך נישט אָפּשטעלן און קוקן אויף איר און בעת מעשה האָבן גרויס פאַרגעניגן? איך מוז זי דווקא אויסרייסן פאַר זיך — אַנדערש טאָר איך נישט קוקן? איך פרעג דיך?

שטיינפינקל האָט זיך פאַרקרימט.

— איין זאַך וועל איך דיך בעטן, גאָרפינקל, מיר רעדן איצט פון אַן ערנסטער זאַך... דאָס רעדן קאָסט מיר געזונט... רעד מיט מיר נישט פון פּאָעזיע. וואָס טויגן מיר רויזן און בלומען, אַז מיר רעדן פון אַ לעבעדיקן מענטשן — פון פראַניען...

— איך רעד, דאַכט זיך, גענוג קלאָר און דייטלעך. אַפילו צו דייטלעך. די רויז איז דאָ בדרך משל...

— יאָ, דו ביזט דאָך כלומרשט דער פּראַקטישער מענטש, פונ־דעסטוועגן ווייסטו דאָך מסתמא פון דער פּראַקטיק, אַז כאָטש דו מעגסט קומען אין יעדן הויז, ווו עס געפינט זיך אַ פריילן, טאָרסטו דאָך נישט עפּטער אַריינקומען צו די פריידקינזאָנס... דו קענסט איר אומזיסט פאַרדרייען דעם קאָפּ, און לויט דיין אויפפירונג, האָט זי רעכט דיך צו האַלטן פאַר איר חתן... איך פרעג דיך, ווו איז דיין געוויסן? צו וואָס דאַרפסטו אומזיסט פאַרדרייען אַן אָרעם, אומשולדיק מיידל דעם קאָפּ? עס קען געוויס זיין, אַז ווען זי זאָל נישט האָפן אויף דיר, וואָלט זי אפשר שוין לאַנג חתונה געהאַט...

— איך שלאָג דיר איבער די רייד! זאָג מיר נאָר, פונוואַנען ווייסטו, אַז פראַניע האָט מיך ליב? — האָט גארפינקל פּלוצלונג מיט אַ שמייכל געפרעגט.

מען האָט געזען, אַז זיין פּנים שיינט פאַר פרייד, וואָס ער ווערט געליבט פון אַ שיין מיידל.

שטיינפיקל האָט אָבער ווי דורך אַ גלאָז דערזען, וואָס עס טוט זיך ביי זיין חבר אין האַרצן, און ער האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט.

ער האָט געזאָגט:

— איך זאָג גאָרנישט, אַז איך ווייס. אַז זי איז שוין אין דיר

פֿאַרליבט. איך ווייס אַפֿילו נישט, צי זי וואָלט דיך געוואָלט פֿאַר אַ חתן, גלויב מיר, ווען איך זאָל זיין אַ פּריילן, וואָלט איך דיך נישט געוואָלט אַפֿילו מיט אַכצן דיפּלאָמען... און אפשר וויל פֿראַניע טאַקע אויך נישט, איך זאָג עס נאָר אַזוי, אַז אַזוינס קען געשען... און פֿאַרוואָס נישט, וואָסער מיידל אין די יאָרן וויל נאָך זיצן ביי אירע עלטערן אין הויז?

— וואָס-זשע וואָלסטו געוואָלט, איך זאָל נישט גיין צו זיי אין הויז?

— אויב דו האָסט נאָר אַן ערלעך האַרץ, וואָלסטו נישט באַדאַרפֿט גיין אַהין פֿאַרדרייען אומזיסט יענעם אַ קאָפּ. אַזאַ מענטש, ווי דו, וואָס וויל נאָר חתונה האָבן פֿאַר צוואַנציקטויזנט רובל, איז גלייכער צו גיין צום היגן גביר אין הויז און אַרומטאַנצן אַרום קלאַרען... קיינער וועט צו דיר דערפֿאַר גאָרנישט האָבן...

גאַרפֿינקל האָט זיך צעלאַכט:

— קלאַרע! אַשיינע מעשה, כּלעבן! ערשט אין דריי יאָר אַרום דאַרף איך חתונה האָבן, זאָל איך זיך שוין אַרומשלעפּן מיט קלאַרען! אַ שיין געשעפֿט פֿאַר מיר, כּלעבן! אַוודאי וועל איך עס טאָן ערשט ביי אַ צוויי חדשים פֿאַר די תּנאים! גענוג פֿונמיינעטוועגן, אַז איך וועל זיך דאַרפֿן אַרומשלעפּן מיט אַזאַ קלאַרען אַ גאַנץ לעבן און אַלץ פֿאַר די צוואַנציקטויזנט רובל! ניין, איך בין נאָך יונג, ברודער שטיינפֿינקל. איך וויל נאָך לעבן! דערווייל פֿיל איך, אַז איך לעב, ווען איך געפֿין זיך אין אַזאַ געזעלשאַפֿט, ווי די פֿריידקינזאָנס, און די קלאַרעס מעגן אַ ביסל צוואַרטן, ברעכן האַלדז און נאַקן!..

שטיינפֿינקל האָט ערנסט געזאָגט:

— מער האָב איך מיט דיר נישט וואָס צו רעדן. איצט קען איך דיך שוין און זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז דו ביזט וואָס אין דער קאָרט! ביזט פֿאַרדאָרבן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס! נישט איך און נישט קיינער, אַפֿילו קיין טאַטער וועט דיר שוין אויך נישט העלפֿן. איך זאָג נאָר: אומגליקלעכע יידישע טעכטער, וואָס דערוואַרטן זיי פֿון אַזעלכע סטודענטן, ווי דו! מען דאַרף אַנטלויפֿן פֿון אייך, יידישע סטודענטן, קינפּטיקע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן... אין אונדזער אוניווערזיטעט געפֿינען זיך אויך פֿיל פּראַקטישע קריסטלעכע סטודענטן, נאָר קיינער פֿון זיי טראַכט גאָרנישט מיט אַזאַ חשבון חתונה צו האָבן, ווי אונדזערע יידישע סטודענטן, וואָס זייער גאַנץ

לערנען באַשטייט נאָר אין דעם חלום פון צוואַנציקטויזנט רובל.
דער קריסטלעכער סטודענט האָט עפּטער חתונה מיט אַן אָרעם מיידל
און ער מוז איר נאָך פון זיינע קליינע פאַרדינסטן מאַכן אַ גאַרדע-
ראָבע צו דער חתונה... און מען לעבט שיין אָן צוואַנציקטויזנט רובל
נדן. נאָר איר, פּראַקטישע יידישע סטודענטן, ווילט נאָך זיין איבער-
געשפּיצטער פון אונדזערע יידישע שענקערס, פּראָצענטניקעס און
אַזוי פאַסקודניאַקעס...

גאַרפינקל האָט אָבער געלאַכט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— רעד, רעד, ברודערל, זאָג מוסר, וויפל דו ווילסט. דו וועסט
עלטער ווערן, וועסטו קליגער ווערן. איך האָב שוין אַ סך אַזעלכע
צדיקים-סטודענטן געזען!...

שטיינפינקל האָט מער נישט גערעדט. ער האָט אויפגעעפנט
דאָס פענסטער און ארויסגעקוקט אויף דער גאַס.

די זון האָט זיך שוין גאַנץ הויך אויפגעהייבן און געוואַרעמט
אַריבאַטאַווקע פון אַלע זייטן.

די גאַס איז געווען פול מיט מענטשן, ווייל עס איז היינט גע-
ווען אַ יאריד.

יידעלעך האָבן זיך געדרייט, ווי זאַמד אין אַ שטורעם: דער
האָט געטראָגן אַ שווערן זאַק אויף די פּלייצעס, דער אַ פעל פון אַ
קו, דער אַן אַרשין ציץ.

אומעטום בלישטשען אויגן ציין און עס גיסט זיך דער שוויס
עמערווייז.

— גאַרפינקל! — האָט ער זיך פּלוצלונג אויסגעדרייט פון
פענסטער. — קום אַהער, וועל איך דיר זאָגן: כלעבן, דו ביזט ער-
גער פון אָט די אַלע שווייסיקע יידעלעך...

טאָגביכער.

קלאַרעס טאָגבוך.

אריבאטאווקע, דעם 20-סטן אויגוסט ... 188

„באַלד ווער איך צוואנציק יאָר! די טיר פאַרמאַכט זיך גאָרנישט פון די שדכנים. דער טאַטע, און נאָכמער די מאַמע, ווילן זייער, איך זאָל שוין ווערן אַ כלה און טאַקע באַלד חתונה האָבן.

זיי פרעגן, אויף וואָס וואַרט איך און וואָס וויל איך דאָ אויס-זיצן? צוואנציק יאָר איז שוין ביי לייטן לאַנג צייט.

— און וואָס ווילסטו נאָך, — זאָגן זיי, — אַ דאָקטאָר? לאָז זיין אַ דאָקטאָר. אַ אינזשיניער? נו, זאָל זיין אַ אינזשיניער. כאָטש אונדזערע טאַטעס און זיידעס האָבן גאָרנישט געוווסט פון די מינים, נאָר וואָס טוט מען דען נישט פאַר היינטיקע קינדער — וואָס-זשע נאָך ווילסטו?

אַזוי טענהט מיט מיר די מאַמע, און איז אפשר גערעכט. וואָס וועל איך דאָ טאַקע אויסזיצן? נאָך צוואנציק יאָר הייסט מען שוין ביי אונדז אין אַריבאַטאווקע „אַן אַלטע מויד”, און ווער פאַר-שטייט עס דען נישט, אַז עס איז בעסער צו זיין אַ יונג ווייבל, איידער אַן אַלטע מויד? נאָר וואָס זאָל איך טאָן? איך קען נישט! איך קען נישט! איך קען נישט זען, ווי מען שדכנט זיך נישט צו מיר נאָר צוליב מיינע צוואנציקטויזנט רובל!

איך קען דאָס מיינע עלטערן נישט געבן צו פאַרשטיין, און מוז טראָגן די ווונד אין האַרצן. עס איז דאָך שרעקלעך! — מענטשן געבילדעטע, געלערנטע, וואָס ווינען פאַר הונדערטער און טויזנטער

זויאָרסט ווייט פון מיר און האָבן מיך קיינמאָל נישט געזען, וויכן בלוצלונג חתונה האָבן מיט מיר, וואָס איז? האָבן זיי דען נישט געזען קיין שענערע, געבילדעטערע פריינס פון מיר?

איך גלויב, אַז אין די גרויסע שטעט געפינען זיך לייטעשערע מיידלעך פון מיר, און זיי וואָלטן זיך דאַרטן אויך געקענט געפינען „אַ פריינט צום לעבן" ווי זיי שרייבן צו די שדכנים.

אָבער דער אמת איז, אַז נישט מיך מיינען זיי, נאָר די צוואַנציק־טויזנט רובל! טויזנטער וויאָרסט ווייט אַפילו פון דעם בלאָטיקן שטעטל אַריבאַטאַווקע, שמעקט זיי אויך דער ריח פון מיין נדן.

מיט מיין כאַראַקטער קען איך נישט ליב האָבן אַזאַ מענטשן. חתונה האָבן מיט אַזעלכן וועל איך מיר נאָר פאַרוויסטן מיינע יאָרן און ברענגען אויף דער וועלט אומגליקלעכע קינדער — ניין, ניין! פאַרזיצן, פאַרזיצן!..

גאָט! פאַרוואָס בין איך נישט געבוירן געוואָרן ביי אָרעמע עלטערן! איך וואָלט דאָך געווען די גליקלעכסטע אין דער וועלט!

פאַר א פרוי קען איך זיך גאָרנישט פאָרשטעלן קיין בעסער גליק, ווי ווען זי ווייסט, אַז איר מאַן האָט נאָר חתונה געהאַט מיט איר.

אַזעלכע מאַן און ווייב, זיי מעגן זיין, ווי אָרעם, זענען זיי דאָך די גליקלעכסטע אין דער וועלט...

עס איז נאָר צום לאַכן, וויפל זענען עס מיר מקנא, וואָס איך האָב צוואַנציקטויזנט רובל נדן!

די מינוט וואָלט איך זיי די טויזנטער אַוועקגעגעבן.

די מינוט וואָלט איך מיין נדן פאַרברענט אינגאַנצן, אין בלאָטע אַרויסגעוואָרפן!

— וואָס טויגן די טויזנטער, אַז איך קען פאַר זיי נישט קויפן דאָס ביסעלע גליק, וואָס דאָס אָרעמסטע מיידל קען עס דערגרייכן.

עס איז דאָך אַ ריכטיקער כלל: אַז דאָס מיידל, וואָס מען נעמט זי אָן נדן, אָט די האָט מען אמת ליב.

אוי, ווי גליקלעך זענען די פריינדקינזאָנס! זיי זענען אָרעם און מען האָט זיי ליב און נישט היינט, מאָרגן וועלן זיי חתונה האָבן אָן נדן! נאָר זיי, נאָר זיי בין איך מקנא און ווייטער קיינעם נישט!..

אָבער צי בין איך דען איינע, די אומגליקלעכסטע, אויף דער־

וועלט? אָט ערשט היינט האָט זיך אונדזער פעסל פאַר מיר צעוויינט. זי דינט ביי אונדז שוין, דאַכט זיך, אַ יאָר צוועלף, אָבער ערשט איצט האָב איך איינגעזען, אַז מיר געפינען זיך ביידע אין איין לאַגע...

איר גאַנץ ביטער האַרץ האָט זי, נעבעך, היינט פאַר מיר גע־עפנט און זיך גוט אויסגעוויינט.

— אין די צוועלף יאָר, וואָס איך דין ביי אייך, קלאַרעטשקע, — האָט זי מיר דערציילט — האָב איך זיך געמאַכט אַ גאַנצע גאַרדע־ראָבע צו דער חתונה: צוויי טוץ זאָקן, אַ טוץ גוטע העמדער, אַ האַלב טוץ פראָסטע, זעקס ליילעכער, צוויי קישנס, אַ גרויס פוכאָווע איבערבעט, צוויי קאָלדרעס און אַ סאַמעטענעם מאַנטל... דערצו האָב איך אויך צונויפגעקליבן אַ גאַנצן הונדערטער. און איר ווייסט דאָך, אַז פאַר לייבקע דעם שניידעריונג בין איך שוין פון אַ יאָר אַ כלה — איר געדענקט דאָך, אין דעם טאָג האָט איר מיר געשענקט נאָך גאָר אַ ניי קלייד — און אָפגעשטעלט די חתונה אויף אַ יאָר. און אָט איז אַ האַלב יאָר, ווי ער האָט ביי מיר אַרויסגעשלעפּט די הונדערט רובל ביז דער לעצטער קאָפּיקע. די גראָשנס, וואָס איר און אייער מאַמע, זאָל געזונט זיין, שענקען מיר, שלעפּט ער אויך ביי מיר אַוועק און איצט וויל ער זיך נישט שטעלן צו דער חופּה, כּל־זמן איך וועל אים פריער נישט געבן מיטאַמאָל נאָך גאַנצע פופציק רובל. ווי זאָל איך עס אָבער נעמען, מיין טייערע קלאַרעטשקע? אַזויפיל געלט מיט איינמאָל — פופציק רובל! איידער איך קלויב צו־נויף איין רובל, וויפל דאַרף איך האָרעווען, און ער וויל פופציק רובל! ווען איך וועל אים נישט אַנידערלייגן די פופציק רובל, זאָגט ער, מעג נאָך אַ יאָר געדויערן... איך וואָלט שוין געוואַרט נאָך אַ יאָר, און וואָלט אפשר צונויפגעקליבן פינפאונצוואַנציק אָדער אָדער דרייסיק רובל, אפשר וועט ער זיי שוין נעמען, אַז ער וועט זען, אַז איך האָב מער נישט. אָבער, ליובעניו, גאָלדענע קלאַרעטשקע, זאָגט מיר, ווי קען איך נאָך ווארטן אַ יאָר און דער סאַמעטענער מאַנטל ווייטער לאָזן אַזוי ליגן? אַז ער וועט נאָך אַ יאָר ליגן, וועט ער צעריבן ווערן אויף שטיקלעך... וויפל קאָסט מיר דער מאַנטל? אפשר פופציק רובל! זעקס רובל אַן אַרשין האָב איך געצאָלט... איר גע־דענקט דאָך! היינט די זיידענע פאַטשעווקע און דער קאָלנער? ס׳וועט דאָך ווערן אַ תּל פון דעם אַלעם?

פעסל האָט ביטער געוויינט. און איך האָב מיט איר צוזאַמען געוויינט: איז דען פעסל נישט אַזוי אומגליקלעך, ווי איך? ווען זי זאָל נישט געווען האָבן דעם הונדערטער נדן, אַזויפיל זאָקן מיט אַ סאַמעטענעם מאַנטל, וואָלט דאָך געוויס לייבעטשקע איר חתן נישט געוואָרן, וואָרים וואָס טויג זי אים אָן דעם הונדערטער?

— וואָס טויג איך פאַר די אַלע געשטודירטע לייט, פאַר די דאָקטוירים, אינזשיניערן, אַדוואָקאַטן אָן מיינע צוואַנציקטויזנט רובל? זענען זיי דען בעסער פאַר לייבעטשקע דעם שניידעריונג? און אַז לייבקע זאָל נישט זיין איר חתן, וואָלט זיך דאָך געפונען אַן אַנדערער, וואָס וואָלט זי גענומען אָן נדן. האָבן דען אַלע דינסטמיידלעך נדן? נו, און דאָך פאַרזיצן זיי נישט. יידישע טעכטער פאַרזיצן נישט.

זי האָט שטיל געשעפטשעט:

— איין אומגליק האָט אונדז ביידע געטראָפן: גאָט האָט אונדז געשטראָפט מיט נדן, מיט רייכע גאַרדעראָבעס... אומגליקלעכע פעסל! מיר זענען ביידע גלייך אומגליקלעך, ביידע דאַרפן מיר מקנא זיין די פריידקינזאָנס, וואָס גאָט האָט זיי געבענטשט אָן נדן און אָן רייכע גאַרדעראָבעס!..

גיטלס טאָגבוך.

פדי מיר זאָלן נישט פאַרגעסן, וואָס עס מאַכן איצט אונדזערע צוויי באַקאַנטע יידישע טעכטער, גיטל און בעלע, וועלן מיר אַריינקוקן אין זייערע טאָגביכער.

„ווי עס פליט דאָס פייגעלע,
אַזוי בין איך צו דיר געפלויגן, טייערע גרינעטעלע.
ווי די זון מיטן מאָרגנשטערן,
אַזוי האָסטו, מיין גאָלד, אויסגעזען.

דיין רעדן, דיין שמועסן
איז דעם נאַכטיגאַלס זינגען און פּיפּטשען.
דיינע אויגן זענען, ווי שטערן,
דיינע ליפּן, ווי הימלישע בּרעגן.
דיינע האָר זענען ענלעך
צו אַ שמעקעדיקן וואַלד.
שבת בּייטאָג,
ווי דאָס פייגעלע פאַרטאָג,
פלי איך צו דיר, נשמהלע!
אַך! מ י י ן ט י י ע ר ע גרינעטעלע!..״

אָך, ווי גוט איז, אַז מען ווערט געבילדעט! אָט שרייב איך זיך אויך אַ טאָגבוך. נעכטן האָב איך באַקומען אָט דאָס לידל פון מיין טייערסטן ליבסטן מאַטוויייען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַר מיר.

און אָט דאָס לידל מיטן שיינעם כתב וועל איך טראָגן אויף מיין האַרצן.

— אָ, וויפל מאָל האָב איך שוין דאָס ליד געזונגען מיט מיין אייגענער מעלאָדיע, און וויפל מאָל האָב איך דאָס פאָסטבייגעלע פּאַפּיר געקושט און וויפל לופטקושן האָב איך אים געשיקט!..

אָך! ווי גוט, ווי גוט איז, אַז מען איז פאַרליבט! אָ, איך האָב אים ליב מיט מיין גאַנצער זעלע, מיטן גאַנצן האַרץ. קיין שום כוואַליעס און קיין שום וואַסער וועט אונדזער שטאַרקע ליבע נישט אָראָפּשווענקען.

די שטאַרקסטע שטורעמווינטן וועלן זיך צעגיין פאַר אונדזער שטאַרקער ליבע!

די מאַמע מיטן טאַטן, מיט דער גאַנצער משפּחה — די חסידים, די פאַנאַטיקער, מעגן אַכטצן בערג מיט וועלדער אויף מיר אַרויפוואַרפן, וועט דאָך אונדזער ליבע ווי אַ העליש פייער נישט פאַרלאָשן ווערן. קיינער קען אונדז נישט צעשיידן!

אָ, נאָט, מיין גאָט! ביזוואַנען וועלן נאָך מיינע עלטערן זיין פאַנאַטיש! ביזוואַנען וועט די ליבע הייסן ביי זיי אַ פאַרברעכן!

אָך, ווי איך וואָלט געוואָלט, אַז מאַטוויי זאָל קיין מורא נישט האָבן און קומען אָלע אָוונט צו אונדז אויף טיי, ווי די קאַוואַליערן, וואָס קומען צו די פריידקינזאָנס.

און דערנאָך זאָל איך קענען גיין מיט אים שפּאַצירן איבער דער גאַס פאַר דער גאַנצע וועלט געאַרעמט!

אָ! נישט אומזיסט זאָגט דער גרויסער וועלטבארימטער פּאָר־פּאָסער אין זיין ראָמאַן „די פאַרבלאָנדזשעטע שטערן״: „ביז וואַנען וועלן מיר ליידן פון אונדזער פאַנאַטיזים?״

און אין דעם ראָמאַן „די פאַרפלאָנטערטע ציגן״ פון דעם אייגענעם שרייבער זאָגט ער דען נישט: „ביז וואַנען וועלן מיר, מיידלעך, ליידן פון אונדזערע עלטערן?״

און אין דעם ראָמאַן „דער קודלעוואַטער פּוּאַנט״, טאַקע פונם אייגענעם פּאַרפּאַסער זאָגט ער דען נישט: „אָ, איר עלטערן!!!״

און אין דעם העכסט אינטערעסאַנטן ראָמאַן „די פאַרקאַטשעטע ראָזע״ אָדער די „איינגעפאַלענע נאָז״, טאַקע פון דעם אייגע־נעם פּאַרפּאַסער, זאָגט ער דען נישט: „מיט אַ רעוואָלווער וועל איך זיך אויפהענגען און מיט אַ שאַרפן בלויזן שווערד וועל איך זיך דערשיסן, ווען מען וועט אונדז צווינגען, אַז מיר זאָלן פאָלגן אונדזערע עלטערן!״ אָ! וויפל פאַרגעניגן האָב איך פון לייענען די ראָ־מאַנען פון דעם וועלטבארימטן פּאַרפּאַסער, וואָס ער האָט אַליין פּאַרפּאַסט!

ערשט פון די ראָמאַנען האָב איך דערזען, ווי פאַרדאָרבן זע־נען מיינע עלטערן, ווי זיי פירן זיך שלעכט אויף מיט זייערע קינ־דער — די ראָמאַנען האָבן מיר מיינע אויגן ליכטיק געמאַכט.

איך וואָלט נישט איבערגעלעבט די גרויסע שמערצן און די ליידן מיט די שוואַרצע וואָלקנס, וואָס איך טראָג איבער פון מיינע עלטערן, ווען איך זאָל איצט אויך אַזוי זיין נישט געבילדעט, ווי פריער.

אָך, ווי גרויס איז מיין פרייד און מיין הימלישע פאַרצווייפלונג, וואָס איך בין געבילדעט און מיין גרויס פאַרגעניגן איז די לאַנגע נאַכט מיט די טייערע וועלטבארימטע ראָמאַנען פונם פּאַרפּאַסער, וואָס ער האָט אַליין פּאַרפּאַסט.

דידאָזיקע ראָמאַנען און מיין ליבע צו מאַטוויייען זענען מיין טרייסט אין מיינע גרויסע שמערצן און שרעקלעכע ווייטיקן, וואָס קומען מיר פון מיינע עלטערן.

מיין האַרץ איז מיר פול און איך וואָלט נאָך לאַנג געשריבן אין מיין טאָגבוך, אָבער איך מוז גיכער ענדיקן דעם ראָמאַן „די צעפּאַטשטע מויד״ אָדער „די אויסגעקראָכענע באָרד״.

וואָס דער פּראָפעסאָר אַליין האָט פאַרפאַסט, און וואָס מאַטוויי האָט מיר געגעבן אײנגאַנצן אויף צוויי טעג.

דעמדאָזיקן ראָמאַן מוז איך אויך געבן צום לייענען קלאַווריען, ס'הייסט געלען, ווייל זי וויל עס אויך לייענען.

געלעס טאָגבוך.

„מיין חברטע גרינעטע האָט שוין אפשר איבערגעלייענט פופציק ראָמאַנען, און איך ערשט צען, און אַפילו נישט געענדיקט דעם דריטן טייל פון דעם ראָמאַן „ד ע ר ק ו ד ל ע ו ו א ט ע ר פ ר א נ ט".

דעריבער איז קיין ווונדער נישט, וואָס זי איז אַ סך געבילדע-טער פון מיר און קען שענער רעדן מיט אַ מענטשן, ווי איך.

עס איז אַזאַ פאַרדראָס. מיר האָבן זיך ביידע גלייך אָנגעהייבן בילדן — איך געדענק עס, ווי היינט. מיר זענען דעמאָלט געווען אויף דער חתונה מיט קאַוואַליערן.

ביידע גלייך האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט מאָטקען, אָדער ווי זי מאַכט פון אים אַ גאַנצן צימעס און רופט אים מאַטוויי.

ביידע גלייך האָבן מיר אים אָנגעהייבן ליבן און ער האָט אונדז ביידן געגעבן ביכער צום לייענען.

ווי האַלט זי און ווי האַלט איך?.. דאָס איז אַלץ מיין פאַנאַ-טישע מאַמעניו שולדיק, וואָס וויבאַלד זי זעט מיר האַלטן אַ ראָמאַן, צערייסט זי אים.

דעריבער האָט מיר מאַטוויי אויפגעהערט צו געבן ביכער.

איר מאַמע שלאָגט זי דען נישט פאַר די ראָמאַנען, וואָס זי לייענט, אָדער ווי זי רופט עס אָן:

— לייענען ליבעס?

נאָר גרינעטע הערט זי, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי און טוט זיך טאַקע אירס.

די ראָמאַנען, וואָס איך לייען, זענען טאַקע גערעכט. זיי זאָגן, אַז מיר ליידן פון אונדזערע „פאַנאַטישע עלטערן". אָך, ווי גליקלעך איז גרינעטע, וואָס האָט קיין מורא נישט פאַר אירע עלטערן און טוט זיך בײַדן!

אָבער איך טאָר נישט. איך דאַרף מורא האָבן פאַר דער מאַמען! נאָר מער וועל איך שוין אַזוי פון איר נישט ליידן.

איך וועל זי אָנהייבן אַזוי הערן, ווי גרינעטע הערט איר מוטער. אויב מײַן מוטער וועט מיר נאָך אַלץ שטערן, האָב איך שוין באַשלאָסן — איר וועל זיך לויפן טרינקען!.. אַזאַ פאַרדראָס — ערשט צען ראָמאַנען איבערגעלייענט, און זי שוין אפשר פּופּציק..."

דער ערשטער פראָסט.

דער יעשען איז געקומען און אונדזער לעבעדיק שטעטל אַרי-באַטאָווקע איז אָפּגעשטאָרבן. די בלאָטעס, דער קאַלטער רעגן, דער פאַרכמאַרעטער הימל האָט פאַרשלאָסן אונדזערע יידישע טעכטער אין זייערע עלטערנס הייזער.

אויף דער גאַס האָבן זיך נאָר באַוויזן די, וואָס האָבן דאָרט באַדאַרפט זוכן פּרנסה פאַר זייער הויזגעזינט און אויך די-יעניקע, וואָס האָבן געהאַט גאַנצע שטיוול מיט לאַנגע כאַליעוועס און געקענט גובר זײַן די אַריבאַטאָווקער גרויסע יעשנדיקע בלאָטעס.

די קרעמער זיצן אָן אַ גראָשן לייזונג.

דער זונטיקדיקער יאריד, פון וועלכן מער ווי אַ האַלב שטעטל לעבט, איז שוין פון צוויי-דריי וואָכן נישט געווען, און דאָ ווערט דער יקרות אַלע טאָג גרעסער און גרעסער.

קיין סימן פון לעבן איז אין שטעטל נישטאָ. דער ליבער זומער האָט אַלץ מיטגענומען מיט זיך: די ליבע וואַרעמע זון, די

גרינע פעלדער און וועלדער, די שפּילפּייגעלעך, די הייסע ברענע־דיקע ליבעס, אלץ, אלץ!

אפילו די עטלעכע יונגעלייט: גארפינקל, שטיינפינקל און נאָך אנדערע, וואָס האָבן אויף זומער קיין אריבאַטאָוועקע מיטגעבראַכט אַ ביסל לעבן פון דער גרויסער וועלט, פון פרעמדע שטעט, זענען אויך מיטן זומער אַוועק.

אייניקע יידישע טעכטער, וואָס זענען אין אריבאַטאָוועקע געבליבן, וועט איר איצט אויך נישט דערקענען.

די צוויי מיידלעך, גיטעלע און געלע, וואָס איר האָט זיי געזען דעם גאַנצן זומער אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, מיט מיט לאַסטיקענע היינטמאָדישע שיכעלעך אויף הויכע אָפּצאַסן, מיט הענטשקעלעך, שטרויענע היטעלעך און זיידענע זאָנטיקלעך, גייען איצט אין שטיוול מיט כאָליעוועס מיט פאַרדריפּעטע קליידלעך ביזן גאַרטל און מיט אָנגערוקטע שאַלן אויף די קעפּ.

איר וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז אָט דאָס מיידל אין שטיוול מיט כאָליעוועס האָבן גאָר אַמאָל געשפּילט אַ הייסע ליבע און געלייענט ראָמאַנען. די מיידלעך גלויבן דאָס אויף זיך אויך נישט, ווען זיי טוען אומגערן אַ קוק אין שפּיגל. אַך, ווי זיי האָבן זיך געענדערט?

אָבער די האָפענונג, די טייערע האָפענונג, דידאָזיקע ליבע מתנה, וואָס גאָט האָט געשענקט אָרעם און רייך, האָט דאָך גיטעלען און געלען נישט פאַרלאָזן.

זיי האָפן און וואַרטן און קענען זיך נישט דערוואַרטן אויפן ערשטן פרעסטל, אויפן ערשטן שניי!

דעמאָלט וועלן אונדזערע יידישע טעכטער אראָפּוואַרפן די בלאָטיקע שטיוול מיט די כאָליעוועס און וועלן אריין אין שטיוועלעך מיט קאַלאשן.

● ווינטערדיקע היטעלעך מיט מופטעלעך האָבן זיי זיך שוין לאַנג אָנגעגרייט, און דאַן וועט איר ווייטער אונדזערע יידישע טעכטער נישט דערקענען.

איר וועט ווידער דערזען היינטמאָדישע מיידלעך. דאָס פרעסטל וועט זיי רויט מאַכן די בעקעלעך. זיי וועלן זיך ווייטער באַגעגענען מיט זייער ליבן, הויכגעשעצטן און טייערן מ אַ ט ו ו י י ע ן, וואָס האָט אַן אוצר פון „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען" און קען זינגען

ליבע-לידלעך אויף יידיש און אפילו אויף רוסיש, און זייער זומער-דיקע ליבע וועט ווערן א ווינטערדיקע, די לבנה וועט ש'נען, דער שניי וועט סקריפען אונטער די פיס.

אָ, ווי דערלעבט מען שוין דאָס ערשטע פראָסטל, דעם ערשטן שניי, דעם ערשטן שליטוועגס!

— ווי דערלעבט מען שוין דעם ערשטן שליטוועג! — זאָגן אויך אלע אריבאטאָוועקער יידן און ווייבער. — ווי העלפט שוין גאָט! עס איז שוין מער נישט צו דערהאלטן פון דעם גרויסן יקרות. צען גילדן א פוד קאָרנמעל! ווו האט מען אזא יקרות געהערט אין דער גאנצער האלבער וועלט! איין גאָט ווייסט, וואָס עס קען נאָך זיין! אז די בלאָטעס זענען אזוי גרויס, אז מען קען גאָר מיט קיין ראָד נישט אריין! און אז עס וועט, חס-ושלום, אזוי גיך נישט כאפן א פראָסט און דער וועג וועט זיך נישט שטעלן, ווער ווייסט ווי גרויס דער יקרות וועט זיך נאָך צעוואקסן?

— ער דאַרף נאָך גרעסער ווערן? צי קען ער שוין זיין גרעסער, אז ציבעלעס האט מען שוין אויך אָנגעהייבן צו פארקויפן אויפן פונט, איז נישט א געלעכטער? ציבעלעס אויפן פונט!

אזוי האָבן גערעדט די, וואָס האָבן נאָך געהאט דעם גראָשן, אָדער אזוי עפּעס צו פארזעצן, אבי איבערצולעבן די טויטע צייט, דעם פינסטערן וויסטן יעשען. אָבער די, וואָס אז זיי פארדינען נישט היינט, האָבן זיי נישט אויף מאָרגן מיט וואָס צו לעבן, זענען איצט ממש געשטאָרבן פאר הונגער.

— אך! ווי דערלעבט מען שוין דעם ערשטן פראָסט, עס איז גאָרנישט אויסצוהאלטן פונם שלעכטן וועטער! — קלאָגט זיך קלארע דעם גבירס טאָכטער.

אין איר שיין צימער איז איר ענג, דושנע — עס פעלט איר פרישע לופט.

— אָ, ווי העלפט שוין גאָט דעם ערשטן פראָסט, — זאָגט כמעט יעדן טאָג ראָזע צו איר מוטער, — איך זאָל שוין קענען ארויסגיין אויף דער גאס... אין וואָלט מער נישט געהערט פון דיר אזויפיל קללות!.. דו ווערסט גאָרנישט מיד צו שעלטן טאָג און נאכט.

— א צרה אין דיין פנים, פארפאטשטשע מויד! עס איז איר גאָר ב'טער צו זיצן אין שטוב! עס ווילט זיך איר א טענצעלע, א שפאצי'רעלע, א קאוואַליעריע. אלץ דער טאטעניו האָט זיי אזוי

אויסגעלערנט, און איך הייס ביי זיי די פראָסטע יידענע, וואס מער ווי די קאָטשערע מיט דער לאָפּעטע, מיינט זי, אַז איך ווייס נישט! וואַרט נאָר, וואַרט, לאָז נאָר כאַפּן דער ערשטער פראָסט!.. איך וועל מיר מער פון אייך נישט לאָזן שפּייען אין דער קאַשע.

פעסל, וואָס דינט ביי ר' קלמן קאָפּלס אין הויז, בעט אויך אויפן ערשטן פראָסט, ווי אַן ערלעכער ייד בעט אויף משיחן. ערשטנס, איז איר נמאס געוואָרן יעדן אָוונט צו רייניקן די בלאָטע פון עט־לעכע פּאָר שטיוול מיט קאַלאשן, און, צווייטנס, האָט איר לייבקע אפּגעלייגט די חתונה באַלד ווי דער ערשטער פראָסט וועט נאָר כאַפּן.

נאָר איין פראַניע האָפּט גאָרנישט אויף דעם ערשטן פראָסט. זי זעט נאָר פאַר זיך אַ לאַנגן, לאַנגן יעשען, אַ פאַרכמאַרעטן הימל, און אַ טראָפּן ליכט.

די מוטער און די טעכטער.

— קיין ערגערס איז שוין גאָר נישטאָ, ווען מען ווערט אָן די האָפענונג, — האָט פראַניע געשעפּטשעט, קוקנדיק אויף דער גאַס, ווו דער קאַלטער יעשנדיקער ווינט פּאַטשט אין די פענסטער און ווו די שווערע טראָפּנס קויקלען זיך איבער די טאפליעס אַראָפּ, אַראָפּ.

און זי האָט אַלץ געשעפּטשעט:

— ס'איז מיר ענג, שווער... איך ווייס נישט, אפשר ווירקט אויף מיר אַזוי דער שלעכטער וועטער? און צוריק מיט עטלעכע וואָכן, ווען די זון האָט טאָג־טעגלעך געשיינט, האָט זי דען געשיינט פאַר מיר? איז מיר דעמאָלט דען אַנדערש געווען אויפן האַרצן, ווי איצט אינדרויסן?.. און וואָס וועט זיין דער סוף?.. שוין־זשע בין איך טאַקע אַזוי אומגליקלעך, אַז איך פרעג זיך, וואָס וועט זיין דער סוף? אויף וואָס קען איך האָפן...

אַ קלאָר טרערל האָט איר אַ ציטער געטאָן אין אויג.

זי האָט שטיל געזאָגט:

— איך וואָלט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ פּשוטן מענטשן און לעבן אַ שטיל איינפאַך לעבן... ווו נעמט מען אַ גוטן מענטשן, אַ האַרציקן מענטשן...

און נאָך אַ טרערל האָט אַ ציטער געטאָן אין ווינקל פון איר אויג. זי האָט זיך אָבער באַרויקט.

• • •

פראַניעס מוטער האָט אין דער צייט אויפגעראָמט אין שטוב. שוין פון אַ חודש, אַז חנה האָט אָפּגעשאַפט די דינסט. זי האָט אַלץ געוואָלט איינשפּאָרן.

זי האָט אויסגעווישט די גלעזער און צעשטעלט זיי אין שאַפע.

נאָכדעם האָט זי זיך פאַרטראַכט און אַלעמאָל אַ זיפץ געטאָן. פּלוצים האָט זי זיך אַנידערגעשטעלט, האַלטנדיק דעם האַנטוך אין איין האַנט און אַ גלאָז אין דער צווייטער האַנט, און געקוקט אויף איר טאָכטער פראַניען.

חנהס געזיכט איז עפּעס ווי פרייליכער געוואָרן. דאָס האַרץ האָט זיך איר געפרייט, קוקנדיק, ווי איר ליבע טאָכטער פראַניע האָט נאָך קיינמאָל אַזוי שיין נישט אויסגעזען, ווי איצט.

אירע שוואַרצע, לאַנגע צעוואָרפענע האָר האָבן באַדעקט איר ווייסן האַלדז און נאַקן און האָבן איר געגרייכט כמעט ביז דער אויסגעגאָסענער טאַליע.

אירע שוואַרצע, גרויסע אויגן האָבן מיט עפּעס אַ צאַרטן שיין באַגאָסן איר געזיכט.

פראַניע איז געזעסן פאַרטראַכט.

חנה איז מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען צו איר טאָכטער און איר אָן ווערטער אַ שטילן קוש געגעבן.

פראַניע האָט אויך אַן ווערטער אַרומגענומען איר מוטער און געענטפערט מיט אַ קוש.

חנה האָט זיך ווייטער גענומען צו איר אַרבעט, און האָט שטיל געשעפּטשעט:

— אַ נאַרישע וועלט און נאַרישע מענטשן!.. מיט אַזאַ טייערן בריליאַנט דאַרף איך זיך זאָרגן?! איך בין נישט פאַרנאַרישט אין מיינע קינדער, לאָמיר דאָס זאָגן אויף מאַניען אָדער סאָניען... ביי מיר און ביי יעדער מוטער זענען אַלע קינדער גלייך. איך האָב זיי אַלע גלייך ליב, נאָר פּאָרט ווייס איך און מוז זאָגן, אַז פראַניע איז דאָס בעסטע, שענסטע און גרעסטע קינד.

אין דעם שטילן צימער איז פּלוצלונג מאַניע פריילעך אַריינגעפלויגן.

— מאַמע, האָסטו נישט געזען מיין ניי בוך מיט די רויטע טאָוולען?

— אָט ליגט עס לעבן פראַניען.

מאַניע איז צוגעלאָפן און האָט מיט כעס אַ כאַפּ געטאָן דאָס בוך, וואָס איז געלעגן פאַרמאַכט אויפן פענסטער, ווו פראַניע איז געזעסן.

— אַלץ נעמט זי, אַלץ געהער צו איר! זי מיינט באמת, אַז זי איז אַלץ און אַלץ איז פאַר איר. עס איז דען דיין בוך? — האָט זיך מאַניע געקאָכט.

— און אַז עס איז נישט מיין בוך, טאָר איך עס נישט נעמען? קענסט עס נעמען, איך האָב עס אפילו נאָך נישט אָנגעהייבן צו לייענען.

— און דו וועסט עס טאַקע נישט לייענען, ווייל מאַטווי גריגאָרעוויטש האָט עס מיר געליען אינגאַנצן אויף דריי טעג.

די צוויי ווערטער „מאַטווי גריגאָרעוויטש" האָט מאַניע אַזוי געזאָגט, אַז איר עלטערע שוועסטער זאָל פאַרשטיין, אַז מאַניע איז שוין נישט קיין קליין מיידעלע. זי איז דאָך עפּעס דאָס יונגע פריילן אין הויז.

— און אַז איך וועל נישט לייענען מאַטווי גריגאָרעוויטשעס בוך, בין איך אויך נישט אומגליקלעך, — האָט פראַניע שטיל געזאָגט.

— אַוודאי שטייט דיר נישט אָן מאַטווי גריגאָרעוויטש?! פּש.

גאָר קיין קאַטאָוועס נישט?!.. — האָט מאַניע אויסגערופן און איז פריילעך אוועקגעפלויגן.

דערדאָזיקער קורצער שמועס, וואָס איז איינגאַנצן באַשטאַנען פון עטלעכע ווערטער, האָט פראַניען געשטאָכן ביז אין דער זיבעטער ריפּ. נישט דאָס ערשטע מאָל האָט זי געהערט פון מאַניען אַזוינע שטעכווערטער.

זייער מוטער פלעגט די ווערטער אָננעמען פאַר אַ היימיש „שמועסל" צווישן אייגענע שוועסטער.

אַמאָל פלעגט זי זיך אַפילו אַריינמישן און זאָגן:

— לאָז זיין שטילער, קענט איר דען נישט רעדן ווי מענטשן?

זי האָט נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון אַזאַ מין „שמועסל"...

פראַניע האָט אייניקע מינוטן געקוקט אויף דער טיר, וווּ מאַניע איז אַוועקגעשפּרונגען מיט לייכטע קאָקעטישע פּיסלעך.

חנה האָט שוין דערווייל אויסגעשטעלט אין שאַפע אַלע גלעזער און געוואָלט אַריינגיין אין קיך.

נאָר זי האָט פּלוצלונג ווייטער אָנגעשטעלט אירע אויגן אויף פראַניען.

זי האָט זיך איצט כמעט דערשראָקן פאַר איר מרה-שחורה, פאַר איר בלאַס געזיכט.

זי האָט געוואָלט צוגיין צו איר און זי פרעגן, אָבער זי האָט געוווּסט, אַז פראַניע ענטפערט קיינמאָל נישט אויף אַזוינע פראַגן, דעריבער האָט זי איצט אויך מורא געהאַט צו פרעגן.

זי איז אָבער נישט געגאַנגען אין קיך און איז געבליבן אין צימער, געוואַרט, טאָמער וועט זיך פראַניע אָנרופן, און בעת מעשה האָט זי געטראַכט:

— אָבער וואָס קען איך מיט איר רעדן, מיט וואָס קען איך איר טרייסטן, אַז איך בין אַ טויטער מענטש... איך האָב נישט אַפילו קיין האָפענונג... איך האָף נאָר אויף גאָט, ער קען אַלץ מאַכן... אויף מיין מאַנס פאַרדינסטן אָבער קען איך נישט האָפן... ווייטער דאַרף איך גאָרנישט. כלעבן, אַז מען וויל באַטראַכטן, איז נאָך גאָר-נישט אַזוי שלעכט, ווי אונדז ווייזט זיך אויס, באשר מיר האַלטן זיך גרויס, ווער שמועסט, מיין פראַניעטשקע, זאָל לעבן... אָבער ווען מיר זאָלן זיך אַ ביסעלע אַראָפּלאָזן, איז גאָר דער אומגליק נישט אַזוי גרויס... וואָלט גאָט נאָר באַשערט... אַ יידישע טאָכטער פאַרזיצט

נישט... אוי, אוי, ווען מיין פראַניעטשקע וואָלט נישט געווען אַזוי פון דער היינטיקער וועלט, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, — וואָלט מען זיך געפירט, ווי אַלע יידן פירן זיך — מען האָלט געבעטן אַ שדכן און גאָרנישט — און גאָט וואָלט געהאָלפן... האָבן דען חתונה נאָר די, וואָס האָבן נדן?

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך געזאָגט:

— איך האָב נאָר געוואָלט וויסן, וואָס שרייבט איר גארפינקל? ער וואָלט אַפילו געפּאַסט פאַר פראַניען, ער איז זייער אַ גוטער. ער קען לשון-קודש אויך, דאָס איז אַוודאַי זייער שיין... נאָר אַז נישט גאַר־פינקל, האָט מען דען נישט חתונה? איך וועל זיך פּריוון...

און חנה איז צוגעגאַנגען צו איר טאָכטער און זיך אַנידערגע־זעצט לעבן איר.

— פראַניעטשקע, איך האָב דיך געוואָלט עפּעס פרעגן, נאָר זיי נישט בייז... ענטפער מיר אויף אַלץ. דו ביזט דאָך טאָקע פון דער היינ־טיקער וועלט, געלערנטער פון מיר, קלוגער פון מיר... איך בין אַ פּראָסטע יידענע... נאָר איך בין דיר געטריי, מיין קינד, איך לעב נאָר פאַר דיר, פאַר אייך, פאַר מיינע קינדער — און וויל זיי זען גליקלעך.

— מאַמעניו! — האָט יענע געזאָגט. — וואָס זאָגסטו, וואָס רעד־סטו? גלויב מיר, אַז קיין קלוגערס און בעסערס פון מיין מאַמען איז גאָר פאַר מיר נישטאָ. פרעג, איך וועל דיר ענטפערן...

— באַקומסטו אָפטע בריוו פון גארפינקלען?

פראַניע האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ מין פראַגע. זי האָט אין אָנהייב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, נאָר זי האָט געזאָגט דעם אמת:

— יאָ, מאַמע... וואָס איז דען?

— דו האָסט מיר צוגעזאָגט צו ענטפערן, וויל איך דיך בעטן, דו זאָלסט מיר איבערלייענען אַ צוויי בריוו, אָדער מיר דערציילן וואָס ער שרייבט דיר...

— גאָרנישט... ער שרייבט מיר, ווי עס גייט אים אין פּעטערבורג.

— ווי-זשע גייט עס אים, גוט?

— נישט שלעכט, ער שרייבט פריילעכע בריוו.

— נו, געלויבט גאָט דערפאַר! נו און וואָס שרייבט ער דיר?

איך וויל זאָגן... זאָג מיר, מיין טאָכטער, דעם אמת, האָסטו עפּעס אַ האָפענונג, אַז גאָט זאָל דיר אים צושיקן פאַר דיין באַשערטן?

פראַניע איז רויט געוואָרן.

זי האָט שטיל געזאָגט:

— ניין, מאַמע...

— ניין? — האָט חנה געפרעגט, ווי דערשראָקן, מיט אַן אַראָפּ-געלאָזטן קאָפּ.

— ניין!

— וואָס-זשע דען שרייבט ער דיר בריוו? איך פאַרשטיי נישט...

— אָט, ער שרייבט... וואָס אַרט עס אים? זיבן קאָפּיקעס אויף אַ מאַרקע זשאַלעוועט ער נישט... נאָר איך גלויב אים נישט, מאַמע, איך האָב אים אויפגעהערט צו גלויבן... איך וועל אים, דאַכט זיך, שוין מער נישט ענטפערן אויף זיינע בריוו... איך גלויב קיינעם נישט, מאַמע, און וועל מער נישט גלויבן...

— אויב אַזוי, מיין קינד, וואָלט איך דיר געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר איך בעט דיך, דו זאָלסט זיין רויק... דו זאָלסט מיך נאָר אויס-הערן און דערנאָך טו, ווי דו פאַרשטייסט... איך וויל מיינע קינדער נישט צווינגען צו קיין שום זאַך.

— צו וואָס זאָל איך מיך אויפרעגן? זאָג, מאַמע, וואָס דו ווילסט נאָר.

— פאָלג מיך, פראַניעטשקע! לאָמיר אָוועקוואַרפן אַלע נאַריש-קייטן... אָט די אַלע פּוסטע פּראַנטן זענען נישט ווערט קיין דרייער! כאָטש איך בין נישט קיין געבילדעטע, פאַרשטיי איך אויך, אַז זיי זוכן נאָר צענטויזנט רובל, אָבער נישט קיין פרוי, ווי גאָט און לייט הייסן... מיר זענען יידן, פּראָסטע יידן — פאָלג מיך, איך וועל זאָגן אַ שדכן, ער זאָל רעדן אַ שידוך און גאָט וועט דיר געבן אַ גוט מזל גלייך מיט אַלע יידישע קינדער... אַ פיר, פינף הונדערט רובל וועלן מיר דיר אויך געבן נדן... ווי זאָגט מען: אַ ייד האָט קיין ברויט נישט און אויף אַ קינדס אַ חתונה געפינט זיך... גלויב מיר, אַז אַפילו צענטויזנט רובל נדן איז אויך קיין צעבראָכענעם גראָשן נישט ווערט. זעסטו, אַז גאָט העלפט דערנאָך — נאָך דער חתונה מיט גע-זונט, מיט פּרנסה און מיט שלום אין שטוב... אָט דאָס איז דעם מענטשנס גליק! וויפל מענטשן קענען מיר, וואָס האָבן רייך חתונה געהאַט און איצט זענען זיי אָרעמעלייט, און וויפל מענטשן

קענען מיר, וואָס האָבן אָרעם חתונה געהאַט, אַז אויף דעם ערשטן מיטאָג האָט דער מאַן באַדאַרפט פאַרזעצן דעם טלית און איצט זענען זיי גרויסע גבירים, אויף אונדז געזאָגט געוואָרן...

פראַניע האָט געענטפערט:

— יאָ, מאַמע, דו ביזט גערעכט, נישט דאָס מזל ליגט אין די צענטויזנט רובל. דאָס איז אמת. אָבער דער אמת איז גאָר איבעריק, אַז מיר זאָגן עס וויסן. וויסן דאַרפן עס די יונגעלייט, וואָס זוכן נאָר דעם פעטן נדן. איך וויל נישט און האָב קיינמאָל נישט געוואָלט קיין רייכן חתן, איך וויל נאָר אַ מענטשן, אַ געבילדעטן מענטשן, ער זאָל זיין מיין גלייכן, אַז איך און מיין מאַן זאָלן זיך שטענדיק איינס דאָס אַנדערע קענען פאַרשטיין און קענען אַ וועלט אויספירן. צום באַדויערן אָבער, האַנדלען די געבילדעטע לייט מיט כּלות דורך מעקלערס און אָן מעקלערס און אַפילו דאָס חתונה האָבן איז געוואָרן אַ מסחר, און נישט מער...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, זיך פאַרקוקט מיט די שיינע שוואַרצע אומעטיקע אויגן און נאָכדעם געזאָגט:

— נו, מאַמע, זאָלן זיין שדכנים... איך שטעל מיך נישט איין... איך וויל נאָכגעבן...

חנהן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— זייער גוט, מיין קינד... זייער גוט...

פראַניע האָט פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— נו, מאַמעניו, און אַז איך וועל חתונה האָבן און וועל האָבן קינדערלעך, אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע, וועסטו זיי ליב האָבן, וועסטו זיין גליקלעך?

חנה האָט גענומען לאַכן מיט טרערן אין די אויגן.

— נאַרעלע, נאַר... — האָט זי געזאָגט, — ווי דערלעבט מען דאָס וואָס גיכער, ליבער גאָטעניו!..

פראַניע איז רויט געוואָרן און האָט שטיל געשמייכלט.

מאטוויי גריגאָרעוויטש.

חנה איז אַוועקגעגאַנגען אין קיך און פּראַניע האָט זיך גע־גומען צו דער נאָדל: זי האָט געניית אַ קלייד.

אין קיך האָט חנה ווידער געשעפּטשעט פאַר זיך:

— אַ, עס איז מיר די צייט שלעכט, איך בין פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ און האָב נישט אַ גראָשן?.. נאָר מען מוז זען זיך נאָכ־מער פאַרשולדיקן... איך וועל וווינען אין איין צימער... מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט וועלן מיר זיך אַלע באַנוגענען... וואָס טוט מען נישט פון אַ קינדס וועגן? גאָט וועט מוזן העלפן...

אויף דער נאַכט, צו טיי, איז ביי די פריידקינזאָס אין הויז געווען פריילעכער, ווי תמיד.

חנה האָט פּשוט געשיינט פון אינערלעכער שמחה, פון איינגע־האַלטענער פרייד.

ביים טיש האָט זיך אויך געפונען מאַטוויי גריגאָרעוויטש, און האָט נאָר גערעדט מיט מאַניען און סאָניען.

און אַ מאָדנע זאַך: ווען ער האָט אַמאָל אָנגעהייבן רעדן מיט פּראַניען, פלעגט זיך קיינמאָל נישט קלעבן זייער שמועס, און מיט די קלענערע שוועסטער האָט ער גערעדט און גערעדט און עס האָט קיינ־מאָל קיין סוף נישט גענומען.

באַזונדערס פלעגט ער מיט די יינגערע שוועסטער פריידקינזאָנס אַ סך רעדן ווינטערצייט.

פאַר די פריידקינזאָנס איז מאַטוויי גריגאָרעוויטש געווען נאָר אַ ווינטער־קאַוואַליער, ווייל זומערצייט האָט שטענדיק דער גוטער

יאָר אָנגעטראָגן קיין אַריבּאַטאָװוקע אַ גימנאַזיסטל, עפּעס אַ סטודענטל, אָדער אַזוי אַ פּראַנט פון דער גרויסער װעלט.

און מיט װעמען דען פלעגן זיך די לייט אין אַריבּאַטאָװוקע באַגעגענען, אַז נישט מיט די פריידקינזאָנס? דעמאָלט, זומערצייט, פלעגט מאַטווי גריגאָרעוויטש קיין מויל נישט קענען עפענען, ווען די צוזאַמענגעלאָפענע גרויסשטעטישע קאַוואַליערן פלעגן רעדן.

מען מוז מודה זיין, אַז ער האָט זייער שלעכט גערעדט רוסיש, כאָטש אויסגעזען האָט ער זייער לייטיש אין זיין שיינעם אָנצוג.

זומער האָט ער פאַרלאָרן דעם מוט, און פלעגט כמעט נישט אַריינשמעקן צו די פריידקינזאָנס אין הויז.

מאַניע מיט סאָניען פלעגן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז עס איז גאָר דאָ ערגעץ אין אַריבּאַטאָװוקע אַ מאַטווי גריגאָרעוויטש, און אַז זיי האָבן אים יאָ אַמאָל באַגעגנט אין גאַס און זיך דערמאָנט אָן אים, האָט ער זיי אויסגעוויזן עפּעס נישט אינטערעסאַנט.

נאָר אַזױוױ ער איז פאַרט געווען אַ שטיקל קאַוואַליער און האָט זיך געבנייטיקט אין „באַרישניעס״, פלעגט ער זומערצייט דרייען אַ קאָפּ געלען און גיטעלען און נאָך אַנדערע אַזעלכע יידישע מיידלעך.

מיט זיין אוצר „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען״ און מיט זיין זינגען ראָמאַנסן און ליבע-לידלעך האָט ער געהאַט גענוג מאַטעריאַל צו פאַראינטערעסירן די אַריבּאַטאָװוקער מיידלעך פון פרומע חסידישע עלטערן. ווינטער אָבער האָט זיך אָנגעהייבן זיין עליה. דעמאָלט האָט ער אָנגעהייבן גיין צו די פריידקינזאָנס.

מאַניע מיט סאָניען פלעגן מיט דעם איינציקן ווינטערדיקן קאַוואַליער זיין זייער צופרידן און פיל רעדן מיט אים. קיין בעסערס איז סיי ווי נישט געווען אין אַריבּאַטאָװוקע.

אָט אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען אַ סך זומערס מיט ווינטערס און מאַטווי גריגאָרעוויטש האָט זיך געלעבט גאַנץ נישקשהדיק.

אַז ער איז נישט געווען פאַרנומען מיט די אַריבּאַטאָװוקער מיידלעך, האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט זיך אַליין. ער פלעגט זיך אַרומוואַשן און אָפּזייפן, זיך כסדר גלעטן די בעקלעך און קוקן אין שפּיגל.

שפּעט אין דער נאַכט פלעגט ער איבערזיצן אין פרעמדע הייזער און דערנאָך ביי זיך אינדערהיים אַנטשלאָפן ווערן ביי אַ זייער „העכסט אינטערעסאַנטן ראָמאַן.״

פאַר פּרנסה האָט ער נישט באַדאַרפט זאָרגן זיין פאָטער איז געווען אַ קהל-שרייבער אין אַריבאַטאָווקע. אויף דער עלטער האָט ער זיך געקויפט אַ שטיבל און דעם ווייב געמאַכט אַ קליטל און אַליין איז ער געשטאָרבן, איבערגעלאָזנדיק אַן אַלמנה מיט אַ בן-יחיד.

די אלמנה איז דעם גאַנצן טאָג געזעסן אין קלייט און געהאָרעוועט פאַרן בן-יחיד.

קיין גרויסע הוצאה האָט זי נישט געמאַכט: קיין דירה-געלט האָט זי נישט געדאַרפט צאָלן און אויף דעם איבעריקן האָט דאָס קלייטל געטראָגן.

די אלמנה האָט שטענדיק פאַר איר בן-יחיד אָנגעגרייט אַ מיטאָג מיט אַ וועטשערע צו דער צייט און אים אויך געמאַכט אַ מלבוש, ווען ער האָט נאָר באַדאַרפט. און מאַטוויי האָט זיך געלעבט אויף גאָטס וועלטל, ווי אַ קאָטער אין סמעטענע.

* * *

דעם לעצטן זומער אָבער האָט זיין רויִק לעבן ביסלעכווייז אָנגעהייבן געשטערט ווערן. עס האָט אים צום ערשטן מאָל אָנגעהייבן קרענקען, וואָס איבער די אָנגעלאָפענע סטודענטן קען נישט זיין אָפּט ביי די פריידקינזאָנס.

ער האָט בייגאַכט נישט געשלאָפן און האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען.

עס האָט אים נאָר געצויגן צו די פריידקינזאָנס.

און אַז ער איז געגאַנגען שפּאַצירן, האָט ער זיך אַלץ אומגערן געפונען אויף דער שמאָלער גאַס, וווּ פריידקינזאָנס הויז האָט זיך געפונען, ווי עפּעס אַ נישט-גוטער האָט אים געצויגן אויף דערדאָזיקער גאַס.

זיינע באַקאַנטע מיידלעך פלעגן שוין וויסן, אַז מאַטוויי שפּאַצירט נאָר אויף דער שמאָלער גאַס, און ווען ער פלעגט אפילו מיט זיי צוזאַמען שפּאַצירן, פלעגט ער אויך פאַרבלאָנדזשען אויף אָט דער גאַס.

און אַז מען האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס געפעלט אים בעסער די שמאָלע גאַס, איז דען נישט בעסער צו שפּאַצירן אונטער דער שטאָט? פלעגט ער ענטפערן, אַז די עטלעכע ביימלעך פון דער שמאָלער גאַס שמעקן בעסער, ווי די וועלדער און פעלדער, און ביי־נאַכט, ווען די לבנה שיינט, זעט ער נישט אין ערגעץ אַזאַ לאַנד־שאַפט, ווי אויף דער שמאָלער גאַס.

אויף דער שמאָלער גאַס איז ער קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו שפּאַצירן.

ווינטער אינם גרעסטן פראָסט איז אים נישט געווען קאַלט. אפילו אין די יעשנדיקע, נאַסע וועטערס פלעגט זיך אים אויך אויסווייזן, אַז אויף דער שמאָלער גאַס הייבט אָן צו טריקענען, און די זון שלאָגט זיך דורך די וואָלקנס...

אויף דערדאָזיקער גאַס האָט ער געזיפצט, געקרעכצט און אַמאָל אויך גוטע מינוטן פאַרבראַכט, מיט איין וואָרט: אויף דער שמאָלער גאַס האָט אים געצויגן, ווי מיט אַ מאַגנעט — ער איז, קענטיק, גע־ווען פאַרליבט איבערן קאָפּ, מיטן גאַנצן האַרצן, מיט זיין גאַנץ לעבן!

די, וואָס האָבן דאָס אויף אים באַמערקט, האָבן אַנדערש נישט גערעכנט, אַז ער איז פאַרליבט אין פריידקינזאָנס צווייטער טאָכטער, אין מאַניען.

אָבער ער אַליין האָט געוווּסט, אַז עס ציט אים, ווי מיט צוואַנגען דווקא צו פראַניען.

ער האָט זעלטן גערעדט מיט פראַניען, און דאָס אַ פּאָר ווער־טער, וואָס האָבן קיין שום באַדייטונג נישט געהאַט.

איבעריקנס, האָט ער אַליין גוט געוווּסט, אַז ער קומט נישט צו איר. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז קעגן איר אַ גאָרנישט און זיין ליבע האָט קיין צוקונפט נישט.

פונדעסטוועגן פלעגט ער נישט אַרויסטרעטן פון פריידקינזאָנס הויז, רעדן מיט אַלעמען, אָבער קוקן — אויף פראַניען.

אים איז עפּעס געווען ווארעמער, לייכטער און ליבער, ווען ער האָט זיך געפונען אין דעמזעלבן צימער, וואָס פראַניע. און ווען זי איז נישט געווען אינדערהיים, האָט ער זיך קיין אָרט נישט געקענט געפונען.

ער פלעגט אין פריידקינזאָנס הויז טראָגן די בעסטע ביכער צום לייענען, די בעסטע פרוכט-קאָנפעקטן, שאָקאָלאַד...

נאָר פראַניע האָט עס אָבער ווייניק באַמערקט. אין פלוג האָט זי פיינט געהאַט מאַטוויייען.

זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַ פוסט יינגל, וואָס דרייט זיך תּמיד אַרום מיט מיידלעך איבערן שטעטל.

איצט איז מאַטוויי געזעסן ביים טיש און געטרונקען טיי, אָבער געקוקט אויף פראַניען, און אַז ער האָט זיך שפּעטער אויפגעהייבן, געגעבן אַלעמען די האַנט און צולעצט אויך פראַניען, האָט ער גע־פילט, ווי עס שטאַרבט אים זיס אָפּ דאָס האַרץ.

פראַניע האָט עס אָבער נישט באַמערקט.

אַ שלעכטע נאַכט און אַ גוטער חלום.

ווען מאַטוויי איז אַרויסגעגאַנגען פון פריידקינזאָנס הויז, האָט ער פאַר זיינע אויגן גאָרנישט געזען. עס איז געווען אַ פינסטערע יעשען-נאַכט.

אין ערגעץ האָט מען נישט געזען קיין שיין. עס איז שוין גע־ווען שפּעט און אַלע לאַדן צוגעמאַכט.

ער איז געשטאַנען עטלעכע מינוט און זיך געפּרוּווט עטוואָס זען וואָס עס טוט זיך אַרום אים — אָבער אומזיסט.

די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט אַ שוואַרצן נעפּל, וועלכן מען האָט געקענט אָנטאַפּן מיט הענט.

ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט, אָבער עס איז נישט געווען מעגלעך צו גיין. די טיפע יעשנדיקע בלאָטעס האָבן איינגעזויגן אינדערפינסטער זיינע טריט.

— און וועלכער משוגענער קען גאָר איצט גיין! — האָט ער זיך געזאָגט. — נאָר אַזאַ מטורף, ווי איך, בלאָנקע אַרום אינדערפינסטער.

אָבער איך וואָלט אפילו אין דעם וועטער געלאָפן דרייסיק וויאָרסט פאַר פראַניעס אַ גוט וואָרט.

אָנהאַלטנדיק זיך ביי די ווענט פון פריידקינזאָנס הויז, האָט ער זיך דאָך געלאָזט גיין. ער האָט אָנגעטאַפּט דעם לאָדן פון אַ פענסטער, — דאָס איז געווען דער לאָדן פון פראַניעס שלאָפצימער.

— אָט דאָ, אָט דאָ אונטער די הילצערנע לאָדן געפינט זיך מיין גליק, מיין גאַנץ לעבן, מיין וועלט... איך מוז זי זען... כאָטש איין קוק טאָן אויף איר... האָט ער געשעפּטשעט.

ער האָט זיך אויפגעהייבן אויף די שפּיץ פינגער, און צוגע־שטעלט די אויגן צו די שפּאַרונעס פון די לאָדן.

אין צימער האָבן זיך געפונען אַלע דריי שוועסטער, נאָר ער האָט נאָר געזען פראַניען. זי האָט געטראָגן אַ ווייס לייכט קלייד. אין אַזאַ קליידל האָט זי מאַטוויי דאָס ערשטע מאָל געזען. אויפן פאָן פונם ווייסן שטאָף זענען פראַניעס האָר און אויגן נאָך שוואַר־צער געוואָרן און האָבן נאָכמער געצויגן, ווי אַלעמאָל.

אין מאַטווייען האָבן אָנגעהייבן צו ציטערן אַלע גלידער, דער קאָפּ איז אים געוואָרן הייס, דער שטערן איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ שוויס, אין האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט.

אין דעמדאָזיקן שלעכטן וועטער האָט ער נישט געפילט, ווי ער איז אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ צייט, און גאָט ווייסט ביזוואַנען ער וואָלט נאָך אַזוי געשטאַנען, ווען ער וואָלט נישט דערזען, ווי פראַניע גייט צו צום פענסטער.

ער האָט זיך איבערגעשראָקן און האָט אָנגעהייבן צו לויפן אין דער בלאָטע, פונקט ווי אינדרויסן וואָלט געווען אַ שיינע וואַרעמע זומערנאַכט.

נאָר באַלד האָט ער דערפילט, ווי עס איז אים זייער קאַלט געוואָרן, און עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן.

נישט וויסנדיק וווהין עס טראָגן אים די פיס, האָט ער אינ־דערפינסטער נישט אויפגעהערט צו לויפן און איז שטאַרק פאַרוווּנדערט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, אַז ער געפינט זיך אויף דער גאַס, ווו פריידע־יענטעס שענק געפינט זיך. עס האָט זיך נאָך דאָרט גע־לויכטן און עטלעכע שטראַלן פון אַ לעמפּל האָבן באַשיינט און באַ־בלישטשעט אַ גאַנצן שטח מיט בלאָטע.

מאַטווייען האָט זיך פריילעכער געטאָפּטשעט אין דער בלישטשענ־

דיקער בלאטע. ער איז גלייך אריין צו פריידע-יענטען. דארט איז גע־וועען רויכיק, דושנע און בלאטיק, נאר פארט ווארעמער און טרוקע־נער, ווי אינדרויסן.

דער עולם אין שענק האט אים פארווארפן מיט פראגן:

— איר קומט ערשט צופארן? איר האט זיך איבערגעקערט מיט דער פור? זעט, ווי איר זענט איינגעטונקען אין בלאטע!

— יא! — האט ער געענטפערט, זיך געזעצט אין א ווינקל און געהייסן זיך געבן א גלאז ביר.

אין שענק האבן זיך נאר געפונען פארשידענע מענטשן און שאטנס פון קעפ, בערד און פיאות האבן זיך געווארפן און געשאקלט אויף די שווארצע טונקעלע נאסע ווענט.

א צוויי, דריי יידן, וואס האבן זיך גלאט אזוי געדרייט אין שענק מיט די שטעקעלעך אין די הענט און מיט פאררוקטע היטלען, זענען דורכגעגאנגען לעבן מאטווייען און האבן אים אריינגעקוקט אין פנים, דערנאך א שמעק געטאן אינם גלאז ביר, און זענען זיך אזוי, אן ווערטער אוועקגעגאנגען, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אן אנדער טיש, וו מענטשן זענען געזעסן ביי ליידיקע גלעזער פון ביר און גלעזלעך פון בראנפן.

דערנאך איז צוגעגאנגען צו אים עפעס א ייד און פארגעלייגט קויפן ביי אים א וויל ענגליש מעסערל מיט אכט קלינגלעך, אויסער אן אויער-לעפעלע מיט א קליין שערעלע פאר די נעגל.

מאטוויי האט געזאגט, אז ער קויפט גארנישט און דער ייד מיט זיינע אכט קלינגלעך איז צוגעגאנגען צו אן אנדער טיש. נאכדעם איז צוגעגאנגען א פרישער פארשוין, אריינגערוקט אים א שלום־עליכם און געפרעגט:

— זענט איר נישט בערלזאן פון מאנקיוווקע?

— ניין, — האט מאטוויי געענטפערט.

דער שענק-זייגער האט הייזעריק און פארכליפעט אפגעקרעכצט צוועלף מאל. מאטוויי האט זיך אויפגעכאפט און איז ארויסגעגאנגען פון שענק. אין אנהייב איז פון דעם שענק-שיין א ביסל ליכטיק גע־וועען צו גיין, נאר ווי ער האט זיך גענומען אין דער זייט, אין אן אנדער געסל, האט ער ווייטער פאר זיך די וועלט נישט געזען. ס'איז געוועען פינסטער, ווי אין א גרוב.

טאפטשענדיק מיט די פיס איבער דער בלאטע, איז ער ווייטער

געגאַנגען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, טאָמער וועט ער פּאַרט דערזען ערגעץ אַ שיין, אָבער די פינסטערניש איז נאָך געדיכטער געוואָרן.

פלוצלונג האָט ער דערזען, ווי פון אַ געסל ציען זיך צו אים עטלעכע לאַנגע ליכטיקע פעדעם... נאָך איין מינוט—און עס ווייזט זיך אַ לאַנגער שמאָלער פּאַס...

אַלעמאָל ציט זיך דערזעלבער שיינענדיקער פּאַס ווייטער פון אים, ווייט, ווייט, אָן אַן עק.

אין אַ מינוט אַרום הערט ער, ווי פּיס טאָפּטשען מוזיקאַליש אין בלאָטע.

שפּעטער אַ רגע הערט ער הוסטן, זיפצן, קרעכצן, דערנאָך ווידער עפּעס אַ באַרמאָטשען אונטער דער נאָז, ווי אַ ניגון, און מען שנייצט די נאָז און מען הוסט ווייטער און מען טאָפּטשעט ווייטער און ער זעט, ווי עס גייט איינער מיט אַ לאַמטערן.

מאָטוויי האָט אָנגעהייבן צו גיין צו דעם לאַמטערן.

— קטאָ טאַם? — האָט ער פּלוצלונג דערהערט אַ געשריי.

— אַ ייד, — האָט מאָטוויי געענטפערט.

דער פרעגער מיט דעם לאַמטערן איז צוגעגאַנגען צו מאָטוויי׳ען, אַריינגעשטעלט דעם שטעקן אין דער בלאָטע, אויפגעהייבן דעם לאַמטערן צו מאָטווייס נאָז און אים גוט אָנגעקוקט.

— וואָס קוקט איר מיך אַזוי לאַנג אָן, ר׳ זעליג, איר האָט מיך נישט דערקענט?

— טפו, טפו, טפו! — האָט ר׳ זעליג דריי מאָל אויסגעשפּיגן.— כלעבן, עס איז גאָר מאָטווייטשיק!

און ר׳ זעליג האָט אים שטאַרק אָנגעהייבן דרייען ביים אויער.

— אַי, מאָטווייטשיק! מאָטווייטשיק! וואָס דרייסטו זיך אַזוי אַרום ביינאַכט אין די גאַסן? ווילסט אַ שמעק טאַבאַק?

און ר׳ זעליג האָט אַנידערגעשטעלט דעם לאַמטערן אויף דער בלאָטע לעבן שטעקן, אַרויסגענומען זיין פאַרשמאָלצוועט טיכל, זיך גוט אויסגעשנייצט די נאָז, דערנאָך אַרויסגענומען פון בוזעם דאָס קאָרענע פּושקעלע *), געטאָן אַ שמעק טאַבאַק און זיך אָנגערופן:

— שמעק, שמעק, מאָטווייטשיק, שמעק, זאָג איך דיר, אין אַזאַ בלאָטע שאַדט נישט אַ שמעק טאַבאַק אַפילו פאַר אַזעלכע דייטשן, ווי דו...

---

*) כמעט אלע מלמדים און שדכנים שמעקן פון פּושקעלעך, וואָס ווערן געמאַכט פון דער קאָרע פון אַ ליפּע-בוים.

און ר׳ זעליג האָט טיף אין בוזעם ווייטער פאַררוקט זיין קאָ־רענע פושקעלע.

עטלעכע מינוט זענען זיי ביידע אַזוי געשטאַנען אָן ווערטער. מאַטוויי האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, נאָר ר׳ זעליג האָט געהאַלטן אין איין ניסן, און אים בעת־מעשה מרמז געווען, אַז ווען ער וועט זיך אויסניסן, האָט ער אים צו זאָגן זייער אַ נייטיקע זאַך.

נאָכדעם, ווי ר׳ זעליג האָט זיך גוט אויסגעניסט, האָט ער מאַטווייען געגעבן אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ אין פּלייצע, אַז יענער האָט זיך איינגעבויגן אינדרייען.

— איך זאָג דיר, מאַטקע, אַז אַ שמעק טאַבאַק איז אַ גרויסע זאַך, — האָט ר׳ זעליג אָנגעהייבן רעדן און אַ שטאַרקן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — אַ שמעק טאַבאַק, זאָג איך דיר, עפנט אַמאָל דעם יידן דעם מוח... נאָר וואָס וועל איך זיך איצט מיט דיר שטעלן אין דער בלאָטע פּלוידערן, קום נאָר אָקאָרשט אַריין צו פריידע־יענטען. דאָרטן איז נאָך געוויס ליכטיק. אָט באַלד, נישט ווייט, עטלעכע טריט...

מאַטוויי האָט געזאָגט:

— ווו וועל איך זיך איצט שלעפּן? איך האָב קיין כוח נישט צו גיין אַהיים. גייט אייך אַליין. איר וועט מיר שוין אַן אנדערשמאָל דערציילן.

— ניין, נאָר איצט! איך זאָג דיר, אַז עס איז אַ גאָט־זאַך, וואָס איך האָב דיך באַגעגנט... עס וואָלט מיר גאָר קיינמאָל אויף דעם מוח נישט אַרויפגעקומען אַזאַ גלייכער שידוך, כאָטש איך בין שוין אַן אַלטער שדכן.

— נו, ר׳ זעליג, זאָל זיין אויף אַן אַנדערשמאָל. עס איז זייער קאַלט צו שטיין, אַ גוטע נאַכט.

— נו, זאָל זיין אויף אַן אַנדערשמאָל... עס איז טאַקע קאַלט און שוין צייט צו שלאָפן. איך וואָלט שוין לאַנג געווען אינדערהיים און געזעסן ביים אויוון, נאָר אַז מען קומט אַריין נאָר אויף אַ מינוט צו די דייטשן, צו די פריידקינזאָנס, לאָזט מען אַזוי גיך נישט אָפּ... נישקשה, כאָטש איך בין אַ טאַלנער חסיד, פונדעסטוועגן וואָלטן די דייטשן פאַר מיר נישט אַוועקגעגעבן דאָס אויבערשטע פון כריין... נו, אַ גוטע נאַכט, מאָרגן וועלן מיר זיך זען.

— איר גייט איצט פון די פריידקינזאָנס? — האָט מאַטוויי

פלוצלינג זיך אויסגעדרייט און אָנגעכאַפּט אים פאַר דער האַנט.—פון די פריידקינזאָנס גייט איר איצט?

— יאָ, — האָט ר׳ זעליג געענטפערט. — נאָר וואָס געווען ביי זיי. און ער האָט צוגעגעבן:

— דאָ, אין דער בלאָטע, ווייס איך גאָרנישט, עס איז קאַלט צו שטיין. קום אַריין צו פריידע-יענטען. דאָרט וועל איך דיר שוין אַלץ דערציילן, און דו וועסט אַליין זען, אַז עס איז אַ גאָט-זאַך, וואָס מיר האָבן זיך איצט באַגעגנט.

מאַטוויי איז שוין איצט נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. דער קורצער וועג צו פריידע-יענטען איז אים געווען צו ווייט.

ער האָט געשלעפּט ר׳ זעליגן, ווי אַ רוח אַ מלמד.

— עס איז מיר זייער קאַלט, — האָט מאַטוויי געזאָגט און נישט אויפגעהערט צו שפּאַנען אין דער בלאָטע.

אַריינגעקומען אין שענק, האָט ר׳ זעליג אָפּגעגעבן פריידע-יענטען דעם שיינעם „גוטן אָוונט״, אָבער ער האָט זיך פאַרהוסט אויף אַ פערטל שעה, און הוסטנדיק, גערעדט:

— איך זאָג אייך, פריידע-יענטע, אַז אין די יונגעלייטס דרכים טאָר מען נישט גיין... איך זאָג אייך, אַז אַן אָקס מיט אַ פערד טאָר מען נישט שפּאַנען אין איין וואָגן. אָט בין איך מיט דעם יונגנ-מאַן געגאַנגען עטלעכע טריט, האָב איך שוין פון זיך מיין לעצט ביסל גאַל אויסגעהוסט.

מאַטווייען איז צו לאַנג געווען ר׳ זעליגס רעדן. ער האָט אים צוגעשלעפּט צום ווינקל-טישל און געהייסן געבן בראָנפן מיט פאַרבייסן פאַר ר׳ זעליגן און פאַר זיך אַ גלאָז ביר.

אָבער צו דעם טישל איז ווידער צוגעגאַנגען דער ייד פון דעם ענגלישן מעסערל.

— איך זאָג אייך, יונגערמאַן, אַז עס איז אַ גאָט-זאַך... ווען איר זענט אַוועקגעגאַנגען, האָב איך זיך געטראַכט: פאַרפאַלן מיין קונה! איך וועל שוין היינט גאָרנישט לייזן. נאָר אַז איר זענט איצט ווייטער דאָ, מסתמא איז דאָס טאַקע אַ גאָט-זאַך. אָט זעט נאָר: אַכט קלינגלעך האָט דאָס מעסערל, און אָט איז אַ שערעלע צו די נעגל אויך...

— איך זאָג דיר, מאַטווייטשיק, אַז עס איז נאָר אַ גאָט-זאַך—האָט ר׳ זעליג אַריינגעוואָרפן.—אָט וועל איך דיר דערציילן, ווי עס איז געווען.

— וואָס דען מיינט איר, אַלץ איז פון גאָט! אָן גאָט טוט זיך גאָרנישט, — האָט דאָס יידל מיטן מעסערל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— גייט צו אַלדע גוטע יאָר! איבער אייער הינטיש מעסערל דערמאנט איר פופצן מאָל גאָט! לאָזט מיך צורו! איך וויל נישט קויפן, איך דאַרף נישט קיין מעסערל, איך האָב אַ מעסערל.

— נישט נאָר פופצן מאָל, נאָר הונדערט מאָל וועל איך דאַנקען און לויבן גאָט און פאַר אייך אויך בעטן גאָט, ווען איך וועל עפּעס ביי אייך היינט לייזן, איך זאָל האָבן פאַר מיין ווייב און קינדער עטלעכע גראָשן אויף ברויט. עס איז זיך איצט אַזאַ יקרות! און גלויבט מיר, אַז דאָס מעסערל איז נישט קיין הינטיש מעסערל, נאָר אַן אמת ענגליש! אָט קוקט זיך נאָר איין, וואָס האָט איר אַזוי מורא? איך נעם דאָך ביי אייך דערפאַר נישט קיין געלט. איר מעגט זאָגן, אַז איר גיט פאַר דעם ענגלישן מעסערל אַ גראָשן... אייער געלט, מיין סחורה, אָבער קוקט עס נאָר אָן...

מאַטוויי האָט זיך נישט געקענט אָפּטשעפּען פון אים און געקויפט דאָס מעסערל.

ווי דער ייד האָט נאָר באַקומען די עטלעכע גראָשן, איז ער מיט זיין פּעקל, ווי אַ בליץ, אַרויסגעפלויגן פון קרעטשמע.

ער איז געלאָפן איבער דער בּלאָטע און האָט נאָך געהאַט צו לויפן אַ גאַנצן וויאָרסט, הינטער דער שטאָט, דאָרט, צו זיין צרהדיק שטיבל, וווּ אַ ווייב מיט קינדער האָבן ביי אַ קאַגאַנעץ געוואַרט אויף זייער שפּייזער.

• •
•

מאַטוויי האָט זיך זייער פאַראינטערעסירט מיט ר׳ זעליגס דערציילן.

אים האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז ער הערט נישט גוט, וואָס ר׳ זעליג דערציילט.

ער האָט געבעטן, מען זאָל זיין האַלב גלאָז איבערטראָגן אין

דעם איינציקן באַזונדערן צימער, וואָס דער שענק האָט פאַרמאָגט און ר׳ זעליגן האָט ער געהייסן דערלאַנגען נאָך אַ ביסל בראָנפן.

דאָ האָט אים ר׳ זעליג נאָכאַמאָל געמוזט דערציילן פון אָנהייב ביז צום סוף.

— נו, וואָס זאָגסטו איצט, מאַטווייטשיק.

— וואָס זאָל איך זאָגן? איר ווייסט אַליין... ווען גאָט זאָל העלפן און דער שידוך זאָל אויסגעפירט ווערן, וואָלט איך געווען דער גליקלעכסטער מענטש... איך וואָלט אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איך וואָלט אייך ליב באַקומען, ווי אַן אייגענעם טאַטן...

און מאַטוויי האָט מיט טרערן אין די אויגן אַרומגענומען ר׳ זעליגן.

ר׳ זעליגן האָט עס אויך גערירט ביז צו טרערן. זינט ער איז שדכן, האָט זיך אים דאָס ערשטע מאָל געטראָפן, אַז מען זאָל אים אַרומנעמען דערפאַר, וואָס ער רעדט אַ שידוך.

— דו מעגסט זיין זיכער, — האָט ער געזאָגט, — דער שידוך וועט מיט גאָטס הילף געוויס אויסגעפירט ווערן. איך ווייס, וואָס איך רעד, האָב קיין מורא נישט.

— און איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז מיר גלויבט זיך נאָך אַלץ נישט אינגאַנצן. קען דאָס זיין, אַז פראַניע, פריידקינזאָנס טאָכטער, וועט זיין מיין כלה, מיין פרוי?!

— אַי, נאַרעלע, נאַרעלע! ווען דו זאָלסט וויסן, ווי מען וועט זיך דאָרטן אָנכאַפּן מיט ביידע הענט! אמת, עס איז טאַקע נישט צו גלויבן, דו זאָלסט ווערן אַ חתן פאַר פריידקינזאָנס עלטסטע טאָכטער, נאָר, ברודער, דער דלות, דער דלות קען אַלץ אין דער וועלט מאַכן... אַפילו ביי די היינטוועלטיקע דייטשן און אַריסטאָקראַטן קען דער דלות אויך אַלץ מאַכן.

— זיי זענען טאַקע אַזוי אָרעם?

— אָרעם זענען זיי נישט... אויף צו לעבן האָבן זיי, נאָר אויף אַ קינד חתונה צו מאַכן האָבן זיי נישט קיין צעבראָכענע פּרוטה. זי האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז מען וועט פאַרזעצן פון זיך דאָס לעצטע תּעמד, אַבי איר פראַניעטשקען כאָטש געבן פינפהונדערט רובל נדן. זי וויל איר עלטסטע טאָכטער נישט חתונה מאַכן אָן נדן...

— איך זאָג אייך דעם אמת, ר׳ זעליג, אַז וויבאַלד זיי זענען אַזוי אָרעם, בין איך זיי מוחל דעם נדן. איך וועל זיי אָוועקגעבן אַלץ,

וואָס איך פאַרמאָג, אַבי איך זאָל זיכער וויסן, אַז פראַניע איז מיין כלה.

און ער האָט צוגעגעבן:

— מיט פראַניען בין איך דער רייכסטער אין דער וועלט. אָן איר בין איך דער אָרעמסטער.

ר׳ זעליג האָט געזאָגט:

— זעסטו, מאַטוויטשיק, אָט דערפאַר האָב איך דיך ליב... דו ווילסט נישט קיין נדן ביי עלטערן, וואָס קענען נישט געבן. גאָט וועט דיר געוויס העלפן דערפאַר. אָבער שדכנות קומט מיר, ווי פאַר אַ שידוך מיט פינפהונדערט רובל נדן... זאָג מיר נאָר, מאַטווייטשיק, דו ביזט דאָך דאָרטן אָפט און קענסט פריידקינזאָנס טאָכטער, ווי מיינסטו, דו וועסט איר געפעלן?.. אפשר פירט איר צווישן זיך שוין אַ פאַרליבעניש, וואָס איך ווייס נישט, איז אוודאי גוט... וואָרים ווי־באַלד איר וועט זיך געפעלן, וועט מען נאָך היינטיקע וואָך שרייבן תנאים...

מאַטוויי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— איך קען זיך מיט איר, נאָר איך האָב קיינמאָל מיט איר נישט גערעדט... מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל איר נישט געפעלן, וואָרים ווי קום איך צו איר?

— אָט טאַקע דערפאַר, וואָס דו האַלטסט זיך קלענער פון איר, וועסטו איר געוויס געפעלן. מעגסט זיין זיכער... זעסט, מען פאַר־מאַכט שוין דעם שענק, לאָמיר גיין. מאָרגן וועל איך זיין דאָרט ביי זיי. איך האָב געזאָגט דער אַלטער פריידקינזאָן, אַז איך האָב פאַר איר טאָכטער זייער אַ ווילן יונגנמאַן, כאָטש איך האָב נאָך אַליין נישט געוווסט, ווער און וואָס און ווען. נאָר, פאַרשטייסטו מיך, אַ סוחר מוז שטענדיק זאָגן, אַז ער האָט סחורה. סחורה קריגט מען שטענדיק, אַפילו ביינאַכט אין דער בלאָטע...

דער שענק האָט זיך שוין באמת צוגעמאַכט, און די צוויי פאַר־שפּעטיקטע געסט זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער פינסטערער גאַס.

— אָ, ווי נעם איך אַזאַ לאַמטערן, ווי איר, ר׳ זעליג! וויאַזוי גייט מען אין אַזאַ פינסטערניש!

— אַזאַ יונגערמאַן, ווי דו, זאָל נישט האָבן קיין אויגן? נו, איך וועל דיך אַ ביסל צופירן.

— איך דאַנק אײַך, אַ גוטע נאַכט! איך וועל שוין אַליין טרעפן. מאָרגן — פאַרגעסט נישט!

זיי זענען זיך צעגאַנגען אין פאַרשידענע געסלעך.

שפּאַנענדיק אין דער בלאָטע, האָט ר׳ זעליג נישט אויפגעהערט זיך צו לאָזן הערן פון ווייטן. ער האָט געקרעכצט, געהוסט, גענאָסט און גערעדט צו זיך:

— אויב איך וועל אויספירן דעם דייטשישן שידוך און יענע צוויי חסידישע שידוכים, וואָלט איך געקענט אַ ביסל אָפּרוען דעם ווינטער און זיך נישט דאַרפן שלעפּן אַזוי שפּעט אין דער נאַכט!

און ער האָט ווייטער גענאָסט און געהוסט.

מיט פרישע כּוחות און נייע גוטע האָפענונגען איז מאַטוויי געקומען שפּעט אַהיים.

ער האָט נאָך לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן. עס האָט אים געהויבן פון בעט. ער האָט זיך געחידושט און גערעדט צו זיך:

— קען דאָס זיין, אַז דאָס, וואָס ר׳ זעליג האָט מיר דערציילט, איז אמת?! עפּעס זעט עס מיר אויס, ווי אַ גוטער חלום... קען דאָס זיין, אַז פראַניע, די גאָלדענע פראַניעטשקע, זאָל ווערן מיין כּלה, מיין פרוי, און איך וועל מיט איר מעגן יעדן טאָג רעדן, און ווען איך וועל וועלן, וועל איך קענען נעמען איר האַנט און קושן... קושן...

מיט דידאָזיקע געדאַנקען איז מאַטוויי אַנטשלאָפן געוואָרן און אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך אים געחלומט פראַניע.

ער זיצט מיט איר און האַלט זי ביי דער האַנט און קוקט איר גלייך אין די שיינע אויגן און רעדט און רעדט מיט איר.

ער קען זיך זאַט נישט אָנקוקן אין אירע אויגן.

— אַך, פראַניע, פראַניע, ליבע גוטע פראַניע... — שעפּטשעט ער צו איר און פאַלט צו איר צו מיט הייסע קושן.

אַלטע גוטע פריינט.

פראַניע איז געזעסן און געטראַכט:

— די מאַמע האָט מיר נאָר וואָס געזאָגט, אַז ר' זעליג שדכן רעדט מיר מאַטווייען... איך קען מיר גאָרנישט פאָרשטעלן, וואס פאַר א פנים איך האָב אין דער מינוט געהאַט... איך פאַרשטיי נישט, ווי אזוי האָב איך מיך נישט צעלאַכט ביז קאָנוואָלסיע...

אַלץ האָט זי אין איר איצטיקער לאַגע געקענט דערוואַרטן, אָבער אַז מאַטוויי זאָל וועלן ווערן איר חתן, איז איר קיינמאָל אויפן רעיון נישט געקומען.

זי האָט אים תמיד געהאַלטן פאַר אַ לייכטזיניק יינגל, וואָס טאַנצט כסדר אַרום מיט די שטעטלשע מיידלעך. אַ יינגל—אַ האָצקע, אַ פוסטאַפּאַסניק, אַ זעראָ.

און פראַניע האָט זיך מיט ביידע הענט פאַרשטעלט דאָס געזיכט. זי האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין.

עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אויף דער גאַס ווייזט מען אויף איר מיט די פינגער. אַלע לאַכן פון איר, פון דער שטאָלצער, שיינער פריילין פראַניע פריידקינזאָן.

נאָר שעמען זיך פאַר לייטן, לייטיש געלעכטער, דאָס איז נאָך דאָס קלענסטע! מילא, זאָל מען לאַכן. אָבער וואָס טוט מען מיט זיך אַליין? ווי וועט זי גאָר קענען ליב האָבן אַזאַ פוסט יינגל? ווי וועט זי קענען אַ וועלט מיט אים אויספירן!..

עס וווּנדערט איר נאָר אויף די עלטערן, וואָס באַשטייען, קענטיק, אויף דעם שידוך, וואָרים אַנדערש וואָלט די מאַמע גאָרנישט געפרעגט ביי איר און וואָלט געזאָגט דעם שדכן, ער זאָל זיך נישט דערוועגן מער רעדן דערפון.

נאָר אויף דער מאַמען איז זיך אפשר אַזוי נישט צו וווּנדערן, ווי אויפן פאָטער.

די מאַמע לעבט אין איין שרעק, טאָמער וועט די טאָכטער, חלילה, פאַרזיצן, אָבער דער טאַטע איז נאָך צו שטאָלץ.

— און וואָס איז, נעבעך, די מאַמע שולדיק, —האָט זי געטראַכט.— זי וויל האָבן נחת פון מיר און דערנאָך פון אַלע קינדער... אַ מוטער פאַרשטייט נישט קיין אַנדער נחת, ווי חתונה מאַכן קינדער, האָבן איידעמעס און שניר מיט אייניקלעך... און אַז איך וועל אַמאָל זיין אַ מוטער, וועל איך אפשר אויך וועלן האָבן אַזאַ נחת פון מיינע קינדער... איך האָב אין איר פראַגע געזען, ווי זי וואַרט אויף מיין ענטפער, ווי אויף אַן אורטייל פון לעבן אָדער טויט... איך האָב נישט געקענט זיין אַזאַ אַכזר און האָב איר געענטפערט:

— יאָ, איך באַשטיי, דער שידוך געפעלט מיר... איך האָף, אַז דו וועסט האָבן פון מיר נחת...

פראַניע האָט זיך ווידעראַמאָל פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס געזיכט.

שפּעטער האָט זי זיך אָבער געזאָגט:

— יאָ, צוליב זייער גליק וועל איך נישט קוקן אויף קיינעם און נישט אויף מיר... איך וועל אַ כלה ווערן פאַר מאַטווייען! איך וועל אים זיין אַ געטרייע פרוי...

טרערן האָבן איר געשטיקט אין האַלדז און זי האָט נישט געקענט וויינען. עס האָט זיך איר געוואָלט ווייַנענדיק לאַכן.

זי האָט זיך אָבער באַרויקט, נאָכדעם זיך איינגעקוקט אין שפּיגל און זיך צוגעקעמט די האָר.

פּלוצלונג האָט זיך קלאַרע באַוויזן אויף דער שוועל.

— קלאַראַ! —האָט פראַניע כמעט אויסגעשריען, שטאַרק פאַרוווּנדערט. — ווי קומסטו אַהער?

קלאַרע האָט אויסגעשטרעקט די הענט און זיך געוואָרפן צו פראַניען.

— דו ווונדערסט זיך, פראַניעטשקע, ווי איך קום איצט דאָ אין דיין צימער? נאָר פריער פאַר אַלעמען לאָמיר זיך צעקושן און דערנאָך וועל איך דיר דערציילן.

ביידע אַלטע חברטעס, וואָס זענען געווען אַ צייט צעקריגט און

צפילו נישט געוווסט פֿון וואָס, האָבן זיך הייס צעקושט, און באַלד דערויף זיך צעוויינט, ווי קליינע קינדער.

נאָכדעם האָט קלאַרע פֿאָרגעלייגט:

— לאָמיר זיך נאָכאַמאָל צעקושן...

— זאָל זיין נאָכאַמאָל.

און זיי זענען אויפסניי אַרויפגעפֿאַלן איינאַנדער אויף די העלדזער.

קלאַרע האָט געזאָגט:

— מיר וועלן זיך היינט כּסדר קושן, פֿראַניטשקע! איך פֿאַר אַוועק מאָרגן גאַנץ פֿרי, בין איך געקומען זיך געזעגענען... איך פֿאַר אַוועק אויף שטענדיק, אויף אייביק, דאַכט זיך... נו, וויל איך דאָ אין שטאָט נישט איבערלאָזן קיין איין מענטשן, וואָס זאָל זיין אויף מיר אין כּעס. אויף וועמען איך בין ברוגז, גיי איך איצט איבערבעטן. דיך, זע איך, דאַרף איך שוין נישט איבערבעטן...

— אויף אייביק פֿאָרסטו אַוועק? איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס הייסט דאָס? און דיינע עלטערן?

— די עלטערן אויך.

— ווען־זשע וועט איר צוריקקומען.

— קיינמאָל נישט... פֿאַר מיין פֿאָטער קען איך דיר נישט שווערן, נאָר אונדזער גאַנצע פֿאַמיליע בלייבט אויף שטענדיק אין פּעטערבורג.

— אין פּעטערבורג?!

— יאָ, אין פּעטערבורג. וואָס וווּנדערסטו זיך אַזוי? מיין פֿאָטערס בעשעפֿטן פֿאָדערן עס, זיין שותּף לאַזאַרזאָן וווינט שוין פֿון אַ יאָר פֿופֿצן אין פּעטערבורג. אַמאָל האָט ער געוווינט אין אַ שטעטל, נישט ווייט פֿון אונדז.

פֿראַניע האָט זיך שטאַרק געחידושט פֿון דערדאָזיקער נייס.

און קלאַרע האָט געזאָגט:

— דערווייל פֿאָרן מיר נישט אַלע מיטאַמאָל. די עלטערן וועלן עטוואָס שפּעטער אַרויספֿאָרן.

— ווו־זשע וועט איר דערווייל זיין אין פּעטערבורג?

— וואָס הייסט, וווּ? מיר האָבן שוין דאָרטן אַ קוואַרטיר. ה׳ לאַזאַרזאָן האָט שוין פֿאַר אונדז געדונגען אַ דירה... שטעל זיך פֿאָר: מיר צאָלן טויזנט פֿינפֿהונדערט רובל אַ יאָר דירה־געלט. ביי אונדז וואָלט מען פֿאַר אַזאַ סומע געקענט אָפּקויפֿן אַ גאַנץ הויז, געדעקט מיט בלעך.

— איך שטעל זיך פאַר מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן דו טוישט אויס אַריבאַטאָוועקע אויף פעטערבורג.

— נאָך וויאַזוי! אוי, פראַניעטשקע, דו זאָלסט וויסן, ווי גליקלעך איך בין, וואָס איך פאַר אַרויס פון דעם קליינעם שטעטל מיט זיינע אַלע קליינינטשקע אינטערעסן! מען ווערט פטור פון לאַנגווייליקייט, פון אומעט, פון בלאָטעס און פון קליינשטעטלדיקע נאַרישקייטן...

— וועלכע נאַרישקייטן? אפשר קען מען אָנרופן נאַרישקייטן דאָס, וואָס דו ביזט פלוצלונג אויף מיר ברוגז געוואָרן?

— ניין, איך רוף אָן נאַרישקייטן עפּעס אַנדערש... איך מיין, טייערע, וואָס איך בין געווען פאַרליבט...

— דו פאַרליבט? אין וועמען?

— אין גארפינקלען?

— אין גארפינקלען?..

— יאָ, אין גארפינקלען... וואָס וואונדערסטו זיך אַזוי? איך טאָר דען נישט ליבן?

— נו, און ער איז אויך געווען פאַרליבט!

— יאָ, נאָר נישט אין מיר — אין דיר... אָ, איצט מעג מען עס זאָגן...

— אין מיר? פונוואַנען ווייסטו?

— ווער עס האָט אויגן, דער האָט געזען...

— וואָס רעדסטו, גארפינקל איז געווען אין מיר פאַרליבט? — האָט פראַניע נאָכאַמאָל נעפרעגט.

— איך מיין, אַז פאַר דיר דאַרף עס נישט זיין קיין סוד...

— איך ווייס עס אָבער גאָרנישט...

— ווייס איך אַוודאי נישט!.. — האָט זיך קלאַרע צעלאַכט.

— איך פאַרשטיי גאָרנישט...

— נו, פאַרשטייסטו נישט! האָב איך געהאַט אַ טעות... ווייסטו וואָס? כאַפּט זיי אַלע דער גוטער יאָר, דערצייל מיר בעסער וואָס מאַכסטו?

— נו, וואָס קען מען מאַכן און וואָס קען איך דיר דערציילן?..

קלאַרע האָט זי אָנגענומען פאַר די הענט און האָט איר וואַרעם אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— דו ביזט אָבער שיין, — האָט זי געזאָגט.

— נאַ דיר אַ גראָשן פאַר דער שיינקייט פון אַ יידישער טאָכטער!..

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן! וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו וואָלסט נישט געווען שיין? דיין פאָטער קען דיר קיין סך נדן נישט געבן, און דו ווייסט דאָך, ווי מען זאָגט, אַז „אַ שיין מיידל איז אַ האַלבער נדן".

— מען זאָגט אָבער אויך: זי איז דאָן אַ האַלבער נדן, ווען עס איז דאָ די צווייטע העלפט...

— אָבער פאָרט זאָג אַליין, פראַניעטשקע, אַז דו וואָלסט נישט געווען אַזוי שיין, וואָלט דאָך דיר געווען פיל ערגער...

— עט! ערגער, בעסער, אַ יידישע טאָכטער פאַרזיצט נישט!.. אָבער שיינקייט, וואָס האָב איך פון איר? וואָס האָט זי מיר געגעבן?

קלאַרע האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן.

זי האָט געזאָגט:

— גאָט מיין גאָט, וואָס פאַר אַ וועלט איז דאָס! און איך האָב דיך מקנא געווען... איך וואָלט נאָך איצט אַוועקגעגעבן מיין גאַנצן נדן, אַבי איך זאָל נאָך זיין אַזוי שיין, ווי דו.

— אַוועק דו נאַר! רעד נישט קיין נאַרישקייטן! דו ביזט גאַנץ שיין, כלעבן...

— דו ביזט זיך טועה, טייערע...

— דו געפעלסט אַנדערע אויך...

— אַנדערע אויך? ניין, די צוואַנציקטויזנט רובל נדן געפעלט זיי... אָבער נישט איך, אָ, איך בין שוין נישט אַזאַ קינד, ווי פריער... מיר וואָלטן איצט געדאַרפט אַזויפיל רעדן, טייערע, וואָרים עס האָט זיך אַזויפיל אָנגעקליבן אויפן האַרצן...

— יאָ דאָס האַרץ איז פול.

קלאַרע האָט געזאָגט:

איך האָב אָבער ווייניק צייט... די האָר ברענען אויף מיר, מיר וועלן זיך שפּעטער איבערשרייבן.

ביידע חברטעס האָבן זיך ווידער הייס צעקושט. קלאַרע האָט זיך אַפילו צעוויינט. זי איז אַוועקגעגאַנגען מיט קליינע דראָבנע טריט.

קלארע און פראניע.

ביי פריידקינזאָנען אין הויז האָבן נישט אַלע געוווסט, אַז פראַניע ווערט אַ כּלה פאַר מאַטוויי גריגאָרעוויטשן.

חנה האָט נאָך פריער אָפּגערעדט מיטן שדכן:

— אויב עס איז באַשערט פון גאָט, זאָל מען עס אָפּלייגן אויף נאָך שבת און דערווייל זאָל זיין אַ סוד פאַר יעדן.

נאָר קען מען עפּעס איינהאַלטן אַ סוד אין אַ קליין שטעטל?

טאַקע דעם אייגענעם טאָג האָט גאַנץ אַריבאַטאָווקע געוווסט פון די נייס, אַז די עלטערע פריילן פריידקינזאָן ווערט אַ כּלה פאַר מאַטוויי גריגאָרעוויטשן און יעדער באַזונדער האָט דידאָזיקע נייס אויסגעטייטשט מיט אַנדערע ווערטער.

— אַזוי איז שוין מיט די שיינע מיידלעך: זיי קלויבן אַזוי לאַנג, ביז זיי בלייבן ביי די ברעקלעך...

— אַן אינדיק אָדער אַ קאַץ, אַבי אַן עוף אויף שבת!

— נו, מילא, וואָס זאָל מען טאָן. אַ יידישע טאָכטער טאָר נישט פאַרזיצן...

— און איך האָב געמיינט, אַז זי וועט חתונה האָבן פאַר דעם ענגלישן פרינץ.

— אַי, מאַטווייקע, מאַטווייקע! אַ קלאָג אין דיינע ביינער, די געמסט אַ שיינע כּלה.

— וואָס ווילט איר? באַרעכנט, אַז זי איז שוין נישט קיין יונג מיידל! פאַר איר איז מאַטווייקע אויך אַ גליק. באַרעכן: זי האָט שוין אַריבערגעטאַנצט דאָס צוואַנציקסטע יאָר.

— אַזוי איז דער סוף, אַז מען לאָזט פאַרזיצן אַ מיידל.

עמעץ וואָרפט צו פון דער זייט:

— און איך ווייס גאָרנישט, מיט וואָס איז דאָס פּאָר איר אַזאַ שלעכטער שידוך! וואָס איז, זי איז עפּעס אַ גרויסע יחסנטע? זי איז איין אַריסטאָקראַטקע און מאַטוויי איז אַ צווייטער אַריסטאָקראַט... מיר דאַכט זיך, אַז עס איז זייער אַ גלייכע פּאָר...

דאָס שטעטל האָט געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם שידוך.

קלאַרען האָט מען עס פאַרציילט נאָך אין דעם אייגענעם טאָג. זי איז גלייך אַוועק צו פראַניען און זי געפרעגט, צי עס איז אמת וואָס מען רעדט אין שטאָט.

— עס איז אמת, קלאַרע, — האָט פראַניע באַשטעטיקט, — און מיר קומט אַ מזל-טוב...

קלאַרע איז געבליען שטיין אָן ווערטער, פונקט ווי זי וואָלט נישט געקענט אָפּציען דעם אָטעם.

צולעצט האָט זי זיך אָנגערופן:

— איך וויל דיך נאָך עפּעס פרעגן, נאָר דו זאָלסט מיר זאָגן דעם רעכטן אמת, אין וואָס איך בין אפילו זיכער... דו זאָגסט, אַז דאָס א״ז אמת, אַז דו ווערסט אַ כּלה פאַר מאַטווייען — אַ יאָ? זאָג־זשע מיר, פראַניעטשקע, אויף דיין ערלעך וואָרט, צי פילסטו זיך דערמיט גליקלעך? האָסטו אים ליב?

— ניין...

— ניין, זאָגסטו? — האָט קלאַרע אויסגעשריען מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. — וואָס-זשע צווינגט דיך, דו זאָלסט ווערן אַ כּלה פאַר אים? גלויב מיר, אַז פון אָן אמתן געפיל צו דיר וואָלט איך עס נאָך געוואָלט וויסן פאַר מיין אַוועקפאָרן.

— צו וואָס זאָל איך דיר דערציילן? צו וואָס דיר פאַרשאַפן יסורים? אגב, וועסטו מיר גאָרנישט פאַרשטיין... דו ווייסט דאָך, אַז דער רייכער איז מיטן רעיון ווייט פון אָרעמאַן...

— האָסט אַ טעות, שוועסטערל, דער רייכער איז אַמאָל אָרעמער פון דעם גרעסטן אָרעמאַן... דאָס קענסטו שוין נישט פאַרשטיין, ווייל דו ביזט קיינמאָל נישט געווען רייך. נאָר איידער דו דערציילסט מיר אַלע דיינע צרות, בייט איך זיך מיט דיר מיט מיין גאַנצער רייכקייט... אָבער מאַטוויי... מאַטוויי...

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— איך מיין, אז דאָס איז נישט קיין חתן פאַר דיר און דו דאַרפסט אים נישט נעמען...

פראַניע האָט זיך פאַרקרימט.

קלאַרע האָט ווייטער געזאָגט:

— יאָ, נאָר וואָרט אויס עטלעכע מינוט, איידער דו ווערסט בייז אויף מיר. הער מיך פריער אויס. איך ווייס, אַז ווייבאַלד ער איז דיין חתן, וועסטו אויף אים קיין האָר נישט לאָזן פאַלן. און איך ווייס אויך, אַז ביי אונדז, יידן, איז אַ גרויסע עבירה קאַליע צו מאַכן אַ שידוך, אָבער איך רעכן פאַר אַ גרויסע מצווה דאָס צו טאָן און דיר אָפּרעדן פון דעם שידוך, ווייל איך ווייס און פיל, אַז דו האָסט אים נישט ליב. פאַרקערט, זאָג מיר אויף דיין ערלעך וואָרט, צי זאָג איך ליגן, וועל איך אויפהערן צו רעדן און דיר זאָגן מיט מיין גאַנצן האַרצן „מזל-טוב". דו שווייגסט, פראַניע?

קלאַרע האָט שטיל געזאָגט:

— דו ביזט רייך, קענסטו לייכט רעדן... אַן אָרעמע יידישע טאָכטער קען זיך ווייניק העלפן אין אַזאַ פאַל... אָבער איך ווייס נישט, קלאַרע, מיט וואָס איז מאַטוויי ערגער פון אַנדערע יידישע בחורים?

קלאַרע האָט אָבער געטענהט דאָס איריקע!

— זאָל זיין אַ ווילדער בחור. אָבער ער קען זיך נעמען זיין גלייכן און דו דיין גלייכן. דו שטייסט העכער פון אים מיט הונדערט פראָצענט. דו ביזט ווערט אַ לייטישערן חתן. אַזוינע מיידלעך, ווי דו, וואַלגערן זיך נישט אין די גאַסן.

— וואָס העלפט דאָס אָבער! צאָלט מען דען קויטן ווערט?

— מען הייסט זיך אליין גוט באַצאָלן.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו רעדסט.

— דו פאַרשטייסט נישט? וועל איך עס דיר זאָגן דייטלעכער: אַז דאָס גליק קומט נישט צו אונדז, מוזן מיר עס אליין נעמען.

— איך ווייס נישט וויאַזוי מען נעמט זיך אליין גליק...

און פראַניע האָט שווער אָפּגעזיפצט.

קלאַרע האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט.

— מיר געפעלט נישט דיין חתן, זאָג דיר וואָס דו ווילסט. צו וואָס זאָלסטו זיך פאַרוויסטן דיין וועלט מיט דעמדאָזיקן מאַטווייען? נאָר אויב דיין גאַנצער מיין איז צו באַפרייען דיינע קליינע

שוועסטער, טאַ פּאָר מיט מיר קיין פּעטערבורג... פאַרשטייסט, קיין פּעטערבורג...

פראַניע איז אויפגעשפּרונגען און זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן קלאַרען אויפן האַלדז.

דאָס איז געווען אַ געדאַנק, וואָס האָט איר אַ זעץ געטאָן אין מוח, ווי אַ העל הארעם ליכט.

אין דער מינוט אָבער איז אַריינגעלאָפן מיט גרויס אימפּעט זעליג דער שדכן און האָט אויסגעשריען:

— אַ גוט מאָרגן דיר, כּלה־לעבן, דיין חתן גריסט דיך הערצלעך. צו וועט היינט אינאָוונט זיין ביי דיר!.. אַ גוט מאָרגן אייך, קלאַרעטשקע, איר זענט אויך דאָ! זאָרגט זיך נישט! אינגיכסטן וועל איך אייך אויך זאָגן כּלה־לעבן, וואָרים וויסן זאָלט איר, מיידלעך, אַז פון אַלע לובקעס קומט מען פאָרט אָן צו ר׳ זעליגן!

פון די צוויי ווערטער „כּלה־לעבן״ איז פראַניען אַריינגעפאַלן דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים.

זי איז געבליבן שטיין אָן ווערטער.

קלאַרע האָט קיין אויג פון איר נישט אַראָפּגענומען.

ר׳ זעליג האָט אַ שיינע פּאָרציע טאַבאַק אַריינגעשטופּט אין דער נאָז, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געמרוקעט צו זיך:

— בע, מע, טע, עט...

די האָפענונג.

כּמעט דריי יאָר זענען שוין פאַרפלויגן, זינט פראַניע איז מיט קלאַרען אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג און האָט זיך באַזעצט ביי קלאַרעס עלטערן אין הויז.

פראַניעס פאָטער האָט זייער נישט געוואָלט, זי זאָל אַוועקפאָרן,

איר מוטער חנה האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען. מאַניען און פאַניען האָבן זיך אויך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

אָבער חיים האָט סוף כּל סוף דאָך פאַרשטאַנען, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי קרום, אַז פראַניע זאָל אָוועקפאָרן.

און ער האָט איינגעטענהט מיט זיין חנהן:

— לאָז זיך אַ קינד אַ ביסל דורכפאָרן, אַ ביסל זען די וועלט. וואָס קען דאָס שאַדן? נאָך דער חתונה קען זיך אַ יידישע טאָכטער אַזוינע פאַרגעניגנס נישט פאַרגינען. באַלד הייבט זיך אָן דאָס קינדלען מיטן זויגן, מיט ווייטער קינדלען... אַזוינע פאַרגעניגנס קענען זיך נאָר פאַרגינען גרויסע גבירים מיט די שווערע טויזנטער, אָבער נישט מיינס אַ קינד, בפרט נאָך, אַז מאַטוויי איז איר נישט צום האַרצן... איך ווייס וואָס עס טוט זיך ביי מיין טאָכטער אין האַרצן... איך לייען אין איר האַרץ, ווי אין אַן אָפענעם בריוו. ביי אַ ביסעלע אַ בעסערער לאַגע וואָלט איך אויך נישט איינגעגאַנגען אויף דעמדאָזיקן שידוך, אָבער מיט וואָס פאַר אַ רעכט קען איך פראַניעטשקען זאָגן: „יאָ" אָדער „ניין", ווען איך קען איר גאָרנישט געבן, וואָס אַ פאָטער דאַרף געבן זיינע קינדער... זי זאָגט „יאָ" — זאָל זיין „יאָ". זי זאָגט „ניין" — זאָל זיין „ניין". איך טאָר זיך גאָרנישט מישן און האָב גאָר קיין רעכט נישט דערויף... זי וויל פאַר די תנאים, איידער זי ווערט אַ כּלה, אַ ביסל זיך דורכפאָרן, קומען צו זיך, באַטראַכטן זיך, וואָס קען איך צו איר האָבן? מיר טאָרן איר נישט שטערן דערין.

חנה האָט אויסגעהערט חיימען און האָט בעת-מעשה געוויינט און געוויינט, ביז פראַניע האָט שוין געהאַלטן ביים אָוועקפאָרן.

מיט אַן אָנגעווייטיקט האַרץ האָט חנה אָפּגעבאַקן אַ גאַנצן בעקן מיט פּוטערקיכלעך, אָפּגעבראָטן אַ פּאָר הינער, און געווען פאַרפאָרעט ביז איבערן קאָפּ מיט נאָך אַ סך זאַכן, וואָס מען האָט געדאַרפט אָנגרייטן אויפן וועג.

וואָס אַ טאָג, וואָס אַ מינוט נענטער צום אָוועקפאָרן, האָט זי געפילט, ווי עס עקט זיך איר דאָס לעבן. זי האָט אָבער פאַרדריקט די ציין און געשוויגן.

פאַרן אָוועקפאָר איז חנה נישט אָפּגעטרעטן פון דער טאָכטער, אַז זי זאָל עפּעס עסן, נאָר פראַניען, ווי עס מאַכט זיך אָפט, ווען מען דאַרף אָוועקפאָרן, האָט זיך נישט געעפנט דאָס מויל צום עסן.

זי האָט אײנגאַנצן פאַרלוירן דעם אַפּעטיט.

פראַניעטשקע האָט זיך געבעטן בײ איר, װי בײ אַ גזלן, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. די מוטער איז געשטאַנען איבער איר טאָכטער און געפּאַקעװעט איר אין מויל.

פראַניע האָט געמוזט עסן און די מוטער האָט איר געקוקט גלײך אין די אויגן, פּונקט װי זי װאָלט געװאָלט איר אַזױ אָנפּאַקעװען, אַז זי זאָל זײן זאַט די גאַנצע צײט ביז זי װעט קומען געזונטערהײט צוריק אַהײם.

װען פראַניע מיט קלאַרען האָבן זיך שױן אַרײַנגעזעצט אין דער ברישקע צום פאָרן, האָט זײ חנה אַלץ דערלאַנגט פּעקלעך מיט עסן.

עס איז שױן אַפילו נישט געװען קײן אָרט פאַר די דאָזיקע פּעקלעך, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. זי האָט זײ אַלץ געשפּאַרט אין דער ברישקע, פּונקט װי שטײנער. צולעצט האָט זי נאָך אַ צװײ פּעקלעך אַרײַנגעפּאַקט צום קוטשער אויף דער קעלניע.

דערנאָך האָט מען געװײנט, זיך געקושט און װײטער געװײנט און װידעראַמאָל זיך געקושט.

פראַניעס צװײ שװעסטער האָבן דערפילט, װי עפּעס אײגנס רײסט זיך זײ אָפּ פון הארץ און האָבן געגאָסן מיט טרערן, װי אויף אַ לויה.

די פור האָט זיך גערירט פון אָרט.

חנה האָט נאָך נאָכגעשריען, אַז דאָס קישעלע זאָל זי זיך לײגן צוקאָפּנס, װען זי װעט שלאָפן און די אַלטע קאָלדרע זאָל זי למען השם נישט פאַרלירן.

און אַפילו אַרײַנגײענדיק אין שטוב, האָט חנה אַלץ געטענהט צו חײמען מיט די קינדער:

— איך האָב מורא, אַז פראַניע װעט, חלילה, פאַרלירן דאָס קאָלדרעלע...

— װאָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו דער אַלטער קאָלדרע! — האָט חײם זיך צעשריען. — און אַז זי װעט פאַרלירן דײן אַלטע קאָלדרע, װאָס איז עס פאַר אַן אומגליק!? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט מיטגעבן די אַלטע שמאַטע, און דו האָסט צו טאָן דערמיט, פּונקט װי פון אונדזער שטוב איז איצט אַװעקגעפאָרן נישט אונדזער לעבן, אונדזער פראַניעטשקע, נאָר דײן אַלטע קאָלדרע!

ער האָט גערעדט מיט כּעס און געפּילט, ווי זיין האַרץ, זיין לעבן רייסט זיך אָפּ פון אים.

— איך האָב דיר אָבער געזאָגט, חיים, אַז פּראַניעטשקע דאַרף נישט פאָרן... — האָט חנה אים געענטפערט דערויף, און אַ הייסער קוואַל טרערן האָט איר ווידער אָנגעפילט דעם האַלדז.

חיים האָט איר אָבער נישט געענטפערט. ער איז אַוועק אין אַ ווינקל און זיך געשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט.

* * *

די ערשטע טעג און נעכט האָט מען אין חיימס הויז געוויינט־ ווי נאָך אַ טויטן, נאָכדעם האָט מען מיט קלאַפּעדיקע הערצער גענו, מען האָפן אויף אַ בריוו.

די גאַנצע פאַמיליע האָט פּונקט אויסגערעכנט, ווען מען דאַרף באַקומען אַ בריוו פון פּראַניעטשקען און אַלע האָבן שוין באַצייטנס אָנגעהייבן דולן אַ קאָפּ דעם פּאָסטאַליאָן, אים קיינמאָל פאַרביי דער שטוב נישט אַדורכגעלאָזט און אַלץ זיך נאָכגעפרעגט אויף בריוו.

דער אומגליקלעכער פּאָסטאַליאָן, וואָס איז שוין פון תּמיד אָן געוויינט, מען זאָל אים אומזיסט פּייניקן און מוטשען, האָט נישט געענטפערט און האָט געמאַכט פּיס.

נאָר ווען די טיר פלעגט זיך אַמאָל פלוצים עפענען און דער ליבער פּאָסטאַליאָן פלעגט דערלאַנגען אַ בריוו, פלעגט זיך חנה ממש פאַרלירן פון דאַנקבאַרקייט צו אים.

זי פלעגט זאָגן:

— עפּעס די פּאָסטאַליאָנען האָבן אַזוינע ליבע פּנימער... אַפילו זייערע אַלטע פּאָסט־קליידער זענען עפּעס אַזוי חנעוודיק, אַז מען קען זיך נישט אָפּקוקן פון זיי...

גליקלעכע מענטשן, אָט די פּאָסטאַליאָנען! אָפטמאָל זענען זיי אונדזער גאַנצע האָפענונג.

וואָס וואָלטן מיר געטאָן, ווען דער פּאָסטאַליאָן זאָל אונדז נישט

ברענגען דעם בריוו, אויף וועלכן מיר וואַרטן און די אויגן קריכן אונדז שיער אַרויס.

אָבער דער פּאָסטאַליאָן ראַטעוועט אונדז שטענדיק אַרויס מיט אַ בריוו, אפשר נישט דער, וואָס מיר דערוואַרטן, נאָר פּאָרט אַ בריוו מיט נייע גוטע האָפענונגען און הבטחות. מיר לעבן ווייטער און האָפן ווייטער אויף דעם פּאָסטאַליאָן, אַז ער קען נאָך ברענגען אַ בריוו, שוין טאַקע דעם, אויף וועלכן מיר וואַרטן...

ווער, ווער פון אונדז איז דער גליקלעכסטער, וואָס דערוואַרט זיך אָט „דעם בריוו, וואָס מיר דערוואַרטן?"...

חנה מיט חיימען האָבן אויך אָנגעהייבן צו לעבן מיט דער טייערער האָפענונג, — מיט דעם פּאָסטאַליאָן, ביז עס זענען אַוועקגעפלויגן דריי יאָר. און זיי לעבן ווייטער און האָפן ווייטער, און לויפן ווייטער נאָך דעם „טייערן פּאָסטאַליאָן" און פרעגן אים עפּטער:

— אפשר איז דאָ אַ בריוו פון פּעטערבורג?

דער פּאָסטאַליאָן ענטפערט זיי אַמאָל:

— איר ווייסט דאָך שוין, אַז אַלע דאָנערשטיק ברענג איך אייך אַ בריוו פון פּעטערבורג און היינט איז ערשט מאָנטיק.

די פריידקינזאָנס ווייסן דאָס זייער גוט, נאָר פונדעסטוועגן האָפן זיי אַלע טאָג אויף אַ בריוו, אויף אַ בשורה פון זייער טעכטערל, און אַז זיי פייניקן דעם פּאָסטאַליאָן וועגן דעם, בייזערט ער זיך שוין נישט: ער איז שוין געוויינט צו אונדז, נאַרישע מענטשן...

וואָס הערט זיך אין אַריבאַטאָווקע?

מאָטוויי גריגאָרעוויטש האָט אויך נישט פאַרלוירן די האָפענונג, כאָטש ר' זעליג דער שדכן האָט אים איבערגעגעבן, אַז חנה, פראַניעס מוטער, האָט אים געזאָגט, אַז זי קען אים נישט געבן קיין געוויין

ענטפער, ווייל פראַניע האָט געמוזט אַוועקפאָרן. פונדעסטוועגן האָט ער נישט פאַרלוירן די האָפענונג.

ער קומט אַלץ צו די פריידקינזאָנס, פאַרברענגט מיט מאַניען און מיט סאָניען, און זוכט פראַניעס שאָטנס אויף די ווענט...

ווער קען פאַרשטיין די פאַרליבטע?

אייגנטלעך האָט מאַטוויי מיט פראַניען נישט גערעדט קיין האַלב וואָרט וועגן דעם, אַז ער וויל זיין איר חתן אָדער זי — זיין כלה.

זיי האָבן זיך אַפילו פאַרן אַוועקפאָרן נישט געזעגנט און זיך נישט געזען.

דעם קלאַנג אין שטאָט, אַז ער ווערט אַ חתן פאַר פראַניען, האָט ער אַליין צעפויקט.

אין שטאָט האָט מען אָבער באַלד פאַרגעסן אין דעמדאָזיקן קלאַנג, און מאַטוויי איז, ווי פריער, געבליבן אין דער גאַנצער שטאָט דער אריבאַטאָווקער קאַוואַליער, וואָס שפּאַצירט אַרום אַלעמאָל מיט אַן אַנדער פריילן, היינט מיט מאַניען, מאָרגן מיט סאָניען און איבער-מאָרגן מיט דער באַקאַנקער אריבאַטאָווקער פריילן ראָזע, וואָס ער האָט זי אַמאָל, ווען אין אריבאַטאָווקע איז געווען „אַ חתונה מיט קאַוואַליערן" און „טענץ מיט יאַשטשערקעס", ווען דער מאָרגנשטערן האָט זיך געוויזן אויף די ברעגן פון הימל, ווען אַ שטיל וואַרעם ווינטעלע האָט געבלאָזט און ווען עס האָט אומעטום געשמעקט פון די פרימאָרגנדיקע אַרומיקע פעלדער, — האָט ער זי, די פרייקן ראָזע, אָפּגעפירט אַהיים. ער האָט זיך אייגנטלעך נאָך דעמאָלט אין ראָזען פאַרליבט, אָבער פראַניע האָט אים אַלע שטעטלשע פריילנס אַרויסגע-שטויסן פון האַרצן.

דאָך שמועסט מען, אַז ווען קיינער זעט נישט, פאַרברענגט ער צוזאַמען מיט אונדזערע באַקאַנטע צוויי חברטעס, גיטל און געלע, אָדער ווי מאַטוויי רופט זיי גריניעטע און קלאַוואַריע.

מען שפּאַצירט צוזאַמען אונטער דער שטאָט צווישן די גרינע ביימער און מען הערט, ווי דער סאָלאָוויי זינגט און מען קוקט אויף דער לבנהס שפּאַצירגאַנג, און זיי, די צוויי מיידלעך, זינגען צוזאַמען מיט זייער קאַוואַליער שיינע יידישע „ליבע-לידלעך", אָדער „רוסישע ראָמאַנסן", כאָטש גריניעטע איז שוין אַ כלה פון סאָקאָליווקע און קלאַוואַריע פון פּיפּיווקע, וואָס ר' זעליג שדכן האָט זיי היינטיקס

יאָר אויסגעפונען די חתנים און גאָר איינגיכסטן דאַרף זיין ביי זיי די חתונה.

און פונדעסטוועגן, ווען ער קומט צו די פריידקינזאָנס, פרעגט ער ביי מאַניען און סאָניען:

וואָס שרייבט פראַניע? ווען קומט זי שוין צופאָרן?

היינט ווער קען מאַטוויס הייס פאַרליבט האַרץ פאַרשטיין?

מען מוז מודה זיין, אַז די טיר האָט זיך עפּעס פאַרמאַכט ביי די פריידקינזאָנס זינט פראַניע איז אַוועקגעפאָרן, כאָטש אין די פעריען טראָגט דער זומער אויך היינט אָן קיין אַריבאַטאָווקע אַלערליי יונגע-לייט, אויב נישט גאַרפינקל און שטיינפינקל, איז אַנדערע שלעק. זיי פאַרברענגען דעם זומער זייער פריילעך און פאָרן אַוועק און ווייסן אַפילו גאָרנישט, צי אין אַריבאַטאָווקע איז דאָ אַ פאַמיליע פריידקינזאָן, וואָס דאָרט געפינען זיך צוויי שיינע שוועסטער מאַניע און סאָניע.

אַריבאַטאָווקער בחורימלעך קומען אַפילו יאָ אַמאָל אַריין צו די פריידקינזאָנס און פאַרברענגען אַמאָל אַן אָוונט מיט מאַניען און סאָניען, נאָר אומשטיינס געזאָגט, זענען זיי דען קאַוואַליערן?

ווער קען נישט אין אַריבאַטאָווקע משהלע לייבצעס און יאָסעלע פּעסעס און אברהם-בער כאַצקלזאָן און פינע ר׳ פייטלס און נאָך אַנדערע!

ווער קען זיי דען נישט?

דער בעסטער פון אַלע איז שוין מאַטוויי, אָבער אַפילו אָט דער מאַטוויי קען אויך גוט דערעסן און נמאס ווערן.

— עס איז זייער לאַנגווייליק, כאָטש זיך מיט פאַרלייגטע הענט... ווייטער מאַטוויי און ווידער מאַטוויי... — קלאָגט זיך מאַניע און באַ-שולדיקט אין דעם די צרהדיקע שטאָט אַריבאַטאָווקע.

— ס'איז גאָר קיין שטאָט נישט, — זאָגט סאָניע, — און ס'זענען גאָר קיין מענטשן נישט... עפּעס אַן עק וועלט, מער ווי בלאָטעס מיט ציגן זעט מען דאָ נישט...

זיי האַלטן אין איין גענעצן און מען ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך פון לאַנגווייל און פון אומעט.

זייער מוטער קלאָגט זיך אויך אָפּט:

— לאַנגווייליק ביי אונדז, חיים... די גאַנצע שטוב זעט אויס אַזוי טרויעריק... נישטאָ די פריילעכקייט, ווען פראַניעטשקע איז געווען,

געזונט און שטאַרק זאָל זי אונדז זיין, רבונו של עולם. עס איז דאָך געווען ליכטיק אין יעדן ווינקעלע! אַז עס איז געקומען אויף דער נאַכט, איז געווען אַזוי פרייליך... עס זאָל כאָטש מאָרגן זיין אַ גוטער בריוו פון איר!

— פאַרוואָס זאָל נישט זיין קיין גוטער? גיב, גאָט, נישט קיין ערגערע בריוו, — האָט חיים געזאָגט.

— יאָ, געלויבט זיין ליבער נאָמען, נאָר איך מיין, אַז זי זאָל שוין שרייבן אַמאָל וועגן אים... — האָט חנה זיך אָנגערופן און איר געזיכט האָט עפּעס ווי אָנגעהייבן צו שיינען.

— דיר ווילט זיך אַלץ וואָס גיכער... איך קען דיך... נאָר מיט אַזעלכע זאַכן איילט מען זיך נישט, מיין טייערע... מען מוז זיין געדולדיק און אויסוואַרטן...

זיי האָבן נאָך לאַנג גערעדט וועגן פראַניען, ביז זיי האָבן זיך צעוויינט פון בענקעניש און אַנגסט.

אַ בריוו.

צומאָרגנס איז טאַקע אָנגעקומען אַ בריוו פון פראַניען.

פריער האָבן די קינדער געלייענט דעם בריוו און די מוטער האָט געהערט, דערנאָך האָט מען דעם בריוו אַוועקגעטראָגן אין קאַנטאָר, ווו חיים האָט געאַרבעט, און מען האָט אים ווידער געלייענט.

אין אַזאַ טאָג האָט זיך דאָס גאַנצע הויז מיט די אַלע פריידקינזאַנס אַזוי געענדערט.

מען האָט זיך געפילט ווי שבתדיק, יום־טובדיק און מען האָט אַרויסגעקוקט אויפן אָוונט, ווי אַ ערלעכער ייד אויף משיחן.

דעמאָלט קומט חיים אַהיים און ביים טיי לייענט מען נאָכאַמאָל דעם בריוו מיט יענער פייערלעכקייט, ווי מען לייענט די מגילה.

אַלע הערן זיך צו, פאַרזינקען מיט די אויערן אין חיימס שטימע און שווייגן.

* * *

דאָסמאָל, ווען חיים איז פאַרנאַכט געקומען אַהיים, איז שוין דער סאַמאָוואַר געשטאַנען אויפן טיש און חנה מיט די קינדער האָבן זיך שוין מכין געווען צו הערן דעם בריוו.

מען האָט אים אַפילו צוגעיאָגט:

— נו, לייען שוין!

— וואָס האָב איך אייך צו לייענען, איר וועט דען פאַרשטיין? אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן, ווי זי איז גערעכט, — האָט חיים פריילעך אַ זאָג געטאָן.

— טאָ לייען שוין, — האָט חנה געזאָגט, ווי באַליידיקט.

— די קינדער האָבן נישט געלייענט? דו האָסט דען נישט געהערט?

— ווייס איך, וואָס די קינדער האָבן דאָרט געלייענט, איך פאַרשטיי נישט איין וואָרט. אַז דו לייענסט, ווייס איך וואָס פראַניעטשקע שרייבט... נו, לייען שוין.

חיים האָט רויִק אַרויסגענומען דעם בריוו און אָנגעהייבן לייענען:

„מיינע טייערע עלטערן!

ערשט מיט דריי טעג צוריק האָב איך אייך געשריבן. געוויס האָט איר מיין בריוו באַקומען, אָבער היינט גלוסט זיך מיר עפּעס אייך ווידער שרייבן, אַ סך שרייבן. איך האָב קוים דערלעבט די שעה, ווען עס ענדיקט זיך מיין אַרבעט, ווייל היינט איז פּונקט דריי יאָר, זינט איך בין פון אייך אַוועקגעפאָרן... אָ, וויפל וואָלט איך איצט געגעבן, איך זאָל כאָטש איין אָוונט קענען פאַרברענגען מיט אייך אַלע

צוזאַמען, רעדן און רעדן אָן אַן עק, זיך אויסרעדן, זיך אין אַלץ דערמאנען. פאַר מיינע אויגן גייען איצט איבער אַלע דריי יאָר, וואָס איך האָב איבערגעלעבט. ניין, מיינע אַלע יאָרן, זינט איך געדענק זיך, מיינע אַלע יאָרן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט ביי אייך אין הויז אין אַריבאַטאָווקע, זע איך איצט פאַר מיינע אויגן. און אַפילו די בלאָטיקע אַריבאַטאָווקער געסלעך מיט די קויטיקע הייזלעך זענען מיר טייער און ליב, און ווען איך זאָל עטוואָס פון דעם אַלעם קענען איצט זען, וואָלט איך עס געקושט, געהאַלדזט. אָ, ווי איז מיר ליב דאָס בעטעלע, אין וועלכן איך בין געשלאָפן, ווי זיס קלינגט מיר נאָך איצט דאָס זיסע שטילע קול פון דיר, טייערע מוטער, ווען דו פלעגסט, דייענענדיק קריאת שמע, מיך איינדעקן. מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן פלעג איך דיך, טייערער פאָטער, אָפּוואַרטן אויפדערנאַכט צו טיי און די שבתים מיט די ימים-טובים, ווען מיר פלעגן דיך שטענדיק האָבן לעבן זיך און מיר אַלע, די מאַמע מיט די קינדער, האָבן דיר געקוקט גלייך אין מויל אַריין און געהערט, ווי דו פלעגסט רעדן.

אָ, ווי גליקלעך וואָלט איך זיך געפילט, ווען איך זאָל איצט קענען אַזוי פאַרברענגען צווישן אייך אַלע! נאָר, מיינע טייערע, איך האָב זיך אויך דערמאנט אין די שלעכטע צייטן, ווען איך האָב זיך אַזוי אומגליקלעך געפילט אין אַריבאַטאָווקע. דעמאָלט האָב איך גע-מיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז שוין אויף מיר געפאַלן און עס איז שוין גאָר קיין שום היתּר פאַר מיר נישטאָ.

דו, ליבער פאָטער, האָסט מיך דאַן גוט פאַרשטאַנען. דו האָסט מיר גאָרנישט געקענט העלפן און האָסט געוויינט, ווען איך האָב נישט געזען... די מאַמע האָט זיך געפילט פאַר דער אומגליקלעכסטער מוטער און פון גרויס רחמנות אויף אייך און אויף זיך אַליין האָב איך נישט אויפגעהערט צו וויינען און קלאָגן אויף מיינע יונגע יאָרן.

אָ, ווען איך דערמאָן זיך יענע צייטן, שוידערט מיך אויף, אָדער איך צעלאַך זיך...

איך לאַך, ווי איך בין אַמאָל נאַריש געווען און זיך אומזיסט און אומנישט געפילט פאַר דער אומגליקלעכסטער, ווי איך בין געווען בלינד און האָב נישט געזען, וואָס מען דאַרף זען... איז דען נישט צו לאַכן: מיין גאַנצער אומגליק איז דאַן באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב זיך אין אַריבאַטאָווקע גערעכנט פאַר אַן אַלטע מויד און איר, מיינע געטרייע עלטערן, האָט זיך געפילט אומגליקלעך דערפאַר,

וואָס איר האָט נישט קיין נדן חתונה צו מאַכן אייער עלטסטע טאָכ־טער — „די אַלטע מויד!״

איך האָב מיט מיין נאַרישן קליינשטעטלדיקן שכל איינגעפונען, אַז מיר זענען טאַקע אומגליקלעך, אַז אַלע האָפענונגען זענען שוין פאַרלוירן און איך האָב זיך געמוזט באַשליסן צו ווערן אַ כלה פאַר וועמען עס איז, ווער עס וועט מיך נאָר וועלן, אפילו פאַר אַזאַ גאָרנישט, ווי מאַטוויי...

און דאָ, אין פעטערבורג, עלטער מיט גאַנצע דריי יאָר, רעכן איך זיך נאָך גאָר פאַר אַ יונג פריילן און האָב נאָך אַלע האָפע־נונגען, פונקט ווי ווען איך בין אין אַריבאַטאַווקע אַלט געווען פופצן יאָר.

און פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? — ווער איז אין דעם אַלעם שול־דיק? — אַליין, זענען מיר שולדיק אין דעם נאָר דערפאַר, וואָס אונדזערע יידישע טעכטער, כל זמן זיי זענען מיידלעך, גייען זיי אַרום פוסט און פאַס, און צו פופצן יאָר ווערן זיי שוין געוואָר, אַז ביז צוואַנציק יאָר מוז מען חתונה האָבן. די עלטערן מעגן נישט האָבן אַ גראָשן, העלפט עס נישט. דאָס מיידל זיצט נאָר און וואַרט און טראַכט, אַז מען וועט זי מוזן חתונה מאַכן.

זי ווייסט מער נישט צו עסן, צו טרינקען און צו לייענען אַ בוך, אַזוי לאַנג ביז זי ווערט אַלט צוואַנציק יאָר. און אַז די עלטערן זענען פאַרט נישט בכוח זי חתונה צו מאַכן, ווערט זי שוין „די אַלטע מויד״ און זי און די גאַנצע שטוב פילן זיך פאַר די אומגליקלעכסטע אין דער וועלט.

אָבער זיצן פאַרלייגט די הענט, עסן און טרינקען און לייענען אַ בוך און וואַרטן, אַז די עלטערן מוזן חתונה מאַכן, קענען זיך נאָר דערלויבן די מיידלעך, וואָס האָבן רייכע עלטערן. אָבער אָרעמע מיידלעך טאָרן נישט זיצן אויף די קעפ פון זייערע עלנטע עלטערן. וואָס קענען קוים דורכקומען דעם טאָג מיט זייער חיונה?

פאַר נישט קיין פאַרמעגלעכע עלטערן איז איבער גענוג, אַז זיי האַלטן אויס זייערע קינדער ביז פופצן יאָר. און דערנאָך איז אַ שרעק־לעכע עוולה, אַז יונגע געזונטע מיידלעך זאָלן זיצן אויף די גרויע קעפ, אויף די אויסגעהאָרעוועטע איינגעהויקערטע שוואַכע פלייצעס פון זייערע עלטערן, וועלכע קענען שוין נישט האָרעווען, ווי אין די יונגע יאָרן, וואָס האָבן שוין אַפילו אָפּגעלעבט זייער וועלט?

וויפל, וויפל מאָל האָבן מיר געזען אין אַריבאַטאָווקע, ווי אַ

שוואַכער אויסגעטריקנטער ייד, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין צוויי גראָשן ביי דער נשמה און ציט קוים זיין פרנסה ממש פון דער לופט, פון דער גאַס אָדער פון אַ געבאָרגטן רובל אויף פּראָצענט, פאַרלייעט זיך, פאַרזעצט זיך, פאַרקויפט זיך לגמרי צו דעם פּראָצענטניק פאַר אַן אייביקן קנעכט, וואָס איז? ער מאַכט חתונה אַ געזונטע, אויסגע־פּאַשעטע טאָכטער, וואָס האָט נישט קיין שום רחמנות אויף אים און אויך אויף די קלענערע קינדער".

חיים האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און געפרעגט:

— נו, פאַרשטייסטו, וואָס פּראַניעטשקע שרייבט? זי אין דען נישט גערעכט?

חנה האָט זיך פּלוצלונג צעשריען:

— וואָס גערעכט? ווער גערעכט? איך פאַרשטיי דאָ גאָרנישט, וואָס פּראַניעטשקע שרייבט!.. אָט דאָס הייסט אַ בריוו? פאַרוואָס שרייבט זי נישט וועגן איר געזונט און וואָס זי מאַכט און וועגן אים... און ווען קומט זי שוין מיט מזל צו פאָרן?

חיים איז אין כעס געוואָרן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אַי, דו ביזט גאָר אַ יידענע! איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך דאַרף דיר נישט לייענען דעם בריוו, דו וועסט אים גאָרנישט פאַרשטיין.

— און דו מיינסט מיט אַן אמת, אַז איך פאַרשטיי גאָרנישט? וואָס האָב איך דאָ נישט צו פאַרשטיין? מאַלע, וואָס זי שרייבט דאָרט אַלעמאָל פון פּעטערבורג!.. אפשר פירט זיך דאָרט אַזוי...

— ניין, זי שרייבט פאַרוואָס פירט זיך נישט אַזוי ביי אונדז — אין אַריבאַטאָווקע!

חנה האָט זיך ווידער צעשריען:

— אַ נאַריש קינד, וואָס וויל זי? אַז אַ יידישע טאָכטער זאָל מען נישט חתונה מאַכן? וואָס דען וויל זי, זי זאָל זיצן ביים טאַטן ביז אין גרויען צאָפּ?

חיים האָט געענטפערט:

— ניין, דאָס זאָגט זי נישט. זי זאָגט נאָר, פאַרוואָס זיצן געזונטע מיידלעך ביי די אָרעמע עלטערן אויפן קאָפּ... אָט הער בע־סער ווייטער.

און ער האָט אויפסניי געלייענט:

„אָרעמע יידישע עלטערן ציען פון זיך די קליי און דערציען

זייערע טעכטער ווי פּריצישע קינדער מיט זאַנטיקלעך, היטעלעך, הענטשקעלעך, לויט דער לעצטער פּאַריזער מאָדע, אַז אויף דער גאַס איז גאָרנישט צו דערקענען, אַז עס איז אַ יידישע טאָכטער, נאָר פּריצישע אָדער גראַפישע קינדער.

וואָס ווערט אָבער דערנאָך פון אָט די אַלע יידישע פּריצעס, וואָס ווייסן נישט פון אַרבעט, פון האָרעווען און פאַרדינען, וואָס ווייסן מער נישט, ווי קומען צום גרייטן — וואָס ווערט דערנאָך פון די אַלע יידישע גראַפיניעס? — פאַרוויסטע, פאַרגעלטע, פאַרחושכטע יידענעס, וואָס מיר זעען זיי זיצן אין מאַרק ביי די קלייטלעך אויף די פּייערטעפּ, אַרומגעוויקלט אין אַכצן שמאַטעס, מיט איינגעהויקערטע פּלייצעס און מיט אַ טוץ פאַרלאָזטע, פאַרשלומפּערטע קינדערלעך...

ווען יידישע קינדער, נישט פון רייכע עלטערן, וואָלטן בעסער ווייסן פון אַרבעט, אַז מען דאַרף פאַרדינען, אַז מען טאָר נישט זיצן ביי די עלטערן אויפן קאַרק, וואָלט דאָס אַלץ נישט געווען און נישט געקענט זיין. יידן און יידישע טעכטער דאַרף מען געוויינען צו אַרבעטן און פאַרדינען נאָך פון קינדווייז אָן. אַזוי איז עס און אַנדערש קען עס נישט זיין."

— איך ווייס שוין גאָרנישט, וואָס פראַניעטשקע שרייבט, — איז חנה אַריינגעפאַלן אינמיטן לייענען. — דער קאָפּ טוט מיר שוין וויי. אַלץ ווערטער, ווערטער... לייען מיר בעסער פון איר געזונט און פון אים... ווען וועט זי שוין מיט מזל קומען אַהיים? און מיר גריסט זי גאָרנישט?

— ביזט אַ יידענע, איך האָב מיט דיר גאָרנישט וואָס צו רעדן! — האָט זיך חיים געבייזערט.

און ער האָט ווייטער געלייענט:

„אָט אַרבעט איך איצט אין קאָנטאָר פון די הערן „קאַפּלס און לאַזאַרזאָן". עס איז מיר זייער גוט, בעסער ווי איך האָב אַליין מיך גערעכנט. נאָר לאָם איך פאַרלירן די גוטע שטעלע מיט דער פיינער פּענסיע, וועל איך, גלויבט-זשע מיר אויף מיין וואָרט, קיין איין מינוט נישט טראַכטן און וועל ווערן אַפילו אַ נייטאָרין, אַבי אַרבעטן, פאַרדינען אויף מיין אויסקומעניש, נישט זיצן ביי די עלטערן אויפן קאַרק און...

— מאַמע, וואָס האָסטו זיך פּלוצלונג צעוויינט, — האָבן די קינדער מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן.

חנה האָט צוגעטראָגן אַ טיכל צו די אויגן און חיים האָט זיך פונדאָסנײַ צעבייזערט:

— אַ גוט מאָרגן דיר! רעטעך טראָג איך! וואָס איז מיטצקע דרינען אַ געוויין?

חנה האָט זיך צערעדט מיט טרערן אין קול:

— איך האָב אָבער געזאָגט, אַז מען דאַרף דאָס קינד נישט לאָזן פאָרן! איך האָב דאָך דיך הונדערט מאָל געבעטן, דו זאָלסט איר שרײַבן, אַז זי זאָל אַלץ אַוועקוואַרפן און קומען צו פאָרן. איך דאַרף נישט אירע גליקן, וואָס זי פאַרדינט דאָרט געלט! וואָס איז איר געוועזן אַזוי שלעכט בײַ אונדז? וואָס איז איר אָפּגעגאַנגען? דאַכט זיך, דאָס לעבן האָט מען איר אַוועקגעגעבן, דאָס טעלערל פון הימל האָב איך איר אונטערגעטראָגן און זי וויל גאָר דאָרט זײַן אַ נייטערקע, נייען העמדער פאַר אַ פערציקער, זיך קאַליע מאַכן די אויגן פון דעם שטעפּן און ווערן גרין און געל, ווי אַלע נײַ-טערקעס...

— משוגענע! — האָט חיים אַ געשריי געטאָן. — דו הערסט דאָך נישט, וואָס איך לייען...

נאָר חנה האָט ווייטער געטענהט דאָס איריקע:

— צו וואָס האָט זי געדאַרפט פאָרן? וואָס איז איר דאָ אָפּגע-גאַנגען? זי וואָלט שוין לאַנג חתונה געהאַט, שוין געהאַט עטלעכע קינדערלעך, און גאָט וואָלט אונדז געשענקט אַ ביסעלע גליק... אוי, טאַטע אין הימל!..

חנה האָט זיך אויפגעהייבן.

— איך וויל שוין גאָרנישט הערן, — האָט זי געזאָגט. — איך וויל מער גאָרנישט וויסן! זאָל זי קומען צו פאָרן! איך דאַרף נישט אירע פאַרדינסטן! וואָס גאָט וועט געבן, וועט זײַן, אַבי אינאיינעם, און אַז דו, חיים, וועסט איר נישט וועלן שרײַבן, וועל איך איר אַליין שרײַבן... איך קען אַליין די מלאכה...

— אַליין וועסטו שרײַבן? אַזוי? אַליין? — האָט חיים געלאַכט. — לאָמיר טאַקע זען, ווי דו וועסט שרײַבן!

חנה האָט נאָר געקענט אַ קאַפּיטשקע שרײַבן. אַמאָל, מיידלווייז, האָט זי זיך געלערנט בײַ אַ יידישן שרײַבער. זי וואָלט שוין אַוודאי דעם גאַנצן „אלף-בית" פאַרגעסן, אָבער צוליב דעם קוויטיקן גרעט,

וואָס זי פלעגט אַמאָל פאַרשרייבן, האָט זי איר שרייבעריי נאָך אינ־גאַנצן נישט פאַרגעסן.

איבעריקנס, האָט זי זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט אַ חולם, צי ער ווערט געשריבן מיט אַ „ו" אָדער מיט אַ „ה". אויך מאַנכע טערפקע אותיות זענען איר אַרויסגעפאַלן פון זכרון. דאָס גרעט האָט זי אַפילו פאַרשריבן אָן אַ „ו" און אָן אַ „ה", דערפאַר אָבער האָט עס דאָך קיינער נישט באַדאַרפט לייענען, נאָר זי אַליין, און זי אַליין פלעגט שוין דורכקריכן אין איר אויסטערלישן כתב.

זי האָט פעסט געזאָגט:

— יאָ, אַליין וועל איך שרייבן! טאַקע אַליין! איך האָב שוין לאַנג געוואָלט אַליין שרייבן פראַניעטשקען, נאָר איבער די שפּאַקולן...— וויפל מאָל איך האָב אייך, קינדער, געבעטן, איר זאָלט אַוועקטראָגן די שפּאַקולן, מען זאָל אַריינשטעלן אַן אויגל, — שלעכטע קינדער! פון זייערטוועגן טופּקע, טופּקע הונדערט מאָל אַ טאָג, און אַז איך בעט אייניקלינציקס מאָל אַ גאַנג פאַר מיינעטוועגן, וויל מען אויך נישט! איך וועל שוין מאָרגן אַליין אַוועקטראָגן די שפּאַקולן! אַליין וועט חנה אַוועקטראָגן די שפּאַקולן און אַליין וועט זי שוין שרייבן פראַניעטשקען.

חיים האָט זיך הויך צעלאַכט פון זיין ווייב, וואָס איז פּלוצלונג געוואָרן „אַ קאָזאַק", און די קינדער האָבן זיך אויך צעלאַכט. חנה איז אָבער געוואָרן בייז אויף זיי.

זי איז אַוועק פון טיש.

שפּעטער אָבער האָט זי זיך געלאָזט איבערבעטן און האָט אויס־געהערט דעם בריוו ביזן סוף.

דער בריוו האָט דאָך אַלעמען באַרויקט. אין שטוב איז עפּעס היימלעכער געוואָרן.

אין פעטערבורג.

דאַוויד יאַקאָוולעוויטש גארפינקל און לעוו סאָלאָמאָנאָוויטש שטיינפינקל האָבן שוין לאַנג געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט.

זיי האָבן ביידע באַקומען דיפּלאָמען און זענען זיך צעגאַנגען אין פאַרשידענע וועגן.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז יעדער פון זיי האָט זיך געפונען אין אַן אַנדער שטאָט. ניין, ביידע האָבן געוווינט אין פעטערבורג, אין איין שטאָט, נאָר מען פלעגט זיך טרעפן זעלטן, ביי אַ צופאַל, ביי אַ געלעגנהייט.

גארפינקל האָט זיך דערווייל פּראַקטיש איינגעאָרדנט. ער האָט זיך אויסגעפונען אַ שיין דירהלע, גענומען אויף פּראָקאַט אַ ביסל מעבל, אויסגעשטעלט אַ פיין קאַבינעטל און צוגעשלאָגן צו דער טיר אַ שיין מעשן בלעכל:

דאַוויד יאַקאָוולעוויטש גארפינקל

דאקטאר

נעמט אָן פון 8 ביז 12 איינדערפרי
און פון 4 ביז 6 נאָכמיטאָג.

אַז שטיינפינקל האָט אָבער געענדיקט דעם אוניווערזיטעט און באַקומען אַן אַטעסטאַט, איז אים געוואָרן זייער טרויעריק אויפן האַרצן.

— וואָס טוט מען ווייטער? — האָט ער זיך נישט איינמאָל געפרעגט. — איך קען פאָרט נישט טאָן דאָס, וואָס גאַרפינקל און נאָך אַנדערע מיינע חברים האָבן געטאָן.

שטיינפינקלען האָט אָנגעהייבן זייער באַנג טאָן, וואָס ער האָט זיך אַזוי באַמיט צו ענדיקן דאָס יאָר.

— ווען איך זאָל כאָטש נאָך אויף איין יאָר בלייבן, — האָט ער געטראַכט. — אין אַ יאָר אַרום וואָלט אַלץ גאָר אַנדערש געווען.

ער האָט אייגנטלעך אַליין נישט געוווּסט, פאַרוואָס וועט עס זיין בעסער אין אַ יאָר אַרום.

אים האָט שטאַרק באַנק געטאָן דער אוניווערזיטעט. ער האָט ליב געהאַט די גרויסע ווענט מיט די הויכע ליכטיקע פענסטער פון דערדאָזיקער לערצאַנטשטאַלט, און ער האָט ליב געהאַט די פּראָפעסאָרן.

אים האָט זיך תּמיד געדאַכט, אַז אייביק וועט ער זיך מיט דעמדאָזיקן הויז און מיט אָט די גרויסע מענטשן נישט צעשיידן.

איצט אָבער האָט מען אים אַרויסגעגעבן עפּעס אַ מין פּאַספּאָרט און גיי אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט!

ער האָט געבענקט און געליטן און איז אַלץ געזעסן איבער זיינע ביכער אין זיין קליינעם צימער אויף דעם פערטן שטאָק ביז עס איז אים איינמאָל איינגעפאַלן, אַז די וועלט ענדיקט זיך נאָך נישט.

ער קען דאָך ווייטער לערנען און אַרבעטן איבער אַ דיסערטאַציע, ווי עס טוען ערנסטע סטודענטן.

שטיינפינקל האָט ווייטער געלערנט, געפּראַקטיקירט אומזיסט אין שפּיטאָל און געלעבט פון לעקציעס, נאָר ער האָט געפירט דעמזעלבן שטייגער לעבן, וואָס אַלעמאָל.

דאָס איינציקע הויז, וווּהין ער פלעגט אַמאָל אַריינקומען פאַרברענגען אַן אָוונט, איז געווען הער קאַפּלס הויז, ווו פּראַניע האָט זיך געפונען.

ער האָט מיט איר פאַרבראַכט, ווי אַלטע גוטע באַקאַנטע, ווי פריינט.

דאָרט פלעגט אויך אָריינקומען גאָרפינקל, אַנדערע באַקאַנטע סטודענטן און סטודענטקעס און מען פלעגט נישט שלעכט פאַרברענגען די צייט.

* * *

די פאַמיליע קאָפּלס האָבן געוווינט אין איינעם פון די שענסטע הייזער אויף דער באָלשאַיאַ מאָרסקאַיאַ.

שוין פון לאַנגע יאָרן האָט זיך אין דעם ערשטן שטאָק פון דעם הויז געפונען די קאָנטאָר פון „קאָפּלס און לאַזאָרזאָן".

ער האָט באַוווינט אַ האַלבע זייט אויף דעם צווייטן שטאָק פון דעם הויז און די אַנדערע זייט האָט באַוווינט די פאַמיליע לאַזאַרזאָן, ה' קאָפּלס שותף.

* * *

עס איז געווען אַן אָוונט ביי די קאָפּלס און גארפינקל מיט שטיינפינקלען האָבן זייער גוט פאַרבראַכט.

קלאַרע איז געווען זייער פריילעך, דאָקטאָר גארפינקל האָט כסדר געשאָטן מיט וויצן און עפּטער צגגעוווּנקען צו קלאַרען.

דאָקטאָר שטיינפינקל האָט, ווי שטענדיק, מער געשוויגן, געקוקט אויף פראַניען און געטראַכט בעת מעשה, אַז זי איז די שענסטע אין זאַל.

דאָ האָבן זיך געפונען נאָך אַ צוויי באַקאַנטע מיידלעך, אַ דאַמע, צוויי סטודענטן און אַ פריש געבאַקענער אינזשיניער, אַ צוויי-דריי-

גוטע באַקאַנטע קריסטן, וואָס האָבן געהאַט געשעפטן מיט דער קאָנטאָר „קאַפּלס און לאַזאַרזאָן".

די עלטערע מענטשן האָבן זיך געפירט אַ באַזונדערן שמועס, און די יונגעלייט האָבן זיך געפירט באַזונדער פאַרשידענע שמועסן.

גארפינקל איז געווען פול אין אַלע רעדלעך. אומעטום האָט ער אַריינגעשטעקט די נאָז, און אַלעמאָל האָט ער זיך געפונען אַ נייעם פּלאַץ, ווו צו זיצן.

געזעסן איז ער אָבער על פּי רוב לעבן קלאַרען.

פראַניע, ווידער, האָט זיך איצט פאַררעדט מיט דעם שטיל-שוויַיגנדיקן שטיינפינקלען.

— איך רעכן, אַז נאָך היינטיקן חודש וועל איך אַוועקפאָרן, — האָט פראַניע געזאָגט.

— וואָס איז ביי אייך אין אַריבאַטאָווקע אַזוינס פאָרגעקומען, וואָס איר מוזט פאָרן? — האָט שטיינפינקל געפרעגט.

— גאָרנישט, עס איז גאָרנישט פאָרגעקומען, נאָר די מאַמע שרייבט מיר, אַז איך זאָל קומען אַהיים, אָן שום טענות. זי האָט זיך פאַרבענקט, איך האָב זיך אויך שוין געווען אָנגעבענקט, שוין צייט איך זאָל זיך דורכפאָרן אַהיים כאָטש אויף אַ חודש, עס וועט זיך דערנאָך געשמאַקער אַרבעטן.

— די גאַנצע צייט זענט איר נישט געפאָרן און איצט, אָנהייב ווינטער, האָט איר זיך אויסגעקליבן אַ צייט צו פאָרן? וואָס איז, די מאַמע האָט זיך פאַרבענקט? דאָס איז קינדעריש, וואַרט כאָטש צו אויף נאָך פּסח...

— ניין, איך מוז פאָרן... איך ווייס, ווי מיין מאַמע קען בענקען... נו, און איך דאָך אַוודאי... איך צייל שוין די טעג, ווען איך וועל שוין קענען אַוועקפאָרן. איר מיט גארפינקלען וועלן מיך מכּתמא באַגלייטן צום וואקזאַל, — האָט פראַניע געזאָגט מיט אַ שמייכל.

גארפינקל האָט זיך פּלוצלונג אָנגערופן:

— פאַר גארפינקלען קען איך אייך נישט ענטפערן, נאָר פאַר מיר קען איך אייך זאָגן, אַז איך וועל אייך אַנדערש נישט באַגלייטן צום וואקזאַל, כּל זמן איר וועט מיר נישט געבן אייער האַנט און אייער וואָרט, אַז איר וועט מיר חתונה האָבן....

פראַניע האָט געשוויגן. זי האָט נישט געוווּסט, צי דאָס איז אַ שפּאַס, צי דאָס איז אמת. געקלונגען האָט עס אָבער, ווי אַן אמת.

שטיינפינקל האָט אויך מער נישט גערעדט.

ביידע זענען געבליבן זיצן אין אַ פאַרפרעסטער שטילקייט.

פראַניע האָט זיך דאָך פאַרגראָבן מיטן רעיון אין דידאָזיקע ווערטער, וואָס שטיינפינקל האָט נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט.

ווען עמעצער וואָלט פאַלן פאַר אירע פיס און איר זאָגן, אַז ער איז אין איר פאַרליבט, און אויב זי וועט אים נישט געבן איר האַנט און וואָרט, וועט ער זיך הענגען אָדער טרינקען, וואָלט זי עס גאַנץ קאַלטבלוטיק אויסגעהערט, ווי אַ גאַנץ אַלטע נודנע מעשה, וואָס זי האָט עס שוין אויסגעהערט אַמאָל הונדערט.

אָבער דידאָזיקע עטלעכע פלוצלונגדיקע ווערטער האָבן אויף איר אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז זי האָט נישט געקענט ענטפערן דערויף ווי אויף אַ שפּאַס, ווי זי פלעגט אַלעמאָל ענטפערן אין אַזאַ פאַל.

אמת, זי האָט שוין לאַנג באַמערקט, ווי דער סימפּאַטישער שטילשווייגנדיקער גוטער שטיינפינקל איז נישט גלייכגילטיק צו איר. אויף אירע עלטערנס בריוו, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ רמז: „גאָט זאָל שוין העלפן, מיר זאָלן דיך זען מיט אַ חתן", האָט זי זיי איינאיינציק מאָל געענטפערט: „אָט, עס וואָלט געווען גוט איך זאָל ווערן אַ כּלה פאַר אַזאַ אָרנטלעכן יונגנמאַן מיט אַזאַ שטילן גוטן כאַראַקטער, ווי שטיינפינקל"...

געשריבן האָט זי עס דעמאָלט אָן אַ זייטיקער כּוונה, נאָר גלאַט אַזוי: פון דער פעדער אַרויסגעפלויגן.

שטיינפינקל האָט איבערגעריסן די שטילקייט. ער האָט געפרעגט:

— נו, וואָס זאָגט איר, פראַניע, ווילט איר, איך זאָל אייך באַגלייטן צו וואָקזאַל?

זי האָט ווייך געשמייכלט.

— איר הייסט זיך אָבער צו טייער באַצאָלן דערפאַר, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— טייער! טייער! ווי אַן עמתער עקספּלואַטאַטאָר, פראַניע!

און ער האָט געכאַפּט איר האַנט און זי שטאַרק אַ דריק געטאָן. פראַניע האָט לאַנג נישט אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער.

— עס איז אַזוי אומגעריכט, — האָט זי געזאָגט.

— איך האָב זיך אָבער יאָ גערירט... — האָט ער ערנסט געענטפערט. — איך האָב לאַנג, לאַנג געטראַכט און געלעבט דערמיט.
נאָכדעם האָבן ביידע געשעפּטשעט צווישן איינאַנדער שטיל, שטיל...

* * *

די געסט האָבן גענומען שאַרן מיט די פיס איבער דער גלאַטער פּאָדלאָגע פון זאַל. מען האָט זיך מכין געווען אַוועקצוגיין.
— דו וועסט היינט שלאָפן ביי מיר, איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, — האָט גאַרפינקל אַ זאָג געטאָן צו שטיינפינקלען אין ברייטן ליכטיקן קאָרידאָר, ווו דער שווייצאַר האָט זיי אָנגעטאָן זייערע מאַנטלען.
פּאַוואָליע, נאָר פריילעך, ווי שטענדיק, איז גאַרפינקל אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ איבער די ווייכע טרעטערס, אָפּשפּיגלענדיק זיך אין די הויכע שפּיגלען, וואָס זענען געשטאַנען ביי די ווענט, באַפּוצט מיט בלומען, צווישן שורות ביימער אין ברייטע צעבערס. דער שווייצאַר האָט ברייט געעפנט די גרויסע גלעזערנע טיר, און ביידע זענען אַרויס אינדרויסן.
— עפּעס האָסטו מיר היינט צופיל געשמועסט מיט פּראַניען, — האָט זיך גאַרפינקל אָנגערופן צו שטיינפינקלען. — די זאַך איז מיר פאַרדעכטיק...
— זאָל עס דיר נישט זיין פאַרדעכטיק, מיין ליבער, עס איז אַווירקלעכקייט, אַן אמת, אַ געשעענער פאַקט...
— וואָס פלוידערסטו?
— ניין, איך פלוידער נישט.
— נאָר וואָס איז דאָס?
— ליבע, מיין טייערער, ליבע...
— ליבע?
— יאָ, ליבע...
— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט.

שטיינפינקל האָט אַ כאַפּ געטאָן גאַרפינקעלס האַנט, האָט זיך אָנגעבויגט צו אים און האָט אים שאַרף אַרייַנגעשריִען אין אויער:

— יאָ, ליבע, ברודער... פראַניע איז מיינע און איך בין אירער.

דו פאַרשטייסט דעם טעם און די זיסקייט פון דידאָזיקע ווערטער? דאָס זענען אייביקע ווערטער, וואָס מאַכן מיר הייס דאָס בלוט.

צווישן זיך גערעדט.

דאָס איז שוין אַ כלל פון תמיד אָן, אַז ווען צוויי אַלטע חברים שלאָפן אין איין צימער, רעדט מען ביז אין ווייסן טאָג אַרייַן.

ביידע זענען געלעגן אין די בעטן און געשמועסט.

גאַרפינקל האָט געזאָגט?

— הער נאָר אויס, גוטער ברודער, איך וווּנדער זיך נישט, וואָס דו ביזט אַזוי פאַרכאַפּט, אַז דו ביזט אַזש משוגע... איך פאַרשטיי אַזאַ מאָמענט אין לעבן. איך וואָלט אָבער געוואָלט רעדן מיט דיר אַ ביסל ניכטער, פשוט, ווי מען זאָגט, מיט דער וואָג אין דער האַנט... אמת, ליבע איז זיך ליבע, אָבער וואָס פאַר אַ חשבון איז פאַר דיר אַ חתן צו ווערן פאַר אַן אָרעם מיידל? אמת, זי איז אַ מיידל מיט אַ סך מעלות, זי איז שיין און קלוג און אַלץ אין דער וועלט, אָבער זי איז דאָך טויט-אָרעם... דו קענסט דאָך נעמען, צו אַלדע שוואַרץ יאָר, פּופּצנטויזנט רובל נדן! דו ווייסט, וואָס דאָס הייסט?

— עט, איך האַלט נישט מיט דיר, מיט דיינע אייביקע טענות, אַז מען דאַרף נעמען אַ פעטן נדן... פאַר מיר איז פראַניע דער שענסטער נדן, דער רייכסטער נדן!.. אָט האָט דאָך קלאָרע...

גאַרפינקל האָט אים איבערגעשלאָגן אינמיטן רעדן:

— ניין, שטיינפינקל, דערמאָן נישט קלאַרען. איך האָב זי היינט אמת ליב... זי איז ביי מיר איצט אַ סך טייערער, ווי אירע צוואַנציק-טויזנט, כאָטש זי איז נישט פון די גרויסע שיינהייטן און ווער שמועסט

נאָך אַקעגן פראַניען. נאָר עפּעס געפינט זיך אַזוינס אין איר, אַז זי געפעלט מיר שענער, ווי אַלע אַנדערע... ערשטנס, איז זי זייער קלוג, דאָס וועט קיינער נישט אָפּלייקענען. דערצו האָט זי שיינע אויגן... היינט וואָס פאַר אַ גראַציע, וויפל לעבן געפינט זיך אין איר... און אויף וועמען ליגט נאָך אַזוי שיין דאָס קלייד, ווי אויף איר? איר טאַליע, איר וווקס, עס איז דאָך גאָלד! איך האָב זי איצט אמת ליב און וואָלט זייער געוואָלט חתונה האָבן מיט איר... דאָס איז אַ כלה, ברודער!

שטיינפינקל האָט זיך צעלאַכט.

ער האָט געזאָגט:

— יאָ, קלאַרע איז טאַקע אַ וווילע מיידל, באמת אַ וווילע מיידל, אָבער דאָס אומגליק ליגט טאַקע דערין, וואָס זי גיט צוואַנציקטויזנט רובל נדן... דאָס איז אַן אמתער אומגליק. גלויב מיר, ווען פראַניע וואָלט, חלילה, די בייזע שעה זאָל נישט זיין, געהאַט צוואַנציקטויזנט רובל נדן, וואָלט איך אַנטלאָפן פון איר, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט... איך וואָלט געלאָפן און געלאָפן און נישט אויפגעהערט צו לויפן, ביז איך וואָלט געפינען אַזאַ פראַניע, די אייגענע, נאָר אָן צוואַנציקטויזנט רובל!

— דו ביזט גוט משוגע, — האָט גארפינקל געזאָגט, — דו לאָזט זיך שוין ווידער אַריין אין דיינע פאַנטאַזיעס. מיר דאַכט זיך, אַז היינטיקע יאָרן וועט זיך נישט געפינען אַזאַ שוטה, וואָס וועט אַנטלויפן פון אַזאַ סומע געלט, נאָר פאַרקערט...

שטיינפינקל האָט געענטפערט:

— אמת, אַנדערע צוואַנציקטויזנט, פאַרדינטע, פאַרהאָרעוועטע, נו, לאָז שוין אפילו זיין אויסגעמאַשינעוועטע איז אפשר עפּעס אַנדערש... אָבער צוואַנציקטויזנט רובל פון אַ כלה, פון אַ ווייב, דאָס איז אַן אומגליק... די רייכע מיידלעך, וואָס מען גיט זיי צוואַנציקטויזנט רובל, זענען דערצויגן געוואָרן אין עשירות, דאָס הייסט אַ דערציונג פון קאַפּריזן, פון ווילטאַג, פון פוילקייט, פון קראַנקע נערוון און נאַרישקייטן. ווי אַזוי קען מען מיט זיי לעבן, איך בעט דיך?...

שטיינפינקל האָט זיך אויף אַ מינוט פאַרטראַכט און ווייטער גערעדט:

— אַזוינע צעבאַלעוועטע רייכע מיידלעך טאָרן בכלל נישט חתונה האָבן מיט אַזוינע געזונטע האָרעפּאַשנע יונגעלייט, ווי מיר זענען.

מיר ווייסן, וואָס הייסט האָרעווען, אַרבעטן. אַזוינע צוויי באַשעפענישן ווען זיי פּאָרן זיך צונויף, איז אַן אומגליק פאַר ביידן. מען וועט זיך עסן איינאַנדער און ס'וועט קיין שום האַרמאָניע נישט זיין ביי זיי. רייכע צעבאַלעבאַטעוועטע מיידלעך דאַרפן חתונה האָבן אויך מיט רייכע צעבאַלעוועטע יונגעלייט, וואָס זענען דערצויגן אַזויווי זיי. יעדער דאַרף זיך פּאָרן מיט זיין גלייכן. דאָס פאָדערט די נאַטור און אַזוי האָט גאָט אויך געהייסן, ווען ער האָט באַשאַפן זיין וועלטל. און אַז אַ ציג מיט אַ פערד האָט זיך צונויפגעפּאָרט, האָט גאָט אַראָפּגעשיקט אַ מבול אויף דער וועלט. נאָר דאָס בין איך דיר מוחל, אפשר אפשר וועט גאָט היינט נישט אַראָפּשיקן קיין מבול פאַר אַזוינע זאַכן, נאָר וואָס קומט אַרויס פון דעם נדן? — די צוואַנציקטויזנט, וואָס רייכע עלטערן גיבן זייערע טעכטער נדן, גיבן זיי דערויף, צו פאַרהעלפן זייערע איידעמס, די יונגעלייט, וואָס טרעטן ערשט אַריין אין לעבן, און האָבן נישט די נייטיקע מיטלען דערצו? ניין, זיי גיבן צוואַנציקטויזנט, ווי אַ מין שיין, ווי אַ מין קאָנטראַקט, אַז זייערע טעכטער זאָלן נאָכדעם האָבן דאָס רעכט צו שאַרלאַטאַנעווען ביי זייערע מענער, לעבן די גאַנצע צייט מיט כלערליי בעלער, מאָדעס, אויסלאַנד, קאָסמעטיק, נערוון, קאַפּריזן, און די מענער זאָלן מוזן אָנלייגן מיט די קעפּ און דאָס אַלץ אויסשטיין פון זייערע טעכטער... אָט דערויף גיט מען צוואַנציקטויזנט! גאָטעניו. היט מיך אויס און מיינע אַלטע אַלע פריינט פון אַזוינע פאַדראַדן און פון אַזוינע קאָנטראַקטן!..

— ביזט גערעכט, שטיינפינקל, — האָט זיין חבר באַשטעטיקט. — פון דעם אמת קען מען נישט אַוועקגיין, אָבער וואָס דען זאָל מען טאָן? אַז עס איז היינט אַזאַ וועלט, אַלע לעבן אַזוי, אַלע ציען זיך צו אַזאַ לעבן...

— אַלע, זאָגסטו? עס איז אַ ליגן! נאָר ווייל דו ציסט זיך צו אַזאַ לעבן, ווייזט זיך דיר אויס, אַז אַלע. עס איז אַ ליגן — נישט אַלע! אַלע אָרנטלעכע מענטשן ציען זיך אויך צו אַ רייך לעבן, אָדער, ריכטיקער, צו אַ באַוואָרנט לעבן, אָבער ווי אַזוי, דורך וואָס פאַר אַ מיטלען? דורך אַרבעט, דורך פּראַצע... דער חשק צום גרויסן נדן ליגט תמיד ביי אַוואַנטוריסטן און שווינדלער...

גאַרפינקל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך אָנגערופן:

— עט! דאָס זענען אַלץ שיינע ווערטער, ברודער, אָבער בוך-

ווערטער! פראַניע איז טאַקע אַ גאָלדן מיידל, אָבער, ברודער, אַז מען האָט טאַקע מיט איר חתונה און עס נעמען „גיין" קינדערלעך מיט קול־כעלעך און זיי שרייען „האַמוניע" און עס איז נישטאָ וואָס זיי צו געבן און מען דאַרף צאָלן דירה־געלט און הייצן אין הרובע, און עס איז קאַלט אַן מען דאַרף אַ שיכעלע, אַ קליידעלע און דאָס אַלץ איז נישטאָ, דאַן, ברודער, מוזטו אַליין מודה זיין, אַז עס איז שוין בעסער צו האָבן אַ קאַפּריזנע צעבאַלעוועטע קלאַרע מיט צוואַנציקטויזנט רובל, איידער צו האָבן אַ ווילדע בידנע פּראַניע. און גלויב מיר, אין דער שלעכטער צייט, ווען עס איז נישטאָ קיין ברויט, זאָגן אויך אָט די ווילדע פּראַניעס זייערע מענער: „וואָס טויג מיר דאָס לעבן מיט דיר? גיי ווער אַ פּראָסטער שוסטער און גיב אַ ווייב און קינדער צו עסן".

און אָט טאַקע דעריבער וויל איך, ברודער, דורכאויס נעמען קלאַרען מיט נדן, איידער אַ פּראַניע אָן נדן. אַי, קלאַרע קומט נישט צו פּראַניען, טאָ גלויב מיר, אַז אין דער שלעכטער צייט ווערט אַמאָל פון אַ פּראַניע אַ קלאַרע און אין דער גוטער צייט — פון אַ קלאַרע אַ פּראַניע.

שטיינפינקל האָט זיך איבערגעריבן דעם שטערן, זיך שטאַרק פאַרטראַכט און נאָכדעם זיך אָנגערופן:

— אַמאָל, זאָגסטו? יאָ, אַמאָל טרעפט זיך אַלץ... אַמאָל טרעפט זיך אויך, ווען איינער פאָרט פון אַ גוטן יאריד אַ גליקלעכער אַהיים צו זיין ווייב און קינדער, און אויפן וועג, אָדער פאַר זיין שטוב צעברעכט ער זיך אַ פוס... אַלזאָ, טאָר שוין קיינער אויף יארידים נישט פאָרן און קיינער טאָר נישט גיין? מיט יעדן מענטשן קען זיך טרעפן עפּעס אין לעבן... מיר זענען אַלע אין דעם מזלס האַנט. אויסערדעם, האָב איך דאָך עפּעס אַ פּאַך אין דער האַנט. איך בין דאָך עפּעס אַ דאָקטאָר און איך בין זיכער, אַז עס קען נישט קומען צו אַזאַ שלעכטער לאַגע, אַז איך זאָל מיין פּראַניען נישט קענען געבן קיין ברויט... ניין, ברודער, דאָס וועל איך נישט זאָגן, פאַר צרות, אומגליקן און שלים־מזלס איז קיין מענטש נישט באַוואָרנט. קיינער, פון דעם רייכסטן ביז דעם אָרעמסטן, פון דעם גרעסטן ביז דעם קלענסטן, אַלע זענען מיר אין דעם מזלס האַנט. יאָ, עס קען זיך מאַכן אויך מיט קלאַרען מיט די צוואַנציקטויזנט, ווי מיט פּראַניען מיט צוואַנציק גראָשן... מאַלע וואָס עס קען געשען.

אין די פענסטער האָט שוין געשאַריעט אויף טאָג.

גארפינקל האָט אָנגעהייבן גענעצן. דער סאַמאָוואַר איז שוין געוואָרן קאַלט, אין צימער איז געווען רויִיק און דושנע פון די פּאַפּיראָסן.

ביידע חברים האָבן זיך אויסגעצויגן אויף די בעטלעך.

פונדעסטוועגן האָט נאָך גארפינקל צוגעוואָרפן שטיינפינקלען:

— ניין, ניין! עס קען מער נישט געדויערן. נאָך היינטיקע וואָך מיז איך קלאָרען זאָגן, בעטן איר האַנט... איך קען מער נישט וואַרטן, גוטער ברודער!..

— נו, נו, אייל זיך טאַקע צו. אפשר איז טאַקע גלייכער, אַז מען איילט זיך צו, — האָט שטיינפינקל געענטפערט און אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין קישן.

ביידע חברים האָבן איינאַנדער נישט איבערגעצייגט מיט זייערע לאַנגע אַרגומענטן. יעדער איז געבליבן ביי דאָס זייניקע.

— אָ, ברודער, האָסטו אַ כּלה!.. אַז דער רוח מעג דיך כאַפּן, דאָס הייסט אַ מיידל!.. דערוואַרגן זאָלסטו זיך נאָר, רבונו של עולם!— האָט גארפינקל אַרויסגעזאָגט מיט אַ לאַנגן גענעץ; זיך אויסגעצויגן אויפן בעט, ווי לאַנג ער איז, און צוגעמאַכט די אויגן.

שטיינפינקל האָט שוין אויך אָנגעהייבן דרעמלען, נאָר אין קאָפּ האָט זיך אים געבאַמבלט און אַרומגעטאַנצט די שיינע פראַניע. ער האָט געזען איר שיין געזיכט, אירע גוטע אויגן, וואָס האָבן זיך אַלץ דערנענט צו אים, פונקט ווי פראַניע וואָלט אים געוואָלט אַרומכאַפּן און אַ קוש טאָן.

אין ר' קלמן קאָפּלס הויז.

— פראַניע! פראַניע! קום נאָר אַהער גיכער! זע נאָר, וואָס פאַר אַ גאַסט עס איז צו אונדז געקומען! כאַ! כאַ! האָסטו זיך געריכט ־י צו זען אין פּעטערבורג, גיכער שוין, פראַניע!—האָט קלאָרע געשריגן

פון איר צימער, און דערנאָך צו זיך שטיל געזאָגט: — נו, אַ צייט־טיט נייס, נעכטן גאָרפינקל... כאַ... כאַ... און היינט פעסל פון אָרי־באַטאָווקע, ווייטער נייס... עס איז גאָרנישט אומעטיק, כלעבן...

און אַז קיינער האָט נישט געענטפערט, האָט קלאַרע ווייטער גערופן:

— נו, ווו ביזטו ערגעץ? נו, קום שוין גיכער, פראַניע!

— באַלד!... ווער איז געקומען? — האָט פראַניע געפרעגט.

— פעסל! אונדזער פעסל!

— וועלכע פעסל?

— אונדזער פעסל, קענסטו זי דען נישט? פעסל, וואָס האָט ביי־אונדז אין אָריבאַטאָווקע געדינט אַ יאָר פופצן, פון קינדוווייז אָן.

— יאָ, נו, פעסל? ווער קען דען נישט די געזונטע פעסל? טאָ וואָס־זשע איז?

— דו הערסט דאָך, זי איז דאָך אַרויסגעקומען קיין פעטערבורג...

— ווו, קיין פעטערבורג? פון אָריבאַטאָווקע? פעסל! פלוצים! ווו איז זי?

— אָט קומט זי באַלד אַריין! וועסט זי באַלד זען.

קיין העכערע פרייד, קיין גרעסער פאַרגעניגן איז נישטאָ פאַר די, וואָס וווינען אין פעטערבורג, ווען זיי דערזעען פלוצים פון דער ווייטער היים, פון דער געבורטשטאָט אַ באַקאַנטן, כאָטש דאָרטן האָט מען זיך אפשר נאָר געקענט פונדערווייטנס און קיינמאָל אַ וואָרט נישט גערעדט איינער מיט דעם אַנדערן.

נאָר אַזוי ליגט שוין אין דער נאַטור פון מענטשן. ווען ער דערזעט אינדערפרעמד אַ בן־עיר, עס מעג זיין ווער עס איז, דער־פרייט מען זיך מיט אים, ווי מיט אַן אייגענעם. מען געפינט וועגן וואָס צו רעדן, און מען רעדט לאַנג.

היינט שטעלט זיך פאָר די שמחה פון די ביידע מיידלעך, אַז זיי האָבן פלוצלונג דערזען אין פעטערבורג פעסלען אַזש פון זייער ווייטער שטאָט.

— פעסל! דאָס איז די געזונטע פעסל?—האָט פראַניע זיך דער־פרייט, ווען זי האָט זי דערזען און איז פאַר שמחה געפאַלן אויף איר האַלדז זיך קושן.

— יאָ, דאָס איז פעסל! — האָט קלאַרע געזאָגט און טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן. — זעץ זיך, פעסל, וואָס האָסטו

מוראַ? רו דיך אָפּ, טאָמער ווילסטו עסן? פּאַשאַ! איוואַן! — האָט זי אָנגעהייבן רופן די דינער, זיי זאָלן ברענגען עסן פאַר פּעסלען.

דאָס געזונטע מיידל פּעסל מיט די רויטע באַקן און שטענדיק פריילעך געזיכט, ווי זיי האָבן זי געקענט אין אָריבאַטאָווקע, איז איצט נישט געווען צו דערקענען.

עפּעס איז דאָס געוואָרן אַ ווייבל, אַ יידענע מיט איינגעפאַלענע באַקן, באַצויגן מיט געלע פלעקן. אויף איר קאָפּ וואָס איז פריער געווען איינגעהילט אין אַ שוואַרצן וואַלד האָר, איז איצט געלעגן אַ ווייסע קאָסינקע און אויף דער קאָסינקע אַן אַלט צעריסן טיכל מיט צוויי גראָבע קניפּן.

איר הויכער בוזעם איז איינגעפאַלן, די הענט דאַר מיט קורצע צעהאַקטע פינגער.

זי האָט געטראָגן אַ ציצן אויסגעוואַשן אָפּגעבליאַקעוועט קלייד, און אַ פאָר גראָבע געלאַטעטע שיך.

ביים רעדן פלעגט זי זיך אַ ביסל אויסבייגן און דערביי פלעגט זי פריער מאַכן אַ רחמנות-פּנים, צולייגן צוויי פינגער צו דער רעכ-טער באַק און צוציען אָדער פאַרשנורעווען די ליפּן אין קליינע פעל-דעלעך.

— וואָס-זשע עסטו נישט, פּעסל? — האָט קלאַרע געפרעגט.

— אומשטיינס געזאָגט, איך האָב זיך שוין אָפּגעוויינט פון עסן... איך בין אַזוי פאַרשמאַכט געוואָרן... — האָט פּעסל אָנגעהייבן צו וויי-נען. — פריער גאָט און דערנאָך איר... איך בין געקומען צו אייך... איך האָב נישט קיינעם... און וועל אייך זיין אַ דינסט, אַ פּאָקאָיאָווע, וואָס איר וועט וועלן, נאָר נעמט מיך צו צו אייך...

— נו נו, ווייַן נישט, מיר וועלן דיך נישט אַרויסטרייבן פון שטוב... עס בעסער, דערנאָך וועסטו אונדז דערציילן נייס פון אונדזער אָריבאַטאָווקע, — האָט קלאַרע איר נישט געלאָזט רעדן.

פּעסל האָט גענומען צום מויל עפּעס עסן פון דער פולער טאַץ, וואָס מען האָט אַריינגעטראָגן, מיט טרערן אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן אין מויל און מיט דעם עק טיכל פון קאָפּ אָפּגעווישט זיך די ליפּן.

— עס שמעקט דיר נישט, פּעסל, אונדזער פּעטערבורגער עסן? ס'איז נישט אונדזער אָריבאַטאָווקער קאָרנברויט מיט קימל, הא, פּעסל? דו געדענקסט, ווי עס פלעגט אַזוי שמעקן, ווען דו פלעגסט אַרויס-נעמען פון אויוון דאָס שוואַרצע ברויט מיט קימל, הא! — האָט קלאַרע

אַ פרעג געטאָן. — טאָמער געפינט זיך אַ שטיקל ברויט ביי דיר פון וועג, טאָ שעם זיך נישט... ווו איז די טאָרבע? נאָר עס פריער אָפּ.

— איך קען איצט נישט עסן, דאָס מויל איז מיר ווי פאַרמאַכט... ווייס איך? עס ליגט נאָך אין טאָרבע אַ שטיקל אַלט געבאַקן ברויט,— האָט פעסל געזאָגט פאַרשעמט.

עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זיי לאַכן פון אַריבאַטאָווקער שוואַרץ ברויט. אָבער זי האָט גענומען גאַפן, ווען זי האָט דערזען, ווי קלאָרע מיט פראַניען האָבן אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיקל אַלט געבאַקן ברויט, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פון איר טאָרבע, האָבן אָנגעהייבן טאַנצן, ווי קליינע קינדער און שרייען:

— קאָרנברויט מיט קימל, ברויט פון אונדזער אַריבאַטאָווקע!

אויף זייער געשריי איז זיך אָנגעלאָפן די גאַנצע שטוב און אַלע האָבן איינס ביי דעם אַנדערן אויסגעכאַפּט צו שטיקלעך, פּיצלעך ברויט.

מען האָט זיך, ווי הינדלעך, ווען מען וואַרפט זיי צו פראָסע, געשלאָגן איבער פעסלס אַ ברעקל ברויט, ביז מען האָט עס איינגאַנצן איינגעשלונגען.

פעסל איז געשטאַנען און געגאַפט מיט אַן אָפן מויל.

— וואָס עס טוט זיך אין פּעטערבורג? — האָט זי געשעפּטשעט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אויסגעשריען:

— אוי, ווי איז מיר! איך זאָל געוווּסט וויסן, וואָלט איך געווען געבראַכט כאָטש עטלעכע ברויטלעך!

— טאַקע, טאַקע, כאָטש אַ ברויט וואָלסטו געדאַרפט ברענגען!— האָבן אַלע געשריען.

פעסל האָט זיך געגעסן די גאַל, געסמאָטשקעט מיט די ליפּן, געזאָגט עטלעכע מאָל: „ס'טייטש, סטייטש, איך זאָל געוווּסט וויסן", נאָר ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן.

— האָסטו געזען דעם טאַטן מיינעם, דער מאַמען, די שוועסטער?— האָט פראַניע אָנגעהייבן פרעגן.

— וואָס דען? זיי לאָזן אייך אַלע גריסן. זיי זענען אַלע, ברוך השם, געזונט... זיי האָבן מיר מיטגעגעבן אַ פּעקל פאַר אייך.

— וואָס-זשע שווייגסטו?

— זיי האָבן אייך געשיקט קאָרנעם לעקעך, פּוטער-בולקעס און אַ סלאָיעקל איינגעמאַכטס.

קלאַרע מיט פראַניען האָבן ווידער געטאַנצט פאַר פרייד, און פּעסל האָט געטראַכט, אַז ווען זי זאָל נישט געווען מיט זיך ברענגען דאָס שטיקל אַלט געבאַקן ברויט מיט דעם פּעקל פון פריידקינזאָנס, וואָלטן זיי דאָ אין פּעטערבורג געשטאָרבן פאַר הונגער.

נאָך הונדערט מאָל איבערפרעגן אויף גאַנץ אַריבאַטאָווקע און אַפילו צו בערך באַס האָט נאָך זיין געפּעקטע קו מיט איין האָרן און צו דער צעבראָכענער לאַמטערן, וואָס איז געווען צוגעשלאָגן צום סלופּ אינמיטן מאַרק, איז נאָך נישט אַראָפּגעפאַלן, און צו דער האַלבער דאַך פון דער פּוסטער קרעטשמע הענגט נאָך, און נאָך אַזוינע וויכטי- קע זאַכן.

נאָך דעם אַלעמען האָט פּעסל גענומען דעם עק פון דעם טיכל צו די אויגן, צוגעלייגט צוויי פינגער צו דער רעכטער באַק, צע- שנירעוועט די ליפּן אויף צו וויינען און אָנגעהייבן אויספירלעך דער- ציילן, פאַרוואָס זי איז געקומען קיין פּעטערבורג.

זי האָט דערציילט, אַז איר לייבקע, דער שניידעריונג, האָט זיך טאַקע נישט געוואָלט שטעלן צו דער חופּה. חוץ יענעם הונדערטער, וואָס זי האָט אים געגעבן, ווען זי איז פאַרקנסט געוואָרן, האָט זי געמוזט נאָך דינען ביז זי האָט צונויפגעקלאַפּט אַ פּופציק קערבלעך און ער האָט זיך מיט איר געשטעלט צו דער חופּה אין אַ ווינטער, אַ פינסטערער שעה.

— נעכאַי וואָלט ער פריער מיט דעם קאָפּ אָנגעלייגט, — האָט זי געקלאָגט, — איידער איך האָב אים גאָר דערקענט, דער שאַרלאַטאַן. פיר חדשים איז ער געזעסן מיט מיר, ווי אַ מאַן מיט אַ ווייב, דער- נאָך האָט ער מיך אַוועקגעוואָרפן און איך בין געגאַנגען ווייטער דינען... און ווי ער האָט נאָר דערפילט, אַז איך האָב אַ גראָשן אין קעשענע, איז ער געקומען צו מיר אין קיך אַריין, אַזוי און אַזוי, ער וועט שוין מיך ליב האָבן, ער וועט שוין זיצן מיט מיר... נו, און איך בין דאָך אַ יידישע טאָכטער און ער איז דאָך אַ מאַן, זענען מיר באַלד נאָך פּסח ווייטער געזעסן... דערווייל האָב איך געהאַט אַ קינד, האָט ער מיר געדרונגען, איך זאָל עס אַוועקגעבן, און איך זאָל ווערן אַן אַם, טאָמער וועלן ווערן עטלעכע קערבלעך דערפון... וועלן מיר דערנאָך דינגען אַ דירה און ווערן צוריק באַלעבאַטים, איך ווייס? ווי אַזוי פאָלגט מען נישט אַ מאַן?..

זי האָט זיך צעכליפּעט און האָט ווייטער דערציילט:

— איך האָב אוודאי געגוג זיך אָנגעוויינט, ווען איך האָב אָוועק־געגעבן דאָס קינד, און בין געווען אַ גאַנץ יאָר אָן אַם, געלאָזט פון זיך ציען און ציען דעם קליי, ביז עס האָט מיר דאָס האַרץ אָנגע־הייבן ווי טאָן... די עטלעכע רובל האָט ער ביי מיר אַלעמאָל צוגע־נומען און מיך איינגאַנצן אַוועקגעוואָרפן. מיין קינד וואָס איך האָב אָוועקגעגעבן, איז געשטאָרבן. אַ קינד, זאָג איך אייך, נישט אַריינ־צוקוקן אין זיין ליכטיקער צורה! איך האָב זיך געגוג אָנגעוויינט, נאָר וואָס האָט מיר געהאָלפן? עס טוט מיר נאָך ווי דאָס האַרץ.

זי האָט ווידער געמאַכט אַ קליינע הפסקה, און זיך שטאַרק צעכליפּעט.

— דערנאָך האָב איך זיך געשטעלט פאַר אַ דינסט, — האָט זי ווייטער פאַרציילט, — און האָב זיך פאַרשוווירן, אַז ווען ער וועט קומען, זאָל איך אים אַפילו אין קיך נישט אַריינלאָזן... איך האָב גע־וואָלט אָנקלויבן עטלעכע קערבלעך און אים אַוועקגעבן, ער זאָל מיך אָפּגטן. אין אַ האַלב יאָר קומט ער אָבער פּלוצלונג צו גיין מיט אַ נייעם מאַנטל, ווי אַ גראַף, זאָג איך אייך, און זאָגט מיר: „מיין ווייב, איך האָב פאַרדינט געלט, איך דאַרף נישט, דו זאָלסט דינען אינ־דערפרעמד". נו, פרעג איך אייך, וואָס זאָל אַ יידישע טאָכטער טאָן, אַז איך בין שוין איינמאָל פאַרשלייערט און ער איז מיין מאַן. איך האָב אַפילו געטענהט, אַז נאָר גט און גט און געקלאַפּט אין טיש אַריין (פּעסל האָט געפּאַטשט איין האַנט אין דער אַנדערער, ד. ה. געוויזן, ווי זי האָט געקלאַפּט אין טיש, אַז נאָר גט און גט), אַז איך וועל נאָך דינען אַ יאָר און אים אַלץ אַוועקגעבן, אַבי ער זאָל מיר געבן גט. נאָר מענטשן האָבן זיך אַריינגעלייגט אין אַ שלום און איך בין אַוועקגעגאַנגען צו אים.

אויסגעווישט זיך די אויגן, האָט זי ווייטער פאַרציילט:

— אַ האַלב יאָר בין איך געווען אַ באַלעבאָסטע, דערנאָך האָט ער מיך ווידער אַוועקגעוואָרפן און איך האָב זיך ווייטער געשטעלט דינען. יאָ, איך האָב אייך פאַרגעסן צו זאָגן, אַז דערווייל בין איך ווידער פאַרגאַנגען אין טראָגן... איך האָב באַדאַרפט האָבן דאָס קינד אין אַ פרעמדער קיך! מען האָט מיך טאַקע ווייטער נישט געוואָלט האַלטן מיט מיין קינד און איך האָב נישט געהאַט מיט וואָס צו זויגן אויך. דאָס קינד ציט און ציט פון מיר די קליי און עס וויינט שטענדיק... האָב איך מיין קינד געמוזט אַוועקגעבן צו אַן אַם...

איך האָב זיך געזעגנט אָנגעהויבן... און זיך געשטעלט דינען, עס איז מיר שוין געווען גוט. אַלע שבת בייטאָג פֿלעג איך אַוועקגיין צו מיין קינד, ברענגען אים פֿאַר עטלעכע גראָשן לעקעכלעך און אַ שטיקל קוגל, און איך האָב אָנגעקוואָלן, ווי עס כאַפּט מיט די הענטלעך. איך זאָג אייך, קלאַרעטשקע, אַ קינד! אַז עס איז אַ ן דער ליכטיקער צורה נישט אַריינצוקוקן!

זי האָט זיך ווידער צעוויינט.

— געזונט זאָל עס מיר זיין, רבונו של עולם! נאָר לייבקע איז ווייטער געקומען צו מיר אין קיך, דער רוח האָט אים ווידער אָנגעטראָגן, ער זאָל מיר פֿאַרוויסטן די וועלט. געלט האָט ער געוואָלט! ווו זאָל איך אָבער נעמען געלט? אַז איך דאַרף נאָך צאָלן פֿאַר דעם קינד, היינט אַליין איז מען דאָך עפּעס אויך אַ מענטש, כאָטש אַ ציצן קליידל מיט אַ פּאָר שיך פֿאַר אַכט גילדן קאָסט אויך געלט, און אים גיב גאָר געלט! אַז איך האָב אים נישט געגעבן, פֿלעגט ער קומען אויף מאָרגן אַ שיכורער אין קיך אַריין און מיך וועלן שלאָגן. מיין באַלעבאָסטע מיט דער גאַנצער שטוב פֿלעגן זיך אָננעמען פֿאַר מיר, נאָר עס איז זיי נמאס געוואָרן, ביז זיי האָבן מיך מיט אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון קיך!.. אין קיין יידישער שטוב האָט מען מיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן, קרענקען און זאָכן זאָל ער, ליבער גאָט! וואָס האָב איך געזאָלט טאָן?

פֿראַניע האָט זיך אויסגעדרייט צום פֿענסטער. זי האָט נישט געקענט מער הערן, נאָר פּעסל האָט ווייטער גערעדט:

בין איך צו אייך איצט געקומען דינען... איך האָב זיך געטראַכט, איר קענט מיך, איר זענט דאָך מיר תמיד, ווי אַן אייגענע מאַמע געווען. האָב איך פֿאַרקויפֿט דאָס לעצטע און בין געקומען צו אייך. הונדערט יאָר זאָלט איר לעבן, וואָס איר האָט מיך כאָטש אַריינגעלאָזט צו אייך אין שטוב... עס רייסט מיר אָפּילו געזונט מיין האַרץ, וואָס איך וועל אַלע שבת נישט זען מיין קינד, נאָר וואָס האָב איך געקענט טאָן?

— נו, נו, געזונט, — האָט קלאַרע געזאָגט, — גיי, פּעסל, אין קיך און זיי ביי אונדז.

פּעסל האָט מיט פֿרייד אָנגעכאַפּט קלאַרען מיט פֿראַניען און זיי געקושט אין די הענט מיט דעם אימפּעט פֿון אַן אומגליקלעכער פֿויערטע און איז באַלד דערויף אַוועקגעלאָפֿן אין קיך.

לאַנג, לאַנג איז קלאַרע מיט פראַניען געזעסן אָן ווערטער און געקוקט אינדרויסן אַרויס.

פראַניע האָט געזאָגט:

— נו, פראַניע, בין איך דען נישט גערעכט? אָט האָסטו ווייטער אַ לעבעדיקן ביישפּיל, ווי איך בין אומגליקלעך. איז מיר דען בעסער פון פעסלען? בין איך דען נישט אַזוי אומגליקלעך, ווי פעסל? און דו רעדסט מיר אַלץ אויס דערפאַר, וואָס איך האָב אָפּגעזאָגט גאַר-פינקלען... גאַרפינקל און אַלע, וואָס טאַנצן אַרום מיר, זענען דען בעסער פון לייביטשקע דעם שניידערייונג, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט פעסלען, ווייל זי האָט געהאַט אַ הונדערטער, נו, און מיט מיר וויל מען חתונה האָבן, ווייל איך האָב צוואַנציקטויזנט.

— ווייטער הייבסטו אָן דיין לידל? — האָט פראַניע געזאָגט. — גענוג שוין! דיין שטאַנד געזאָגט געוואָרן אויף אַלע יידישע טעכטער...

קלאַרע האָט נישט געענטפערט. אין אירע גוטע אויגן זענען אָנגעלאָפן טרערן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געזאָגט:

איך קען נאָר חתונה האָבן מיט אַ רייכן, מיט אַ גביר... פאַרשטייסט? דעמאָלט וועל איך וויסן, אַז מען קויפט מיך נישט פאַר מיין פעטן נדן...

זי האָט זיך אויפגעהייבן און גענומען שפּרייזן איבערן צימער מיט וואַקלדיקע טריט.

דעם גאַנצן טאָג האָט זיך קלאַרע געפילט נישט געזונט. דער דאָקטאָר איז אַפילו געווען און האָט געזאָגט:

— שוואַכע נערוון, ס'וועט איבערגיין.

קלאַרען אָבער איז דערפון נישט לייכטער געוואָרן.

* *
*

אויף מאָרגן, ווען פעסל האָט אויפגערוימט ביי פראַניען אין צימער און האָט איר דערציילט נייס פון אַריבאַטאָוועקע, האָט זי איר בעת מעשה פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

— פראַניעטשקע, מאַטוויי גריגאָרעוויטש גייט אויס נאָך אייך...

— וואָס הייסט ער גייט אויס נאָך מיר? — האָט פראַניע זיך געגעבן אַ כאַפּ, ווי דערשראָקן.

— ער שטאַרבט נאָך אייערע טריט, ער קען נישט שלאָפן. ער קען נישט עסן, ער קען נישט טרינקען, ער גייט אַרום, ווי אַ משוגענער, ער בענקט אַזוי נאָך אייך! ער ציילט די מינוטן, ווען איר וועט שוין קומען צופאָרן. יעדע מינוט איז ביי אים אַ יאָר,—האָט פּעסל אין דער גיך פאַר איינמאָל אויסגעשאָטן, און בעת מעשה אַראָפּגעווישט דעם שטויב פון די שטולן.

— זאָג מיר נאָר, פּעסל, דעם אמת, דעם גאַנצן אמת, פונוואַנען ווייסטו עס אַזוי גוט?

פּעסל איז געבליבן שטיין מיטן פלעדערוויש אין דער האַנט.

— נו, זאָג, דערצייל מיר באַלד, שעם זיך נישט!

— ער... ער... מאַטוויי גריגאָרעוויטש, האָט מיך פאַר דעם פאָרן געבעטן, איך זאָל אייך אַזוי זאָגן... ער האָט מיר געשענקט דריי קערבלעך צושטייער אויפן וועג, געזונט זאָל ער זיין דערפאַר! ווען נישט זיינע דריי קערבלעך וואָלט איך טאַקע נישט אויסגעקומען מיט מיינע הוצאות. איך האָב אַזוי אויך נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַר דער דראָשקע... כלעבן, מאַטוויי איז אַ ווויל'ער יונגערמאַן, אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן, ווי ער איז שיין, וואָס פאַר אַ טייערער מאַן ער וואָלט געווען! כלעבן, פראַניעטשקע, אַז איר וועט קומען אַהיים, ווערט איר אַ כלה פאַר אים און גאָט זאָל אייך העלפן, איר זאָלט זיך עלטערן מיט פיל מזל און גליק! איך מעג שוין רעדן, איך בין אַ יידענע... ער האָט מיר טויזנט מאָל אָנגעזאָגט, איך זאָל אייך נישט אויסזאָגן, אַז ער האָט מיך געבעטן און געגעבן דריי קערבלעך דערפאַר... נאָר איר האָט דאָך אַליין געטראָפן, האָב איך נישט געקענט זאָגן קיין ליגן.... און, ווידער, וואָס האָב איך זיך צו שעמען? איך בין זיך שוין היינט נישט קיין מיידל, איך בין שוין אַ יידענע, וואָס האָב שוין געהאַט צוויי קינדער... כלעבן, פראַניעטשקע!...

— נו, נו, געצוג, — האָט פראַניע געזאָגט מיט אַ שמייכל און איז אַרויס פון צימער.

אין עטלעכע יאָר ארום.

אין פיר יאָר אַרום האָט קלאַרע טאַקע אויסגעפירט אירס. זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ זיבעציק-יאָריקן מיליאָנער, וואָס האָט אַ באַנקהויז אין בערלין, מיט וועלכן די פירמע „קאָפּס און לאַזאָרזאָן" האָט פון תמיד אָן געפירט גרויסע געשעפטן. זי לעבט, ווי אַן גרעפין, און מאַכט אָפטע נסיעות קיין אייראָפּע.

איר אַלטעטשקער מאַן קוועלט גאָר אָן פון זיין יונג ווייבעלע, פון איר שיינער דינער טאַליע, פון אירע אויגן, פון אירע שיינע האָר.

— ווען זי איז אין שטוב, — זאָגט דער אַלטעטשקער, — ווערט פריילעך אין אַלע ווינקעלעך. עס שמעקט אומעטום מיט יונגן לעבן, ווי גלייך מען איז נאָכאַמאָל יונג געוואָרן.

אַרום קלאַרען דרייען זיך און טאַנצן אַרום די רייכסטע און פיינסטע יונגעלייט פון דער גרויסער וועלט. נאָר זיי טאַנצן, נעבעך, מיט יאַשטשערקעס.

די, וואָס פאַלן אַריין אין אירע קליינע שיינע הענטלעך, ווערן גוט געפייניקט.

מען דערציילט, אַז איינער האָט זיך אין איר אַזוי שטאַרק פאַרליבט, אַז ער האָט זיך אויפגעהאַנגען. קלאַרען וואָלט זיך אַפילו זייער געוואָלט, אַז נאָך צוויי זאָלן זיך נעמען דאָס לעבן איבער איר. נאָר בישט אויפהענגען זיך אויף אַ שטריק.

— פע, דאָס איז פּאַסקודנע, ס'איז מיאוס, — זאָגט זי.

אין אַ בריוו צו קלאַרען דריקט זי זיך אויס אַזוי:

„איך בין איצט, טייערע פראַניעטשקע, אין פּאַריז אויף דער אויסשטעלונג. דאָס שענסטע איז דער זייער הויכער טורעם, וואָס דער אינזשיניער אייפל האָט אים אויפגעשטעלט.

איך שרייב דיר, זיצנדיק ביי אַ שרייבטישל, טאַקע אין דעם-דאָזיקן אייפל-טורעם. גאַנץ פּאַריז ליגט איצט אונטער מיינע פיס. אַך, ווי גוט, ווי שיין דאָס איז! אַך, פראַניעטשקע, ווי אינטערעסאַנט עס איז זיך אויפצוהייבן אויף דעם הויכן טורעם, וואָס דער קלוגער אינזשיניער אייפל האָט דאָ אויסגעבויט.

דו זעסט, ווי אַלץ איז פאַר דיר קליין און די ביזט העכער פון אַלע... ווי גוט איז אַזוי צו לעבן! — לעבן! לעבן! און נאָר לעבן, פראַניעטשקע! אַז מען זאָל אפילו קיין צייט נישט האָבן אַ טראַכט צו טאָן אויף אַ מינוט און צו מאַכן אַ שטיקל חשבון וועגן זיך... פע, אָט די אומעטיקע חשבונות... לעבן און נאָר לעבן!...״

צולעצט האָט זי צוגעשריבן:

„דו פרעגסט מיך, פראַניעטשקע, ווו איז היינט אונדזער פּעסל, און וואָס איז געוואָרן מיט איר? קען איך דיר ענטפערן, אַז פּעסל דינט נאָך עד היום ביי די עלטערן אין פעטערבורג... זי האָט זיך שוין אָנגעקליבן עטלעכע גראָשן, זיך פּאָפּראַוועט אין געזונט... מיט איין וואָרט, עס וואָלט איר שוין געוועזן גאָר נישקשה, האָט דער רוח ווייטער אָנגעטראָגן איר לייביטשקען. ער איז געקומען קיין פעטערבורג. זי וואָלט אים אַפילו אַרויסגעטריבן פון קיך און אים אַ גראָשן נישט געגעבן, נאָר ער סטראַשעט זי, אַז ער וועט זי אַראָפּברענגען קיין אַריבאַטאַוואַקע מיטן עטאַפּ, ווייל, לייביטשקע זאָגט, אַז ווען אַ ווייב וויל נישט קומען צו איר מאַן, קען ער זי „פּאַ זאַקאָנו״ אַראָפּבערענגען צו זיך מיט דעם עטאַפּ.

אָט פאַר דעמדאָזיקן „זאַקאָן״ האָט פעסל מורא ווי פאַר פייער. ער קומט אָפט אין קיך אַריין, אַ שיכורער, פרעסט אָפּ, און זי גיט אים נאָך עטלעכע גראָשן, ווען ער האָט נישט מיט וואָס צו שיכורן. און אַזוי, אין גרויס מחלוקת און קריג, איז שוין פעסל, ברוך השם, ווייטער אויף דער צייט.

אַזוי שרייבט מען מיר פון פעטערבורג. פעסל רייסט אויף זיך די האָר, זי שעמט זיך דערמיט פאַר דער גאַנצער שטוב, ווי אַ גנב, נאָר זי פאַרענטפערט זיך, אַז זי איז אין דעם נישט שולדיק, נאָר

דער „זאַקאָן". אָט דערדאַזיקער „זאַקאָן" — זאָגט פעסל,—איז שולדיק אין אַלעמען. ווייטער וואָלט זי אים דאָס ערשטע מאָל אַפילו נישט אַריינגעלאָזט אין קיך. אַמאָל זאָגט פעסל אויך מיט שטאָלץ: „פאַר וועמען האָב איך זיך צו שעמען? עס איז, ברוך השם, פון מיין מאַן, איך בין אַ יידישע טאָכטער גלייך מיט אַלע, און דעריבער איז דאָך דאָס פאָ זאַקאָנו"...

• •
•

שטיינפינקל האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט מיט זיין פראַניען, באַלד דערנאָך, ווי ער איז געוואָרן דאָקטאָר מעדיצין. ער האָט זיך מיט זיין ווייבעלע באַזעצט אין דער פּראָווינץ, אין אַן אויעזדנער שטאָט, נישט ווייט פון אַריבאַטאָוועקע, ווו פראַניעס עלטערן וווינען.

ער האָט דאָרט פּראַקטיקע און מען לויבט אים אין שטאָט פאַר אַ גוטן דאָקטאָר.

פראַניע, שיט, קיין עין הרע, מיט קינדערלעך. זי איז אַן אויסגעצייכנטע באַלעבאָסטע, אַ הייסע מוטער, אַ געטרייע פרוי, און כאָטש אין שטוב געפינען זיך צוויי דינסטן, פונדעסטוועגן האָט זי גענוג אַרבעט. זי טראָגט אַ גרויסן בינטל שליסלען און ביי איר אין עסשטוב שטייט אַ גרויסער בופעט מיט אַלע גוטע זאַכן.

שטיינפינקל גייט נישט, נאָר ער לויפט שטענדיק אַהיים, וויילע ער ווייסט און פילט, אַז אינדערהיים וואַרט אויף אים די אמתע יידישע טאָכטער מיט דעם יידישן הויז, אין וועלכן ער געפינט שטענדיק דאָס אמתע גליקלעכע יידישע פאַמיליעלעבן.

פראַניעס עלטערן פאָרן אַמאָל צו דער טאָכטער און די אייניקלעך. על פי רוב פאָרט חנה, און שטענדיק פירט זי מיט זיך פעקלעך פוטערגעבעקס, עטלעכע סלאָיעס איינגעמאַכטס און נאָך גוטע זאַכן.

עס גלוסט זיך איר קיינמאָל נישט אָוועקצופאָרן פון דער טאָכטער

און נאָכמער פון די אייניקלעך, נאָר זי קען איר אַלטן נישט איבער־לאָזן אַליין.

זי זאָגט טאַקע צו דער טאָכטער:

— וואָס פאַר אַ טעם וועט דער טאַטע פילן אין עסן, ווען איך בין נישטאָ? וואָס פאַר אַ שבת קען ער האָבן?

— דער טאַטע איז דאָך נישט אַליין, גלויב מיר, אַז די קינדער היטן אים נאָך בעסער, ווי דו, — זאָגט פראַניע.

— דיר ווייזט זיך אויס בעסער, אָבער איך ווייס מיר מיינס. און, ווידער, היינטיקע וואָך גייען שוין אויס די בוראַקלעך, און ווער וועט קויפן זונטיק בוראַקעך? דו ווייסט דאָך, אַז דער טאַטע האָט ליב צוויי מאָל אין דער וואָך עסן אַ באַרשט.

— קיין קאַטאַוועס נישט, די בוראַקלעך! כּדאי, כּלעבן, איבער זיי אַוועקצופאָרן? מען קען זיי אוודאי אָן דיר נישט קויפן פאַר דריי גראָשן? — אַט האָסט דיר שוין דריי באַרשטן, — מאַכט פראַניע.

— גיי, דו ביזט נאָך גאָר אַ יונגע ציג! דו מיינסט אינדערעמתן, אַז דו ביזט שוין אַ באַלעבאָסטע, און ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר ווייסטו שוין אַלץ?

און אַזוי איז שוין אַלעמאָל געווען: ווען חנה האָט באַדאַרפט פאָרן אַהיים, האָט זי פראַניע מיט איר מאַן באַין אופן נישט געקענט איינרעדן, זי זאָל בלייבן נאָך אויף אַ טאָג.

זיי טענהן, אַז זי זאָל בלייבן, און חנה לייגט דערווייל צונויף אירע ליידיקע טאָרבעלעך, פעקלעך, צעקושט זיך מיט אַלעמען און פאָרט אַוועק מיט די ווערטער:

— גאָט ווייסט, וואָס עס טוט זיך אין שטוב? אָן מיר גייט אוודאי דאָרט איינגאַנצן כּאַדאָראָם.

קומט זי אָבער אַהיים, הייבט זי שוין אָן אויף מאָרגן צו רעדן מיט חיימען און מיט די קינדער:

— פאַרוואָס בין איך נישט געבליבן כאָטש נאָך אַ צוויי טאָג ביי פראַניעטשקען? מען האָט זי אַזוי געבעטן...

— וואָס האָסטו זיך באמת אַזוי געאיילט, — זאָגט איר חיים. — אַז דו פאָרסט שוין יאָ, איז מען ביי אַ קינד נאָך צוויי טעג.

— נו, און די שטוב?

— וואָס די שטוב? קיין קאַטאַוועס נישט, וואָס איז? די טעפלעך וועלן נישט פאַרטיק ווערן אָן דיר!?

— באַלד קומסטו מיט די טעפּלעך!
— וואָס דען האָסטו צו טאָן, אַז נישט די טעפּלעך? עס איז דאָ, ברוך השם, ווער עס זאָל קוקן אויף די טעפּלעך אָן דיר.

חנה באַליידיקט זיך אַ ביסל, נאָר זי פאַרשטייט, אַז דער מאַן איז גערעכט. זי קויפט איין פאַר דער שטוב בוראַקלעך מיט ציבעלעס, קאַרטאָפּלעס און נאָך אַנדערע זאַכן און הייבט אָן באַקן פּוטערבײַלקעס און פּרעגלען איינגעמאַכטס און ציילט שוין ווייטער די טעג, ווען זי וועט זיך קענען אַרויסרייסן ווייטער פאָרן צו דער טאָכטער.

קומט זי אָבער אַהין, איז ווייטער דאָס אייגענע, איילט זי זיך שוין צוריק. זי האָט זיך דערמאַנט, אַז קיין איין פּאַסאָליע איז שוין נישטאָ אין שטוב און גלאַט אַזוי „גייט די שטוב כאַדאָראָם אָן איר".

חיים לאַכט נישט איינמאָל פון איר אַרומשלעפּן זיך אַהין און צוריק מיט אירע טאָרבעלעך צו פּראַניעטשקען, און חנה ענטפערט אים:

— וואָס בין איך שולדיק? בין איך דאָ, רייסט מיר דאָס האַרץ צו פּראַניעטשקען מיט די קינדער, בין איך דאָרט, רייסט מיר דאָס האַרץ צו דיר מיט די קינדער... אוי, ווען גאָט זאָל ווען מאַכן פון דער גאַנצער וועלט איין שטאָט!

זייערע צוויי קינדער, מאַניע און סאָניע, קומען אויך אַמאָל צו גאַסט צו פּראַניצן און פאַרברענגען דאָרט גוט די צייט. קיינער האָט זיי נאָך נישט אויסגעכאַפּט. נאָר יידישע טעכטער פאַרזיצן נישט. זיי וועלן, אם ירצה השם, אויך חתונה האָבן.

*

מאַטוויי גריגאָרעוויטש האָט נישט לאַנג חתונה געהאַט מיט דער פרייליין ראָזע, וועלכע האָט זיך ביז לעצטן טאָג פון דער חופּה געקריגט מיט איר מאַמען און שוועסטער. הײַנט איז ראָזע די ערשטע מאַדאַם אין אַריבאַטאָוועץ. איר מאַן מאַטוויי גריגאָרעוויטש איז דער גרעסטער אַריבאַטאָווקער אַריסטאָקראַט. מיט זיין ווייב גייט ער שפּאַצירן נאָר געאָרעמט.

* *
*

גיטל און געלע זענען שוין היינט יידענעס, זיי זיצן ביי זיך אין די קלייטלעך און זיי רייסן איינס ביים אנדערן די קונים.

די רייסט צו זיך און יענע צו זיך.

עס גייט נישט אוועק דער טאָג, אַז מען זאָל זיך, אינמיטן מאַרק, נישט שעלטן און קריגן, און אַמאָל רייסט מען זיך ביי די קאָפּקעס.

זייערע מענער זיצן אין קלויז און לערנען תּורה, און ביי זיך אין שטוב זיצן די מענער שטיל, ווי טייבעלעך, ווייל זיי האָבן מורא פאַר די ברייטע פּיסקעס פון זייערע ווייבער.

זאָל גאָט יעדן יידן אָפּהיטן פון אַזוינע ווייבערשע פּיסקעס. זיי האָבן שוין קינדערלעך, ייִנגלעך מיט מיידלעך, וויפל ווייס איך נישט אַקוראַט.

* *
*

ר׳ זעליג שדכן וווינט נאָך היינט אין אריבאַטאָווקע.

דער ייד פון דעם מעסערל לאָזט היינט אויך נישט דורך קיין מענטשן, וואָס קומט אַריין צו פרומע־יענטעס אין שענק.

ער האָט היינט ענגלישע מעסערלעך מיט דרייצן קלינגלעך, חוץ אַ שערעלע, אַן אויער־לעפעלע און אַ ציינשטעכער.

עס קאָסט היינט אַ סך וועלוועלער אַזאַ ענגליש מעסערל, נאָר וואָס קומט אַרויס? ער קלאָגט זיך, נעבעך, אַז היינט לייזט מען נישט.

— נישטאָ אַמאָליקע גוטע יאָרן, — זאָגט ער, און ר׳ זעליג שדכן קלאָגט זיך אויך אויף דער שלעכטער צייט.

* *
*

גארפינקל איז נאָך היינט אויך דאָקטאָר אין פעטערבורג.

ער האָט אַ סך חובות און דרייט זיך מיט זיינע קרעדיטאָרן.

זיי וואַרטן אַלץ ביז ער וועט חתונה האָבן און נעמען צוואַנציק־טויזנט רובל נדן. נאָר ער איז נאָך אַ קאַוואַליער.

ער טאַנצט אויף אַלע פרעמדע חתונות. ער טאַנצט אויף אַלע בעלער. ער טאַנצט אַרום מיט אַלע רייכע מיידלעך, נאָר אומעטום „טאַנצט ער מיט יאַשטשערקעס".

* *
*

דאָס שטעטל אריבאַטאָווקע, ווו עס וווינען נאָך עד היום אייניקע פון אונדזערע העלדן, ווערט וואָס ווייטער אַלץ אַ גרעסערע פוסטקע.

אָבער מען שמועסט, אַז לעבן שטעטל וועט מען נאָך פסח אָנהייבן בויען אַ באַן.

מען האָט שוין דאָרט געזען אַן אינזשעניער זיך אַרומדרייען.

צי דאָס איז אמת, ווייס איך נישט, נאָר אַלע אריבאַטאָווקער יידן האָפן שטאַרק, אַז ווען די באַן וועט זיך אויסבויען, וועט זיך די פרנסה פאַרבעסערן. הלוואי, רבונו של עולם!

פאַרלאַג „אחיספר", וואַרשע.

אַלע ווערק פון יעקב דינעזאָן

פון דאָסני׳ אַרויסגעגעבן מיט דערקלערונגען און איינלייטונגען.

שוין דערשינען:

I באַנד **הנאהבים והנעימים** אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק
ראָמאַן אין פיר טייל. 356 זייטן.

II באַנד **אבן נגף** אָדער אַ שטיין אין וועג
ראָמאַן אין פיר טייל. 500 זייטן.

III באַנד **הערשעלע** / **יאָסעלע**

IV באַנד **פאַליק און זיין הויז** / **קריזיס**

V באַנד **וועלטגעשיכטע**
פיר טייל. 640 זייטן.

עס דרוקן זיך און וועלן דערשיינען דעם ווינטער:

VI ב׳ אַרטיקלען און זכרונות וועגן יעקב דינעזאָן

VII ב׳ אַלטער (ראָמאַן). **VIII** ב׳ קינדערשע גשמות

IX באַנד יאָסל אַלגעברניק

X באַנד אם הבנים אָדער די שיינע רחעלע (ראָמאַן)

XI באַנד מעשיות בכל יום (ראָמאַן)

אויסשליסליכער פאַרקויף: קאָאָפעראַטיוו „ביכער" וואַרשע, נאַלעווקי 2a

פאַרלאַג „אחיספר", וואַרשע

ש. ל. ציטראָן, נייע ביכער:

שְׁתַּדְלָנִים

אינטערעסאַנטע יידישע טיפּן פון נאָענטן עבר

פּרייז זל.

די געשיכטע פון דער יודישער פּרעסע

פון 1863 ביז 1884 יאָר.

פּרייז זל.

דריי ליטעראַרישע דורות

כאַראַקטעריסטיקעס און זכרונות וועגן ייד. שריפטשטעלער

פערטע טייל. פּרייז

מְשׁוּמָדִים

טיפּן און סילועטן פון נאָענטן עבר.

דריטע און פערטע טייל. פּרייז

אויסשליסליכער פאַרקויף: קאָאָפּעראַטיוו „ביכער" וואַרשע, נאַלעווקי 2a